STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05746

GARBER-GAS

Eliezer Olei

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אַלעי

*

גאַרבער־גאַס

אליעזר אָלעי

גאַרבער־גאַס

ראָמאַן

ערשטער באַנד

1967

אליעזר אֶלעי / גאַרבער־גאַס

©
כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל, 1967
Printed in Israel, 1967

דפוס „אורלי", תל־אביב, טל. 32062

קאַפּיטל איינס

די גאַרבער־גאַס

אַ לאַנגע, אַ ווייטע, ווי אַ קרומלויפיקער טייך־בעקן, ציט זיך די גאַרבער־גאַס אין רוקן פון שטאָט. זי איז ווי אַ ישוב פאַר זיך: אייגענע געסלעך, ליקן, הילצערנע בריקלעך, לאַמטערנעס און פּלומפּן. זי האָט איר אויבנאַן, דעם יחוס. אויך אירע אונטערגעסלעך — די פאַרבאַהאַלטענע אָרעמקייט. זי פאַרמאָגט איר אייגענעם ריח, איר באַזונדערן אויסזען — עלעהיי אַ ברייט צעוואָקסענע באַלעבאָסטע מיטן בינט שליסלען פאַרשטעקט אין פאַס. שאָרכעט מיט שווערע טריט, אַ ביסל אָנגעבלאָזן און כמורנע: לאָזט מיך! און כאָטש זי איז נישט פון גאַנץ נגידישן שטאַנד, האָרע־פאַשנע, אַ פּראָסטלעכע מיט פאַרמאַזאָליעטע הענט, האָט זי אָבער איר יחוס: אַן עלטערע שוועסטער אַ בריהטע. פירט איר ווירטשאַפט אשת־חילדיק מיט לייטישער פרנסה.

קומען קומט זי אָנצופליסן פונעם „פעלדז״ (אַ מעכטיק צעוואָקסענער שטיין אין דער ערד פון דור־דורות, פאַרוועבט מיט לעגענדעס). צום ערשט שטילינקע, פּאַוואָליע, ווי אַ וואַסער ביי זיין אַרויסגאַנג־קוואַל. ברייטערט זיך אויס אין גאַנג. ווערט אַלץ מער צעפּלאָשעט, צעפּאַטלט, זייטיקט זיך אָפּ אין קרומען געדריי, גלייכט זיך אויס, לויפט ווייטער, ביז זי קומט אַרויס אויפן ווידאָוועך שליאַך ווו זי שווימט אויף זיין גלאַטיקן רוקן אַוועק שוין אין דער ווייט.

אַנדערש ווי אין די איבעריקע טיילן שטאָט, שטייען דאָ די הייזער אין יחידות, פאַרזיכדיקע, אָפּגעטיילט איינס פון ס׳אַנדערע, מיט הויכע טונקעלע פּלויטן. זיי צייכענען אָן ווי מעדזשעס אין פעלד, די גרענעץ פון דער אייגענער נחלה. אונטער זיי הויערן די גאַרבער־הייף.

דעם גאַנצן בייטאָג איז דער דרויסן ווי אָפּגעליידיקט. זעלטן מען

זעט אַ גאַרבער־ייִד אַרויסגיין פון זיין הויז. איז פאַרשטעקט אין הויף ביי זיין פּראַצע, פאַרגינט זיך נישט אַרויסצוווייזן דאָס פּנים אויף גאָטס וועלט. פון אונטער די פּלויטן טראָגט זיך אַ נאַכאַנאַנדיק געזשום־געברום: אַ בראַזגען פון די „שוויעקאַרניעס" (מאַשין צו שניידן די גאַרב־קאָרע). קְרעכצן ביים צעגריזשען דעם האַרטן, שווערן „דאָמב". דעם דין־איידעלן ווי גלאָז זיך ברעכנדיקן „שוויערק". ברומען מיט בייזן געפּילדער, מיט רעוועניש ווי הונגעריקע היהשע פּיסקעס ווען זייערע שלונגען זענען גיריק צו זעטיקן זיך מיט רויב. עס טראָגט זיך דאָס טרעסקען פון טאַטשקעס, לויפן קייקלנדיקע איבער די שמאָל ברוקירטע הויף־שטעגן. כריוקן ווי געבונדענע חזירים אין זאַק אויפן פּויערישן פּירל: כריוק־כריוק־כריוק. ס'קומט אויך אַנטקעגן דאָס רוישן פון לויפנדיקן וואַסער, וואָס גיסט זיך ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פון פּלומפּס מויל, אַריין אין די הילצערנע ראָוועס. פון זיי צו די גאַרב־פּעסער, אין די קאַלך־גריבער. ווי אַ באַגלייט צו דעם, פּליט אָן דאָס געקלימפּער פון שלייפנדיקע כלים אויפן דריי־שטיין, וואָס וויען אויך עפּעס ווי געשלאָגענע באַשעפענישן.

די לופט אין גאַס איז געדיכט און קלעפּיק, אָנגעזאַפּט מיט פאַרשי־דענע גערוכן: עקסטראַקט, וויטריאָל, געלאָשענער קאַלך, אויסגעשעפּטער גאַרב, געדעמפּטע זאַלצן, רויע פעלן, ווייקנדיקע לעדער — ריחות, שווערע, שאַרף־דושנדיקע. פאַרשלאָגן אַ פרעמדן ביים אַריינקומען, דעם דעך. זיי שמעקן אָבער פאַר אַ גאַרבער־מענטש ווי די טייערסטע בשמים.

וואָרעם ווי איז דעם גאַרבער ווען ס'טוט זיך חלילה אָפּ פון אים אָט דער דאָזיקער ריח. די העלסטע זון אין ליכטיקסטן טאָג איז פאַר אים פינצטער. דער קלאָרסטער הימל — חושך. אָנעם הויף, אָן אַריינשטעקן די נאָז אין פאַס, אַריינציען אין זיך דעם באַזונדערן האַרב־גאַרבערישן „וואָניוך", אָנשמעקן זיך מיט אים, וואָס דאָס אַליין איז שוין פאַר אים אַ סימן ס'בלוט שלאָגט אין זיינע אָדערן און עס דינט אים אויך פאַרן גראַדניק: צי די פעלן זענען גענוג קרעפּטיק אויסגעגאַרבט, געזעטיקט מיט מאַטעריאַל, אָדער זיי דאַרפן נאָך ווייקן, אַריינעמען אין זיך „שפּייז" — אָן דעם האָט אַזאַ איינער נישט וואָס צו טאָן אויף גאָטס וועלט. ניין, ער האָט נישט וואָס צו טאָן. פּילט זיך איבעריק. אַרויסגעוואָרפן

פון לעבן ווי דער פויער, ווען ער איז פאַרטריבן פון זיין פעלד, פון זיין אַקער. און ווי יענער פילט ער זיך עלנט. קוקט צעטומלט, אומגליק־לעך זיך אַרום. זיינע פיס האָבן נישט קיין אונטערלען. שווער איז אים דאָס גיין אויפן באַשפּערס ערד... ערשט ווען ער קריכט אַרום אין די פאַרקאַלכטע הויזן, וואָס זענען האַרט ווי צווייבלעכערנע רערן, פילט אויף די פיס די טיף אויסגעהוילטע, הילצערנע, אַראָפּשווערנדיקע טרעפּעס, בייגט נ׳גאַנצן טאָג דעם גוף אין דרייען, אַזש די קריזשעס קנאַקן. פאַרטיקט אויס מיט זיינע הענט אַ פּאָר צענדליק פעלן, די אברים טרינקען זיך אָן מיט בלייאיקער שווערקייט ווי ביי אַן אָנגע־אַרבעטן ביק — דעמאָלט ווייסט ער, ר׳לעבט, ר׳עקזיסטירט. שטייט אויף פעסטן באָדן. עסט נישט בחינם גאָטס ברויט און פרייט זיך מיטן לעבן.

אין אָוונט, ווען די גאַס באַדעקט זיך מיטן ערשטן בין השמשות, די הייזער מיט די דוממס פאַרהילן זיך אין דינעם געוועב, אויגן דערזען שוין נישט גוט, הענט בעטן זיך אָפּרוען פון לאַנגסטיקן האָרעווען, רוקנס — אויסגלייכן, קומען זיי אַרויס פון די הייף. זיי גייען מיט שווערן טראָט. מיט באַהאַלטענע כמורע אונטער די אויגנדעקלעך. ערנסטע, שטרענגע. מ׳דאַרף זיי אָפּטרעטן דעם וועג.

אין שטוב קומען זיי אַריין שווייגנדיקע. רעדן נישט. פרעגן נישט. קוקן אין זייט. גאָט זאָל אָפּהיטן מיט זיי דעמלט פאַרטשעפּען... געשווינד ברענגט מען אַרויף פון ערד־קעלער דעם טאָפּ קאַלטן שטשאָוו־באָרשט, אָדער די קוואָרט אויסגעקעלטערטע פוטערמילך. מיט איין צי לאָזט מען דאָס אַראָפּ אין אינגעווייד: פררר! טוט אַזאַ איינער אַ טרייסל מיטן קאָפּ, ווי אַ שטייגער ס׳טוט אַמאָל להבדיל אַ פערד אַ פּאָרסקע נאָך אַ גוטן פול־עמערדיקן טרונק. איצט דערפילט ער זיך אַביסל לייכטער, אָפּגע־פרישטער, און מיט אַ מער פאַרגרינגערטקייט, לאָזט ער זיך אַרויס פאַר דער טיר אָוועקלייגן, אָפּרוען.

ווי מידע רינדער זעצט מען זיך אויס פאַר די שוועלן פון די שטיבער, אויף דער ערדענער צייל, ביי די ווענט. מ׳אָטעמט אויס פון זיך די פון אַ גאַנצן טאָג אָנגעזאַפּטע, געזאַלצענע דופטן, זויגן אַריין פריש אָוונטיקער לופט. די לונגען ברייטערן זיך אויס, ווערן פרייער.

די צונג — אויפגעבונדענער, באַריידעוודיקער. אַצינד האָט מען אויך אַביסל צייט פאַר די היימישע ענינים. כאַפּן אַ וואָרט מיט די אייגענע: אויסמוסרן ס'ווייב פאַרן היינטיקן נישט געראָטענעם מיטיק: אָנגע־ברענטן קרויט, צו האַרט אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל; מען שטראָפט דאָס קליינוואַרג פאַרן אַרומלויפן, נישט וועלן גיין אין חדר און אויך שוין וועמען פון די עלטערע קינדער אַריינזאָגן, אויסשייגעצן וועמען פאַר זיין עקשנות, וועמען פאַר זיין ווידערשפעניקייט, נישט וועלן אויספאָלגן טאַטע־מאַמע.

אין די מינוטן רעדט מען אויך וועגן תכלית: אַ שידוך פאַר דער טאָכטער. תנאים מיטן זון.

— כאַנטשע, מ'דאַרף אָפּערגיין צו שעיה גאָפּ וועגן אַ שידוך פאַר דער מויד, הערסט?

— אַבי האָסט זיך כאָטש דערמאָנט.

— וואָסי, ביסט געווען?

— ניין, כ'וועל וואַרטן אויף דיר!

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— ר'וועט שוין עפּעס צוקלייבן, ברענגען.

— האָסט גוט געטאָן. הלוואי זאָל דער אייבערשטער צושיקן עפּעס גוטס. מ'זאָל דערלעבן אַ שטיקל נחת.

...שטילער אָוונט. היילנדיקע רו. דאָס דעמער־געשפּין ווערט אַלץ געדיכטער, פאַרשפּונענער, הילט איין אין טונקעלער מאַרלע. אַן אומגע־זעענע האַנט גלעט ווייך דעם אָנגעווייטיקטן גוף פונעם מענטש, שפּרייט אַרום אים אַ מילדע דופטיקייט, ווי זי וואָלט אויסבעטן אונטער די מידע ביינער ווייכן פּוך. אַפילו די האַרטע, פאַרטריקנטע זומער־ערד איז אויך איצט ווייך, נאָכגיביק ווי אַן אויסגעבעטער מאַטראַץ. אַלץ איז מיט רו און שלווה. די בייזקייט אָפּגעפלאָסן, צאַנקענישן אָפּגערונען. ס'ווילט זיך אַזוי זיצן, ליגן האַלב אויסגעלענט, רוען. מ'האָט נאָך נישט אַרויס־געגעבן פון זיך די פון אַ גאַנצן טאָג אָנגעזאַפּטע דאַמפּן, אָפּגעשוויגענע רייד. ס'איז געבליבן נאָך עפּעס צו דערמאָנען. צו דערזאָגן. צו דערוויסן זיך.

גאַרבער־גאַס

די נאַכט ווערט שפּעט, קלעפּיקער, נאַרקאָזע, פאַרשלעפּערט. די גלידער ווערן אָנגעטרונקען מיט גליווער, מיט שווערקייט בענקען נאָכן געלעגער. מ׳ווייסט, לאַנג וועט די נאַכט נישט אָנהאַלטן. גיך וועט זי פאַרשווונדן. ווידער וועט אויפברעכן אַ טאָג, אַ לאַנגער, אַ שווערער, אַ מיפּולער. ווידער וועט מען שטיין אין הויף לאַנגע שעהן, אין זומפּ, אין פייכטקייט, באַוועגן מיט די הענט, פיס, זייטן, דרייען מיטן גוף אָן אויפהער, ווי ס׳דרייט זיך די קייט אויפן וואַלעק פון ברונעם.

— אַ אַ, מען דאַרף גיין שלאָפן — הערט זיך אַ קול.

— און באַלד ווידער אויפשטיין — קומט אַן ענטפער.

— נו יאָ, וואָס האָסטו געוואָלט בלייבן ליגן אויפן געלעגער?

— איך וויל גאָרנישט...

ווי אַ סיגנאַל קומט אָנצופליען פון ערגעץ אַ צעהילכטער געגעץ. איינער הייבט אָן, דער צווייטער ענטפערט. באַלד ווערן זיי העכער, צעשריגענער, רופן זיך איבער ווי דאָס געקריי פון הענער, לאַנגע, צעצויגענע, קולותדיקע: א—א—א... או—או—או — אָנגעטרונקענע מיט בענקעניש צום בעט. ס׳איז אַן אָנזאָג אויף אַריינגיין אין שטוב. און גיך טאָקע הייבט זיך ווער אונטער פון אָרט. פאַמעלעך, נאָך פוילבלעך. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. ווערן פאַרשווונדן אונטער די הויז־טירן און שוין איז די גאַס אָפּגעליידיקט, שטילער, ווי ס׳וואָלטן זיך פּלוצים באַוויזן סימנים אויף אַ שטורעם און מ׳באַהאַלט זיך אויס.

מיט פלינקייט וואַרפט מען אַראָפּ פון זיך דאָס אָנטאָן. מ׳מורמלט אָפּ געשווינד דאָס קריעת־שמע־לייענען און שוין ליגט מען אונטערן איבערבעט: א—א—א... — ציט מען ווידער מיט תענוג, ווי מען וואָלט אַריין אין אַ הייסער באָד. ביז איבערן האַלדז שלעפּט מען אַריבער די גראָבע פּערענע, כאַטש אין דרויסן איז שטאַרקער זומער און גלייך פאַלט מען אַריין אין געזונטן, זיסן שלאָף — אָן חלומות, אָן איבערוועקונגען, אָן בייזע אויסדאַכטענישן.

קומען, קומט מען אויף, ווען ס׳רופט דער פרימאָרגן־האָן. אָבער דעמלט דאַכט זיך אויס, אַז מען האָט נאָר וואָס פאַרמאַכט די אויגן, נאָך גאָרנישט כמעט געשלאָפן. ס׳גלייבט זיך נישט, די נאַכט איז שוין

אוועק, ס׳איז געקומען דער טאָג. ערשט דאָס לאַנגזאַמע קריכן פון מאָנענדיקן גרוי אויפן פענצטער, פאַרטרייבט דעם ספק און מען ווערט גלייך וואַך.

פלינק ווי פון וואַסער אַרויס שפּרינגט מען אַראָפּ פון געלעגער. מיט איילעניש וואַרפט מען אויף זיך אַרויף דאָס אָנטועכץ, ווידער מורמלט מען אָפּ די פּאָר יידישע ווערטער און אַרויס אין הויף צו דער אַרבעט. צו דער פּראַצע.

*

זונטיק איז דער גרויסער טאָג אין גאַס. עס קומען די „פּרעמדע״, די סוחרים פון דער גרויסער שטאָט. די גאַרבער־יידן זענען אומרואיק, אויפגערעגט, מיט זאָרג. האָבן מורא די סחורה זאָל נאָר געפעלן. נישט חלילה געפּסלט ווערן, פאַרבראַקירט, און מען זאָל זיי אויך נישט אויסנאַרן אין פּרייז. ווי אויסשפּירערס, שטייען זיי באַהאַלטן אונטער די פאַרהענג־לעך פון די פענצטער, וואָס גייען אַרויס אין גאַס, קוקן מיט אויסגעביילטע אויגן דורך די ווינקל־שויבן, צו וועלכן גאַרבער־שכן די „פּרעמדע״ גייען אַריין. שליאַדעווען נאָך מיט אויסשפּירערישן בליק, וואָס מען טראָגט אַרויס פון יענער שטוב. און וווהין זייערע טריט זענען געווענדעט ווייטער. מ׳רוקט זיך אָפּ ערשט, ווען מען דערהערט זיי שוין פאַר דער אייגענער שוועל.

— אַ־אַ, שלום עליכם — נעמט מען אויף מיט ברייטן „ברוך הבא״ אַזאַ אַריינגעקומענעם סוחר. מ׳ווישט אָפּ אויף דער גיך אַ בענקל צום זיצן. מען פאַרבעט: ביטע, זיצט. רוט אָפּ. וואָס מאַכט מען? וואָס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט? וואָס טוען דאָרט יידן?

זיי, די גרויסשטעטישע האָבן נישט קיין צייט צום זיצן, פירן שמועסן, געזעלשאַפט־לייסטן. דאָס איז גוט אויף שבת. היינט איז אַ האַנדלס־טאָג. איילעניש, פאַרנומענקייט, אומגעדולד. הייסן זיך ווייזן די סחורה — שנעל־שנעל!

— נישטאָ קיין צייט. ווייזט וואָס איר פאַרמאָגט ר׳ ייד. שפּעטער וועלן מיר רעדן. זיך דערציילן מעשיות...

מיט אינערלעכער אויפרעגונג, מיט האַרצקלאַפּן שלעפּט דער גאַרבער

אַפּער דאָס פּעקל לעדער פון אונטערן בעט, נעמט עס אַרויף אויפן טיש. וויקלט פאַנאַנדער. דער סוחר באַקוקט עס איינס־צוויי, אָן לאַנגע שהיות, מיט סוחרישער געניטקייט, מבינות און מיט ווייניק אַרויסגע־וויזענע התפּעלות ווי ס׳וואָלט זיך סך־הכל געהאַנדלט וועגן אַ גאַרנישט, אַ ווײַדעלע פון אַ פעל. ס׳לוינט אַפילו נישט לאַנג דערוועגן מאַריך זיין.

— מה יקר?

— אַ צענערל אַ „טעכער" (טעכער — אַ פּעקל פון צען פאַרטיקע פעלן).

— אָ, איר זינגט גאָר שיין ווי אַ שפּילפויגל, אויף אַ הויכער אָקטאַווע...

— אַדרבה, כ׳מיין פאַרקערט.

איצט גייט אַוועק אַ לאַנגע דינגעניש. דער גאַרבער וויל נישט אָפּטרעטן פון געשטעלטן פּרייז. דער פרעמדער וויל נישט צאָלן. רוקט דער אייגנטימער צוריק אַרונטער די טעכערס אונטערן בעט: זאָלן זיי ליגן. זיי שרייען נישט עסן. זיי וועלן זיך מערטשעם אויסוואַרטן אויף זייער קונה, זיי זענען נאָך וואַרעם. ערשט פון אונטערן רעק־אייזן אַפּער... דער פרעמדער מאַכט זיך נישט הערן. מאַכט זיך גאָר אַוועקגיין. ביי דער טיר בלייבט ער שטיין, דרייט אויס דעם קאָפּ. רעדט איבערן אַקסל. פרעגט וועגן דאָס און יענץ און מיינען מיינט ער עפּעס אַנדערש. צום סוף קערט ער זיך צוריק אום: ער וויל נאָכאַמאָל איבערקוקן. ווידער ציט דער בעל־הבית אַפּער די פּעקלעך. וויקלט זיי אויף, צעלייגט זיי איבערן גאַנצן טיש. ווערט ביי זיך תּקיפותדיקער, קריגט לשון. נעמט לויבן מיט געוועקטן קוראַזש ביז אין הימל אַריין: דאָס איז לעדער? דאָס איז דאָך סאַמעטלעך. אַ שאָד אויף זיי אַ פינגער אַרויפצולייגן. מ׳קען אויף זיי הייליקע אותיות שרייבן... הערסטו, מ׳האַנדלט זיך נאָך! און שוין איז ער גרייט זיי ווידער אַרונטערצושטופּן אין זייער ליבער באַהעל־טעניש... דער פרעמדער האַלט אָפּ, לאָזט נישט. דערלייגט. מ׳רייסט מיט כּוח איינער ביים אַנדערן. דער איז מוסיף און דער לאָזט אַראָפּ. אָפּגע־ראַנגלט, דערלאַנגט מען זיך די הענט:

— זאָל זיין מיט הצלחה, אין אַ גוטער שעה!

אליעזר אלעי

ביים אַוועקגיין פון סוחר קוקט דער גאַרבער־ייִד נאָך אויף די אַוועקגענומענע פּעקלעך לעדערס און מיט אַ רחמנות. זיינע בליקן זענען פול מיט באַדויערן ווי ער וואָלט דאָס זיך געזעגנט מיט ליבע באַשע־פעניש, וועלכער ר׳האָט אַ לאַנגע צייט געהאָדעוועט, אויסגעצערטלט, זיך שטאַרק צוגעוווינט און אָט קומען פרעמדע מענטשן און כאַפּן זיי אַרויס פון שטוב. ווען ער זאָל זיך נישט שעמען וואָלט ער כאָטש נאָכאַ־מאָל זיי אָנגעקוקט. אַ גלעט געטאָן מיט די פינגער איבער דער „ליץ״ (רעכטע זייט): אַזעלכע פיינע פעלעכלעך האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט. אַ שאָד אַרויסלאָזן פון האַנט, אויף נאמנות. נאָר מילא, וואָס קאָן מען טאָן, ר׳האָט דאָך פאַרקויפט. זאָל יענער פאַרדינען געזונטערהייט. אויף דעם איז געשטעלט די וועלט: פאַרקויף און האָב חרטה!

באַגלייט ער דעם פרעמדן ביזן שוועל, ווינטשט אים צו אויף הצלחה:

— ר׳זאָלט פאַרדינען געזונטערהייט און מערטשעם ווידער קומען.

— אָמן. און איר מאַכט גוטע סחורה און רייסט נישט אַזוי די הויט...

שפּעטער איז מען נאָך אַלץ צעטראָגן און באַרוישט פון דער מכירה. מען חשבונט לאַנג מיט קרייד איבערן טיש, איבער דער הילצערנער שלאַפבאַנק און מ׳קרעכצט: אויף וויפל ר׳האָט זיך געהיטן, האָט דער כיטרער יינגאַטש, דער „פרעמדער״ אים דאָך אָפּגענאַרט, נישט געגעבן דאָס פולע געלט. און ער זעט דאָך באַשיימפּערלעך, ר׳האָט וויניקער וויפל ר׳האָט גערעכנט צו באַקומען. און זיי זענען דאָך טאַקע געווען מער ווערט. ביסט אַ מבין אויף די געגאַרערס. קאָנסט זיך נישט פאַרהיטן? פאַר זיי ווי פאַר אַ גנב...

אין צעוועקטער אומרו, נישט האָבנדיק דאָס געדולד זיך צוריק־נעמען צו דער אַרבעט, לויפט מען אַריין צו אַ שכן, צו פריינט, איבער־פרעגן, וויפל יענער האָט גענומען. דאָרט זידלט מען זיי אינאיינעם אין כאָר. מען רופט זיי אָן די סוחרים, מיט די ערגסטע נעמען: גנבים, עכברושים, מאַשעניקעס, קעשענע־ציערס, הולטייעס, ציען אַרויס דעם מאַרך פון די עצמות. קאָנען נישט פאַרגינען אַן אַנדערער זאָל אויך אָפּעסן אַ שטיקל ברויט, פאַרדינען זיין אויסגעהאָרעוועטן גראָשן און אַליין — גאַטעניו אין הימל — ווי דאָס הולטייעוועט, לאָזט זיך ווילגייך. אָנטאָן

זיך אַלע תענוגים, וואָס נאָר אויף דער וועלט. און אַזאַ איינער פֿאַרברויכט דאָך מער אין איין טאָג, ווי זיי דאָ צען אינאיינעם אַ גאַנצע וואָך. נישטאָ קיין יאַהאַנדעס אין זייער האַרצן.

אויפגעבראַכט, מאַכט מען אָפּ כמעט מיט אַ שבועה, אַז ס׳נעכסטע מאָל מ׳׳זאָלסט דערלעבן, בלי נדר, וועט מען זיך שוין גוט אַרומקוקן און זיך נישט לאָזן מער אָפּנאַרן. נייַן, בשום אופן נישט און ס׳וואָלט גאָר־נישט געשאַדט מ׳זאָל מאַכן צווישן זיך — אַ יד־אחת! נישט קוקן מיט שרעקעוודיקע אויגן איינער אויפן אַנדערן, טאָמער וועט יענער פֿאַרקויפן זיין סחורה, און ער — נישט. און דערפֿאַר לאָזט מען זיך רייסן די הויט.

אַהיימקערן, קערט מען זיך צוריק, ווי עס איז אַ באַרואיקטער. מען זעצט זיך אַוועק מיטן ווייב אויסרעכענען, אויסעצהנען, וואָס טאָן מיט די איינגעלייזטע גילדנס. פֿאַר וויפֿל איינקויפֿן רויוואַרג, מאַטעריאַלן אויף גאַרב. וויפֿל אָפּצאָלן חובות און וויפֿל ס׳בלייבט צו פֿאַרשטעקן אין שעניק — דער אייזערנער אוצר ווו ס׳זאַמלט זיך אויף נדנים פֿאַר קינדער, חתונה מאַכן זין און טעכטער און פֿאַר דער אייגענער עלטער.

און אַריינגעוואַקסן איז מען אין דער עלטער, לאַנגזאַם, פֿאַמעלעך, און זיכער. אַריינגעצויגן אין די טיפֿע יאָרן, ווי אַ שטאַם אין טיפֿער ערד, געפֿילט זיך געזונט, קרעפֿטיק. געוואַקסן פֿעסטע שטאַרקע, מיט שווערע פֿאַרמאַזאָליעטע הענט, מיט שווערע אַקסלען און בערד, ווי פֿעסט גע־וואָרצלטעביימער. יידן וואָס זענען געווינט געוועזן צו שווערער פּראַצע און מי. צו מעת־לעתדיקע אַרבעטס־טעג. צו פֿרעסט, קעלטן און היצן. צו היזקות, ליידן און נויט. מען האָט געלעבט מיט דער אַרבעט ווי מיט אַ זיווג. זי ליב געהאַט. נישט געקענט לעבן אָן איר. זיך שיידן פֿון איר אויף אַ טאָג. געלעבט ערלעך־שווערלעך, פֿון אייגענער יגיעת־כפּו, פֿון אייגענער מי און שוייס. געבעטן אויף געזונט, אויף יאָרן, אויף קינדער, אין וועמענס הענט מען זאָל האָבן איבערצוגעבן די ירושה, די אָנגע־זאַמלטע האָרעוואַניע, די פֿאַרהייליקטע נחלה, דעם ווייטערדיקן נאָמען — די רינג אין דער ווייטערדיקער קייט.

אין אַלע שווערע צייטן, ביי אַלע געפֿאַלענישן און נויטן האָט מען פֿון דער גאַרבער־גאַס נישט געוואָלט אַוועקגיין. אָנגעהאַלטן זיך אין

גאַרבער־הויף מיט דער זעלבער עקשנות און איינגעביסענע ציין ווי דער דאָרפסמאַן אין זיין באָדן, אין זיין ווירטשאַפט. ווי שלעכט ס׳איז געווען, האָט מען דעם אָרעמען כזית ברויט געוואָלט עסן אין דער היימישער שטוב, ביים אייגענעם אָרעמען טיש, נישט פאַרזוכן די פרעמד.

צו דער שטאָט האָט מען זיך געהאַלטן מיט פאַרזיכט, מיט פאַרדאַכט ווי צו ווייטע קרובים, וואָס זענען קליגער אָבער כיטרער און מ׳ווייסט נישט ווי ווייט זיי דערגייען אין זייער געטריישאַפט און אויף וויפל מ׳קען אויף זייער משפחהדיקייט בכלל זיך פאַרלאָזן...

אַפּערגיין אין שטאָט, וואָס זיי האָבן גערופן „מאַרק״, און וועלכע איז געווען אינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט שפּאַן, איז געווען פאַר זיי ווי עפּעס ווייטס, פרעמדס: „כ׳גיי אַפּויער אין מאַרק״... האָט געהייסן אַ לאַנגער ווייטער וועג צו וועלכן מען מוז זיך באַזונדערס גרייטן, באַזונדער אָנטאָן.

אַ גאַרבער־ייד האָט פריער נישט אויסגעטאָן די פאַרקאַלעכטע גאַרבער־קליידער, ביז ער האָט זיך נישט אַוועקגעלייגט אין בעט און צוגעשלאָסן די אויגן שוין אויף אייביק.

אויך דעמלט האָבן מענטשן מיט פאַרבאָרגענעם שמייכל אין דער שטיל געמורמלט: „מען דאַרף אים מיטגעבן די גאַרבער־הויזן אין גרוב אַריין, וועט זיך אים גרינגער רוען״...

קאַפּיטל צוויי

דער „הויף"

אַזוי האָט מען אין גאַס גערופן אַברהם לעווקינדס גאַרבעריי. האָט איינער געזאָגט: „איך גיי אין הויף", אָדער: „איך וועל אָפּטרעטן אין הויף", האָט מען געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען צו אברהם לעווקינדן אין דער גאַרבאַרניע — דאָס איינציקע אָרט וווּ מ'האָט נישט באַדאַרף אָנרופן דעם באַלעבאָס נאָמען. סתם „הויף", האָט געזאָגט דעם ריכטיקן אַדרעס.

אברהמס הויז איז געווען אַ שם דבר. געשטאַנען פון די ערשטע אין ריי. פּאַראַדנע צו דער גאַס. אַ בייכיק־באַלעבאַטישס. געשאַלעוועט. ברוין געפאַרבט. מיט אַ טראָפּעלע באַרימערישע הויכע שוועלן. ברייטע מאַסיווע הויז־טירן האָבן זיך נאָכאַנאַנד געעפנט אַריין און אַרויסגעלאָזט מענטשן.

ווי דער שטייגער פון די גאַרבער־הייף איז אויך אברהמס הויף געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקן, אַ געזונטן פון דיק־צאַליקע ברעטער, טונקל געפּעטסט מיט איילן. אונטערגעלענט אין די ווינקלען מיט פירקאַנטיקע פּאָדפּאָרעס, וואָס האָבן אים געדאַרפט האַלטן דורך אַלע שטורעמס און בייזע ווינטן. שוין דער אויסערלעכער אויסזען האָט אויסגעזאָגט פון אַ הויף — אַ יוסטער, אַ פעסט איינגעפּונדעוועטער.

דער אינעווייניקסטער שטח — רחבותדיק, גערוים, אָנגעסטראַיעט אין אַלע פיר זייטן מיט איינריכטונגען: אין איין זייט, די אין דער ערד איינגעגראָבענע גאַרב־פעסער, קאַלך־גריבער, אין די אַנדערע זייטן — שאָפּע ווו צו האַלטן די גאַרב־קאָרע, קאַמערן צום רייניקן די פעלן פון קאַלך, צום „רעקן" און „פּאַלצן". געשטעלן אויף טריקענען די נאַסע לעדערס און אַ „סושאַרניע" אויף ווינטער. דאָס לעצטע איז געווען נאָר ביי געציילטע גרויסע גאַרבערס.

זומער־לעב, ווען די זון האָט זיך באַוויזן, געהיצט ווי אַ צעפּייערטער בעקער־אויוון און די הילצערנע געשטעלן זענען געווען באַהאָנגען מיט אויסגעאַרבטע פּעלן, איז דאָ אין הויף געווען געדיכט און טונקל ווי אין אַ געדיכטן וואַלד.

אברהמס נחלה איז געווען פון די סאַמע אָנגעזעענסטע און חשובסטע אין גאַס, זיין שטוב — אַן אָפענע טיר פאַר נויט־באַדערפטיקע. האָט ביי וועמען אַ גאַרבער געטראָפן אַן אומגליקס־פאַל, אַ פּאַס זיך איינגעבראָכן אין מיטן דער אַרבעט, אַן אַרבעטס־כלי אונטער די פינגער קאַליע געוואָרן, אַ גאַרב זיך „געפּסלט" (געשעדיקט), און מען איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, פאַרלוירן פון אַלע וועלטן, האָט מען זיך דערמאָנט אין אברהמס הויף, געקומען דאָרט אַהין זיך אַרויסהעלפן. אַברהם האָט אין יענעמס אַריינקום שוין דערקאָנט, ס׳האָט עפּעס פּאַסירט, שטיל אויסגעהאָרכט, אָנטקעגנגעקומען מיט וואָס ער האָט געקענט. קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט: אַרויסגעבאָרגט דאָס נויטיקע מכשיר, געגעבן אָנווייזונגען ווי זיך אומגיין מיט דער קאַליע געוואָרענער גאַרב, אַמאָל גאָר צוגעשיקט זיינס אַ מענטש צו העלפן, אָדער אין ערגסטן פאַל געהייסן יענעם אַריינברענגען די נאַסע סחורה און זי דאָ אויספּאַרטיקן.

— זיי נישט אַזוי צעטראָגן. די וועלט איז דיר נישט אונטערגע־גאַנגען און ווינסט נישט אין קיין וואַלד. דאָ שטייט אַ ליידיק פּאַס. ברענג אַהער דאָס ביסל „מושב" און פּאַרטיק עס אויס — האָט אברהם אָנגעוויזן אַן אָרט.

דער אין צרה־געטראָפענער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אברהמס ווערטער ווי אין אַ רעטונגס־ברעט, אַהערגעברענגט דאָס ביסל פעלן און אויסגע־פּאַרטיקט.

צו אַברהם לעווקינדן איז מען געקומען מיט נאָך אַנדערע ענינים, שוין אין שטוב אַריין, פאַרטרוילעך אינטים: אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, אָפּדערציילן פאַמיליע־צרות, אויסווײנען עגמת־נפשן, משפחה־דאגות. גע־קומען איז מען היימישלעך, נישט געפּאַלן. מ׳האָט געוווּסט, ס׳וועט ווייטער נישט דערגיין. אין קיין פרעמדע אויערן נישט אַריינדרינגען. אַליין וועט מען נישט צופיל אויספרעגן, צופיל זיך וווּנדערן. דאָס אויס־

געהערטע ווערטער פֿאַרשטאַנען ווערן, און דאָס גוטע טרייסט־וואָרט וועט קומען. אַוועקגעגאַנגען איז מען שוין אַ טראָפּעלע פֿאַרלייכטערט, מיט פֿאַרגרינגערטן זיפֿץ: „איר זאָלט דערלעבן אַ סך גוטס!"

אברהם לעווקינד איז געווען אין די זעכציקער. די קינדער געהאַט אויסגעגעבן. געבליבן נאָר מיט איין פֿריילידיקן זון חיים אַלטער, אַ בחור אין די עטלעכע צוואַנציק, אַ יינג אַ גיבור. געקענט אויפֿהייבן אַ שטויס פֿעלן מיט איין האַנט. ער האָט איבער עפּעס נישט געאיילט אַרויס פֿון דער היים. צוגענומען די געזונטע נאַרונג פֿון דער מוטערס האַנט. זיך געקאָרמעט ווי אַ יינגער ראַסאָווער ביק. אויך די אַרבעט אין הויף האָט ער געטאָן מיט גבורה, מיט געדולד און אַרבעטזאַמקייט ווי יענע שטאַרקע געדולדיקע חיה.

אין הויז האָבן זיך געהאָדעוועט אויך צוויי אייניקלעך, יתומים: מנשה און עליע. צוויי שיינע יינגלעך נאָך די בר־מצווה יאָרן. זיי האָבן אויך מיטגעהאָלפֿן אין הויף ביי דער אַרבעט. די צוויי פֿאַריתומטע קינדער האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין אַלטן פֿאָרפֿאָלק ווי אין טאַטע־מאַמע. דערפֿילט אין זיי די געטרייע ליבשאַפֿט, זאָרגעוודיקייט. די לאַשטשנדיקע האַנט פֿון לייבלעכע עלטערן.

אברהם גופֿא איז נאָך געווען ביי די גוטע כוחות. אין שיינעם אויסזען זיין מראה, אַ מונטער הייטערדיקע, ביז גאָר פֿיין אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם פֿון דער דאָזיקער בכבודיקער עלטער. ער איז געווען פֿון די פֿול־לייביקע מיט אַ ברייט גבֿרדיקן געשטעל. אויסגעפֿילט מיט זיך אַ שטיק רוים. און ווי סע טרעפֿט ביי אַזעלכע שטייגער פֿול־לייביקע מענטשן, איז דאָס פּנים ביי אים געווען אָן אָפּנס, אַ גוטמוטיקס, צו מענטשן שמייכלנדיק. די ברייטע באָרד נאָך אַלץ פֿוכיק בלאָנד, מיט ערשטע פֿאַרבלאָנדזשעטע זילבערנע פֿעדעם, איז געלעגן רואיק אויסגעלייגט אי־בער זיין האַרצברעט און אויך אַזוי שמייכלנדיק. זי האָט אים צוגעגעבן כבוד און אָנזען.

אַברהם איז געווען פֿון די ווייניקע רעדערס. אָפּגעקומען מיט אַ האַלב וואָרט, מיט אַ קלוגן שמייכל, מיט אַ „נו" און „עט", וואָס האָט געמיינט צו זאָגן מער ווי אַן אַנדערנס אַ סך רייד. אָפּגעבנדיק אַ מענטש

„שלום עליכם", האָט ער זיך פאַרקוקט אויף יענעם מיט זיין קלוגן, רואיקן בליק, ווי ער וואָלט יענעם געוואָלט דורכדרינגען, דערקענען. צום פרעמדן ווידער, האָבן גערעדט אברהמס אָפענע מילדע געזיכט־שטריכן, זיינע ערלעכע אויגן און באותו רגע האָט זיך פאַרבונדן עפּעס פריינטלעכס צווישן די צוויי מענטשן.

און כאָטש אַברהם האָט שוין געקענט אויסלעבן זיינע יאָרן אין רו, אין הנאה, פון זיין געבענטשטער עלטער, פון די געשענקטע יאָרן, פאַר־לאָזן זיך מיט אַלעם איבעריקן אויף די קינדער, אויפן איינגעשטעלטן סדר, האָט ער פון הויף נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

מיטן פרימאָרגן גלייך איז ער אַרויסגעקומען אין דער גאַרבעריי. אָנגעטאָן אין דער הלבשה פון די אַנדערע גאַרבער־באַלעבאַטים: ברייטער שפּענצער, גרויסע טאַרבע־הויזן. אויף די פיס, הגם נישט קיין האַלצערנע טרעפּעס, ווי דאָס רוב, אָבער אויך אַזוינע שווערע שיך פון גראָבן לעדער אונטערגעבעט מיט דיקן געזויל, ס׳זאָל נישט אַדורכנעצן.

דאָס ערשטע איז געווען אַרומגיין איבער די אַרבעטס־פּלעצער נאָכקוקן, צי אַלץ טוט זיך ווי געהעריק מיט סדר, ווי ס׳גייט למשל דער פּריץ אַרומבליקן זיין פאָלוואַרק. אַריינגעקומען אין קאַמער ווו מען רייניקט די פעלן פון ערשטן קאַלך. דאָרט שטייט אַ גרויסע פּלעטש. דאָס זומפּיקע וואַסער גרייכט ביז די קנעכל. אַברהם איז נישט ווייט אַוועק, געבליבן שטיין ביים שוועל. זיך אַרומגעקוקט, געלאַנגט זיין בליק אויף די טריפנדיקע פעלן פון די סטויקעס, וואָס האָבן געפּלאָסן מיט מילך־וואַסער, אויף די געהויקערטע פּלייצעס פון די רייניקערס, אַרומגעהילט אין די קאַלך־באַשפּריצטע לעדערנע שירצן. געפרעגט וועגן דער גוטער אויסקאַלכונג, צי ס׳לאָזט לייכט די האָר, געהייסן זאָרגפעלטיק אויסשאָבן די „מעזדערע" (לינקע זייט). נאָך עפּעס אָנגעזאָגט. געגאַנגען ווייטער.

אַצינד האָט ער צוגעשפּאַנט צו דער שאַפּע, ווו ס׳איז געלעגן דאָס טריקענע רויוואַרג, מאַטעריאַלן צום גאַרב. דאָ איז געווען קילער און ריינער. אברהם איז אַריין טיפער. באַטראַכט די שנייד־מאַשין, אירע ציינער. די שטויסן עקסטרא „דאָמב", עקסטרא „שוויערק", אָנגעהויפט אין קלאָפּטערס ביזן באַלקן. ער האָט אויף דער גיך באַרעכנט, אויף

וויפֿל צייט ס'וועט סטייען. געוואָרנט די יינגען אכטונג געבן אויף די פֿינגער ביי די שנייד־מעסערס, געהייסן איבערציילן די פּעקלעך רויע פֿעלן. זעקלעך עקסטראַקט. נאָך עפּעס מאַרקירט מיט זיך אַליין, פֿאַר־גענומען צו געדענקען און אַוועק.

פֿון דאָרט האָט ער זיך צוגעלאָזט צו דער פּעסער־אָפּטיילונג, צו די טריקן־געשטעלן. צו די „רעקערס" און „פּאַלצערס". אומעטום עפּעס איבערגעפֿרעגט, אָנגעזאָגט. באַמערקט, פֿאַריכט.

ווען אַלץ איז שוין געווען ד'רכגעקוקט, דורכגעבליקט און צופֿרידן פֿון זיין אונטערזוכונג, האָט ער זיך צוגעשטעלט אַליין צו דער אַרבעט. ביי אברהמען, אויפֿטרייבן אַ פּאַס, אָנשניידן אַ פּאָר קערב פֿרישן דאַמב, אויסרעקן אַ בינטל בלייזן, אָדער גאָר אויספּעטשן אַ פּאָר רונדס־לעדער, איז נאָך געווען אַ געלעכטער. געטאָן עס מיט שפּילעוודיקער לייכטקייט. די אַרבעט האָט אים געמאַכט געזונט, פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן. געגעבן אים צו פֿילן די זיכערקייט, דאָס שטאַנדהאַפֿטיקע פֿון לעבן. געוועקט אין אים די לוסט, דעם רצון, נאָך מער צום זיין, צום קיום, אַריינלעבן אין טיפֿער־טיפֿער עלטער.

אַמליבסטן איז אַברהמען געווען דאָס פֿאַרברענגען אין דער פּאַלצ־קאַמער. דאָ האָט ער געהאַט די הנאה ווי דער טרינקער, ווען ער קומט אַריין אין ווײנשענק, דערשמעקט דעם ריח פֿון משקה. דאָ אין קאַמער האָט זיך געטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט: דאָס אויספֿיינען די קוואַליטעט פֿון די לעדערס. פֿון אַ שווערע אומגעלומפּערטע קו־פֿעל, אַרויסברענגען אַן אײדעלן פֿיינעם יוכט. דאָ אין אָפּטײלונג האָבן זיך געפֿונען געניטע פּאַכלייט, דערפֿאַרענע פּאַלצערס, ווי למשל, דער אַלטער אײזיק, אַ פּועל אַלע זיינע יאָרן, באַוויזן גבורות: געפֿירט די דין־געבויגענע חלפֿ־דיקע שאַרף פֿון פּאַלצמעסער, איבער דער גראָבהויטיקער מעזדרע לייכט ווי אַ סמיטשיק. אַוועקגעשניטן אָן רחמנות די אָנגעוואָקסענע פֿלייש־פּלאַסטן, קלימפּערס אָדערן. אָפּגערייניקט אַלע פּסולתן, אויסגעדינט דעם רוקן, דעם זאַדעק, געמאַכט דאָס שטיק חומר פֿיין, בויגעוודיק, עלאַסטיש, אַז ס'איז געווען ווערט אַריינשטעלן אין דער וויסטאַווע! אַברהם האָט די

דאָזיקע אַרבעט געשעצט. ליב געהאַט (אַליין געווען אין די יונגע יאָרן אַ גוטער פאַלצער). געקוויקט זיך צו קוקן. גענומען אין די הענט די אָפּגעפאַלצטע אַרבעט, געגלעט, געשפּיגלט זיך אין אַזאַ פריש אַראָפּגענומענעם יוכט, ווי אין אַ שיין מלבוש.

אין פאַלצקאַמער האָט מען געקאָנט זיך אָנהערן אַ וועלט מיט מעשיות, געשיכטעס פון פאַרצייטנס, ווען דאָס אָרט דאָ איז נאָך געווען קליין. די נחלות אַרומגענומען מיט שמאָלע הייף. שטאָט, אָפּגערוקט פון איר אין ווייטן שטח. אַריינקומען אַהער, האָט געהייסן ווי גיין אין אַ צווייטן ישוב.

אַמיינסטן האָט דערפון געוווּסט צו דערציילן דער אַלטער אייזיק. אייזיק באַוואַקסן מיט יאָרן ווי אַן אַלטער בוים מיט מעך, ווען אַן עלטער ער האָט פאַר קיינעם נישט אויסגעזאָגט, האָט געדענקט זאַכן, וואָס זענען שוין פון לאַנג געווען פאַרלאָפן, פאַרגעסן פון מענטשנס זכרון, פאַרדעקט מיט שטויב פון דער צייט. וואָרעם ווער, למשל, פון די היינטיקע האָט געדענקט, אַז אַמאָל אין דער אַלטער צייט, האָט קיינער נישט געטאָרט פאַרלייגן אַ גאַרבעריי אָן צו נעמען רשות פון שטאָט־פּרנס. די נחלה האָט מען אויסער די אייגענע יורשים נישט געקענט אַוועקגעבן און אויך מיטן רשות פון דער קהילה; ווער פון די יינגערע גאַרבערס האָט בכלל געוווּסט, אַז אַמאָל אין יענע צייטן, אין די חול־המועדן, פלעגן אַרומגיין איבער די גאַרבער־הייף צוויי אָנגעזעענע בעלי־בתים, נכבדים, מיט אַ גרויסע רויטע פאַטשיילע אין האַנט, נעמען פדיון פאַר אָרעמע כלות, אַזאַ מין אויסקויף־געלט פאַר די חול המועדיקע אַרבעטס־טעג. אַריינגעקומען איז מען מיט צערעמאָנישן פאַראַד, אויסגערופן דעם נאָמען הויך אויפן קול, מיט אַ געדרייטן „יעמוד", ווי מען וואָלט דאָס געקומען אויפרופן אַ חתן צו חתן־תורה. דער באַלעבאָס אַ ביסל פאַרשעמט, צעטומלט, האָט אין פאַרלעגנהייט געקניפּלט פון טייסטער, געקרעכצט און געסילוקט, באַדויערט די פּאַר גילדן און נאָכגעווונטשן: „מערטשעם איבער אַ יאָר אין פריידן"... ווער האָט זיך דאָס גאָר היינט דערמאָנט, אַז אַמאָל־אַמאָל, האָט אַ גאַרבער געוויקט פעלן אין שעפּל, געהאַלטן אין שטוב פאַרוקט אין ווינקל ווי אַ פסחדיקע טינדל

באַרשט. אויסגעאַרבעט האָט מען אַמערסטן „סוראָווצע״ (האַלב־רויע לע־דער). ווינטער האָט מען געגאָסן הייסע טשייניקעס וואַסער אויף די פאַרפרוירענע פעסלעך אויפצוטייען. געשאָבן די האָר האָט מען מיט אַ סערפּל. אין די פּראַסטיקע טעג האָט מען געטריקנט די פעלעכלעך ביים געהייצטן אויוון ווי שטיקלעך וועש. דעם גאַנצן ווינטער האָט מען גע־געסן קאַרטאָפל, קילעריבן, קרויט, ווייניק ברויט, נישט געוועזן מיט וואָס צו קויפן. אויפן זומער האָט מען געוואַרט ווי אויף משיחן...

איזיק האָט פון דעם אַלעם געוווּסט. ביי זיינע טיפע זיבעציקער יאָרן, האָט ער אַליין נאָך אַ סך געזען, געהערט און ליב געהאַט איבערצו־דערציילן.

איזיק, אַ נידעריק געפּאַקט ידל מיט אַ געבערגלט רונדיקער פּלייצע, ווי אַ קיילעכיקער האָרב, קליינע, זיך גליטשנדיקע אויגעלעך, טיף באַהאַלטן אונטערן שטערן, קוקן מייזלדיק אַפּער. בלינצלען אויף וועמען זייטיק און דאַכטן דאַכט אויס, זיי חוזקן גאָר פון יענעם. זיינע האָר, דינע גראָע פלאַקסלעך וואַקסן לאַנג, פאַלן שיטערלעך איבער די אויערן, שלייפן שטערן, ווי ביי אַ פאַרטרודעט פויערל. איזיק איז נאָך פול מיט באַוועגונג, מיט רירעוודיקייט. בריהט זיך מיט דער מלאכה נישט ערגער פון א יונגן פועל; דאָס שווערע בהמהשע שטיק חומר, ליגט פאַר אים אויף דער קאָזלע מיט הכנעה, וואַרט אויף דעם באַריר פון זיינע פינגער. אַ מינוט קוקט ער זיך דערין איין, ווי דער קאָמאַנדיר פאַר דער שלאַכט אין דער מאַפּע, טוט עס אַ טרייסל אַהין־אַהער. אַ פיר מיט דער „שטאָל״, געטונקען אין טראָן, איבער דער קרום געבויגענע שאַרף און שוין גליטשט זיך דאָס מעסער לייכט אין שיפּוע ווי אַ קאָסע איבער די זאַנגען אין פעלד. ס׳פאַלט דרויב, ס׳רייניקט זיך אָפּ אַ ברייטער העלער שטריף ווי אַן אָפּגעקאָסעט פעלד־פאַס. באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער. עס ווערט איין ברייט. עס דאַכט די בהמהשע פעל ציטערט אונטער די שניטן. אָבער אייזיקס הענט באַרואיקן זי: „שאַ, וועסט קריגן אַ שיינעם אויסזען, אַ גלאַטיקע הויט, זיין צום געפעלן... אַרום אייזיקס פיס פאַלן לעדערנע סטרוזשקעס, אַזאַ ברוין געקרייזלט היבלאַכץ, באַדעקן זיינע קני, נאַגאַוויצעס שפּרינגען אויף אים ווי לעבע־

דיקע ברואים. אייזיק קוקט זיך אויף זיי נישט אום. עס אַרט אים נישט. אָבער מיט אַמאָל טוט ער אַ שאַרכע מיטן פוס ווי ער וואָלט עפּעס פון זיך אָפּגעיאָגט. זיי פאַלן אַראָפּ. דעמלט גלייכט ער אויס דעם געבויגענעם רוקן. טוט אַ צערטלעכן שאַר איבערן אָפּגעפּאַלצטן לעדער־לייב, ווי אַ זיידעשע האַנט איבער אַ קינדס קעפּל. וואַרפט עס איבער אויף אַן אַנ־דערער זייט און איינהויקערנדיק די פּליצע, נעמט ער ווידער טאָן דאָס זעלבע. פּירט דאָס מעסער אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ, ריטמיש, מיט געניטער זיכערקייט, ווי אַ סמיטשיק איבער אַ פידל. אייזיקס קול קומט אָפּער פון אונטער דער קאָזלע ווי פון אַ טיפעניש.

— פּכע... וואָס ווייסן זיי די היינטיקע וואָס אַמאָל איז געווען, אַמאָל... האָ האָ, נישט דאָס וואָס היינט.

זיין שטים גייט איבער אויף אַ העכערן קלאַנג.

— אָט, למשל, נעבן אונדז האָט געוווינט אַ שכן, יואלקע האָט מען אים גערופן, האָט ער די גאַרבעריי געפירט ווינטער אין שטוב, זומער אין דרויסן, אין דער איינציקער קאַמער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אין אָט דער דאָזיקער קאַמער האָט זיך געמיעסטעט זיין גאַנץ האָב און גוטס: דאָס גאַרבפאַס, קאַלכגרוב, ס׳געשטעל צום רעקן, און אַפילו דער ברונעם — אַ גרוב אין דער ערד, אין וועלכן דאָס וואַסער איז געווען באַדעקט מיט גרינעם שימל ווי די זומפּ ביי דער היגער רזשעקע. יואלקע האָט דאָס וואַסער גענוצט צו דער אַרבעט און אויך אין שטוב צום טרינקען און צום קאָכן. און זעטס, ס׳האָט אים גאָרנישט געשאַדט. דער דאָזיקער יואלקע פלעגט גיין אויסזוכן די גאַרב־מיטלען אַליין אין וואַלד. און אַז ער האָט געזען די גאַרב איז שוואַך, נישט גוט אָנגענומען, האָט ער, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַריינגעמשתינט אין פאַס: „איצט וועט עס זיך גוט אָננעמען — האָט ער געזאָגט — שתנה איז אַ שאַרף מיטל, העלפט קרעפטיק, אויסגאַרבן״. דעריבער האָט מען אים גערופן יואלקע פּי...

אַ געלעכטער. העכער פון אַלעמען לאַכט פתחיה לייטשעס. זיין קולכל קלינגט אָפּ מיט אַ הויך דין צעצויגן דיסקאַנטל. פתחיהס ציגנבערדל, ווי צוגעקלעפּט צום שמאָלן פּנים, טרייסלט זיך, שטעלט זיך קאַפּויער ווי ביי אַ פאַרוווּנדערטן באָק, ווען ער פאַרייסט דעם קאָפּ צום הימל.

פּתחיה האָט ליב צו הערן מעשיות, מיט סכנות. און דעם אַלטנס דערציי־לונגען — מחיה נפשות. אַ גאַנצע פאַרווײַלונג איז עס פאַר אים.

פּתחיה איז נאָך אַ יונגער מענטש. סך־הכל אַ העלפט פון אײַזיקן. דער גוף בײַ אים אַ דינער, אַ מאָגערער, בייגט זיך ווי אַ דינע רוט. די ווייסלען אין די אויגנקאַריטעס זענען בײַ אים גרויסע, אַרויסגעבולטע און האָבן אין זיך אויך אַזוינע גרויסע פאַרגאַפטע מענטשעלעך. זיי גיבן אַ טיק אַהין און צוריק, בלײַבן רוען.

דאָס גאַנצע אָנגעזיכט, וואָס קוקט אַראָפּ פון פּתחיהן איז אומעטיקלעך, אָפּגעכוימערט, עפּעס ווי פון אַ געחתמעטן אַרעמאַן, וואָס וואַרט שוין גאַרנישט אויף בעסערס, פאַרגינט זיך אָבער נאָך אַמאָל אויסצולאַכן, אַ שמייכל טאָן פון די צרות. אין גרויסער הנאה פון דער דערציילטער מעשה, שטעלט פּתחיה אָפּ אויף אַ רגע די הענט, שיקט אַהין צו אײַזיקן זײַנע טונקעלע אויגן וואָס געווײנלעך זענען זיי שטיל, אונטערטעניק און זײַן גלעקלדיק יינגלעריש קולכל צעכיכעט זיך נאָך העכער.

— כי, כי, כי!... דאָס הייסט מיך אויך אַ גאַרבער. אַזאַ גאַרבער וואָלט איך אויך געקאָנט זײַן.

— אַוודאי, פאַרשטייט זיך, אַריינמשתינען וואָלסטו אויך געקענט און עמעצער פון דער שטוב וואָלט דיר נאָך צוגעהאָלפן — טוט אים אײַזיק אַ שמיץ מיט זײַן שאַרף חוזקדיק צינגל.

אַברהם שווייגט. זײַנע ברעמען־דעכלעך זענען טיף אַראָפּגעלאָזט. די הענט פאַרנומען מיט אַ וואָס נאָר אויסגעוועבדיקטער אָפּגעפּאַלצטער יוכט, וואָס אײַזיק האָט אַוועקגעלייגט. אברהם באַקוקט זי אויפמערקזאַם. די ליפּן אָן שמייכל. ער איז דאָך נישט דער נאַרישער פּתחיה, ר'זאָל זיך אַוועקשטעלן לאַכן איבער אַ ליאַדע מעשה פון אַלטן פלוידערער. אַברהם פּירט מיט די פינגער איבער דער „ליץ" באַטאַפּט די מעזדערע, זעט ס'איז געװוג ווייך, עלאַסטיש. גיט זיך נאָך ווי אַ שוואָם; דער אַלטער האָט גאָלדענע הענט — טראַכט ער — דאָס איז אמת. גיט אַרויס אַ שטיקל אַרבעט מייסטעריש. אַ מויל האָט ער נאָר אַ לויפנדיקס ווי בײַ אַ יידענע, פּלאַפּלט, רעדט, קלאַפּט דעם קאָפּ. דעם אַלטנס דערציילונגען גלייבט ער סיי ווי נישט. די מעשה מיט יואלקן מוז ער האָבן געהערט פון עמעצן

אַ לץ. אָדער אַליין גאָר צוגעטראַכט. עפּעס קאָן זיין איז יאָ געווען. נאָר נישט אַזוי, ווי ער דערציילט. מאַלע, וואָס מען דערציילט זיך אַלץ אָן אין גאַס. ווייניק מעשיות שפּאַצירן אַרום? ער געדענקט נאָך פון דער יינג, ווי מ׳פלעגט אַמאָל זיך שושקען אין די אויערן, פון אַזעלכע באַלע־באַטים, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט נישט גוטע רחמנא ליצלן. יענע פלעגן קומען אין די נעכט און פאַר זיי אויסאַרבעטן די גאַנצע סחורה. צומאָרגנס אינדערפרי, מ׳איז אַרויסגעקומען אין הויף, האָט מען אָנגע־טראָפן גאַנצע קופּעס פּאַרטיק אויסגעאַרבעטע פעלן. נו, איז דאָס געווען אמת?

— ר׳ אברהם, ס׳איז וואָר וואָס אייזיק דערציילט? — קען זיך פּתחיה נישט איינהאַלטן אין זיין נייגעריקייט. זוכט ביים באַלעבאָס גבית־עדות.

— כ׳בין נישט דערביי געשטאַנען, כ׳ווייס נישט — זאָגט אַברהם קורץ, אויף אָפּצופּטרן. קאָן זיך אָבער דאָך נישט איינהאַלטן. ס׳ליגט אים אויף דער צונג יאָ עפּעס צו זאָגן. לייגט אָפּ די פעל אויף די אַנדערע פּאַרטיקע און גיט צו מיט זיין רואיק געוווינעגעם קול:

— דאָס וואָס אייזיק דערציילט, קאָן זיין ס׳איז יאָ געווען און נישט געווען. און אפשר גאָר אן אויסגעטראַכטע מעשה. אָבער אַז מען האָט געגאַרבט אַמאָל מיט אויסגעזוכטע קרייטעכצער, מיט אָפּגעפּאַלענער קאָרע, און מיט נאָך אַזעלכע מיטלען, אַפילו ווי הינטישע־צואה, דאָס האָב איך יונגערהייט יאָ געהערט. אונדזער זיידע ווייס איך, האָט אַליין אויך אין די ערשטע יאָרן געשיקט די קינדער אין וואַלד, אויסזוכן אַזוינע מינים וואָרצלען, וואָס ער האָט געגעבן זייער סימן. און מען האָט דאָס גענוצט צוהילף, צום אויסגאַרבן די פעלן.

— טע, טע, אייער זיידע, אַ קלייניקייט! ביי ר׳ אשר לעווקינד איז דאָך שוין געווען אַ גבירישע שטוב. אין זיין צייט האָט זיך ר׳ אשר גערעכנט פאַר אַ שטיק עושר. ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, געדענק איך, האָט מען גערעדט וועגן זיין הויף, וועגן זיין גרויסער פּרנסה... מיין טאַטע האָט דאָך ביי אים געאַרבעט — ענטפערט אויף דעם אָפּ אייזיק.

אייזיק שפּרייט איצט אויס אַ ניי לעדער איבער דער קאָזלע.

באַטראַכט עס מיט פאַכמענישן בליק. דאָ דאַרף מען שוין אָנגעמען אַן אַנדער אַרט אַרבעט. ס׳גייט אויף פשישוועס. מוז זיין גלאַטיק ווי אַ שפּיגל. ווידער טינקט ער דאָס שטילעטל אין בוימל. פירט אַדורך מיטן שפּיץ איבערן שאַרף פון פאַלצמעסער, בייגט איין דעם רוקן און ווידער גענעמט, צוגעדריקט, לייגט אָן צו... [illegible]

געמען די הענט שווימען אַרויף־אַראָפּ און דאָס מויל פּליסט מיט רייד.

— אַמאָל הערסטו... אַמאָל זענען די מענטשן געווען קלוג, געוווסט ווי צו לעבן, אַ הנאה האָבן פון די פּאָר יאָר. אַריינגעוואַקסן ביז פּרוכנע... ער דער זעלבער יואלקע האָט אָנגעצויגן ביז אין די טיפע ניינציקער. געווען געזונט ווי אַ וועלטשענע נוס. אויף דער עלטער האָט ער געכאַפּט נאָך אַ יונג ווייב, אַ געזונטע נקבה. געהאַט אין איר אַ הילף צו אַלעם, צו דער קיך, צום פּאַס און צו דערוואַרעמען זיך אין די נעכט די ביינער. כ׳זאָג נישט קיין ליגנט. אַנדערע וויסן עס אויך. דער יואלקע איז געווען מיט זיין געזונטקייט אַ שם אין גאַס. ער פלעגט שווענקען אין גרעסטן כּראָסט די פעלן אין דרויסן: די לעדערס האָבן זיך באַדעקט מיט אייז־הייטלעך און דאָס זעלבע זיינע הענט. צעהענגגנדיק זיי איבער די דרענגער, האָבן זיינע פינגער זיך צוגעקלעפּט צום געהילץ, נישט געקענט אַראָפּ־נעמען. געווען אין יענע צייטן אַביסל פרעסט. האַ־האָ, נישט ווי היינט! דערפאַר אָבער ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט, האָט ער אַריינגערוקט אַ גאַנצע שיסל מיט קאַרטאָפל־קליסקעס, אַזש דער בויך איז אים אויפגעגאַנגען ווי ביי אַ טראַגנדיקער יידענע... און טאָמער האָט געטראָפן ער איז אַמאָל קראַנק געוואָרן (זעלטן טאַקע אַמאָל), האָט ער נישט געלאָזט רופן קיין פעלדשער, געהייסן זיך שטעלן עטלעכע טיי־גלעזער אויפן רוקן, ווי מען טוט עס היינט מיט די באַנקעס. אַראָפּגעצויגן אין זיך אַ גלאָז אָקעוויט דורכגעמישט מיט פעפער, איבערגעלעגן אַ טאָג צוויי, אויפגעשטאַנען געזונט און אַרויס צוריק צו דער אַרבעט.

די מעשה געפעלט פתחיהן נאָך שענער. ער צעהילעכט זיך נאָך מער מיט זיין גלעקל־שטים. שטעלט אויס דאָס ציגנבערדל אין מעקעניש צו אייזיקן:

— כאַ־כאַ־כאַ, אַנישט קשהדיקער רעצעפּט, אַ גלאָז אָקעוויט, או־או, ער מוז זיך האָבן גוט דערוואַרעמט.

— ניין, וואָדען, ווי דו. אַביסל ריצנאייל אויף אָפּפּירונג, אָדער אַביסל אָפּגעצוקערטן טיי?

— ר' אברהם, ס'איז טאָקע אַזוי געווען? — זוכט פתחיה ווידער אַ באַשטעטיקונג ביים באַלעבאָס.

— ס'איז אמת — באַשטעטיקט אברהם. ער באַטראַכט אַצינד אַ בוקאַט וואָס פתחיה האָט אַוועקגעלייגט: אַ קליין בהמהלע, אָבער אַ פיינס. פתחיה איז ערשט אָן אונטערגעזעצלן. אַרבעט ביי קלענערע זאַכן. „אָבער ער וועט זיך אויסאַרבעטן" טראַכט אַברהם, און פאַרטראַכטערהייט גייען די ווערטער פון זיין מויל אַרויס, אַלץ ענטפער אויף פתחיהס פרעגן.

— אַמאָל האָט מען דאָ אין גאַס נישט געוווּסט אַנדערש, ווי היילן זיך מיט אָקעוויט. די בעסטע רפואה ביי אַ שלאָפּקייט איז געווען אַ גלאָז בראָנפן מיט פּעפער. ביי אַ שטאַרקן מענטש, אַמאָל אויך צוויי; דאָס האָט צעהיצט די אינגעווייד, די ביינער און געזונט געמאַכט. אַ טיי־גלאָז אַלס באַנקע האָט מען אויך טאָקע געשטעלט. ס'האָט אָנגעצויגן ווי אַ פויסט, צעריבן דאָס בלוט.

— היינט ווייסן זיי גאָרנישט פון דעם. באַלד וואָס נאָר עפּעס, לויפט מען צום דאָקטער, צום יאָקטער — חוזקט אָפּ אייזיק.

„צום דאָקטער..." — פתחיה הערט זיין אייגן קול שטיל אין זיך אָפּברומען. דאָס וואָרט „דאָקטער" דערמאָנט אים אַ מעשה, וואָס האָט נישט לאַנג געטראָפן אין זיין אייגענער שטוב. אַנומלט ביינאַכט, האָט יאַנקעלע דאָס יינגסטע קינד זיך פאַרהוסט מיט אַזעלכע שרעקלעכע קולות, אַז ס'האָט די ווענט פאַרגלישעט. זיי זענען שוין געלעגן אין די בעטן. ער פתחיה אין ערשטן שלאָף, געהערט ס'וויב וועקט אים: „פתחיה ס'קינד שטיקט זיך. קאָן זיך חלילה עקן. הייב דיך אויף!" ער האָט זיך געפילט אַזוי מיד, נישט געקענט עפענען די אויגן. רויזע איז אַוועק צום קינד און באַלד צוריקגעקומען, גענומען אים נאָך שטאַרקער טאַרגען: „גיב אַ קוק. ס'איז אינגאַנצן בלאָ. פתחיה וואָס ליגסטו? הייב דיך אויף, לויף צום דאָקטער". ס'איז אים שווער געווען דאָס אויפשטיין און אַראָפּקריכן פון געלעגער; די אויגנדעקלעך האָבן זיך ביי אים געקלעפּט ווי מיט קליי. די אברים געליימט: אפילו אין דער נאַכט לאָזט מען אים נישט רוען —

האָט ער שיער געוויינט. ענדלעך האָט ער זיך אַראָפּגערירט. נישט געקענט אַריינטרעפן מיט די פיס אין די נאָגאַוויצעס. די שיך האָבן געשוועכט אויף אים איצט ווי צענטנערס. די גאַנצע שווערע מידקייט פון אַרבעטס־טאָג, איז געוועזן אויף אים אָפּגעלייגט. קיין שום גליד האָט נישט געוואָלט פאָלגן: צו וואָס טויג אים אַזאַ לעבן, אַ ווייב מיט קינדער, אַז ער האָט נישט קיין מנוחה אַפילו ביינאַכט — איז אים אַדורך אין צעפּייניקטן מוח — בעסער וואָלט ער געווען אַ שטיין, וואָלט ער געקענט כאָטש רואיק ליגן אויף זיין אָרט. ווען ער האָט שוין געהאַלטן די קלאַמקע אין האַנט, געוואָלט אַרויסגיין, האָט דאָס קינד אין אַ גוטער מינוט זיך איינגעשטילט. פאַרמאַכט די אייגעלעך און שאַ־שטיל... ער איז צו צום וויגעלע, געזען ס׳אָטעמט רואיק און די מראה אויפן פנימל איז צוריק אַ העלע, אַ נאָרמאַלע. ער האָט זיך אַזוי דערפרייט, דאָס יינגעלע ליב געקריגן, וואָס האָט אים איינגעשפּאָרט דעם וועג, אַז ער איז גרייט געווען עס אַרומכאַפּן, אויסקושן. שנעל האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די זאַכן, אַריין צוריק אין בעט. נאָך פריילעכער זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער דעק, איינגעהילט זיך מיט איר ביז איבערן האַלדז און גלייך איינגעשלאָפן.

„דאָס איז דער מזל פון אָרעמאַן, פון מיד אָנגעאַרבעטן מענטשן — קומט פּתחיה צום אויספיר — דאָס ביסל שלאָף איז אים זיסער פון ברויט!"

צו פּתחיהס אויערן דערטראָגט זיך ווידער אייזיקס קול. די הענט וויאַסלעווען ביי אים ווי אַ פישער אין שיפל מיט די וויאַסלעס און דאָס מויל שלאָגט מיט פּאַליעס:

— ע, אַמאָליקע צייטן, וואָס איז דאָ צו רעדן... ווי קלוג און אויסגע־רעכנט די לייט האָבן געלעבט... וועלכער גאַרבער האָט דאָס נישט געהאַט ליגן אַ טאָרבע געלט אונטערן צוקאָפּנס, געמאַכט אים חלומען זיסע חלומות, און וועלכער מאַן האָט דאָס געגעבן סתם געלט דער יידינע אין האַנט אַריין? מען האָט צוגעטיילט גראָשן ביי גראָשן און זי האָט געמוזט אָפּגעבן חשבון פון יעדער געקויפטער זאַך, פון קווערטל נאָפּט, פון פונטל צוקער, פון מעסטל בעבעלעך. נישט ווי היינט, מען גיט איר אין האַנט: נאָ. און אַז אַ באַלעבאָס האָט ביים אָפּשטאַרבן נישט איבערגעלאָזט

ס׳דריטע ווייב, איז ער קיין מענטש נישט געווען. דריי ווייבער האָט אַזאַ איינער געמוזט איבערלעבן...

פּתחיה האָלט דאָס שוין נישט אויס, ממש צום פּלאַצן פון געלעכטער:

— אוי טאַטעלע, אַזש דריי ווייבער, ווי קען מען דאָס אויסהאַלטן?

— דו וועסט ביי איינער אויך נישט אויסהאַלטן. אַזאַ גרוגרת ווי דו ביסט — גיט אים אייזיק אַ רעשט.

„ס׳איז אמת — טראַכט פּתחיה ווידער אין זיך, דער אַלטער האָט רעכט. ס׳איז אים נישט לייכט מיט זיין איינער, די רויזל. ער לעקט נישט ביי איר קיין האָניק. גייט ווי אויף שפּיציקע שטיינדלעך... וואָס האָט ער אייגנטלעך צו איר, זיין רויזל? גאָרנישט. זי וויל עסן, געלט, העמדלעך און שיכלעך פאַר די קינדער. אַ קלייד אויף זיך אַליין, און ער האָט נישט צו געבן. וואָלט ער יאָ געהאַט צו געבן, וואָלט זי צו אים געווען גוט, געלאָזט אים רואיק לעבן. געשענקט אים נאָך אַפילו אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל. ווייל אין דער אמתן איז זי נישט קיין שלעכטע. זי טוט אַלץ אין שטוב, וואָס מען באַדאַרפט: קאָכט, וואַשט, רוימט, רייניקט, פאַריכט, פאַרלאַטעט. וואַרפט אים צו אַלעמאָל אַ ניי געבוירנס: אַ יינגל, אַ מיידל. ביי אַ יינגל איז שוין אַ חזקה צו געבן סנדקאות ר׳ אברהמען. ר׳ אברהם האַלט אויס כמעט אַ האַלבע סעודה. שיקט אַריין ביר, בראָנפן, ווייַן צום בענטשן. ר׳ אברהם לאָזט זיך אויך אָנזען מיט זיין שיינער געשטאַלט אויבנאָן ביים טיש, באַשיינט אים זיין אָרעמע שמחה.

לויט ווי ער האָט היינט געכאַפּט אַ קוק אויף רויזלס בויך, האַלט עס שוין נישט ווייט... ער וויסט נישט גענוי דעם חשבון. זי זאָגט אים נישט אויס. נאָר ער איז זיך משער, ס׳וועט אוודאי געשען אין אַ ליאַדע האָך. אַזוי גלייבט ער. ר׳וואָלט געוואָלט אַפילו איצט געבן אָנצוזעהערן ר׳ אברהמען, אַז ס׳איז זיך דאָ אויף וואָס צו ריכטן. קאָן זיין אַ ניי סנדקאות.

ביי פּתחיהן פאַרגייט פלוצעם דאָס געלעכטער. די אויגן טרינקען זיך אָן מיט יענעם שטילן אומעט, ווען ס׳באַפאַלט אים די זאָרג. די הייטלעך פאַרציען זיך אין האַלבע שפּעלטלעך ווי ביי אַ הון. ער קערט

גאָרבער־גאַס

פּאַמעלעך אום דעם קאָפּ צו ר׳ אברהמען, קוקט אַ מינוט אין שוויגן. טוט אַ קרעכץ. אברהמען געפעלט נישט דער קרעכץ.

— וואָס קרעכצסטו פּתחיה, האָסט זיך אין עפּעס דערמאָנט? — פרעגט אַברהם אויף טשעקאַוועס.

— זיך דערמאָנט, ווי דען... — ענטפערט צוריק אָפּ פּתחיה — ס׳דערמאָנט זיך אַליין...

— זיין קרעכץ איז זיכער נישט אויף בחינם. ער קרעכצט, ווייל מסתם וועט זיין ווייב באַלד דאַרפן קרעכצן, קרייסן... — וואַרפט אַריין אייזיק פון זיין זייט. אַייזיק ווייסט, ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ צווישנגערייד, צווישן באַלעבאָס מיט פּתחיהן. און טאַקע גלייך הייבט עס זיך אָן. אברהם פרעגט:

— האָ, פּתחיה, ס׳איז אמת, וואָס אייזיק זאָגט?

— אמת ויציב...

— וואָס שוין אין וועג?

— שוין באַלד ביי דער ראָגאַטקע...

— נו איז וואָסזשע דאָ צו קרעכצן. דאַרפסטו זיך גאָר פרייען. וועסט ווערן אַ נייער טאַטע, און דיר וועט נישט ווי טאָן. און אַ בעל־שמחה וועסטו זיין.

— ס׳טוט אָבער שפּעטער ווי, ר׳ אברהם קרוין; ס׳ווערט שווערער נאָך אַ פּיסקל צו קאָרמענען. כ׳האָב אַזוי אויך ס׳אויסרייסעניש, אויסהאַלטן אָן עין הרע אַ שטוב מיט פּיקערס, זיי זאָלן מיר זיין געזונט. ס׳טאַרשעט נישט ר׳ אברהם.

פּתחיה זאָגט עס שוין מיט אַ קול אָנגעזאַפּט מיט דאגה, מיט זאָרגעניש און אויך מיט אָנצוגעהערן, ווי ער וואָלט געוואָלט, דער באַלעבאָס זאָל זיך אָנשטויסן אין זיין כוונה, פאַרשטיין דער לוין איז צו ווייניק, ער זאָל אים מוסיף זיין.

אָבער דער באַלעבאָס דערטראַכט זיך צו גאָר עפּעס אַנדערש.

— רעדסט נאַרישקייטן פּתחיה, וויפל איז ביי ענק געווען אין דער היים, צען, עלף, צוועלף?

— אַזאַ ערך.

— און דאָס עשירות איז געווען גרעסער ווי ביי דיר?

— אויך נישט.

— נו זעסטו שוין, ס'איז קיינער פון ענק חלילה נישט אַוועקגעפאַלן. אַלע האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט. קינדער שפּייזן זיך פון ברעקלעך ווי הינער און קומען אַרויס מענטשן.

— דאָס איז אויך אמת — שטימט פּתחיה בעל כרחו מיט אים איין — איך זע דאָך דאָס ביי מיר אַליין...

אייזיק לאָזט אויך דאָ נישט אַדורך:

— דערפאַר שלאָפט ער טאַקע נישט פּתחי'ה. רודערט מיט די פלוספעדערן, היט אָפּ די מצווה... און פאַרוואָס טאַקע נישט. ס'איז בלויז פאַר די עשירים געמאַכט?

דער אַלטער בייגט אָפּ דעם קאָפּ, טוט אַ שיקל אַהין אין באַלעבאָס זייט, גלייך צו פּתחיהן. די אויגן פיל מיט הלצה, מאַכט זיך אָפּזיפצן.

— דאָס איינע כאַטש, וואָס דער רבונו של עולם האָט נישט פאַרמיטן פון אָרעמאַן. דאָס איינע פאַרגעניגן פון אים נישט צוגענומען. לאָזט זיך אַן אָרעמאַן אויך אַביסל וווילגיין, הנאה האָבן פון דער וועלט... פאַרגינט זיך אַזאַ פּתחיה אויך אַריינכאַפּן אַ קאָפּ עולם־הזה. פאַרוואָס טאַקע נישט...

אַלע לאַכן. דאָסמאָל שמייכלט אויך מיט דער באַלעבאָס.

אַברהם דערמאָנט זיך, ס'איז שוין גענוג אויף היינט. ער דאַרף נאָך אַ קוק טאָן אין דער שאַפע. מ'דאַרף אָנשניידן אַ פּאָר מערערע קערב דאָמב, צושיטן צו די גרויסע פעסער. און גלאָט איז דאָס צופיל רעדן נישט קיין מעלה פאַר דער אַרבעט. טוט ער נאָך אַ בליק דאָ און דאָרט. זאָגט: „נו חברה רודערט שוין צו אַביסל מיט די הענט. גענוג געבטלט. איך גיי אַוועק. איילט צו מיט די פאָר שטיקלעך. מען דאַרף נאָך טאָן היינט אַן אַנדער אַרבעט" און לאָזט זיך אַרויס.

*

צו מיטיק־שעה קומט אַברהם אַריין אין שטוב. מרים דאָס ווייב וואַרט שוין אויף אים. זי הערט זיינע טריט נאָך פון דרויסן, קרעפּטיק, גע־

זונטע, מיט אָפּקלאַנג, שמייכלט. מרים איז זויבער אָנגעטאָן, מיט אַ יונג באַ־בע־פּנים, די געפּוצטע הויב חנדלדיק פאַרלייגט אויף איר קאָפּ. זי טריטלט אים אַנטקעגן מיט לייכטן גאַנג, מיט גוטן שמייכעלע, ווען ער באַוויזט זיך אויף דער שוועל — עלעהיי, ר׳וואָלט איצט געקומען פון ווייטן וועג און זי טוט אים עמפּאַנגען.

— גוט אברהמשי, וואָס ביסט שוין דאָ, כ׳וואַרט אויף דיר. וואַש דיר אָפּ די הענט, וועל איך דיר געבן ס׳האַרץ צו דערכאַפּן.

זי שטעלט אַוועק פאַר אים די שעפּ וואַסער אויפן וואַשגעשטעל, גרייט צו דאָס האַנטעך.

אברהם וואַשט די הענט מיט געלאַסנקייט, מיט נעימות, זייפט און שווענקט. די הויט שוין צוגעוווינט צו די אַלע שאַרפע מאַטעריאַלן, אַריינגעזאַפּטע פון אַלע יאָרן און אויך צום וואַסער, ווערט גאַרנישט העלער. אויך די איינגעגעסענע געלע פלעקן פון אונטער די נעגל, — דער סימן־מובהק פון אַ גאַרבער, וועלן נישט אָפּגיין. דאָס בלייבט אויפן גאַנצן לעבן ביזן סוף. דאָך פון געוווינהייט רייבט ער זיי, שווענקט ווידער, ווישט אָפּ מיטן האַנטעך, קוקט זיך אום צו זיין מרים, זאָגט מיט שמייכל:

— וואָס האָסטו אַזוינס פאַר מיר מיין ווייב גוטס אָנגעגרייט?

— פאַר דיר אַלדאָס בעסטע אַברהמשי. זעץ דיך צו, איך ברענג דיר גלייך.

אברהם זעצט זיך צו אין צווייטן צימער, אויף דעם מיט לעדער באַצויגענעם טשעשליאָן. לענט אָן דעם רוקן אין דער אויסגעבעטער וואַנט. די פיס צעשטעלן זיך פון אייגענעם ווילן, פריי, אָפּגעלאָזן. אָטעמט אָפּ. דאָס איז ביי אים אַזאַ פריי־פאַרמיטיק אָפּרוען. ער נעמט צו דעם עקסטראַ פאַר אים צוגעגרייטן טרונק, וואָס מרים מאַכט אים אַזוי גוט און געשמאַק: אָפּגעצוקערט געזאָטן וואַסער, דורכגעמישט מיט לימענע, מיט נאָך עפּעס שמעקנדיקס — היימישער לימאַנאַד, און אויף אַ צולאָג אַ פּאָר מאַנקיכלעך.

אברהם מאַכט אַ ברכה, נעמט טרינקען, זופּט פאַמעלעך שליק נאָך שליק, פאַרבייסט אַ קיכל. טוט עס מיט מנוחה, נישט געאיילט. ס׳איז

נישטאָ זיך וואָס צו יאָגן. די איצטיקע יאָרן זענען געגעבן נאָר אויף אַ הנאה צו האָבן פון זיי. פילן די הרחבה. דאַרף מען זיי נישט פאַרטרייבן. יעדע רגע איז אַ שאָד. וואָרעם ווען דען דערפילט מען דעם ריכטיקן טעם פון לעבן, אויב נישט איצט אויף דער רואיקער עלטער. די יונגע טעג זענען פול מיט אומרו, מיט איינרייסעניש, מיט קנאה און צאַפּלעניש. מיט נישט פאַרגינערישקייט. מיט אומגעזעטיקטן הונגער נאָך אַלץ און אַלעמען, כאָטש די גאַנצע וועלט איינשלינגען. הײַנט איז דאָס וואַסער איינגעשטילט. פליסט מיט זיין רואיקן גאַנג אין דער אויסגעבעטער קאַריטע — טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה. דער איינציקער באַגער: אָנהאַלטן דאָס ווייטערדיקע שטילע פליסן, איינהאַלטן דאָס לעבן, די כוחות, אויף וויפל גאָט וועט געבן.

איצט האָט ער אויך אַביסל צייט אומקוקן זיך אויף אַ הינטער, אויף דעם פאַרגאַנגענעם — זיין צעוואַקסענער בוים מיט זיינע צווייגן, בלעטער, פּירות, וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן.

...יאָ, זיין שטאַמבוים האָט ברוך השם געפרוכטיקט מיט שיינע געזונטע צווייגן און פרוכטן, וואָס מאַכן שוין שפּראָצן אַנדערע פרישע צווייגלעך און פּירות. זיי קריינען אַרום זיין קאָפּ! זיין נאָמען איז אַרומגענומען מיט כבוד ביי מענטשן. אין שיל, אין גאַס. זיינע קינדער — הערש־איציק, גאָלדעלע, שמעון, דבורה — פון אַלע האָט ער דאַנקען גאָט, נחת. ער באַדאַרף נאָך חתונה מאַכן חיים אַלטערן. שפּעטער די צוויי איינקלעך, מנשה און עליע (דער נדן און אַלדאָס נויטיקע איז אַדאַנק דעם אין הימל פאַר זיי אָנגעגרייט) און ער בלייבט מיט זיין מרימען, גאָט זאָל געבן אין זייער גוטער עלטער, „דזשאַד ז׳ באַבאָן״. אין נחת און פרייד. יאָ, זי, מרים, איז פאַר אים אַ טייער געשאַנק. קיינער קאָן נישט וויסן, ווי זיס זי מאַכט אים דאָס לעבן. וואָס פאַראַ גוטע מתנה זי איז אים געגעבן געוואָרן פון הימל. איר שטענדיקע רואיקייט, איר ליב שמייכעלע, דער לאַכנדיקער בליק — דאָס איז אַ דערמוטיקונג, אַ דערקוויקונג. פאַריאָגט די גרייזאָטעס, ביטערנישן, וואָס זענען נישט ווייניק דאָ אין זיינע טעג. זי האָט נאָך אַלץ אין זיך די יונגע הימלעכע ווייבלעכקייט אין איר נשמה, ריכטיק ווי זי וואָלט ערשט פון אונטער

דער חופה אפער. איר פוצן און פעכלען זיך, האט אויך עפעס פון אזא יונג זיך סטראנצלנדיק ווייבל.

— מרימשי — רופט אברהם, כדי זי אהערברענגען צו זיך נענטער, כאפן מיט איר א ווארט — איך האב שוין אויסגעטרונקען. ווילסט אזוי גוט זיין...

מרים קומט צו מיט אירע שטילע טריטלעך ווי אנצושוווּמען. איר הויב זיצט היינט ווי גאר עקסטרא אוועקגעלייגט אויף איר שפיץ קאפ. שטיפעריש צעפיעסטעט. דאס סאמעטענע שלייפל קוקט אראפ צום שטערן. אויך צירלעך־מאנירלעך און אויך אזוי שפילעווּדיק זענען די פלעמלעך אויף אירע באקן. אירע אויגן מרוזשען אויך אזוי פריילעך עקסטרא, ווי זיי וואלטן זאגן: זעסט מיין מאן ווי שיין איך בין!...

„טיע־טיע, ווי דאס האט זיך ליב צו סטראָיען" — שמייכלט אברהם אין די געדאנקען, קוקנדיק אויף איר. פון אירע ערשטע יארן אזוי: תמיד צוגעקליבן אין קאלירטן קאפטנדל מיט די פארביקע קנעפלעך. דאס טשיפיקל מיט שלייפלעך, פליטערלעך, בענדלעך, שפילקעס. אפילו דאס פארטעך, וואס זי טראגט אין קיך, איז שיין אויסגעהאפטן מיט בלויע ציקעלעך ארום די ברעגעס. שפיגלט מיט זויבערקייט. זי האט א באזונדערע הנאה פון דעם צירן זיך. היינט זעט זי גאר עקסטרא אויס. ער ווייסט אויך פארוואס, מאכט זיך נישט פארשטיין.

— וואס האסטו זיך היינט עפעס אזוי אויסגעצירט מיין ווייב ווי צום גט... אין נייעם שלייף, אין נייער שערץ. פאר וועמען דאס? — מאכט זיך אברהם תמעוואטע, מיט געמאכטן חידוש, ווי די זאך וואלט אים גאר ארן.

— פאר דיר אברהמישי, פאר א מאן דארף מען זיך פוצן. געדענקסט, ווי אנומלטן שפייסענאכט ביים טיש, האט דוד ראזנקראנץ דערציילט א מעשה, פון א תנא פארצייטנס, א צדיק, ווען ער האט זיך אהיימגעקערט פארנאכט פון פעלד, פון זיין ארבעט, איז דאס ווייב אים אנטקעגנ־געגאנגען אן אויסגעצירטע אין די שענסטע קליידער און אז מען האט אים געפרעגט, פארוואס זי טוט אזוי, האט ער געזאגט: „ס'איז א מצווה פארן מאן זיך צו צירן". טו איך אויך אזוי.

— איך בין דאָך אָבער נישט קיין תנא, נישט קיין צדיק...

— ביסט אָבער מיין ליבער מאַן.

זי רעדט און די אויגן שפּילן ביי איר שטיפעריש, ווי זי זאָל מיט אים פלירטעווען. אים איז עס ליב, גוט צום האַרצן. ער וואָלט זי איצט אַפילו צוגעבערעגגט נענטער צו זיך, אַ קנופּ געטאָן אין באַק. אַזאַ גלעטנדיקס. אָבער ס'איז נישט שיין אין מיטן העלן טאָג. טוט ער זי כאַטש אַ פאַרטשעפּע מיט ליב־גוטמוטיקער שטאַכעלירונג.

— ווייבערישע מצוות. מ'ווייסט שוין... זוכן תמיד אויס אַזוינע מצווהלעך פאַר זיך. פאַר זייער פאַרגעניגן וועגן.

— אברהמשי, דאָס איז אויך אַלץ פאַרן מאַן. כדי אים צו געפעלן, אָנטאָן נחת. און ס'איז גוט אַזוי. איך ווייס, ביסט צופרידן זעסט מיך אָנגעטאָן, ריין, שיין... פאַרוואָס זאָלסטו לייקענען?

— מילא — אפשר יאָ.

מרים נעמט דאָס שעלעכל, גרייט זיך אָפּגיין אין קיך ווו ס'קאָכט זיך דער מיטיק. מאַכט עטלעכע שפּאַן, בלייבט שטיין, קוקט זיך אום און מיט נייעם שמייכל, מיט רמז:

— ווייסט כאָטש, וואָס פאַר אַ טאָג עס איז היינט?

יאָ, ער ווייסט. ווען ער זאָל נישט געדענקען, וואָלט עס אים אויך פון איר צעשיינטקייט דערמאָנט, פון איר יום־טובדיקן אויסזען: ס'איז זייער חתונה־טאָג. קיינער אין שטוב ציילט דאָס נישט. ווייסט נישט, דערקאָנט נישט. מען מאַכט נישט קיין באַזונדערע צערעמאָניעס. בלויז זייביידע געדענקען עס. און עס איז זיי ליב און גוט. טיילן זיך מיט דער שטילער פרייד.

— מילא. זיי מיר געזונט, זאָל שוין זיין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס פאַר אַן עצה האָב איך מיט דיר. — שיקט ער איר צו אַ ליבלעכע ווינטשעוואַניע.

— אָמן. פון דיין מויל אין גאָטס אויערן!

מרים גייט טענצלדיק אָפּ אין קיך.

אַברהם לייגט זיך אויס מער בריוחדיקער אויפן טשעשליאָן. לענט

גאַרבער־גאַס

אָן דעם קאָפּ אויפן וואַלעק, ציט אויס די פיס, פילט זיך גערוימער. ס׳טראַכט זיך אים אויך לייכטער: יאָ, ווי לאַנג איז דאָס אינגאַנצן, ווי זיי זענען נאָך ביידע געווען יונג. מ׳האָט זיי צוזאַמענגעבערענגט צום פעטער חיים משה אויף אַ „זעעכץ״. אַזוי ווי היינט געדענקט ער עס; זי אַ דינינקע, אַן איידעלע, איז געזעסן אויפן שפּיץ שטול, געטאָן אירס אַ האַנט־אַרבעט. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דאָס פריילעכע דרייסטע גלעכטערל. זי האָט זיך געפילט היימיש, געזעסן, גערעדט מיט די שטוביקע ווי אַן אייגענע. אַלעמאָל זייטיק אַ בליק געטאָן אויף אים און דאָס שנירלדיקע עפּעס ווי אָפּלאַכנדיקע שמייכעלע, האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אירע ליפּן. זי האָט געקוקט אויף אים, ווי אים האָט געדאַכט, מיט מיידלשער חוצפּה, מיט אַרויסרופערישקייט, ווי זי וואָלט אים דערמיט געוויזן איר „פּאַר״, איר ווערט.

ער האָט געהאַלטן, זי לאַכט פון אים. טוט אים גרינגשעצן. ווייל אַנדערש, ווי זיצט אַ כלה־מיידל, נישט דערשראָקן, פאַרשעמט. זי אַ מינדעסטן נישט. ער דאַקעגן, האָט זיך געפילט קרעמפּירט, פאַרווירט; דאָס בענקל אונטער אים האָט געקרעכצט. אויפן לייב האָט געקלעפּט אַ הייסקייט. דער קאָלנער האָט געבריט, געדריקט דעם האַלדז. אין קעל האָט געטריקנט. ער האָט געבעטן, ס׳זאָל זיך שוין וואָס שנעלער ענדיקן. ער זאָל אַרויס פון דאַנען, פּטור ווערן.

ער האָט געמיינט, ס׳וועט דערפון גאָרנישט זיין. ס׳איז אָבער באַשערט געווען און געוואָרן.

נאָך דער חתונה האָט זי אים כסדר דערמאָנט און ווידער געלאַכט. זי האָט דערמאָנט ווי ער דער חתן־בחור איז געזעסן ביים „שויען״ אין פעטער חיים משהס שטוב. זיך געדרייט אויפן שטול ווי אַ בער, וועלכן מ׳האָט צוגעבונדן אויפן קייטל, זיך גערויטלט ביי יעדן וואָרט. אַלעמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט, צוריק אַראָפּגעלאָזט. איר האָט עס אַ הנאה געטאָן, וואָס ער איז צעטומלט. געלאַכט פון אים. אָבער דערביי איז ער איר געווען צום געפעלן. געוווסט ער וועט זיין אַ גוטער מאַן.

— אוי מאַמעלע, ווי קאָמיש האָסטו דעמלט אויסגעזען — האָט זי אים גוטמוטיק געלאַכט אין די אויגן.

— איך האָב געמיינט, פון אונדז וועט גאָרנישט ווערן — האָט ער זיך מודה געווען פאַר איר.

— פאַרוואָס? ביסט מיר גראַד גוט געפעלן. איך האָב געזען, דו ביסט אַ קרעפּטיקער בחור, אַן אָרנטלעכער, וועסט ליב האָבן ס׳ווייב, וויסן ווי זי צו שאַנעווען. און דאָס איז ביי מיר געווען די איינשאַצונג.

זי האָט זיך אַ וויקל געטאָן אין אים און צוגעגעבן:

— אויך מיין מאַמען ביסטו געווען צום געפעלן. זי האָט דיך פון דער ערשטער מינוט ליב געקריגן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. די שוויגער האָט אים ליב געהאַט ס׳לעבן. געקוקט אים נאָר אין די אויגן. און זי מרימל האָט אויך נושא חן געווען ביי זיין מאַמען. דערנאָך זענען געקומען טעג, ווי שטילע פריידיקע וועלן אויפן ים; ס׳זענען געקומען קינדערלעך, בריתן, שמחות, תנאימס, חתונות — אַ גאַנצער יאַריד!

אָפּטמאָל דאַכט זיך אים, די יאָרן זענען אַדורכגעלאָפן שנעל. ער ווייסט גאָרנישט, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. אָבער אַז ער קוקט זיך גוט אום, דרינגט טיפער אַריין מיט זיין אינערלעכן בליק, זעט ער עס האָט זיך יאָ אָפּגעטאָן — אַ סך!. אַדורך אַ וועלט, אַ שטיק לעבן. און ס׳איז שוין טאַקע לאַנג, לאַנג!.. מילא, זאָל עס זיך ציען שוין אַזוי ביזן גוטן ענד, מיט שלום און שלווה —

אויפן טיש קלינגט אָפּ דאָס געשיר, וואָס רחל, דאָס דינסט־מיידל ברענגט אַריין. זי גרייט צום מיטאָג. לייגט אַוועק די פליישיקע צעראַטע און אויף איר, ברויט, זאַלץ, מעסער, לעפל, ציבל, רעטעך, כריין. עס קומען אַריין די קינדער: דער צוואַקסענער חיים אַלטער ביי וועמען די פּלייצעס שפּאַרן פון רעקל. דאָס פּילבלעך רויטע פּנים שפּראָצט מיט יונג געזונט בלוט. הענט אויסגעמוסקולירטע ווי ביי אַן אַטלעט; די צווויי איינינקלעך מנשה און עליע, שלאַנקע רירעוודיקע ייִנגלעך. פלינקע ווי וועוועריקעס. עס ווערט גלייך אַ געררודער אַ גערויש פון בענקלעך. אַלע זעצן זיך אויס אַרומען טיש, וואַרפן אויגן צום רונדיק ברוינעם הויז־ברויט, באַשיט מיט קאָפּער, אויסגעבאַקן אויף ברוין ווי אַ קוכן. וואַרטן

מיט געוועקטן אַפּעטיט ביז דער פֿאָטער וועט זיך וואַשן און דער ערשטער אָנהייבן מיט אַ ברכה.

אברהם שניידט אָפּ דאָס ערשטע רעפּטל, מאַכט אַ „המוציא״ און גלייך נעמט דאָס ברויט זיך קאָלערן ווי אַ ראָד פֿון האַנט צו האַנט, ביז עס ווערט קלענער, צעפּערטלטער, פּיטשינקע.

דאָס מיטאָג פֿירט מען נישט לאַנג. ס'איז אַ וואָכנדיקער טאָג. אין דרויסן וואַרט די אַרבעט. איילט מען זיך טאָקע אַביסל אונטער. מ'שלינגט גרעסערע לעפֿל. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן ערשטן געריכט, נעמט מען זיך צום צווייטן, צום דריטן. מען טרינקט נאָך שעפּן וואַסער, מען פֿאַרבייסט אַ פּרוכט. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, גייען די קינדער צוריק אַרויס אין הויף צו דער אַרבעט.

אברהם לייגט זיך צו אויפֿן טשעשליאָן כאַפּן דעם נאָכמיטיק־דרימל, זיין טעגלעכער מנהג אויף די עלטערע יאָרן. דאָס געהערט אויך צו דער רו, צו די איינגעשטילטע וואַסערן, וואָס פֿליסן רואיק אין דער קאָריטע...

קאַפּיטל דריי

נייע צײַטן

עס וואָלט געווען גוט און ווויל. אַברהם וואָלט זיך שוין אַדורכגע־שיפּט דורך די „איינגעשטילטע וואַסערן אין דער קאַריטע“, דאָס הייסט, דורך זײַן רואיק אָוועקגעשטעלט, מנוחהדיק לעבן, דערגאַנגען בשלום צום צווייטן ברעג... ווען נישט — די צײַט גיט זיך אַ קער איבער.

גראָד אויף דער שיינער עלטער, דעמאָלט ווען עס בעט זיך אַזוי די רו, איז אברהמען אויסגעקומען איבערצולעבן אַנטוישונג, עגמת־נפש; אויף דער וועלט איז אָנגעשטאַנען אַן אַנדער צײַט, די צײַט פון נאָך דער מלחמה — אַ צעפּלאָשעט־צעפּאַרענע, געשלעפּט פון אומרואיקע שטראָמען. אַלץ וואָס איז פריער געווען פעסט, יוסט און זיכער, איז געוואָרן אויסגעקרומט, קרומע און צעוואַקלט. דאָס לעבן האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט...

אין דער גאַרבער־גאַס איז אַרײַנגעקומען אַ נייער גייסט. ווי איבער־נאַכט האָבן אויפגעשפּראָצט נייע מענטשן, מיט נײַ לשון אין זייערע מײַלער און זיי האָבן זיך דאָס אָוועקגעשטעלט אײַנפירן נייע פּאַראַנדקעס. זיי האָבן מער נישט געקענט יוספן... נישט געוואָלט אָנערקענען דעם אַלטן סדר. געקוקט אויף די עלטערע גאַרבער־לײַט ווי אויף עובר־בטלניקעס. אויף די איינגעשטעלטע מנהגים, לעבנס־שטייגער — ווי אויף אָפּגעשטאַ־בענע אָפּגעלעבטע זאַכן. אַליין האָבן זיי געזוכט נעמען די לייצעס אין האַנט, אַרײַנברענגען נייע אַרבעטס־מעטאָדן, נייעם ריטם, נייע סאָרטן אין גאַס. געפירט אַ וועט־געיעג אויף אַ גרעסערן אַרויסלאָז פון סחורות, גערעדט האָפּערדיקע רייד, אויפגעהויבן אַ טומל, גענומען זאָגן דעות.

זיי האָבן דאָס אויך אַרײַנגעפירט אין גאַס דעם נייעם פּראָדוקציע־צווייג: כראָמעס.

גאַרבער־גאַס

ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט דורכוואָס־און־וואַנען דאָס נייע אַרטיקל איז אָנגעפלויגן. געווען איז אַזוי: איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז אַ גאַרבער פאַרבייגעגאַנגען פינטשע שטיינס הויף — איינער פון די יונגע, גאָר שטאַרק אַרויפגעאַרבעטע, און געהערט ווי פון אונטערן פלויט קומט אָפּער אַ פאַרדעכטיקט קלעפּערן ווי מען וואָלט דאָרט אינעווייניק געטשוועקעוועט שטיוול. געטריבן פון נייגער, האָט ער זיך צוגעשטעלט מיטן פנים צום וואַנט, אַריינגעקוקט, געזען: יונגען שטייען אַרום גרויסע הילצערנע ראַמען, פעסטיקן אויפן געהילץ לעדערס. פאַזע ווענט פון די קאַמערן, שטייען אַוועקגעשטעלט אנדערע אַזוינע פאַרפולטע ראַמען. אויף זיי אויפגעשפּאַנט פאַרשידנפאַרביקע פעלן, צוגענאַגלט מיט האָלדז, נאַקן, פיסלעך, ווי געקרייציקטע. ס׳האָט אויסגעזען מאָדנע און אַ ביסל סטראַשנע.

גלייך האָט די ידיעה זיך צעטראָגן איבער די הייף מיט טרעוואָגע. אין איילעניש זענען געקומען אַנדערע אָנצולויפן. אַריינגעשיקט די בליקן דורך די שפּאַרונעס. דאָס זעלבע געזען. ביי די באַיאָרטע יידן, מיט די צעקנאָדערטע בערד, אויפגעאַקערטע שטערנס, האָט זיך עפּעס אַ טרייסל געטאָן. מ׳איז צו אַזאַ בילד אין גאַס נישט צוגעוווינט געווען. אויפגעעפנט אויגן, זיך איבערגעקוקט מיט פרעגן, מיט חשד און שטוינונג.

— האַ, וואָס איז דאָס?

— ס׳איז דאָך גאָרנישט קיין באַראַנעס, קעלבערנע פעלעכלעך גאָר.

— יאָ, זעט אויס אַזוי...

— וועט דאָס האָבן אַ קיום?

— פּכע, ווייסיך, אַ ווילד געוויקס אין אונדזער גאָרטן...

אָבער אַז די אַרבעט ביי פינטשע שטיין איז אַוועק קוראַזשיק, די „פרעמדע״ זענען געקומען, צוגענומען די סחורות, ווידער געקומען און נאָך מער געפּאָדערט, ווי עפּעס אַ הונגער אויף זיי, איז צווישן די גאַרבער־יידן אַריין אַ מהומה: הייסט עס, ס׳האָט יאָ ממשות. ס׳שטעקט דאָ תכלית, איז וואָס וועלן מיר שטיין און קוקן ווי די פאַרלוירענע בעק אין הימל אַריין?...

ווי פאַרווירטע שאָף, וואָס זוכן אויף פאַרלוירענעם וועג דעם שליאַך צוריק אַהיים, האָבן די גאַרבער־באַלעבאַטים גענומען נאָכשמעקן פון

וואַנען דאָס געוויקס קומט, פון ווו עס שטאַמט. מיט איילעניש האָט מען געשיקט די זין אין דער גרויסער שטאָט, געצאָלט פאַר אויסלערנען, פאַר אויסזאָגן דעם סוד און יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער יינג זיך אַהיימגעקערט מיטן דערגרייכטן פאַך אין האַנט און אין הויף ביי זיי האָבן זיך באַוויזן די זעלבע הילצערנע ראַמען מיט אַזוינע זעלבע געקרייציקטע פעלן.

אַברהם לעווקינד האָט דאָס נייע פאַך נישט אַריבערגעלאָזט איבער דער שוועל: ער באַדאַרף עס נישט. קאָן זיך דערין באַגיין. אַברהם האָט פון דעם אַליין שוין, וואָס נישט פון זיין שטוב איז געקומען דער אויפטו, נישט ער האָט דאָ געהאַט די בכורה, נאָר דאַרף נאָכטאָן אַנדערע, דערצו נאָך די נישט געפּאָקטע, נישט געמאָזלטע שניעקעס, די נייע, ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן, אויפגעוואַקסענע פּני — אין דעם אַליין האָט ער געזען אַ פּחיתת הכבוד, אַ מינערונג פאַר זיין הויז, ער זאָל דאָס אריינגעמען אין זיין גאַרבעריי. אויב יאָ עפּעס — האָט עס באַדאַרף קומען פון זיין הויף, פון זיין שטוב.

דאָס איז געווען איינס.

צווייטנס: אַברהם האָט פאַר דער נייער מלאכה אַ ביסל מורא געהאַט, געווען מיט איר פרעמד, נישט זיכער. מיט דער אַלטער אַרבעט, צונויפגעוואַקסן אַ גאַנץ לעבן, געקניפּט און געשלייפט פון קינדווייז אָן ווי הויט מיט ביין, דאָס ווערק וואָס עס האָט געטאָן זיין פאָטער, זיידע און עלטער-זיידע: אַ גוטע בלייז, אַ פיינעם יוכט, אַ בוקאַט, אַ פערדישע בראַנד-זויל, אַ פשישווע-לעדער, גוט דורכגעקאַלכט, קרעפּטיק אויסגעגאַרבט אין דאָמב, שוויערק — אָט דאָס איז אים געווען אייגן ווי זיינע אייגענע צען פינגער, געקענט עס טאָן מיט צוגעמאַכטע אויגן. אָבער דאָס נייע? רבונו של עולם, וואָס איז דאָס אַזוינס, מיט וואָס שמעקט עס? און ווידער: איז ער דען אין די יונגע יאָרן, אַ יונגערמאַנטשיק, ער זאָל זיך אָוועקשטעלן איצט אויף דער לער?

אַברהם האָט זיך געעקשנט, נישט געוואָלט עס אָנערקענען, אָפּגעיאָגט פון זיין שוועל: ער וויל עס נישט און שוין. זאָלן עס אַנדערע נעמען.

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי. אין דער צייט, ווען די אַנדערע האָבן עס טאַקע גענומען, געבערענגט אין די הייף, זיך אַוועקגעשטעלט ווי לערן-

יונגען, געשוויצט, געהאָרעוועט, געזוכט מיט אייפער זיך אַריינטאָן אין דער נייער אַרבעט, אַוועקגעגעבן כוחות, פלייס און ענערגיע — צום סוף זיך צוגעוווינט, בייגעקומען די שוועריקייטן. געמאַכט פאַרדינסט, צוגע־נומען עס מיט ביידע הענט.

מען האָט צווישן זיך גערעדט שוין, מיט אַנדערע רייד, מיט הייטערע טענער, מיט כיטרער אויגן־זשמורע.

— וואָס טויג מיר מעשיות, כראָמעס־שמראָמעס, אַבי צום לעבן. פרנסה!

— פאַר פרנסה מעג מען אַפילו מיט אַן אַלטער מויד טאַנצן...

— אוי פרנסהניו, אוצרל שיינס!

אַברהם אין זיין איינגעשפּאַרטקייט האָט נישט געוואָלט צוהערן: זאָלן זיי פּלאַפּלען די שוטים, וואָס אַרט אים. ער וועט זיך האַלטן ביי ט׳זייניקע. אַזוי האָט ער זיך געפירט אַלע יאָרן און וועט זיך ווייטער פירן.

מיט די טעג אָבער, די נייע אַרבעט האָט זיך אַלץ מער איינגעשטעלט, איז די תקיפות אין אַברהמען געוואָרן שוואַכער. אינערלעך אומרואיקער. די זאַך האָט אים געקוטשעט, געדריקט. ער האָט געזען באַשיימפערלעך די מלאכה באַקומט וואָס אַמאָל מער אַחיזה אין גאַס. ווערט אַ באַשטאַנד־טייל פון די אַלגעמיינע אויסאַרבעטונגען. שוין באַלד אַ הויפּט־הכנסה. ס׳איז שווער געווען בייצושטיין.

אין פאַרקויף־טאָג, ווען עס זענען געקומען די פרעמדע מאַכן דעם איינקויף, איז אַברהמען געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ער האָט זיך צוגעשטעלט צום פענצטער, אַרויסגעקוקט גנבהש דורך אַ ווינקל־שויב פון אונטערן פאָרהענגל. נאָכגעפאָרשט ווהיין די פרעמדע גייען אַריין און וואָס זיי ברענגען אַרויס. געזען ווי זיי פירן אַרויס פון די הייף צוזאַמען מיט דער דאַמב־אַרבעט אויך די שוואַרץ־געפאַרבטע כראָמעס. די לעצטע זענען איינגעלייגט אַנדערש ווי די טעכערס בלייזן, שענער, יחוסדיקער, ווי אַ טלית קעגן אַ פּשוט קלייד. באַהאַלטן מיט די קעפּ און עקלעך אינעווייניק. ס׳האָט אים אויסגעוויזן זיי זעען גאָר שיין אויס, אַז אויך די פרעמדע גופא באַציען זיך צום נייעם אַרטיקל מיט מער רעספּעקט, מיט מער חשיבות — עלעהיי דאָס וואָלט ביי זיי אַרויסגערופן דרך ארץ זייערע

גלאַנציק־שפּיגלדיקע פּנימער, אַרומגעשווירענע עקן, ווייך נאָכגעבנדיקן קוויטש — אַזאַ אײדל קרעכצל.

אַברהם איז אין די דאָזיקע מינוטן שוין נישט געווען ביי זיך אַזוי אין גדלות. פאַרקערט, עפּעס געפּאַלגס האָט אים אַרומגענומען. אַ טריקעניש אין מויל: „וועט ער טאַקע בלייבן איינער אַליין, ווי אַ נאַר אויפן מאַרק?"...

דער ספק האָט אין די רגעס געפּייניקט, געפּיקט מיט אַ שפּיציקן שנאָבל: קאָן זיין דו האָסט אַ טעות, דו זעסט דאָך ווי אַנדערע גיבן זיך אָפּ מיט זאָרגעוודיקייט, מיט איבערגעגעבענער מי ווי צו אַ טייער געווינס און דו, האַ? ס'האָט אים געגריזשעט די קנאה. דער פאַרדראָס אויף זיך אַליין. זיין אַ דורכפאַל.

מרים וואָס פּילט אָפּ די מינדעסטע ענדערונג אין שטוב, אין געמיט פון איר מאַן, האָט גוט געזען זיין באַהאַלטן, אומרואיק אַרויסקוקן פון פענצטער. געזען ווי דאָס פּנים איז ביי אים פאַרבלייכט, מיט זאָרג. זי האָט פאַרשטאַנען, ס'טוט אים וויי. זי איז צוגעקומען מיט איר ווייך שטיל טריטל גרייט אים צו העלפן.

— וואָס ביסטו אַברהמשי אַזוי פאַרסמוטשעט?

— וואָס פרעגסטו, זעסט דאָך... אַ נייע מלאכה אָנגעטראָגן, אַלץ די יינגעס קעפּ. ס'זאָל זיי נאָר נישט געשענקט זיין... און ס'איז נאָך נישט די ענדע, גאָט ווייסט, וואָס זיי וועלן נאָך אָנבררענגען...

— פאַרוואָס זאָלסטו זיך איבערנעמען? טו דאָס זעלבע וואָס אַלע טוען. הלמאי נישט?

— וואָס זאָל איך טאָן. אויף דער עלטער זיך אַוועקשטעלן ווי אַ לערניינג? דו מיינסט אויך אַזוי?

— אַברהמשי, זיי נישט בייז. ס'טוען דאָך אַנדערע און בכבודיקע הייף אויך דאָס זעלבע.

— זאָלן זיי טאָן. ס'געפעלט זיי, זאָלן זיי טאָן. איך — נישט!

און ווידער האָט ער אויף אַ צייט געהאַרטעוועט זיין האַרץ, די איינפּעריקע עקשנות.

די צייט איז אָבער געווען שטאַרקער פון אים, ווי זי איז בכלל שטאַרקער פאַרן מענטש. אים בייגעקומען. דער נייער פּראָדוקציע־צוויג

האָט זיך נאָך מער איינגעבירגערט, איינגעפעסטיקט מיט בײדע פיס אין דער ערד. געוואָרן בלוט און פלייש. איינגענומען מיט יעדן טאָג אַ נייע פעסטונג — אַ נייעם הויף; פון די אַלטע באַלעבאַטים אויך אַזעלכע קשה־עורפניקעס, ווי ער אַברהם, וואָס האָבן אין דער ערשט זיך געבונ־טעוועט, געעקשנט, נישט געוואָלט עס אָנערקענען, האָט איצט אַלע מאָל אַן אַנדערער פון זיי געבויגן דעם קאָפּ, צוגעפּאַלן, שלום געמאַכט, גענומען עס אין דער אַרבעט. אַמאָל מיט קרעכץ, אַמאָל מיט זיפץ: מילא וואָס קאָן מען טאָן — אַ גזירה!

אַזוי איז די מלאכה צו ביסלעך אַרײַן אין אַלע הייף.

אַצינד האָט אַברהם געזען, ער האָט די מלחמה פאַרשפּילט. קעגן אַ גאַנצן כלל וועט ער נישט בײַשטיין. און הפּורש מן הצבור, איז נישט פון די לייכטע זאַכן און נישט געלעגן אויך אין זײַן טבע. דערצו האָבן די קינדער זיך שוין אַרײַנגעמישט, געקומען מיט טענות.

— ווי לאַנג וועט מען זיך אַזוי עקשנען?

— פירן אַ קאַמף מיטן ווינט?...

אַברהם האָט געשוויגן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: שתיקה כהודאה דמיא... מיט זײַן שווײַגן האָט ער מודה געווען. ס׳האָט געהייסן: זיך אונטער־געגעבן.

אַוועקגעשיקט אין דער גרויסער שטאָט, האָט מען דעם זון חיים אַלטער. ער האָט אָפּגעזוימט דאָרט אַ שטיקל צײַט און אַהיימגעקומען צוריק מיטן אויסגעלערנטן פאַך. איבערגעגעבן דעם טאַטן אַלע פּרטים און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ס׳איז נישט לייכט צוגעגאַנגען.

אַברהם איז אין זײַן געמיט נישט געווען רואיק. ר׳האָט צו דער נייער מלאכה נישט געטראָגן קיין ליבשאַפט. שווער איז אים געווען אויך אַרײַנצוקומען אין די געהיימע סודות פון די קאָמפּליצירטע כעמישע שטאָפן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ שטאַרקע פּרעציזקייט, גענויע מאָס, געוויכן אויפן קווינט. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. נישט געוווּסט אויף זיכער, צי ס׳איז אַלץ גענוג אַרײַנגעגעבן. ביי דער פריערדיקער אַרבעט, גאָטעניו! — אַפילו מען זאָל אים געוועקן אויפוועקן

אין מיטן פינצטערער נאַכט, פון סאַמע פעסטן שלאָף, אַ פרעג טאָן: „אַברהם ווי האַלט מיט דער גאַרב?״ וואָלט ער אַנגענומען איינע אַ פעל ביי אַ פאַכווע, אַ קוועטש געטאָן אין זייט און אין גאַרערע פינצטערניש געזאָגט מיט זיכערער מבינות אויף וויפל זי איז אויסגעגאַרבט, אויף וויפל זי דאַרף נאָך ווייקן; אַ שמעק געטאָן צום פאַס און געוווּסט צי די גאַרב איז געניג קרעפטיק, אָדער זי באַדאַרף פריש מאַטעריאַל. און דאָ ביי דעם נייעם, ער זאָל נישט געשטראָפט ווערן מיט די רייד, וויפל ער מיעט זיך, גרייט צו די טיילן לויט די פאַרשריפטן, היט אָפּ דעם „בייץ״ (דאָס אַרויסציען דעם קאַלך פון דער פעל), פאַרגרייט דעם „פיקעל״ (פאַרטרייבט דעם בייץ מאַכט אָרט אין דער פעלס געוועבן אַריינצונעמען דעם גאַרב). שטעלט אָן פינקטלעך דאָס אויפקאָכן דעם „כראָמפיק״ (דער אייגנטלעכער גאַרב, וואָס גיט אַריין חיות אין לעדער) — קומט עס אַלץ אַרויס אומזיכער און וואַקלדיק ווי אַ טשאַלנט. אַמאָל האַרטלעך, עטוואָס איבערגעברענט, אַמאָל צו ווייך, פאַלט איבער די הענט. אַמאָל ווישט די פאַרב ווי סאַדזע און אַמאָל גייט גאָר אויף אַ וויסער נעפל אויף דער ליץ ווי אָן אַנגעפאַלענע ראָסע — אַלץ נישט קיין גוטע סימנים. אים פאַלט דעמאָלט איין דאָס האַרץ, שפּירט ווי דאָס בלוט זעצט זיך אים אין די אָדערן. פאַרווינטשט זיך די יאָרן: צוואָס איז אים דאָס צעהאַנדן געקומען אויף זיין עלטער? נעכיי וואָלט עס כאָטש פאַרזוימט נאָך אויף אַ צען, צוואַנציק יאָר...

— נאַדיר אָן אָנשיקעניש מיט אָן אַרבעט אויף מיין קאָפּ, אויף מיינע אַלטע יאָרן! — האָט אַברהם טיף אָפּגעקרעכצט.

אָבער צוריק דרייען דאָס ראָד האָט מען מער נישט געקענט. די נייע אַרבעט איז געוואָרן אַ טעגלעך ברויט.

און ווייל ס׳איז געוואָרן אַ טעגלעך ברויט, אַ צושטייער אין דער חיונה, אַן אָנהאַלט אין די נייע באַדינגונגען און ווייל זיינע הענט האָבן געמוזט שוין דערמיט זיך פאַרנעמען, האָט אַברהם זיך איינגעשפּאַנט ווי אַ פערד אין אַקער. אַריינגעטאָן קאָפּ און האַרץ אין דער נייער זאַך: געזוכט צו דערגיין די געהיימענישן פון דער נייער קוואַליטעט, אירע פאַרעקשנטע קאַפּריזן און אייגנשאַפטן. אין זיין נאַטור אַ שטרענגער, אַ פאַראַנט־וואָרטלעכער צו אַלעם, וואָס ער האָט געטאָן, צו יעדער אַרבעט, ווי אַ

כירורג צום מענטשלעכן גוף, האָט אַברהם אויך גענומען אויף זיך ווי אַ פליכט צו ברענגען די פרישע פּראָדוקציע הונדערט פּראָצענטיק און שלימותדיק. ער האָט געשריבן צום אויסגעגעבענעם זון קיין וואַרשע, ער זאָל אויפנעמען געניטערע ידיעות, ביי גוטע פּאַכליט און אים צושיקן און דער עיקר, זיך אַליין אַריינגעטאָן מיט מוח און האַרץ אין דער פּראָדוקציע.

ביים אויסטיילן די מאַטעריאַלן האָט פון איצט אָן אַברהם מקפיד געווען אויף דער האָר, אַכטונג געגעבן אויף יעדן דעטייל: אין „אויסבייצן" זאָל זיין פּאַרמישט גענוג הינער־צואה. אַמאָל גאָר טויבנמיסט, וואָס האָט אין זיך נאָך מער שאַרפקייט; אָנגעשטעלט דעם „פּיקעל" האָט ער געזען, עס זאָל אין זיך האָבן די גענוגנדיקע מאָס זאַלץ. און ביים אויפזידן דעם גאַרב, איז ער געווען גאָר פול מיט יראה און פאַרזיכט: ס'זאָל נישט איבערכאַפּן אויף אַ מינדעסטן די מאָס. געוויגן אויפן לויט דאָס רויט־זאַלציקע כראָמפּיק־שטיין, געמאָסטן אַקוראַט דעם שוואַרץ־געדיכטן פליסיקן וויטריאָל. געלאָזט גוט אויפקאָכן און שפּעטער ביים מישן די לעדערס, שטאַרק מקפיד געווען, עס זאָל האָבן די געפּאָדערטע זעקס־זיבן שעהן. כדי יוצא צו זיין לכל הדעות, האָט ער די פעלן געלאָזט ליגן אין פּעסל אויף איבער נאַכט אין אויסגעזויגענעם גאַרב־וואַסער, געשפּרייט זיי איינס אויף ס'אַנדערע, זיי זאָלן נישט כאַפּן קיין פלעקן, אָנטרינקען זיך ביזן לעצטן טראָפּן מיטן כראָמפּיק־זאַפט.

צומאַרגנס, ווען מען האָט זיי אַרויסגענומען, געשווענקט, געדרענגט, צוגעפּאַרבט, געטריקנט, געשפּאַנט אויף די רעמען, אַרומגעצופּט, אַרומ־געשניטן די צויטן, געגלאַנצט, „געשטויסן" אויפן רעדל, געקרויזט מיטן פּימסנהאָלץ, אויסגעפּאַרטיקט ביזן ענדע און פּאָר זיינע אויגן האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ פיין גלאַנציק לעדערל, ווייך און פליישיק, מיט ריינעם ליץ, מיט דראָבנע קרויזלעך, האָבן די אויגן ביי אַברהמען אויפגעשיינט. די געדיכטע ברעמען זיך געהויבן העכער צום שטערן, ווען ער איז אין גוטן חידוש און מיט פרייד אויסגערופן: „אָט דאָס איז עס! מ'דאַרף אַכטונג געבן. אין דעם שטעקט די גאַנצע תורה!

צאַרט האָבן זיינע פינגער שפּאַצירט איבערן וויערך, געגלעט די איידעלע הויט, די אָנגענעמע נאָכגיביקע ווייכקייט, געזען די פּאַרב איז

צוגעקלעפּט ווי מיט קליי, ווישט נישט. דער רוקן איז שטאַנדהאַפטיק, האָט א גריף, גיט זיך עלאַסטיש נאָך. דער גאַנצער אויסזען איז אַן אַנדערער: ריין, שיין, לייטיש. און אַברהמס פּנים האָט זיך צעלאַכט, געקריגן גאָר אַ פריילעכער מראה.

— אויב אַזוי לייענט זיך דער בריוו אַנדערש, גאַרנישט אַזוי כטראַשנע — האָט אַברהם טריומפירט פאַר די קינדער — מען דאַרף האָבן, הייסט עס, מ׳סקאַלקע. די אויגן זאָלן זען, וואָס די הענט טוען. איצט איז עס דאָ — געפּאַקט!

מיט דער זעלבער הייטערקייט און גוטן שמייכל איז אַברהם אַריינגע־קומען צו זיין מרימען. מרים האָט גלייך אויף אים דערקענט די ענדערונג און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט איר פריילעך גענגל. אַריינגעשמייכלט אים אין פּנים.

— וואָסי אַברהמשי, ס׳איז גוט אַרויסגעקומען?

— מילא, אַז מען גיט זיך די מי, מוז גוט אַרויסקומען.

— זעסטו שוין, כ׳האָב באַלד געזאָגט...

— וואַרט צו, ס׳איז נישט אַזוי גלאַט ווי דו מיינסט — האָט אַברהם גענומען פאַר מרימען גענויער מסביר זיין — די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס מען דאַרף גוט אַכטונג געבן. דאָס איז אַן איידעלע מלאכה, וואָס פאַרלאַנגט אַ סך געדולד און אויפמערקזאַמקייט, און דער עיקר נישט אָפּלאָזן דערפון קיין אויג, ווי אויף אַ ווילד צעבאַלעוועט קינד...

— כ׳האָב דיר געזאָגט אַברהמשי...

— וואַרט אויס, לאָז דערענדיקן... ווי האַלט איך? יאָ, מען מוז לייגן אויפמערקזאַמקייט. אַן איבעריקע טראָפּן מאַכט שלעכט, פאַרברענט. אַ ווייניקער טראָפּן, מאַכט קאַליע, נישט דערבאַקן... האָסט צו טאָן מיט צעפּיעשטשעטע כעמיקאַלן, וואָס יעדע איינציקע איז ביי זיך אַ בן יחיד... גיסטו זיך אָבער אָפּ סטאַראַננע, לייגסט אַריין קאָפּ, כאַפּסט די מ׳סקאַלקע, גיסט די גראָדע מאָס, צוימסט זיי, קומט אַרויס אַ שיינע זאַך, אַ לעדערל ווי אַ פיין קינדיש פּנימל.

גאַרבער־גאַס

— מיינע רייד... כ׳האָב דיר באַלד געזאָגט אַברהמשי! מ׳דאַרף נישט מורא האָבן. די וועלט איז נישט משוגע. זי האָט עס נישט בחינם אויסגעטראַכט...

— הייבט זיך אָן אַ מעשה. וויבער זענען אייביק געדעכט און נביאה־טעס. טרעפן תמיד אין פּינטל. קומט די זאַך גוט אַרויס: „כ׳האָב דיר באַלד געזאָגט...״ אלא נישט, גאָט העלפט ס׳קומט אַרויס קאַפּויער, שלעכט, איז ווידער די אייגענע מעשה: „כ׳האָב דיר באַלד געזאָגט, ס׳טויג נישט...״ און אברהם האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ברייט הייטער געלעכטער, לאָזנדיק פּלייצן, אויף זיין שטייגער, מיט אַ ברוסטיק הירזשען.

אַברהם איז מיט געגאַנגען מיטן שטראָם, האָט די נייע פּראָדוקציע ליבער באַקומען. געמיט זיך ביי איר, געזוכט צו פאַרבעסערן, צו פאַרפּול־קאָמען אַלע מאָל אָן אַנדערן דעטייל, זי אַרויסברענגען אַלץ שענער און פיינער. אָבער די דאָמב־אַרבעט, די אַלטע „ליבע״ האָט ער נישט פאַרגעסן. דאָס איז נאָך אַלץ ביי אים געווען דער אַהבת־נעורים, ס׳ליבלינג פון דער יוגנט, מיט וועלכער ר׳איז געוואַקסן. געווען געבונדן און וועט זיך קיינמאָל נישט שיידן, נישט פאַראַטן. פאַרקערט, ער האָט מיט נאָך מער אייפער זי אויסגעוואַרעמט אונטער זיינע הענט, מיט יענער ציטערדיקער ליבשאַפט און בענקעניש ווי אַ נאָענט נפש, וועמען מ׳טוט אָן עוולה און מען זוכט מפייס צו זיין, פאַרגיטיקן. ער האָט מיט דער פריערדיקער מלאכה זיך נישט געשיידט. זי געצערטלט. אַכטונג געגעבן, ס׳זאָל קיין פּגם, קיין מיאוס שפּרענקעלע אויף איר נישט פאַלן. געשאַנעוועט, געהערט אויף איר שבחים, געטאָן זי ווי אַ הייליקע אַרבעט.

— ס׳איז אינו דומה, מען לעבט אָפּ מיט אַ ווייב אַ גאַנץ לעבן אין לייד־און־פרייד, געטיילט דעם ביסן און אַזאַ איינע וואָס מען כאַפּט אויף דער עלטער, מעג די נייע זיין יינגער, שענער, וועלכע געדענקט מען מער? צו וועלכע טראָגט מען מער די ליבשאַפט אין האַרצן? פאַרשטייט זיך די ערשטע! — האָט אַברהם געפרעגט און אַליין געענטפערט.

און אַברהם האָט די פריערדיקע אַרבעט טאַקע ליב געהאַט מיט דער אומפאַרגעסלעכקייט, ווי דאָס ערשטע געליבטע ווייב — — —

אליעזר אלעי

*

מיט אומגעדולד האָט מען אין גאַס אויסגעוואַרט אויף די אָנקומענדיקע וואַרעמע טעג. ס'האָט זיך געפילט אין לופט שוין דער ערשטער פרילינג־ריח. דער ווינטער האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגערוקט, געמאַכט פּלאַץ פאַר זיין יורש, דעם זומער. אין די פרימאָרגנס, נאָכן אָפּגיין פון נעפּל, האָט די זון אַ פּוכיק געלבלעכע ווי אַן ערשט אויסגעפּיקטע פון איי, קונדאַסיש אַריינגעקוקט איבער די פּלויטן. באַגריסט מיט היימישן שמייכעלע: גוט־מאָרגן, איך בין שוין אַרויס פון פּיטערפּאַס. איצט וועל איך זיך צו אייך באַווייזן מיט מיין וואַרעמקייט און פּראַכט. איך וועל אייך העלפן. איר וועט אַרויסהענגען די אויסגעאַרבטע פעלן אויף די געשטעלן און איך וועל זיי אַ בראָט און באַק טאָן ווי אַ גוטער אויוון: אַ פאַרע וועט גיין... געדיכט און טונקל וועט ווערן אין הויף ווי אין וואַלד.

גאַרבער־הענט האָבן געריצט, געקיצלט, געטאַפּט די וואַרעמע לופט, געבענקט נאָך פרייער באַוועגונג אין דרויסן.

קאַפּיטל פיר

פרילינג

פרי האָט זיך היי־יאָר געשטעלט דער פרילינג. באַלד נאָך פּורים האָבן גענומען בלאָזן וואַרעמע ווינטן. פאַריאָגט די קעלט אין שאול־תחתיה, און אין פּסח־צייט איז דער שניי שוין געלעגן אַ צעפּרעסענער, פאַרשוואַרצט און פאַרפּינצטערט, דורכגעלעכערט אין אַלע זייטן ווי אַ צעלעכערטע זיפּ. פון אונטער דעם ווייס־שיטערן איבערבלייב, האָבן אַפּערגעקוקט טונקעלע פלעקן פון דער אויפגעגאַנגענער ערד, ווי ווייבערישע פּאַטלעס האָר, פון אונטער אַ צעריסענער הויב; די זון איז פון באַלד אינדערפרי געקומען אָנצורייטן ווי אַ יונגער רייטער אויף פייערדיק צעשפּילטע, צוגאָווע שטראַלן־פערד. באַוואָפנט מיט פייל און שפּיז, און מיט גרויסער עזות — גרייט איינצונעמען די לעצטע פעסטונגען פון'עם באַזיגטן שונא. פאַר גאָרנישט האָט דער עזותדיקער רייטער מורא געהאַט, און גאָרנישט האָט זיך געקענט אים אַנטקעגנשטעלן.

פרילינג! — ליכטיק אויסגעהאָפטע צייט פון דער גאַרבער־גאַס, וווּ, אין וועלכע הייזער קוקט מען אים אויס מיט אַזעלכע אויסגעלעכצטע אויגן ווי אין די גאַרבער־שטיבער. מיט זיין אָנקומען ווערט פריידיק אין די הערצער. זיין יעדער פרישער בלאָז, זיין יעדער אָנגעוואַרעמטער הויך, מאַכט וואַקסן די זעל און גלוסט אין גאַרבער־לייב. דער ווינטער איז פאַרביי. פרעסט וועלן מער נישט פרירן די הענט. פינגער וועלן נישט פּלאַצן מיט וווּנדן, פאַר גיין מיט שטעכיקן ווייטיק אונטער די נעגל. אַ נייע הויט פאַרציט זיך אויפן פלייש. נייע קראַפט באַקומען די מוסקולן. צוזאַמען מיט דער נאַטור וועקט זיך און באַקומט לעבן: דער הויף, דער ברונעם, דאָס פאַס, די שאַפע און אַוודאי שוין דאָס לעבעדיקע נפש.

אויף די דרענגער ליגן פאַרוואָרפן די ערשטע אויסגעאַרבטע פעלן,

געווייקטע נאָך פון די ווינטער־טעג. פאַרען אין נחת. גיבן פון זיך אַרויס דעם היימיש־לעבלעכן ריח ווי די הייסע ברויטן אַרויסגענומען פון היימישן באַק־אויוון. פאַרגייען מיט זעלבן ליבן געשמאַק און באַטעמטקייט אין די גאַרבערישע באַזלעכער; די זון איז איצט זיין גוטע הייסע „סושאַרניע“, טוט די מלאכה, וואָס דאָס פייער ווינטער אין אויוון. און קאָן מען עס דען פאַרגלייכן? און קאָן אַ גאַרבער־ייד דען איינהאַלטן זיין התפעלות? טוט ער אַ פאַרוואַרף די אויגן מיט קינדערישער פריילעכקייט צו דער בלאָער הייך, שמייכלט אַהין אַריין: „אַיי לעבן זאָלסטו זונעלע, ברענגסט דאָך גליק און הייטערקייט אויף דער וועלט!“ פאַרטראַגט צוריק די בליקן אויף די פאַרעדיקע לעדערס און שמייכלט ווידער: „אַלץ דעם באַשעפערס מעשים. גרויס זענען זיינע וווּנדער: כוחו וגבורתו מלא עולם!

איז ווער עס טוט לכבוד דעם פרילינג־יום־טוב, אויף זיך אַרויפציען אַ פּאָר נייע אַרבעטס־הויזן, ווער אַ ניי לעדערן פאַרטעך, ווער אַ נייעם שפּענצער און ווער כאָטש אַ פּאָר נייע טרעפּעס. די פיס שפּאַנען אויפגע־בונדענער, לייכטער, און אויך אַזוי אויפגעבונדן און לייכטער שפּרינגט מען אַראָפּ אין גאָרן באַגינען פון געלעגער. מיטן ערשטן בלוי עפענען זיך טירן, פּראַלן זיך אויף לעדן, פּראַלן זיך טויערן. מ׳וועקט אויף די וועלט, דעם נייעם טאָג. און שוין שטייט מען אין הויף, אַריבערגעבויגן איבער די פעסער, איבער די קאַזלעס, איבער די סטויקעס, די הענט לויפן מיט די שאַבאייזנס, מיט די פּאַלצמעסערס, מיט די צוואַנגען — מיט גיריקייט, מיט איילעניש, שלינגעריש, ווי אַ הונגעריקער צום ברויט, אַ דורשטיקער צום טרונק.

אין די טעג פילט אַ גאַרבער־מענטש מיט אַלע איברים זיינע, דעם: כל עצמותי תאמרנה! דאָס געזאַנג פון לעבן, די פרייד פון אַרבעט, די ברכה פון שאַפונג. שטראָמיקער פליסט דאָס בלוט אין די געפעסן. קרעפטיקער דער מאַרך אין דיביינער. ס׳וועקט אין זעל דער רצון זיך נאָך שטאַרקער — צום זיין, צום אָנהאַלטן זיך, צום עקזיסטירן. גובר זיין אַלע מניעות און שטערונגען, אַלע מידענישן און שטרויכלונגען, וואָס זענען פאַרן מענטש אַזויפיל אָנגעברייט.

גאַרבער־גאַס

אַפילו די פריש אויפגעפרייעטע שווערע גאַרבער־לופט, וואָס פאַרשטיקט ביים אַריינקומען דעם דעך, גייט אויף פאַר אים מיט גאָרער שמעקעניש, ווי די טייערסטע געווירצן פון טייערסטן גאָרטן.

*

ביי אַברהם לעווקינד אין הויף איז די אַרבעט געגאַנגען אין פולער טעמפאָ, ווי געוויינלעך אין די פרילינג־טעג. אויף אַלע אַרבעטס־ערטער האָט זיך געטאָן מיט סדר, מיט אימפעט. אַלע כלים זענען אַוועק אין גאַנג: די „שוויעקאַרניע" האָט געכרופעט, געגריזשעט מיט אירע שאַרף־קרומיקע ציינער די דאָמב און שוויערק־קאָרע — געבראָכן, זי מיט טויבן געקלאַנג, ווי דאָס וואָלפישע פיסק די ביינער פון דער פאַרצוקטער שאָף, פאַרשלונגען אין טיפער קעל און אַלץ געברומט: האַוו־האַוו, נאָך— נאָך, ווי זי וואָלט זיך גאָרנישט געקאָנט זעטיקן; אויפן פרייען פלעצל, האָבן געזעלן געסדרט ראַמען אויף קליינע געשטעלן. צוגעברענגט איינגע־קורטשעטע שוואַרץ אָפּגעטובלטע קאַלבס־פעלן צום שפּאַנען. זיי געצויגן מיט צוואַנגלעך אין דער לענג, אין דער ברייט און מאָדנע — ווי שיין און גרויס זיי זענען אַרויסגעקומען. טאַטשקעס האָבן זיך געקייקלט, געסקריפּעט איבער די שטיין־ברוקירטע שטעגלעך, געלאָפן אָנגעבייכטע מיט נאַסע סחורות — פון קאַלכגרוב צום שוועגק־פאַס ביים פּלומפּ, פון שוועגק־פאַס צו די גאַרב־פעסער; ביי די טריקן־געשטעלן האָט מען געהאָנגען פאַרטיקע פעלן: פלינקע הענט האָבן אונטערגעכאַפּט די צוגעברענגטע לעדערס, פאַרוואָרפן זיי אויף די דרענגער און שוין האָבן געגומען אויפגיין רויכלעך צום הימל; אין דער „יאַמע" (גרויסער גרוב ווו מען לעשט נייעם טריקענעם קאַלך פאַר די קאַלכגריבער), האָט מען געלאָשן פרישן קאַלך. ס'האָט זיך געהויבן אַ ווייסער דאַמף. פון גרובס טיפעניש האָט געזאָטן, געשיפּעט מיט ווילדן קאָך, געגרימצאָרנט אויף דער גהינומדיקער היץ, וואָס איז באַפאַלן. אַ יונג האָט אַריינגעכליאָפּעט אַ קאַלטן עמער וואַסער, געלאַכט; נאַדיר אַ טוש, קיל זיך אָפּ! אַ רגע האָט זיך איינגעשטילט און באַלד אָנגעהויבן מיט נייער קאָכעניש; ערגעץ אין אַ ווינקל האָט מען געשעפּט פון אַ פאַס דעם אַלטן גאַרב, געשפּרייט

אליעזר אלעי

אַ שאַרפֿן געֶרוך פֿון געוויקֿטע וואָרצלען פֿון פּוילנדיק האָלץ. דעם אָרויסגעצויגענעם דאָמב, טונקל־רויט ווי מאַכאָן, האָט מען געשאָטן צופוסנס פֿון פּלויט צום טריקענען. שפּעטער אויסגעזאָכניעטערהייט וועט מען אים נוצן צום ברענען. ווינטער אין קאַלכאויוון וועט ער גליִען ווי צעגליטע קויל; פֿון אונטערשטן טויער וואָס פֿירט אַרויס צו דער „טילנע" האָבן קצבים געשלעפּט פֿרישע, אַריינגעבראַכטע רויע פֿעלן, רינדערנע, פֿריש פֿון דער שחיטה, מיט נאָך לעבעדיקער וואָל, מיט ערשט פֿאַרשניטענעם האַלדז. געשאַריעט די נאַס האָריקע קאַרקן איבער דער ערד, איבערגעלאָזט אויסגעקעֶרטע שליאַדעס, בלוט פֿאַרפּלעקטע שטעגן. די פֿעלן זענען פֿאַרשוווּנדן אין דער גרויסער קאַמער ווו מ'האַלט זיי געזאַלצן ביז זיי וועלן אַריין אין איר ערשטער באַד — אין קאַלכגרוב.

אברהם לעווקינד איז געגאַנגען איבערן הויף אין זיין געווינלעך פֿרימאָרגנדיקער אונטערזוכונג. ער איז אַרויסגעקומען גאַנץ פֿרי און לכּבֿוד דעם פֿרילינג אין אַ פּאָר ניי אויפֿגענייטע פֿלודערן, ברייטע ווי טאָרבעס, אין אַ פֿריש אויסגעוואַשענעם שפּענצער, פֿאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך ביזן האַלדז. ער האָט געשפּאַנט פֿון אָרט צו אָרט אין זיין נאָכקוקן אין זיין באַטראַכטן. און כאָטש דער טאָג איז געשטאַנען אַ ליכטיק צעבליטער מיט גוטער אָנגענעמער וואַרעמקייט, וואָס דערפֿרייט דאָס מענטשלעכע האַרץ און אַוודאי שוין דאָס גאַרבערישע געמיט און אויפֿן הויף האָט זיך אַלץ געטאָן כּדבעי, ווי ס'געהער צו זיין, איז אויף אַברהמס פּנים נישט געווען צו דערקענען די הייטערע צופֿרידנקייט, דאָס פֿרידלעך־נעימותדיקע, וואָס אַזאַ טאָג רופֿט ביי אים תּמיד אַרויס. פֿאַרקערט, עפּעס טריב כמורנעס, האָט זיך געשאָטנט אין די פֿאַלבן פֿון זיין שווערלעך, עטוואָס, אָפּגעלאָזן געזיכט, אין די שווער געוועלבטע ברעמען, וואָס זענען געווען טיף אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרטראַכט. אויך זיין גאַנג איז נישט געווען קיין פֿרידלעכער. זיך געהעמט. פֿאַרהיקעט אין וועג. געבליבן שטיין. אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, זיך פֿאַרקוקט אין ערגעץ. דערמאָנט. ווייטער געגאַנגען. שטענדיק ווען עס קוועלט אים עפּעס אויף דער נשמה, גייט ער איבערן הויף מיט אַזאַ פֿאַרלאַנגזאַמטן, אומזיכערן טראָט, האַלט אים אָפּ, פֿאַרקלערט זיך. שאָקלט מיט דער באָרד, מורמלט צו

זיך אויפן קול. טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועמען פון זיך אָפּגעשאַרט, שפּאַנט ווייטער. אברהמען האָט היינט טאַקע געקוועלט אַ גרויס קווילעניש. נישט חלילה עפּעס אַ שלעכטס אין שטוב, אַ קראַנקהייט, צי עפּעס אַן אַנדערע בייזע פּאַסירונג, נייערט פון אַ נייער אַנשיקעניש, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער גאַס, אים צוגענומען די מנוחה: דער „סינדיקאַט".

„סינדיקאַט, סינדיקאַט..." — האָבן ביי אברהמען געמורמלט די ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָס וואָרט גוט צעקייען, אָדער גאָר אויסשפּייען...

...קוים אַוועק די מעשה מיט די כראָמעס — האָט אברהם געטראַכט גייענדיק איבערן וועג — האָבן זיי איצט צוגעקלערט אַ נייע שפּיל: ס י נ ד י ק אַ ט. וואָס דאָס איז אַזוינס פאַר אַ מין באַשעפעניש און וואָס זיי זענען דערמיט אויסן, זאָל ער אַזוי וויסן פון זייערע קעפּ... ער ווייסט נאָר דער אויפטו שטאַמט פון די יינגע חוצפּהניקעס, פון דער „שאַרע־באַנדע", די ווינטנמאַכערס און דאָס איז שוין פאַר אים אַ גענוגנדיקער באַווייז: ס'איז אַ פּסולע זאַך. נישט פאַר זיין טובה וועגן. ער טאָר עס נישט אָננעמען.

די קלאַנגען טראָגן זיך שוין אַרום טעג. ווערן וואָס אַמאָל העפּטיקער, צודרינגלעכער. קומען אַריין אין די שטובער. רייסן די אויערן. סע יאָווען זיך קרייסע־פּלייסע (כרתי־ופּליתי) אונטערהעלפערס. אויך אָפּילו פון לייטישן שטאַנד. צו אים קומט מען אויך אַ שמעק טאָן, טאַפּן דעם דופק פּרווון אים אַריינשלעפּן אין עסק. ער לאָזט זיך נישט. ניין — אַ מכה! אַ גרויסע פייג! ער קוקט זיי גוט אויף די פינגער.

אַנומלטן איז געקומען צו אים אַריינצושפּאַצירן דוד ראָזענקראַנץ מיטן צונאָמען „מבקר", דער חסידישער גאַרבער. גראָד אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ פאַרשטענדיקער, אָבער איצט אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, און ווי אַן אונטערגעשיקטער שליח זיך אַוועקגעשטעלט מיט אים, אברהמען, איינטענהן, פאַרטיידיקן די זאַך. געפּרווט אים אויפווייזן מיט אַלע אותות ומופתים, מיט ראיות, די נויטווענדיקייט פון אַזאַ שותפות, וואָס מען רופט עס: סינדיקאַט. דוד האָט מיט חסידישן ברען און פלינקן מוח געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז דאָס קען זיין אַ גליק פאַר דער גאַנצער

גאַס און אַ רעטונג פֿאַר יעדן יחיד באַזונדער. געבעטן אברהמען מיט־העלפֿן. צושטיין צו דער זאַך.

— ר׳ אברהם, זעט איר דען נישט, אַז דאָ ליגט פֿאַר אונדז אַ ברויט מיט אַ מעסער — און דוד מבקר האָט אַ שטרעק געטאָן די הענט ווי ער וואָלט שוין געהויבן דאָס ברויט מיטן מעסער גרייט צו שניידן דער־פֿון — ר׳ אברהם, זעט איר טאַקע נישט, האַ?

אברהם האָט געלאָזט דעם ייד רעדן. געהאָרכט און ווייניק געענטפֿערט. ער איז נישט מחויב צו גלייבן יעדערן אויפֿן וואָרט. און אַוודאי נישט זיך איבערנעמען מיט יענעמס צעזינגענעם זמירות. קודם כל ווייסט ער נישט אברהם דעם נוצן פֿון דער גאַנצער זאַך. ר׳ווייסט אויך נישט, וועמענס הענט וועלן דאָ מישן אין דעם טאָפּ. און דער עיקר — מיט וואָס פֿאַר אַ ריחות דאָס נייע געקעכץ וועט זיך לאָזן הערן. קאָן זיין, ס׳איז שוין אין דער התחלה צוגעברענט... איי, אַנדערע לויפֿן, כאַפּן — זאָלן זיי כאַפּן. זיי וועלן זיך אָפּבריען. אים טרייבט נישט די פֿאַלשע הבטחה פֿון אויפֿ־געריכט ווערן, און דאַרף ברוך השם נישט קיינעמס חסדים. וואָרט נישט אויף יענעמס אויפֿטוען און שכל.

— איך זע נישט דעם קלאָרן זינען פֿון דער גאַנצער זאַך — האָט אברהם, נאָך דוד מבקרס לאַנגן רעדן ענדלעך זיך אָפּגערופֿן. — מען וועט צוזאַמענעמען, זאָגט איר, די אויסגעפּאַרטיקטע סחורות פֿון אַלע גאַרבער־הייף אויף איין אָרט און דאָרט פֿאַרקויפֿן צו די סוחרים. צו וואָס דאַרף איך עס? איך פֿאַרקויף אַ דאַנקן גאָט מיין סחורה אַזוי אויך. עס ליגט מיר נישט דאַרין כ׳זאָל זוכן שותפֿים.

— ע, ס׳איז נישט דאָס, ר׳ אברהם — האָט דוד ראָזנקראַנץ געפּרוווט אָפּשטופּן אברהמס נישט ריכטיקע טענה — דאָ שטעקט אַן אַנדערע כוונה: יד אחת! אַרומנעמען אַלע צוזאַמען ווי אַ קרייקע אַרומען בונט שטרוי. ווייזן אונדזער כוח. צווינגען די „פּרעמדע״ זיי זאָלן מוזן צאָלן דעם פֿולן פּרייז. נישט אויסנוצן יעדן גאַרבער באַזונדער. אויסשפּילן אויף דער מערכה פֿון קאָנקורענץ, אַריינפֿירן אונדז מיט זייערע כיטרע שפּיצלעך איז זאַרגעניש, אין יאָגעניש פֿון פֿאַרקויפֿן דאָס ביסל סחורה. פּשוט אין מחלוקת. אָט דאָס איז דער רעיון: יד אחת — אַ אַ שטעקן פֿאַר אונדז אויף

גאַרבער־גאַס

אונטערלען און אויף זיי — אַ בייטש. אַלע — פאַר איינעם! איינער — פאַר אַלע!

אברהם האָט געקוקט אויף דעם יידס צעפלאַמטן פנים, געשמייכלט, און אויך אַזוי מיט באַהאַלטענעם שפּאָטישן שמייכל אָפּגעפרעגט:

— סע הייסט, מיר וועלן זיך אויסגלייכן, ווערן אַלע גלייכע שותפים־לעך, האַ?

— ניין, נישט אַלע גלייך, ר׳ אברהם. יעדער לויט זיין שטאַנד, לויט זיין אָרט, זיין סאָרט און זיין פּרייז. די גרויסע — גרעסערע. די קליינע — קלענערע. אָבער אַלעמענס סחורה מוז פאַרקויפט ווערן און מיט אַן אַנשטענדיקן מקח. אַן אויסנאַרן. אָט וואָס עס מיינט סינדיקאַט: דער וואָלף זאָט און דאָס שעפּסל גאַנץ.

דער חסידישער גאַרבער האָט נאָך גערעדט. געפאָכעט מיט צעשפּרייטע, אויפגערעגטע הענט, געשאָקלט מיט פלאָטערדיקער באָרד, געזוכט אים, אברהמען אַלץ מער איבערצייגן, מאַכן אַריינדרינגען די ווערטער אין זיין האַרץ. זיי זאָלן זיך אַננעמען. אַברהמס האַרץ איז אָבער געבליבן קאַלט. דער מוח פאַרשלאָסן. זיך געהאַלטן רואיק. קיל ווי פריער. געשמייכלט אין די וואָנסעס. גאַרנישט צוגעזאָגט. ניין, ער זאָגט גאַרנישט צו. ער מוז אָפּוואַרטן.

— דערווייל זאָג איך גאַרנישט צו. ס׳ברענט נישט. מען וועט זען, וואָס די טעג וועלן ברענגען — האָט אברהם געזוכט אָפּצופּטרן. מדחה געווען.

דוד מבקר, שוין מיד פון טענהן, האָט זיך איינגעשטילט. געזאָגט ר׳וועט ביי אַ געלעגנהייט נאָך אַריינקומען, ברייטער אַרומרעדן, און אַוועק.

...יאָ, אין אַלגעמיין זעט ער, אַז דאָס איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון די אַלע ענדערונגען וואָס זענען אַריינגעטרעטן אין גאַס זינט דער נייער צייט — האָט אַברהם צו זיך גערעדט, צוקומענדיק צו דער שאָפּע און בלייבנדיק דאָרט שטיין — דאָס לעבן איז אַראָפּ פון די רעלסן. געוואָרן וואַקלדיק. בייגט זיך אַלעמאָל אין אַן אַנדער זייט. יעדעס מאָל פאַלט אַן אַנדער שפּאַלע אָפּער פון אונטער דער שינע, מאַכט לויזער, און ווער ווייסט ווהין ס׳וועט דערגיין, אין וועלכן תהום אַריינפירן... ניין, ס׳איז

שוין נישט יענע צייטן ווען אַלץ איז געווען אַזוי פעסט און זיכער. יעדע זאַך אויף זיין אָרט, שטאַנדהאַפטיק. יעדער מענטש אין זיין מעמד, אין זיין שטאַנד. די לייט — געהאָרכזאַם און פאָלגעוודיק. זיין וואָרט — אַ געבאָט. זיין שטוב — די ווייזערס אויפן ציפערבלאַט פאַר אַנדערע. היינט איז עס אַ קאַליע געוואָרן געווערק. מאַכסט עס צורעכט, קלאַפּט עס ווידער אַ ביסל: פּיור־פּאַוו, טיק־טאַק און בלייבט שטייק. און געבערענגט דערצו האָבן נאָר די יינגע חוצפּהניקעס. זיי, מיט זייער תאווה צו מאַכט רייסן זיך ווי די וועלף, זוכן מיט כוח אונטערגראָבן די אַלטע איינגעפונ־דעוועטע פונדאַמענטן. ווילן אַלץ איינשלינגען. קומען צום אויבנאָן. און דערפאַר טראָגן זיי אונטער די אַלע אומרואיקע צוגווינטן. טראַכטן אויס אַלעמאָל נייע פּלענער. צו צעטרייסלען, צעמישן, אַרויסברענגען פון דער רו, און אַליין דערביי געווונען.

אָבער ער וועט זיי נישט נאָכגעבן. ניין, נישט נאָכגעבן — אַ גרויסע פייג!

...יאָ, דאָס וואָרט „שותפות" אַליין ברענגט אין אים אויף נישט אָנגע־נעמע זכרונות, נישט קיין גוטע געפילן. ס׳געדענקט זיך אים נאָך גוט דער סכסוך מיט דער משפחה. דעם הויף האָט ער, אברהם, איבערגענומען אין ירושה פון די עלטערן צוזאַמען מיטן ברודער ישראל־וואָלף. אין דער ערשט האָט זיך געפירט כשורה. געלעבט אין שלום, געמיט זיך אָנצוהאַלטן די גלייכגעוויכט. אָבער ווען דער ברודער איז פּלוצעם אָפּגעשטאָרבן און עס זענען צוגעטראָטן זיינע קינדער, די יורשים, האָט זיך שוין אָנגעהויבן צרות־צרורות. דעם ברודערס זין זענען געווען אינטעלעגענטלעך, שוואַכע בריאים, אָנגעלייענטע מיט ביכער, אָן איניציאַטיוו, אָן ווילן צו אַרבעט. פאַרנאַכלעסיקט די מלאכה, און אַוועקגעגעבן זייערע טעג מיט גאָרנישט. מיט התבטלות. צו גאָרנישט צוגעקומען. אָבער דערפאַר האָבן זיי געהאַט גרויסע אויגן אויף אים. געקוקט אויף זיין שטוב, אויף זיין הויזגעזונט מיט קנאה, מיט חשד. געמיינט רק ער איז שולדיק אין זייער דורכפאַל. באַרייכערט זיך אויף זייער חשבון. באַוואולהט זיי. שוין דעמלט האָט ער געזען ווי שלעכט עס איז ווען מען איז געבונדן מיט אַ נחלה, אָדער מיט אַ מסחר, מיט אַנדערע פרעמדע הענט. ס׳האָט אים אברהמען געקאָסט

כוח און געגוג צייט ביז מ׳האָט געברענגט צו אַ טאָלק, זיך אָפּגעטיילט. אברהם האָט פאַר דעם גרעסער באַקומענעם חלק זיי אַרויסגעצאָלט. יעדער האָט גענומען ס׳זייניקע, געשטעלט אַ גרענעץ צווישן זיך — אָפּגעשיידט.

דאָס לעבן איז אָבער נישט געווען צו זיי באַרעמהאַרציק. זיי זענען נאָך מער אַראָפּגעגאַנגען בעת ער איז געשטיגן, געגאַנגען באַרג אַרויף. ציגעקויפט נאָך פרעמדן פלאַץ, געוואָרן רייכער, פאַרברייטערטער. אָבער ביזן היינטיקן טאָג ליגט אים די זאַך ווי אַ שטיין אויפן האַרץ —

„יאָ, מען קען נישט יוצא זיין פאַר אַלע, פאַר דער גאַנצער וועלט...״ — האָט אברהם אויסגעלאָזט מיט אַ קרעכץ.

— טאַטע!

אברהם האָט געהערט דעם זונס קול, זיך אומגעקוקט, געזוכט אין דער ריכטונג פון אָפּקלאַנג. געזען חיים אַלטער שטייט ביי דער „מאַטקע״ (גרויס פאַס), פאַרעט זיך מיטן „מיש־ברעט״, רופט אים ער זאָל אַהינגיין. אברהם האָט גענומען אַהינשפרייזן.

— וואָס מיין זון?

— איך וויל אויפטרייבן ס׳פאַס, כ׳האָב נישט מיט וועמען.

— האָסט נישט מיט וועמען? באַלד — אברהם האָט אַ וואַנד געטאָן די אויגן אויף צוריק, געוואָרפן אַ בליק צו דער פאַלצקאַמער, אַ סעקונדע זיך געישובט — כ׳וואָלט געמיינט אפשר מיט פתחיהן. אָבער ער איז איצט פאַרנומען. גוט, דערלאַנג, איך וועל העלפן.

חיים אַלטער, שוין פאַרפעסטיקט די קניפּן, האָט צוגעוואָרפן דאָס הענטל פון די צי־שטריק צום פאָטער. אַליין פאַרקלאַמערט זיינע געזונטע מוסקולירטע האַנטפלאַכן אויף דער אויבערשטער לייסט און מיט גרויסן כוח אַ שטופּ געטאָן דאָס מיש־ברעט אינמיטן פון רוענדיקן וואַסער. די ברוינע יויך אין פאַס האָט זיך אויפגערודערט. גענומען באַוועגן, פאַל־דעווען, גיין. אויף דער אויבערפלאַך האָבן אָנגעהויבן אויפטויכן שאַפּנפּעלן, אַרויפגעשווומענע פון דער טיפעניש, מיט געשטרעקטע העלדזער, לאַפּקעס, שאַריענדיקע עקן. אין זונענליכט האָבן זייערע צאַרטינקע ראָזעלעכע הויטן געשימערט ווי קינדערישע לייבער. זיי האָבן זיך געיאָגט איינס נאָך

ס׳אַנדערע. פלינקע, לוסטיקע, ווי פיש וואָס איילן אין פריילעכן געשווים צום ברעג. מיט יעדערן שטויס פון ברעט, זענען זייערע באַוועגונגען געוואָרן נאָך מער בריהשער, רירעוודיקער, קונדאַסישער. געגורטעוועט, צוריק אויפגעטויכט. ווידער זיך געטונקען און ווידער אויפגעשווומען, גלייך זיי וואָלטן דאָס געקומען זיך באַווייזן מיט זייערע שטיפערישע אַקראָבאַטישע קונצן.

אברהם האָט געקוקט אויף זייער שקאַצישן גאַנג און דאָס פנים איז ביי אים געוואָרן העלער, אויפגעלויכטענער. אַ מילדער שמייכל האָט אויפגעשפילט צווישן זיין באָרד און וואָנסעס. אין דער מינוט האָט ער פאַרגעסן אין אַלעם פריערדיקן. אין די טריבע טראַכטענישן, אין די אומעטיקע גריזאָטעס. אַזאַ כוח האָט דאָס אויף אים געהאַט. געקענט אַלדאָס שלעכטס פון אים פאַרטרייבן. ער האָט געטראָגן צו זיי אַ ליב־שאַפט ווי צו לעבעדיקע באַשעפענישן.

זעענדיק זייערע קלאָרע שיינענדיקע וויערכן, דער סימן פון גוטער אַנגענומענער גאַרב, זייער רירעוודיק גייך, האָט ער פאַרשטאַנען זיי האַלטן ביים נאָענטן פאַרטיק ווערן. יעדער טרייב פון ברעט יאָגט אַריין נאָך מער דעם גאַרב־סאָק אין זייערע געוועבן. גיט זיי קראַפט, ווי ס׳יאָגט דער ווינט אַריין דעם זאַפט פון בוימס אינגעווייד אין זיין געצווייג און פרוכט. דאָס האָט אים אַריינגעברענגט אין אַ מער הייטערער שטימונג.

— זיי האַלטן ביים פאַרטיק ווערן, אָט, אָט, — האָט אברהם מונטער אויסגערופן.

ער האָט זיך נישט געקענט גובר זיין אין זיין גלוסט. אָפּגעהאַלטן אַן אויגבליק די אַרבעט, זיך אָנגעבויגן, אָנגעכאַפּט איינע אַ שווימענדיקע פעל ביי אַ פיסל, אַרויסגעצויגן. זי האָט געטריפט מיט שטראָמלעך ווי אַן אַרויסגעשלעפטער ים־הונט פון לעבעדיקן וואַסער. אברהם האָט זי אַ טרייסל געטאָן, אָפּגעשאָקלט פון איר הויט די צוגעקלעפּטע קאָרע־שפּליטערס, אויפגעהויבן זי אין דער גאַנצער הייך, באַטראַכט: „שיין, שיין״, האָבן ביי אים געמורמלט די ליפּן. דערנאָך אַ קניפּ געטאָן אין אַ פול אָרט נאָענט צום אונטערשטן טייל, זען דעם סימן: די פייכטקייט איז אָפּגעלאָפן. אויף דער הויט איז דערשינען אַ העלער ריינער פלעק,

אָפּגעזאָפּט פון וואַסער. אברהם האָט דערפון נאָך קלאָרער געדרונגען — זיי זענען גוט געגאַרבט. מ׳וועט זיי קענען גיך אַרויסנעמען.

— זיי וועלן נאָך איבערליגן היינטיקן טאָג און מ׳וועט זיי מאָרגן מיט אַ גוט געזונט אַרויסנעמען צום טריקענען, ווי מיינסטו חיים־אַלטער.

— יאָ, איך מיין אַזוי, טאַטע. נאָכן איבערליגן היינט און מאָרגן ביז האַלבן טאָג, וועט מען זיי צו מיטיק־צייט אַרויסהענגען.

אברהם האָט די פעל צוריקגעוואָרפן אין פּאַס, גענומען צוריק צום טרייבן. די פעל איז גיך פאַרשוואונדן. זיך פאַרטונקען מיט די אַנדערע.

— די נייע מאַטעריאַלן העלפן צו. אַמאָל האָט עס פיל לענגער גע־דויערט און מ׳האָט אויך שווערער געאַרבעט — האָט אברהם ציענדיק געלאַסן די צי־שטריק געזאָגט.

— עס איז אָבער נאָך אַלץ בעסער געווען ווי היינט, גלייב איך, נישט געווען אַזויפיל דעה־זאָגערס, גבאים — האָט אָפּגעענטפערט דער זון.

— אין דעם ביסטו גערעכט מיין קינד. נישט געווען אָט די גבאים טאַקע...

אברהמען איז געקומען צוריק אויפן געדאַנק דער סינדיקאַט. אַ טיאַכ־קאָ געטאָן אין האַרץ, אַרויף אויף דער צונג. אָבער אַן אַנדער מחשבה האָט זיך פּלוצעם אַריינגעמישט.

— די „אויסטראַלישע" דאַרף מען אויך אויפטרייבן, מיין איך — האָט אברהם דערמאָנט.

— כ׳וויס טאַטע, כ׳וועל עס שפּעטער טאָן. איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, ס׳איז געבליבן שוין ווייניק פּעקלעך פון זיי. אינגאַנצן אַ צוויי, דריי...

—מאַ, שימע דאַרף קומען היינט־מאָרגן געזונטערהייט פון דאַנציק, וועט ער ברענגען נייע סחורה — נאָך אַ מאָמענט אָפּוואַרטן האָט אברהם צוגעגעבן: — איך האָב מער ליב די „פּוילישע", די ריינקייט פון זיי, די ציכטיקייט.

— ליב... וואָס מען פאַרקויפט און וואָס מען פאַרדינט, איז ליב.

— נו, יאָ. האָסט אויך אין דעם רעכט, מיין זון.

אַברהם האָט זיך פאַרקלערט. געקוקט אויף דעם לעבעדיקן געשווים, געזען ווי די ברייטע פלאַך פון מישבערעט טרייבט דאָס געבליז, שניידט

מיטן קאַנט דעם געדיכטן קוואַס, ווי אַ שיפּרודער דאָס צעפּאַרסקעטע וואַסער. אברהם האָט געקערעוועט ריטמיש מיטן הענטל פון די צי־שטריק. לינקס, רעכטס, טאַקע ווי מיט אַ רודערער. נאָכגעלאָזט און באַלד ווידער אַ שלעפּ געטאָן צו זיך מיט מער קראַפט. זיין בליק איז געפאַלן אויפן זונס הענט, וועלכע האָבן, האַלטנדיק פעסט די אויבערשטע לייסט, גע־שטויסן דאָס ברעט — הענט געבענטשטע מיט קראַפט, מיט כוח ווי זיינע אייגענע הענט אַמאָל אין די יינגע יאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר צען; נישט מורא געהאַט פאַר קיין פראָסט, פאַר קיין פייער. עס איז אין אים אויפגעגאַנגען וואַרעמלעך, מיט בענקעניש, יענע שוין פאַרלאָפענע צייט. ווען ער איז געווען אין זיין זונס עלטער. געשטאַנען דאָ אין זעלביקן הויף, ביים זעלבן פאַס מיט זיין טאַטן און געטאָן מיט אים צוזאַמען די זעלביקע אַרבעט. אָט גלגול החוזר. די אייביקייט דרייט זיך אין איר כסדרדיקן גאַנג. דעמלט איז אָבער געווען אַ רואיקע וועלט, אַ גוטע וועלט. און היינט ?...

— וואָס זאָגסטו צום סינדיקאָט, האַ? — איז דאָס וואָרט ביי אברהמען צוריק אויפגעשווומען, אַרויסגעפלויגן.

— וואָס מיר סינדיקאַט־שמינדיקאַט. נישט ווערט קיין צעבראָכענעם דוקאַט. ערגער נאָך פון אַ פאַרכוואַטן בוקאַט — האָט חיים אַלטער נאָכגעזינגען דאָס אין גאַס שוין אַרומקרייזנדיקע לידל, וואָס איינער אַ לץ, אַ קעגנער האָט אויסגעטראַכט — ווער ברויכט אים. אפשר אויף ערב יום־כפור, שלאָגן מיט אים כפרות...

— און זעסט דאָך, מען לויפט שוין דאַרויף ווי אויף אַ ווילדער מציאה, אַ פעטן ביסן.

— זאָלן זיי לויפן. זיי וועלן אָנלויפן... דאָס שטיקל אַרבעט האָבן צוגעטראָכט די נייע גבאים מיט זייערע צוהעלפערס. זיי רייבן זיך שוין דאָס אונטער־חלק.

— דוד מבקר זעסטו איז אויך אינדערמיט, רייסט זיך דעם יאַשטשיק, מיינט כאָטש זיי וועלן אים שטעלן אויבנאָן אויף דער מזרח־וואַנט...

— זיי האָבן אים אָנגערעדט. מן הסתם עפּעס צוגעזאָגט.

— ער, דוד, כאַפּט זיך מיט אויף אַלע נסיעות. אויף יעדן וואָגן זעצט

ער זיך פאַרן... מיינט אפשר... אפשר וועט דאָ ס׳מזל אים צושפּילן. ר׳ווייסט נישט, אַז דאָס מזל האָט ליב צו קומען צו איינעם וועלכער האַלט זיך ביי איינס, ווי אַ בוים האַלט זיך מיט זיינע וואָרצלען אין דער ערד...

— מען זעט דאָך וואָס פאַראַ גאָלדענע צויטן ס׳שלעפּן זיך אים נאָך — האָט חיים אַלטער צוגעלייגט.

— אָט דאָס מיין איך דאָך צו זאָגן. אַ מענטש מוז זיך האַלטן ביי איין זאַך — דאָס איז מיינס און מיט דעם נעם איך זיך אַרום. מיט דער צייט שטעלט מען זיך מיט די פיס פעסטער אויף דער ערד. אַ שטיין ער ליגט לאַנג אויף אַן אָרט ווערט ער אויך באַוואַקסן... דוד נאָר דער מוח אַרבעט ביי אים. דער קאָפּ טראַכט, די פיס פליען און די הענט רוען. פונוואַנען זאָל ער האָבן?

— יאָ, ער האָט מער ליב די לופט פון גאַס ווי דעם ריח פון פאַס... אויף דער נ׳וואָרעט גייט ער.

אברהם האָט אויטאָמאַטיש אומגעקערט דעם קאָפּ אויף צוריק. געזוכט מיטן בליק, געזען דוד ראָזנקראַנץ קומט אָן פון פראָנט־איינגאַנג. איז אָנגעטאָן אין ריינער אויסגעפּוצטער קאַפּאָטע. דאָס היטל זאָרגפעליק פאַרלייגט אויפן קאָפּ. דער קאָלנער פון העמד — אַ גלייכער, אַ קלאָרער. גייט מיט אַ באַרוט געלאַסענעם גאַנג, ווי ער וואָלט זיך דאָס געקליבן אין ערגעץ אויף אַן אינמיטנטאָגיקן ברית. ביי אברהמען איז איבער עפּעס אויפגעגאַנגען אַ פאַרדראָסיק געפיל. אַ שלעכט איראָנישער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אין די אויגנווינקלען, אים אָנגעהאַלטן ביז דודס צוקומען.

— גוט מאָרגן! — האָט דוד באַגריסט מיט נעימות, פריינטלעך — אַדורכגייענדיק, האָב איך מיר געטראַכט, כ׳וועל מיך אַריינכאַפּן אַ קוק טאָן וואָס מען הערט. כ׳מיין מכוח...

דוד האָט דערזען די שווימענדיקע פעלן, נישט דערענדיקט די רייד, זיך אָנגעבויגן, אַ צי געטאָן מיט די נאָזלעכער דעם אויפגעראַיעטן סאַס און ווי ער וואָלט פונעם אָנגעשמעקטן גערוך דערכאַפּט זייער צושטאַנד, געזאָגט:

— דאַכט זיך די „שטיקלעך" זענען שוין באַלד פאַרטיק.

— מילא, וועלן זיי זיין פאַרטיק... און וואָס איז ביי אייך אַזוי יום־טוב

אין דער וואָכן? איר קלייבט זיך אין ערגעץ אויף אַ שמחה? — און אברהם האָט דעם פרעג געהילט מיטן זעלבן פאַרבאָרגענעם איראָנישן שמייכל, קוקנדיק אויף דודס גלאַנציקע אַלפּאַגינע יופּיצע, אויף דודס צוגעקליבענע באָרד.

— מאַ, אַ שמחה... עס וועלן אם ירצה השם זיין שמחות ביי יידן אויך, מיטן רבונו של עולמס הילף. איצט קלייב איך מיך צו עפּעס אַנדערש, צו די „ביקלעך". וואָרעם מיר האָבן באַשלאָסן צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע גאַרבערס, אַרומרעדן וועגן סינדיקאַט און נאָך אַ פּאָר וויכטיקע ענינים.

דוד ראָזנקראַנץ — אַ טונקלהויטיקער ייד, אין די ערשטע מיטעלע יאָרן, מיט אַ קלוג פּנים פון אַ יידישן מענטש וואָס קען אַריינקוקן אין אַ ספר, באַנעמען פלינק אַן ענין, טונקעלע אויגן, וואָס טוען בעתן רעדן שמייכלען — האָט גערעדט צו אַברהמען איינגעהאַלטן, באַזאָכט ווי צו אַן עלטערן מאַן און בכבודיק באַלעבאָס. דוד, אין זיין שטייגער אַ מעורב בין הבריות, אַ צוגעלאָזענער מענטש, וואָס קומט לייכט אַריין אין היימישקייט, האָט ליב צו באַווירצן זיינע שמועסן מיט אַ פאַלקסווערטל, אַ מאַמר, אַ פּסוק און איז גערן געזען אין לייטנס אויגן, האָט אין אַברהמס הויף, זיך געפילט אמת נישט אַזוי פריי, אַפילו אַ ביסל קרעמפּירט. אַברהמס בעל־גופישקייט, דאָס תקיפותדיקע, וואָס טוט פון אים אַרויסקוקן, זיין מקפּיד זיין אויף דעם האָנאָר, זיין קעגנערשאַפט צו אַלץ, וואָס שטימט נישט מיט זיין שטוב, מיט זיין מיינונג — דאָס האָט זיך געלייגט אויף דעם איידעלן דודן שווער, געמאַכט פאַרלירן זיין אייגענער זיכערקייט, געטריבן אים צו א קאַפּעלע הכנעה.

דוד האָט אויך אַצינד געוווּסט ביי זיין אַריינקומען, ער וועט ווידער האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט. אברהם איז אַ ביטערער קעגנער צום סינדיקאַט, כמעט אַ שונא און נישט קיין גרינגער ייד. אָבער ער האָט געמוזט טאָן ס'זייניקע. זיין שליחות אויספילן. געקומען לטובת אַ כלל־זאַך. ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן ווירדיק, נישט געפאַלן, אָנגעגורט די לענדן אָפּצוקלאַפּן אברהמס אַלע נישט גערעכטע טענות און תשובות.

— איר פאַרשטייט ר' אברהם — האָט דוד גענומען פריש מסביר זיין

פּאַר לעווקינדן מיט רואיקע אויפקלערונג — מיר באַמיען זיך די זאַך צו ברענגען צו אַ טאַלק. אַרויספירן דעם טאַפּטשענדיקן וואָגן אויף אַ גלייכן וועג...

— אַזוי גאַר. אָ!... און ווער איז דאָס דער „מיר״? — אברהם האָט געפרעגט געלאַסן, נאָר מיט אַזאַ קאַלט שניידיקן בטול־טאָן, פון וועלכן ס׳האָט געקענט ביים צווייטן פאַרגליווערט ווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

— ס׳הייסט... יאָ, ס׳רעדט זיך שוין אַזוי ר׳ אברהם — האָט דוד געזוכט צו פאַריכטן — איך מיין דעם קאָמיטעט, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע די זאַך אַדורכצופירן. ווייל איך טאַקע פרעגן, ר׳ אברהם, צי האָט איר אַדורכגעטראַכט דערוועגן און באַשלאָסן גיין מיט אונדז, צי נישט...

— דערווייל ווייס איך נאָך נישט, צי מיט „אונדז״ צי אָן „אונדז״ — און ווידער דער זעלבער שניידיקער בטול־טאָן — קודם פּאַר אַלעם דאַרף מען אַרבעטן. אין דער ליידיקער צייט, ווען מען וועט נישט האָבן וואָס צו טאָן, אין די גרויסע ווינטער־נעכט, וועט מען זיך אַוועקזעצן ביים אויוון, טראַכטן, ישובן. איצט איז לויטערער זומער. נישטאָ קיין צייט אויף בטלען נאַרישקייטן...

דוד האָט אין די ווערטער געהערט דעם גאַנצן חוזק, דעם שטאָך. ס׳האָט אים געאַרט, כמעט באַליידיקט: וואָס האָט ער אים צו שטעכן? דאָך האָט ער זיך געמאַכט פאַרהערן. ר׳איז נישט מחויב זיך אַריינטראַכטן אין יענעמס ווערטער, נעמען אויפן שפּיץ־מעסער. ער ווייסט, אברהם איז נישט פון די נאַכגיביקע. האָט זיינע אַמביציעס און ווי יעדער עושר וויל ער אויספירן ס׳זייניקע. דוד האָט נאָך מער געשטאַרקט אין זיך דעם רצון, נישט לאָזן זיך מדחה זיין. נישט ווערן געפאַלן און דוקא אים יאָ איבערצייגן.

— ס׳מוז דאָך אָבער נעמען אַמאָל אַ סוף, ר׳ אברהם. מ׳קען דאָך נישט אייביק אַזוי שוועבן צווישן הימל און ערד. יעדע זאַך מוז דאָך קומען צו אַ ברעג...

— ווער זאָגט דען אַנדערש. א י ר ט ו ט דאָך דאַרין.

דוד האָט פון לעווקינדס איצט באַזונדערן אונטערשטרייכן דעם: „איר טוט" דערשפּירט נאָך בולטער די בטולדיקע אַנצוהערעניש אויף אים און זיך באַגאָסן מיט בושה. ער האָט אויך באַמערקט דעם קרומען שמייכל וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף אברהמס אונטערשטער ליפּ — אַ באַהאַלטענער גרינגשעצנדיקער שמייכל, מיטן קוק פון אויבן אַראָפּ. ס'האָט אים דודן ווי געטאָן. אָבער אויך אַצינד האָט דוד געזוכט זיך שטאַרקן, מאַכן ס'האַרץ ווי אַ שטיין. ער איז דאָך נישט אַריינגעקומען בעטן עפּעס פאַר זיך און אַוודאי נישט זיך פאַרמעסטן אין גדלות, אויפ־ווייזן אין יחוס. ער איז געקומען וועגן פּרנסה־זאַכן, וועגן אַן ענין וואָס איז נוגע דער גאַס, די טובה פאַרן כלל און פאַר יעדערן באַזונדער, און וויל אים, דעם אָנגעזעענעם באַלעבאָס, געוווּנען.

— ר׳ אברהם, פאַרוואָס זענט איר אַזוי עקשנותדיק צום דאָזיקן ענין, האָט דערוועגן אַזאַ שלעכטע מיינונג? לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל, אַז ס'קאָן דערפון אַרויסקומען אַ גוטע זאַך פאַרן כלל?

— נייך ס'קען נישט אַרויסקומען קיין שום גוטס. דאָס איז אַ פאַלשע זאַך פון באַלד לכתחילה. אַ געמיין שפּיצל פון דער באַנדע. אַריינצוקריגן די אַרבעט, מיט די הייף, אין זייערע הענט.

דוד האָט עס גענומען אַ רגע אויפן געדאַנק: האַ, אפשר יאָ? אָבער גלייך אָפּגעוואָרפן. אויסגעטייטשט, אַז דאָס שרייט פון אברהמען אַרויס דער באַליידיקטער האָנאָר, דאָס אַרויסנעמען די מאַכט פון זיינע הענט און מעגלעך אויך דאָס, וואָס ער אַליין נויטיקט זיך אמת, נישט אין דער זאַך. דערפאַר אַזוי זיין ביטערער איינגעשפּאַרטקייט, נישט צום לאָזן זיך בייגן. זעט אויס כבוד און גאווה, און אייגננוצן, איז שטאַרק ביים מענטש. לאָזט אים נישט פאַרציכטן. וואָלט ער, אברהם, אויף אַ ווייל זיך געוווען אַריינגעטראַכט, דערפילט דעם קווייל פון אַן אַנדערער שטוב, דעם קווייל פון שטיקל ברויט פאַר קינדער, וואָלט ער מעגלעך אַזוי נישט גערעדט. בעל־כורחו דעם קאָפּ געבויגן. פילט ער עס אָבער נישט אויף זיין הויט. דערפאַר איז זי די הויט האַרט ווי אַ פערדישע.

אָבער ער וועט אים נישט נאָכגעבן. דוד האָט ווידער געפּרוּווט די כּוחות.

— ווען כ׳זאָל אַפילו מודה זיין ר׳ אַברהם, ס׳איז אַזוי ווי איר זאָגט, האָט איר אויך באַדאַרף מיטגיין. אַחרי רבים להטות, פאַר אַ רבים בייגט מען זיך. און ס׳איז נאָך נישט אינגאַנצן ווי איר זאָגט. און דערצו איז מען מיט גאָרנישט געבונדן. מיר וועלן זען: יאָ־יאָ, נישט־נישט. מיר זענען נישט קיין קליינע קינדער, מען זאָל אונדז אויסנאַרן.

— מ׳וועט אויסנאַרן, גוט אויסנאַרן, און אַוועקגיין וועט מען ווי אָפּגעשמיסענע קינדער, נאָך ערגער — אַברהם האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרשטילט, פאַרקוקט. צוריקגעבערענגט דעם בליק צו דוידן און מיט נאָך אַ בייזערן טאָן — פאַר צווייטנס, וואָס האָט עץ צו מיר, וואָס זיך אָנגעזעצט דווקא אויף מיר. צ׳טוט דאָך דערוועגן. איר טוט, אַנדערע טוען. טוטס געזונטערהייט און מיך לאָזט אָפּ.

דוד האָט געהערט דאָס אויפגערעגטע, די בייסיקע איראָניע.

— איר רעדט מיר אויס ר׳ אַברהם „איך טו״. עמעצער מוז דאָך טאָן. אַליין טוט זיך גאָרנישט. אַליין קאָן נאָר דאָס מויל עסן...

אַז מען האָט עס נאָר צו געבן, כע־כע־כע — און אברהם האָט אויסגעכיכעט אַ בייז שטעכיק געלעכטער.

דאָס מעסטל איז איבערגעגאַנגען. דאָס געלעכטער וועגן אָרעמען הונגעריקן מויל איז דודן אַריין ווי אַ שפּיז אין די ריפּן. אים פאַרגאָסן דאָס פּנים מיט פאַרשעמונג. אָט דאָס שטעכיקע אונטערכיקען האָט אַרויסגעוויזן די גאַנצע זאַטע עם־הארצישע גראָבקייט פון דעם דאָזיקן זאַטן ייד. סהאָט אים אונטערגעהויבן. און כאָטש דודן איז נישט לייכט געווען אַרויסצוברענגען פון די כלים, אַריינטרייבן אין כעס, געוווּסט דעם חטא פון כל הכועס... האָט אָבער דאָס אָפענע ציניש באַליידיקן, אַ ברען געטאָן אין טיפעניש פון האַרץ. אַוועקגענומען פון אים זיין ביז אַהער האַרטעווען זיך און פאַרשוויגן. דודס בליק האָט זיך ברייטער געעפנט, אָנגעשטויסן מיט אברהמס אויסגערוטן, רויט באַגאָסענעם קאַרק, מיט זיינע אויסגעפּילטע פּלייצעס און דער פאַריבל האָט זיך אין אים נאָך שטאַרקער אַ הויב געטאָן, אויף דעם דאָזיקן ייד: אָט דאָס איז עס —

ס'איז פּעט דער בּיין! און ער ווייסט פון אייביק, אַז דער גביר איז ביי זיך תּמיד זיכער. אַט דער ייִד מיט דעם גרויסן בּויך, רויטן פעסטן האַלדז, פון וועלכן ס'שפּאַרט דאָס בּלוט, וואָס הייסט אַבֿרהם לעווקינד, איז אין דער אמתן שטאַרקער פון אים, מעכטיקער. און ער ווייסט אויך פון לאַנג, דער וואָס האָט די מאה, דער האָט די דעה. האָט דאָך שוין דער גרויסער חכם געזאָגט: חכמת מסכן — בּזויה, די חכמה פון אַן אָרעמאַן איז פאַרשעמט.

אָבער ניין, ער וועט אים נישט נאָכגעבן. ער, דוד, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיינע יאָרן בּיים ספר, בּיים לערנען, טראָגט אין זיך מער ווערטיקס און שענערס פון אַ גאַרבער־פּאָס. הגם מען קען עס אמת נישט פאַרבּייטן פאַר בּרויט... אָבער זיין כּבוד איז בּמקומו. ער וועט אים נישט לאָזן אָנרירן. אַזאַשע — אים!

דוד, פאַרלוירן די בּאַהערשונג, איז מיט אַ שפּרונג צוגעטרעטן צו אַבֿרהמען, אָנגעכאַפּט דאָס הענטל פון דער צי־שטריק, פאַרהאַלטן, צוגעדעקט מיט זיין האַנט, אַבֿרהמס פּוכקע פליישיקע פינגער. דודס בּליק אַן אָנגעשאַרפּטער, האָט אַריינגעקוקט אין אַבֿרהמס אויגן מיט עקשנות און טראָציקייט און אויך מיט אַזאַ צודרינגלעך טראָציק קול הויך אויסגערופן, ווי ער וואָלט אַריינגעשריגן אין אַ טויב אויער:

— ר' אַבֿרהם, אַנדערע ווילן אויך לעבן, אויך אָפּעסן אַ שטיקל בּרויט. די וועלט איז נישט בּאַשאַפן בּלויז פאַר יחידים, פאַר די עשירים... און כּדי מען זאָל האָבן דאָס מויל צו געבן, ווי איר אַליין זאָגט, ווילן מיר טאָקע איינפירן דעם סינדיקאַט, צו קענען געבן דאָס מויל אַ שטיקל בּרויט. איר הערט!

אַבֿרהם איז פון דודס האַסטיקן צופאַלן צו אים, פון דערפילן אין דער נאָענט זיין הייסן אָטעם, זיין ציטערדיקע שטים, געוואָרן אַ בּיסל מבולבל. אָנגעקוקט דעם אויפגעקאָכטן דודן מיט חידוש, אַ טראָפּעלע פאַרלוירן.

— וואָס שרייט איר אַזוי. איך בּין דאָך חלילה נישט טויב.

— כ'שריי, ווייל ס'שרייט אַרויס. ווייל אַנדערע ווילן אויך עסן אַ שטיקל בּרויט, ווילן אויך געבן די קינדער אָפּעסן זאַט אַ מאָלצייט. קענען בּאַצאָלן דעם רבּין אין חדר — און ביי דודן האָבן די ליפּן

געציטערט, ווי זיי וואָלטן באַקומען פיבער און שווער איז אים זיי איינ־צוהאַלטן.

אברהם האָט ביים דערהערן דאָס פאַרוווּנדיקטע געשריי פאַרלוירן פּלוצעם די תּקיפות, די גבירישע זיכערקייט. דאָס בייזע קוויילעניש, וואָס נורטעוועט אין אים היינט פון באַלד אינדערפרי, האָט זיך אויך עפּעס ווי איינגעלאָשן. ס׳האָט אים באַנג געטאָן: פאַרוואָס איז ער מצער דעם ייד. געבערענגט אים צו אַזאַ אויסברוך. ער קען אים גוט. ווייסט, ער דוד איז נישט חלילה פון באַרג מיסט אַראָפּ... אַן אָנשטענדיק בכבודיקער מענטש, מיט תורה. געשעצט ביי לייטן. ער דאַרף אים דאָס נישט טאָן. און גלאָט, פאַרוואָס שטופּט אים עפּעס דער יצר הרע אָנטאָן עגמת נפש אַנדערע?

אברהם האָט דערפילט אין זיך די חרטה. גענומען אָפּהוסטן. פאַרצויגן אין אַ קנופּ די ברעמען און ווי ער וואָלט געוואָלט מפייס זיין, גוט מאַכן, געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטן קול:

— ווער זאָגט דען ווער. זאָל גאָט געבן אַלע יידן. כ׳מיין נישט חלילה, ווענעמענס כבוד אָנצורירן. כ׳האָב נאָר געוואָלט דערמיט זאָגן...

— ס׳קומט דאָך אָבער יאָ אַזוי אויס, לויט אייערע רייד קומט דאָך אַזוי אויס — האָט דוד אים איבערגעריסן נאָך אין דענערווירטקייט נישט געלאָזט דערענדיקן.

— אפשר האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון מויל נישט ווי מען באַדאַרף. אַ פערד פּאָטיקעט זיך אויך אַמאָל און פאַלט. כ׳האָב גאָרנישט געמיינט. מילא מ׳איז נאָר אַ מענטש.

און אָפּוואַרטנדיק עטלעכע רגעס, אָננעמענדיק אַ נאָך מער רויִקן אויסדרוק סיי אין טאָן, סיי אין געשטאַלט, האָט אַברהם געזאָגט מיט מער פריינטלעכן דיבור:

— מען וויל דווקא, זאָגט איר אַדורכרעדן, זאָל זיין אַדורכרעדן. וואָס קען דאָ שאַטן. וואָס וויל מען אייגנטלעך אַדורכרעדן?

— ווי איך האָב פריער דערמאָנט, וועגן סינדיקאַט און וועגן נאָך אַנדערע זאַכן — האָט דוד אָפּגעענטפערט אויך שוין רויִקער און פריידלעכער.

— וואָס זענען דאָס נאָך די אַנדערע זאַכן?

— וועגן דער כראָם־אַרבעט.

— וועגן דער כראָם־אַרבעט? — איז אברהם געוואָרן אויפמערקזאַמער, אַ הויב געטאָן די אויערן ווי אַ קריגס־פערד הערט אַ שאָל און זיינע געדיכטע ברעמען האָבן זיך געהויבן צום שטערן — וואָס מיינט מען עס מיטן אַדורכרעדן וועגן דער כראָם־אַרבעט?

— מען דאַרף עפּעס מתקן זיין, פאַריכטן אין דער זאַך.

— וואָס למשל?

— מיר ווילן... ס'הייסט דער קאָמיטעט וויל, עס זאָל אַריינקומען אַ פּלאַנירונג אין דער אַרבעט. זיי רופן דאָס אָן: „ראַציאָנאַליזאַציע" ווייסיך... זאָל זיין אַזוי. וואָס איז די נפקא מינה, מ'מיינט אַ סדר.

— נו?

— איז ראשית, מען זאָל נישט אַזויפיל „אָנפּאַטשקען", אָנאַרבעטן אָן אַ מאָס, וואַרפן צופיל סחורה אויפן מאַרק און דערמיט גורם זיין צו דער פאַרביליקערונג פון פּרייז. אָנשטאָפּן די „פּרעמדע" די העלדזער פאַר בחינם און אין דער אייגענער קעשענע — אַ לאָך.

— וואָס איז די עצה דערצו?

— פּלאַנירונג. אַ קוואָטע פאַר יעדן גאַרבער באַזונדער.

— וואָס מיינט דאָס?

— יעדערן הויף אויסטיילן זיין סכום — און נישט מער.

— אַהאַ. און דעמלט וועט שוין זיין גוט?

— בעסער.

— בעסער וועט שוין נישט זיין, איר הערט. ביי די היינטיקע וועט בעסער נישט זיין, ווייל זיי זענען וועלף און נישט קיין מענטשן — אברהם האָט זיך אַ שאַרפן קער געטאָן צו דודן. די וואָנסעס אויפגעשטעלט ווי ביי אַ הונגעריקער ווילדער קאַץ — זאָגט מיר, ר'זאָלט מיר זיין געזונט, צוואָס האָט מען געדאַרפט דעם גאַנצן האַרמידער מיט דער נייער אַרבעט, וועמען האָט דאָס געפעלט אין טאָפּ אַריין, האַ? אונדזערע עלטערן, אונדזערע זיידעס האָבן אָפּגעלעבט זייערע יאָרן, נישט געוווּסט פון דעם, געקאָנט זיך אָן דעם באַגיין, וואָלטן מיר זיך אויך באַגאַנגען

און אונדזערע פֿאַר יאָר אָפּגעלעבט אַביסל שטילער, רואיקער, מיט ווייניקער טומל. האָט מען צוגעלייגט נאָך אַ כאָמעט אויפֿן האַלדז, ר׳זאָל שטיקן: כראָמעס!

— נ׳מאַ, נ׳מאַ, הערטס אַ מעשה. דאָס וואָס ס׳איז געווען ר׳ אַברהם, איז שוין נישטאָ. עס איז היינט אַן אַנדערע וועלט, אַנדערע צייטן.

— אַנדערע צייטן... וואָס זענען דאָס די צייטן אַנדערש. די זון לייכט ביינאַכט, די לבנה ביי טאָג? מ׳גייט אויפֿן קאָפּ און נישט אויף די פֿיס?

— כ׳ווייס, אפשר טאַקע אויפֿן קאָפּ. די מלחמה האָט אַלץ איבער־געדרייט, געמאַכט אַנדערע מענטשן, אַן אַנדערע וועלט. אַלץ איז איבער־געאַנדערשט געוואָרן.

— דאָס טענה איך דאָך: אַנדערע מענטשן. אַן אַנדערע וועלט! נישטאָ מער די מענטשלעכקייט, דער דרך ארץ פֿון אַמאָל...

— נ׳מאַ, נ׳מאַ!...

— מיר זענען אַליין אין דעם שולדיק. מיר גייען נאָך די יינגע קעפּ. אָט למשל נעמט מיר נישט פֿאַריבל. איר גייט אַרום אַגיטירן פֿאַר אַ זאַך, וואָס איר אַליין ווייסט נישט, צי ס׳איז גוט צי ס׳איז שלעכט צי ס׳האָט אַ האַפֿט, צי נישט. זיי האָבן אייך אָנגעדרייט און איר פֿאָלגט.

— ר׳ אַברהם, דאָס איז נישט קיין ענין פֿון אָנדרייען און פֿון די יינגעס קעפּ, נאָר פֿאַר דער גוטסקייט און ווויל פֿאַר דער גאַנצער גאַס. עס וועט זיין ווי אַ פֿאַרזיכערונגס־גאַרטל, אַרומגענומען די לענדן פֿון אַלע גאַרבערס — אַ פֿאַראייניקונג. אָט וואָס!

— ווויל אייך, איר גלייבט.

אברהם האָט אַ קוק געטאָן אין הימל, ווי ער וואָלט געוואָלט כאַפּן די שעה. געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן פּאַס, געזען ס׳איז דערווייל גענוג געמישט. אָפּגעשטעלט די אַרבעט. איבערגעגעבן דאָס הענטל מיט די צו־שטריק דעם זון, אָנגעזאָגט, ער זאָל נאָך אַ ביסל אַדורכטרייבן מיט דער „דובינע״ (לאַנגער דראָנג) און אַליין גענומען אָפּגיין פֿון אָרט. דוד איז נאָכגעגאַנגען. אויפֿן וועג נאָך אין אים אַריינגעטענהט, געפּרוווט אים אויפֿווייזן, איבערצייגן.

זיי האָבן זיך דערווייטערט אַהין צו די קאַמערן, געבליבן דאָרט שטיין. אַברהם האָט נאָך עפּעס צוגעהאָרכט זיך צו דודן. אים אויך אָפּגעענטפערט, געמאַכט מיט די הענט אַהין־אַהער. אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האַלב מיט ספק, האַלב מיט פאַרשטענדעניש, צוגעזאָגט, און אַריין אין דער פּאַלצקאַמער.

דוד איז אַוועק צום אַרויסגאַנג. נאָענט ביי דער שוועל פון פעדער־הויז, האָט ער זיך פאַרהאַלטן, געבליבן שטיין. אומגעקוקט זיך צו חיים אַלטערן און ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, אָפּגעריסן זיך צוריק פון אָרט און מיט פלינקע טריט אַהינגעאיילט צו אים. צוגעקומען איז ער אַרויס מיט שנעלן לשון און מיט דער היימישקייט ווי צו אַן אייגענעם זון.

— חיים אַלטער, כ׳האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס רעדן. ר׳ גדליה האָט מיך געבעטן דיך פרעגן, וואָס דו טראַכסט וועגן תכלית...

חיים אַלטערס פּנים איז נאָצפּאַל געוואָרן פאַרלאָפן מיט אַ שטאַרקע רויטקייט. זיך פאַרצויגן ביז איבערן האַלדז.

— וואָס עפּעס פּלוצעם אינמיטן דרינען? — האָט ער געפרעגט מיט אַ קול, וואָס איז אויך געוועזן אַזוי רויט און פאַרשעמט.

— וואָס וווּנדערסטו זיך וואָס. ער איז אַ טאַטע, וויל ער וויסן. ווייסט דאָך כ׳דאַוון מיט אים אין איין שטיבל. טרעפט ער מיך היינט ביים דאַוונען און זאָגט צו מיר: „דוד, דו וווינסט דאָרט אין דער זעלבער גאַס, נישט ווייט פון זיי. טו מיר אַ טובה, גיי אַריין צו ר׳ אברהמען און פרעג דעם בחור, ווי ס׳האַלט אין דער וועלט. צי טראַכט ער וועגן אַ תכלית צי נישט...״ בין איך געקומען דיך פרעגן.

דוד האָט אַ שריט געטאָן צו אים נאָך נענטער, געזאָגט ווי אויפן אויער און מיט מער פאַמיליאַרישקייט:

— חיים אַלטער, אינדעראמתן, ס׳האָט דאָך נישט קיין זינען זיך דרייען מיט אַ מיידל סתם אין דער וועלט... ער איז אַ פאָטער, אַ חסידישער מענטש און ס׳איז פאַר אים נישט שיין...

חיים אַלטערן איז געלעגן אויפן שפּיץ צונג צו זאָגן, ער דרייט זיך שוין מער נישט מיט עטלען, גדליה שאַיעוויטשעס טאָכטער. ער קומט

שוין אַפּילו נישט צו, צו זייער שטוב און פון תכלית קאָן מען דערוויייל מער גאָרנישט רעדן. ס׳וואָרט האָט זיך אים אָבער פאַרקלעמט צווישן די ציין און נישט אַרויסגעקומען. אויף אַזויפיל האָט ער נישט געהאַט די דרייסטקייט און העזה.

חיים אַלטער נישט ווויסנדיק זיך ווי אַרויסצודרייען, האָט געזוכט אָפּצופּטרן דודן מיט אַ סתם זאָגעכץ:

— גוט, גוט, מ׳וועט שוין זען... כ׳וועל אַליין רעדן...

— טו עס טאַקע. ס׳איז אַ מצווה. זי איז דערצו אַ יתומה אָן אַ מאַמען. פאַרגעס נישט למען השם, חיים אַלטער. זע וואָס גיכער צו דערפירן צו אַ ברעג. ווועסט דיר קויפן עולם הבא. זאָגסט מיר צו?

— גוט, כ׳וועל שוין זען...

— נאָר געדענק, כ׳זאָג דיר אָן. מאַך אַן עק. עס וועט זיין ווויל פאַר ענקביידן. זי איז אַ טייער קינד. אַ גוטן טאָג!

דוד איז אַרויס פון הויף.

קאפיטל פינף

די „ביקלעך"

דוד ראָזענקראַנץ האָט געשפּאַנט גאָס אַראָפּ, מיטן וועג צו די „ביקלעך". אַהינקומען צו זיי האָט מען באַדאַרפט אויסגיין די גאַנצע לענג גאָס, פאַרקערעווען זיך אין אַ קרומען סקווער און נאָכדעם ערשט אַרויף אויפן ווידאָווער שאָסיי. דאָרט אין אָפּגעזונדערטן מרחק, ווי אויף אַן אָפּגעזונדערט אינדזעלע, האָבן זיך געזאַמלט די ביקלשע נחלאות. געקופּיעט אין איין גרויסער משפּחה: זיידעס, טאַטעס, פעטערס, מומעס, שוועסטער זין און טעכטער — אויסשליסלעך פון דער ביקלשער ראַסע.

עס האָט קיינער נישט געדענקט פון וועלכער צייט זיי זיצן דאָרט אויף יענעם מקום. מ'האָט אָבער געוווסט, אַז שוין פון גאָר לאַנג. פון דעמלט נאָך אפשר, ווען דער פּריץ גראַף ליזשינסקי דער באַלעבאָס פון שטאָט האָט געגעבן די דורך דער קהילה, אויסגעבעטענע דערלוי־בעניש אויפצושטעלן די ערשטע גאַרבערייען און דאָ איז אַ פּנים געווען דאָס וויגעלע. שפּעטער האָט מען זיך אַראָפּגעצויגן מער צו שטאָט צו פאַרלענגערט די גאַרבער־גאָס.

די ביקלשע גזע איז געווען פון נידעריקן וווקס. קליינע געפּאַקטע מענטשן, אויסגעקנאָטענע גופים, קיילעכיקע פּנימער. געזונטע מראהס. רירעוודיקע, באַוועגלעכע — שטילע אַרבעטזאַמע האָרעפּאַשניקעס. זיי זענען אין זייער אַרבעט, געווען אומדערמידלעך. נישט אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצן טאָג פון אַרומבראַדזשען איבערן הויף, פון ערשטן בלוי ביז שפּעטער טונקלניש, ווי עס שטייען נישט אָפּ די ווימלדיקע מוראַשקעס, ווען זיי טראָגן אָן די שפּייז אין זייערע אונטערערדישע נעסטן. ווי יענע האָבן זיי אויך פאַוואָליע געזאַמלט זייערע קערנער, געגערט

די הויזגעזונטן. געהיטן דאָס שטילע פּאַרמעג. געטראָגן אַחריות. געבונ־דנקייט איינער צום אַנדערן. איבערגעגעבן די ירושה פון טאַטע צום זון.

דאָרט אין דער אָפּגעזונדערטקייט האָבן זיי זיך געפרייט מיט זייער לעבן. מיט זייער עקזיסטענץ. זיך צעצווייגט אין גרעסערע פאַמיליעס מיט קינדער. תמיד איז ביי זיי עפּעס פאָרגעקומען: א חתונה, תנאים, אַ פאַרקנסונג, אַ ברית, חומש־סעודה; בר־מצווה צי חלילה אַ לוויה. ביי אַזאַ געשעעניש האָט זיך געזאַמלט די גאַנצע משפחה צו יענעם אין הויז. אויבנאָן די טאַטעס מיטן עלטסטן זיידע בראש. דער לעצטער האָט געדינט פאַר זיי אויך ווי אַ שופט אין פאַרשידענע פאַמיליע־ענינים: מחלוקת, סכסוכים. שידוכים פלעגט מען שליסן צווישן זיך, אַמאָל אויך פון דרויסן. אָבער נישט גערן אַרויסגעגעבן אַ זון פון זייער היים.

די ביקלשע לייט האָבן ווייניק זיך פאַראינטערעסירט וועגן אַנדערע הייזער, אַנדערע הייף, וואָס אין אַנדערע שטיבער קומט פאָר. פאַר זיי האָט אַפילו די אייגענע גאַרבער־גאַס, וואָס איז געווען אָפּגערוקט מיט אַן ערך הונדערט איילן פון זייער אָרט, שוין געהייסן די — פרעמד. „וואָס הערט מען עפּעס אין גאַס? וואָס שמועסט מען דאָרט אין גאַס?" — האָבן זיי געפרעגט אַן אַראָפּגעקומענעם פון דער זעלבער גאַרבער־עדה, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פרעמד אָרט, דרויסן ערגעץ ווייט אין שטאָט.

זיי האָבן זייער קיום געפּיאַסטעוועט מיט געטרייע הענט, מיט ליבשאַפט אין זייערע פיר ווענט. געלעבט אייניק, צופרידן. געטוליעט זיך צו זייערע היימען, צו זייערע בני־ביתן, ווי די פלאַנץ צו דער ערד. געאַנקערט אין זייערע שטילע נחלה־האַפנס; געזייעט זייער באָדן מיט שוויס, געשניטן פרוכט מיט פרייד —

דוד האָט געהאַט צו זיי אַ שליחות איצט אַ טאָפּעלע: קודם, זיי צורעדן צום שותפות; וואָרעם דער גרינדונגס־קאָמיטעט, האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַן אויפגאַבע מיט העלפן „באַאַרבעטן" די גאַרבער־גאַס. צורעדן די גאַרבער־יידן, זיי זאָלן צושטיין צום סינדיקאַט. דערפאַר האָבן זיי אים צוגעזאָגט, ווען די זאַך וועט זיך איינשטעלן, וועט מען

אין אים נישט פאַרגעסן. נישט לאָזן אים זיין פון די לעצטע. אויסער דעם האָט ער אין זעלבן גאַנג געהאַט נאָך אַ ציל, זיינס אַ פּריוואַטן: אַ רעד טאָן מיט יאַנקל ביקל וועגן שידוך פאַר זיין זון, מיט מענדל באָמס טאָכטער.

...וואָס זאָל ער טאָן. ס׳קומט אים נישט לייכט אָן דאָס שטיקל ברויט. ר׳האָט נישט קיין איבעריקע הצלחה אין דער אַרבעט. די סחורות קומען ביי אים אַרויס ווייניק און נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. נישט מיט דער שיינקייט און נישט מיט דער גוטער קוואַליטעט. ער ווייסט נ״שט ווו עס שטעקט דער פעלער. צי ווייל ער איז סוף כל סוף נישט פון גאַרבערישן בלוט (ער איז אָנגעקומען דאָ אין גאַס אַלס איידעם אויף קעסט צו דעם בכבודיקן בעל הבית יחזקאל סטערצעווער און איבער־גענומען נאָכן שווערס טויט אין ירושה דעם הויף מיט דער מלאכה), אָדער ווייל ער האָט נישט דאָס גרויסע געדולד, דעם מסוגל, דאָס אַכטונג געבן אויף יעדן פּרט פון דער פּראָצעדור, וואָס פאָדערט אַזויפיל אויפמערק־זאַמקייט, סבלנות, פּשוט עקשנות, איבערגעגעבנקייט, וואָס נאָר אַ האַרע־פּאַשנער מענטש מיט זיין רואיק געמיט, מיט זיין גרויסער פיזישער קראַפט און אויסדויער קאָן עס באַוויזן. אים פעלט דאָס. אין אים רודערט מער דאָס אומרואיקע, די קראָם, דער האַנדל פון זיין היים, דאָס ספר. אין די זאַכן וואָלט ער זיך בעסער איינגעגעבן. ס׳איז אָבער נישט ווי מען וויל. ס׳ליגט נישט אין זיין האַנט...

ווי עס זאָל נישט זיין, ער איז מיטן גאַרבער־פאַך נישט פאַראיי־ניקט. די מלאכה נישט דערלערנט. נישט דערגרונטעוועט. מאַטערט זיך, האָט שפיכות דמים ביים פאַרקויפן די סחורה. די „פרעמדע״ באַגייען זיך מיט אים נישט איידל. גאַרדזשען, טאַדלען די לעדערס: ס׳איז נישט ווייך, ס׳האָט נישט קיין קאָליר, קיין גלאַנץ, ס׳איז שמאַטעוואַט. ס׳איז בלעכעוואַט. ס׳האָט נישט קיין פּנים, קאַ׳ בויך, קאַ׳ רוקן. ס׳איז נישט קיין לעדער נאָר ד... און ווען זיי נעמען ביי אים צו די אַרבעט, טוען זיי עס מיט אַזאַ גענאַדיקער מינע ווי זיי וואָלטן אים טאָן אַ טובה, אַ געפעליקייט, געשענקט דאָס געלט און תמיד פאַר אַ מינערן פּרייז. ביי אים צאַנקט דעמלט דאָס האַרץ, צאַפּט זיך דאָס בלוט. זיין מענטשלעכער

כבוד איז דערנידעריקט. עס קומט אויס, ער שטייט עפּעס ווי אַ אָרעמער פּעדלער, וואָס שטופּט מיט געבעט דאָס ביסל צעלניק יענעם אַריין אין האַנט פאַר די פּאָר גראָשן. ווען זיי גייען אַוועק איז דאָס געפיל ביי אים נאָך אַלץ פאַרשעמט, געפאַלן, קוקט זיי נאָך מיט אַ קלעמענדיקן בליק, פרעגט ביי זיך אַליין: וואָס וועט זיין דוד, האַ? ווי מאַכט מען פּאַרט אַנדערש. אפשר אַוועק גיין איינגאַנצן פון דעם עסק, נעמען זיך צו עפּעס אַ מסחר, אַן אָפענער קראָם? אָבער מיט וואָס? מיט וועלכע געלטער?

קאָן זיין די שווערקייטן ליגן אויך אין דעם, וואָס ר'האָט נישט ווער ס'זאָל אים צוהעלפן אין דער מלאכה. די יינגלעך וואַקסן ערשט אונטער און ער וויל זיי נישט אָפּרייסן פון לערנען. ער קען זיך נישט פאַרגלייכן צו די פּראָסטע יידן, וועלכע נעמען זייערע קינדער באַלד נאָכן חדר, אַריין אין הויף צום פאַס. ער איז פון אַן אַנדערן שטאַנד, פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן. דאָס טעכטערל איז יאָ אַביסל עלטער, אָבער וואָס קאָן ער זיך מיט איר שאַפן. ר'וועט זי צושלעפּן צום קאַלך, צום זומפּ, צום מושב? דאָס ווייב ווידער איז אַ שוואַכע, נישט ביים בעסטן געזונט. קאָן אים ווייניק זיין צו הילף. קומט אים אויס אַליין צו טאָן אין דער אַרבעט. און אַליין איז שווער. אייגענע הענט ברענגען נישט קיין סך אַרויס. און אויב נעמט ער צו אַ פרעמדן מענטשן, דאַרף ער אים באַצאָלן. גייט אַריין די חלה אין דער מוציא... בלייבט אים שוין גאָר ווייניק. און ס'געברויך איז אַן עין הרע גרויס. קינדערלעך — מען דאַרף זיי שפּייזן, קליידן. פעלט אים תמיד אַ טאָג אין דער וואָך, מוז ער זען זיך אַרויסהעלפן מיט אַ זייטיקן פאַרדינסט: אַ כאַפּ מן הצד — אַ מעקלעריי, אַ שידוך.

איצט, השם יתברך וועט העלפן, דער סינדיקאַט וועט צושטאַנד־קומען, האָפט ער, וועט קומען אַ שטיקל ישועה פאַר זיין שטוב, ווי עס איז וועט קומען אַ פאַרלייכטערונג פאַר דער גאַנצער גאַס. קודם וועט ער פּטור ווערן פון אָנקוקן די פּרצופים פון די „פרעמדע". די סחורות וועט מען זאַמלען אויף אַן אַלגעמיינער פאַרקויף־שטעלע און דאָרט „פאַרשיבן", לאָמיר זאָגן, זיין קוואַליטעט, מיט אַ גילדן ביליקער — אַראָפּ פון מאַרק! אַן געבעטן, אַן צושטייעניש, אַן טובות! די סחורות וועלן זיי

מוזן צונעמען ביזן לעצטן שטיקל, אַז נישט וועלן זיי נישט קריגן קיין פרישע. דאָס אַליין וועט שוין זיין ווערט ס׳גאַנצע געלט.

ער וועט אם ירצה השם אויף אַ שבת, אָדער אויפן נאָענטן קומענ־דיקן יום־טוב, זיך אַריבערכאַפּן קיין אַלעקסאַנדער צום רבין זאָל לעבן, אָפּגעבן אַ קוויטל, בעטן אַ ברכה. ס׳בענקט זיך אים שוין אַזוי אַהין. אוי, דאָרט פילט ער זיך גאָר אַנדערש. קומט אַריין אין אַ נייער לופט, אין אַ נייער וועלט, אַ דערהויבענע, אַ יום־טובדיקע. ווערט אַן אַנדערער מענטש, באַקומט אַן אַנדערן אויסזען, אַ ניי געמיט. עס גייט אין אים אויף זיין גאַנצער ייִדיש־חסידישער חשיבות. אַ גרויסע תענוג שפּרייט זיך אין זיין נשמה, אין זיין גוף, מאַכט אים פאַרגעסן אין אַלע שווערי־קייטן, אין אַלע וואָכנדיקע וויסטע בזיונות און צרות. דאָס גיט אים היזוק אויף אָנהאַלטן זיך, נישט לאָזן זיך, חלילה, צעברעכן. יאָ, מען זאָלסט דערלעבן מיט אַ גוט געזונט. ער וועט זיך אַריבערכאַפּן גאָר אין גיכן —

פאַר דודס אויגן האָבן אַ שיין געטאָן די ערשטע ביקלשע הייזער. בייכיקע, מיט שיפּע פּאַפּע־דעכער, קליינע פענצטער, הויכע פּלויטן, פאַרהעמערטע טויערן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געוווּנדערט וואָס ער איז שוין דאָ. פאַרגעסן דעם וועג. ער איז אַריין אין ערשטן הויף צום אַלטע הערשקע.

הערשקע האָט געאַרבעט מיט די זין צוזאַמען אין זיין גרויסן הויף. זיי זענען איצט געווען פאַרטאָן אין דער סאַמער הייסער פאַרעניש. ס׳איז געשטאַנען אַנבייסנס־צייט, מיט אַ גוטע צעוואַרעמטע זון — די בעסטע שעה פון טאָג, ווען די אַרבעט גייט פון די הענט; זשוואַווע, פלינקע, מיט דער איינגעבוירענער ביקלשער זריזות און התמדה, האָבן זיי זיך באַוועגט איבערן פּלאַץ, ווי קרעפּקע איילנדיקע אייזעלעך. שטאַרק פאַרנומענע. וואָס איינער האָט געטאָן עפּעס אַנדערש: געשווענקט, געמישט אין פאַס. צעהאַנגען לעדער, גערייניקט, גערעקט, געצויגן פעלן אויף ראַמען, און אַלץ מיט פלייס, מיט געניטקייט, מיט לעבעדיקן אָדער; וואָס איז זיי אָנגעגאַנגען, אין גאַס טוט זיך אַ גערודער, מ׳קריגט זיך: סינדיקאַט־שמינדי־קאַט. פירן וויכוחים, רופן פאַרזאַמלונגען, זידלען זיך, זאָגן זיך אַריין

אין טאַטן. זיי ליגט דאָס אין דער לינקער פּאה. זיי ווייסן מען דאַרף אַרבעטן. וואָס ווייניקער זיך מישן אין קהלשע געשעפטן. פאַרלאָזן זיך מיט דעם אויף אַנדערע, אויף די מאַכערס. זיי וועלן שוין מאַכן. און אַז מען וועט צו זיי עפּעס ברויכן, נישקשה וועט מען צו זיי טרעפן.

דאָס באַווייזן זיך פון דודן אין מיטן העלן טאָג, האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ ביסל חידוש. וואָס עפּעס מיצקעדרינען? אין דער צייט קומט נישט קיין גאַרבער איינער צום אַנדערן אין וויזיטן. דאָס טוט מען אַמאָל אין אַ שבת. זיי האָבן פונווייטן געסטאַרטשעט צו אים אויגן. געוואַרט אויף זיין דערנענטערן זיך. דוד איז צוגעקומען מיט מתינותדיק באַלעבאַטישע טריט. נישט געאײַלט. דאָס האָט געדאַרפט אויסזאָגן פון זיין לייטישקייט.

— גוט מאָרגן יידן! — האָט דוד באַגריסט זיי אין כלל און מיט הויכן קול.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! ברוך הבא! — האָבן זיי אים אָפּגעענטפערט פריינטלעך אויך אַלע אין איינעם.

דאָס אויפנעמען אים איז געווען מיט דרך ארץ, העפלעך, ווי פּראָסטע לייט נעמען אויף אַ ייד אַ חסידישן מענטש, וואָס גייט אין חסידים־שטיבל, קאָן אַריינקוקן אין אַ ספר. זאָגן אַ קלוג וואָרט. דערצו האָט אויך געווירקט דודס אָרנטלעכער נאָמען אין גאַס. זיין פיינע האַלטונג צו מענטשן און אויך אַפילו זיין אויסערלעכקייט — אַ שיינער מענטש. און איז ער אין ערגעץ געגאַנגען, האָט ער אַכטונג געגעבן ס׳מלבוש זאָל זיין ריין, די באָרד פאַרקעמט, שיך אָפּגעפּוצט. דאָס האָט צוגעגעבן אַכטונג אין יענעמס אויגן. פון זיין כבוד וועגן האָבן זיי אויף אַ רגע אָפּגעהאַלטן די אַרבעט, גרייט אים אויסצוהערן.

דוד האָט מיט אַ ווונק אָנגעוויזן, זיי זאָלן מיט אים צוגיין צום אַלטן הערשקע, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל ביי די קאַלכגריבער. דאָרט וועט ער רעדן.

— גוט מאָרגן ר׳ הערשקע — איז דוד אַרויס מיט הויך קול.

דער אַלטער הערשקע געהילט אין אַ גרויס לעדערנעם פאַרטעך, וואָס האָט אים אַרומגענומען ווי די פעל דער חיה, איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער דער סטויקע, געריייניקט פעלן פון ערשטן קאַלך. אויף די

צוקומענדיקע האָט ער זיך נישט אומגעקוקט. דוד האָט זיך אָנגעבויגן צום אַלטן ביקל געשריגן אים אין טויבלעכן אויער.

— גוט מאָרגן, האָב איך געזאָגט, ר׳ הערשקע!

יענער האָט ווידער נישט געענטפערט. הערשקע אַ ייִד שוין באַלד לגבורות, אַ פּול געפּאַקטער ווי אַן אַלטע זעברע, מיט אַ פּנים ווי אַלטע פּאַרטונקלטע קאָרע אויף וועלכן ס׳האָבן ווי מאָך זיך פּאַרקליבן בינטלעך האָר פון אַלע זייטן, געסטאַרטשעט פון נאָז, אויערן, האלדז, קינען — ער הערשקע איז אַפילו נישט נייגעריק געווען אויפצוהייבן דעם בליק פון דער סטויקע, זען ווער עס שטייט פאַר אים, ווער ס׳רעדט צו אים. ער האָט זיך געטאָן זיין אַרבעט, געשאָבן דעם שערך פון דער פעל, געוואָרפן די פון קאַלך איבערגעברענטע האָר צו דער ערד, און עפּעס ווי נאָך צעבייזערטער, געשטויסן דאָס שאָבמעסער, מיט רוגזה, געוואָרטשעט, געשנאָרכלט ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט אָפּשטופּן אַ בייזן שד, וואָס האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט.

— ר׳ הערשקע, כ׳בין געקומען וועגן געשעפט — האָט דוד דעם אַלטן געמונטערט — כ׳בין געקומען מ׳זאָל מאַכן שותפות. איר באַשטייט?

— כ׳ווייס נישט, רעד מיט זיי! — האָט הערשקע אָנגעשריגן מיט צאָרניק טויבלעך קול, ווי ער וואָלט עמעצן פון זיך געטריבן. אָבער אַלץ נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ זען ווער דער עמעצער איז.

דוד האָט געקוקט אויף דעם אַלטנס האָריקע הענט, באַוואָקסן ווי ביי אַן אַף, וואָס האָבן נאָך געהאַט גענוג כוח און ווילן, צוגעוואַרט אַ סעקונדע, איבערגעפרעגט מיט רואיקן געדולד:

— מיט וועמען זאָל איך רעדן, מיט איטשען, מיט יאַנקלען, מיט וואָלפן, מיט וועמען?

— מיט וועמען דו ווילסט. אַפילו מיט מאַטשעקן...

— מיט „מאַטשעקן״ הערסטו! — דוד האָט אַ דינעם לאַך געטאָן. אויפגעהויבן די אויגן צו די איבעריקע.

די רעשט ביקלעך זענען געשטאַנען, געקופּיעט אַרום, געהאַרכט, געלאַכט. געווען אַביסל פאַרווירט. זיי האָבן געוווסט, ער וועט כאַפּן דעם „פּסק״ פון אַלטן. אַן אַנדערן וואָלט ער אויך נישט בעסער אָפּגעענט־

פּערט. אַפילו נישט דעם רב אַליין. דאָס איז שוין זיין טבע, זיין שטייגער. דוד האָט עס אויך געוווסט, נישט דערוואָרט מער. נישט ברוגז געוואָרן. אַ בייזער פון כל ימיו, קען מען מיט אים קיין צוויי גלייכע ווערטער נישט אויסרעדן. וואָס קאָן מען טאָן — אויף דער עלטער! דאָס צוגיין צו אים איז אויך געווען מער מחמת דרך ארץ: מפני שיבה תקום! הערשקע איז דאָך היינט דער עלטסטער פון שבט.

דוד האָט אָפּגעקערט פון אַלטן, צוגעגאַנגען צו די אַנדערע. גענומען רעדן צו זיי שוין אויף אַן אַנדער לשון, אַן אָפּנס, אַ היימישס.

— הערטס חברה, וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען. איך בין געקומען אייך זאָגן, מ׳דאַרף צושטיין צום שותפות. כ׳וויל צ׳זאָלט מסכים זיין, נו וואָס?

קיינער פון זיי האָט נישט געענטפערט. נישט געזאָגט — יאָ, נישט געזאָגט — ניין. געקוקט שטום איינער אויפן אַנדערן און אלע צוזאַמען אויפן ברודער איטשע, דעם עלטערן, דעם טאָן־געבער.

— נו וואָס איז דאָס שווייגן ווי די לעמער. לאָמיך הערן אַ וואָרט: יאָ, ניין. אַ לעבעדיק וואָרט — האָט דוד צו זיי גערופן.

איצט האָט זיך אַרויסגערוקט איטשע, אַ באַלעבעסל, אַ פעסט־אַקסל־דיקער, קרעפּטיק, מיט אויסגעקנאָטענעם גוף, געזונטן האַלדז, באַזוימט מיט אַ רונדיק שוואַרץ בערדל און קליינע שאַרפע אייגעלעך, וואָס האָבן געקוקט עטוואָס קלוגיטשקע. איטשע האָט אַרויפגעצויגן העכער די הויזן אויפן בויך, פאַרשנאַלט ענגער מיטן לעדערנעם רימען און ווי ער וואָלט דערמיט אויך פאַרפעסטיקט זיין דרייסטקייט, דאָס זיכערע אינזיך, אָנגעהויבן:

— וואָס קענען מיר דודן שוין זאָגן. מיר ווייסן נאָך אַליין גאָרנישט. מיר האָבן נאָך קיין שום ידיעה נישט דערוועגן, און מיר דאַרפן אויך נישט זיין, גלייב איך, די ערשטע.

— וואָס פאַראַ ערשטע־שמערטשע. שוין באַלד די לעצטע, הערסטו — האָט דוד אָפּגעשלאָגן זיינע רייד.

— אַזויפיל זענען שוין צוגעשטאַנען?

— וואָס מיינט׳ץ מ׳שלאָפט. ס׳טוט זיך אַ וועלט. זיי ווייסן גאָרנישט.

אליעזר אַלעי

— ווער אַלץ, איז צוגעשטאַנען?

— וואָס הייסט ווער, כ׳זאָל ענק גיין אויסרעכענען. די מערהייט.

— אַזוי?! — און ביי איטשען האָבן זיך צעשפּילט די קליינע אויגן מיט שמייכל — ראובן שלום אויך? אברהם לעווקינד אויך? מרדכי „באָרד״ אויך?

— הערטס נאָר הערטס, ווען ער האָט דאָ אויסגערעכנט — האָט דוד אַ שפּרייט געטאָן די הענט, ווי ער וואָלט פון זיך עפּעס אַוועקשאַרן — צו ווען ר׳גייט זיך דאָ פאַרגלייכן. דאָס זענען דאָך — די לייבן. וואָס ווילט׳ץ די לייבן זאָלן זיך אַוועקלייגן הויערן צוזאַמען מיט די שאָף? אפשר אין משיחס צייטן... היינט נאָך דערווייל נישט. די גרויסע וועלן קיין מאָל נישט גיין צוזאַמען מיט די קליינע אין אַ שותפות. דאָס זאָלט׳ץ וויסן. פּונקט אַזוי ווי דער לייב קען נישט הויזן צוזאַמען מיטן שעפּס — דוד האָט אַ וויש געטאָן איבער דער באָרד צוגעגעבן זיכערס — אָבער מיר דאַרפן נישט קוקן אויף זיי. מיר דאַרפן זיך צונויפנעמען — איינס. און ניש׳קשה, זיי וועלן זיך בייגן. שפּעטער צוקומען.

— נו, אַז זיי וועלן קומען, וועלן מיר אויך קומען, נישט שטיין פונוויטנס. וויסן כאַטש מען גייט מיט זיכערע מחותנים — און איטשע האָט אַ כיקע געטאָן מיט אַזאַ קליגיטש געלעכטערל, וואָס ס׳איז שווער געווען צו וויסן: צי ער לאַכט פון זיין קלוג ווערטעלע, צי ער שפּאַסט פון דעם גאַנצן עסק.

ביי דודן האָט זיך פאַרערנסט דאָס פּנים. אַ קוק געגעבן אויף איטשען מיט פאַריבל און אויך מיט אַזאַ פאַריבל אין קול געזאָגט:

— ס׳הייסט געקליגלט זיך. כ׳האָב נישט ליב קיין חכמות. דאָס איז גערעדט מיט הלצה. יעקב וואָס זאָגסטו? — דוד האָט זיך אַ קער טאָן צו דעם אין דער זייט שטייענדיקן יינגערן ברודער. אויך אַזאַ רונדיקער, פון דער זעלבער ביקלשער גרייס און פעסט־אַקסלדיקייט, נאָר מיט אַ מאַרווייכערט פּנים און כמעט שעמעוודיקע אויגן.

יאַנקל האָט פאַרלעגן געשמייכלט. גאָרנישט געזאָגט. אויפגעהויבן דעם בליק צו איטשען דעם עלטערן ברודער, ווי ער וואָלט געוואָרט, ער זאָל עפּעס זאָגן, אַרויסהעלפן. נאָר אַז יענער האָט געשוויגן געקוקט

גאַרבער־גאַס

אַוועק אינערגעץ צו די פעסער, האָט יאַנקל אַליין אָפּגעענטפערט מיט שטילן קול:

— דוד האָט דאָך געהערט וואָס איטשע האָט געזאָגט. וואָס האָב איך נאָך צוצוגעבן.

— כ'האָב גאָרנישט געהערט און דאָס איז גאָרנישט געווען געזאָגט. דאָס איז געחכמהט זיך. און איך בין נישט דאָ אַראָפּגעקומען זיך ווילן, נאָר רעדן וועגן אַן ענין. הערטס אַ מעשה, אַז יענע וועלן גיין, וועט ער אויך גיין, און אַז יענע וועלן זיין די עקשנים, די שטערערס, וועט עץ נאָכגיין זייערע קעפּ?

— ניין, נישט דאָס האָט איטשע געמיינט צו זאָגן. ער מיינט, אַז מיר דאַרפן זיך נאָך פאַרטראַכטן, זען וואָס אַנדערע אונדזערס גלייכע טוען — האָט יאַנקל גענומען פאַרענטפערן דעם ברודער און דודן מפייס זיין.

— זעסטו, דאָס זענען אַנדערע ווערטער. דאָס איז מענטשלעך גערעדט, אַזוי פאַרשטיי איך. צ'ווילט אַ טראַכט טאָן, איז מילא. ס'קאָן נישט שאַטן. אַ מענטש דאַרף איבערטראַכטן, אָבער כאָטש מענטשלעך, מענטשלעך גערעדט.

דוד האָט זיך געבריהט מיט די רייד, ווי ער וואָלט געזוכט אַריינגעבן אַליין אין זיך מוט, אָנהאַלט. וואָרעם כאָטש ער האָט זיך געמיט צו דערהאַלטן דעם ברייטן טאָן, זיין חתוך־הדיבור, איז אים אינערלעך אין האַרץ נישט געווען אַזוי האַפּערדיק. אדרבא, אַ קאַפּיטשקע געפאַלן, מיט אָפּגעקלאַפּטע פליגל. ער האָט געזען, ס'וועט מיט זיי נישט זיין לייכט — האַרטע ביס אויפצוקנאַקן. ר'זעט דאָס שוין אין זייער רעדן, אין זייער גרינגער רואיקייט, אין זייערע קלוגע שמייכעלעך. און ער אַליין? ער גיט דערווייל אַוועק זיין צייט, די בעסטע שעהן פון טאָג, פאַרנאַכלעסיקט אין דער היים זיין אַרבעט, און איבער וואָס? איבער אַן ענין, וואָס איז דערווייל ווינט אין פעלד... אַן איי אויף מאָרגן... נאָך וויט פונעם קאָרן זאָל ווערן ברויט...

אין דודן האָט פּלוצעם אַ פלייץ געטאָן עפּעס טרויעריקס. אַפּזיפּצנדיקס. די אויגנלעדלעך האָבן זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט, פאַרמאַכט, געבליבן שטיין אַ רגע אין אויסזיכטלאָזיקייט: יאָ, דאָס איז דערווייל זיין שכר. אין

דער היים אַ שטוב, ווייב, קינדער, מען דאַרף ברענגען ברויט. און וואָס זאָל ער איצט טאָן. אַהיימגיין מיטן לידיקן? ער האָט זיך דאָך מתחייב געווען... און ער וויל אַליין די זאַך צופירן צו אַ ברעג.

„פרוּוו נאָך אַמאָל מיט זיי", האָט אַ קול אין אים גערופן. אָבער ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער געזען די חברה האָבן זיך שוין צעשאַרט, נישטאָ קיינער. אייך יאַנקל איז נאָך געשטאַנען לעם אים. געקוקט אויף אים איבערבעטנדיק און אויך עפּעס ווי אומגעדולדיק. אין דעם אויגנבליק האָט דוד זיך דערמאָנט וועגן שידוך, און ווי אַ פונק וואָלט אויפגעשלאָגן מיט ליכטיקייט, העלער געמאַכט, האָט דוד אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יאַנקלס אַקסל. וואַרעמלעך אַ דריק געטאָן:

— יאַנקעוו, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן. קאָנסט מיט מיר אַריינגיין אין שטוב?

יאַנקל האָט אויפגעהויבן די ברעמען.

— אַריינגיין אין שטוב? אויף לאַנג? כ'בעט איבער. כ'בין אינמיטן דער אַרבעט...

— ניין, נישט אויף לאַנג. אַ פּאָר מינוט. כ'האָב עפּעס מיט דיר וויכטיקס צו רעדן. אָט אַ וואָרט צוויי.

— מילא, אַ פּאָר מינוט...

אין שטוב האָט מען דודן אָוועקגעזעצט אויבנאָן אויף אַ אינדערגיך אָפּגעווישט בענקל. דוד האָט זיך אַרומגעקוקט: אַ היימישע באַלעבאַטישקייט, אַ פּשוטע, אַ זאַטע און זיכערע. „פּראָסט און געזונט" איז אים אַדורך אין געדאַנק. אַלץ איז דאָ געווען גוט איינגעשטעלט. געפירט פון אַ גוטער באַלעבאָסטישער האַנט. און כאָטש ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי ער איז דאָ, האָט עס פּאַר אים אויסגעזען ניי מיט דעם גוטן ריִאיק זאַטן אויסבליק. ס'האָט געשמעקט מיט געפּרעגלטס, לעבער צי גראַשלעך. פאַרגאַנגען אין נאָז. דוד האָט געזאָפּט דעם ריח, געשאָקלט אויף עפּעס מיטן קאָפּ. גלייך זיך דערמאָנט, ער טראַכט פון פרעמדע זאַכן, קנאה, זיך אָפּגעטרייסלט, אָנגעהאָנגען די אויגן אויף יאַנקלען און מיט אויפגעוועקט קול געזאָגט:

— כ'האָב פאַר דיין זון אַ שידוך, גאָר אַ ווילן. טרעף מיט וועמען?

מיט מענדל באַמס טאָכטער. דו ווייסט דאָך וואָס פאַראַ הויז דאָרט איז: אַן אייזערנע מויער. ווער עס גיט אַוועק אַהין זיין קינד, גיט עס ווי אין אַ פעסטונג.

— דאָס הייסט, איך זאָל מיין זון דאָרט אַהינגעבן? פאַרוואָס זאָל איך עס טאָן, אַרויסגעבן מיין יינגל פון שטוב? — האָט יאַנקל איידער וואָס ווען, נאָך רעכט נישט זיך באַטראַכטנדיק, גלייך אָפּגעוואָרפן.

— ווער זאָגט אַהינגעבן? אדרבא, וועסט אַהערנעמען צו דיר די שנור, און ס׳וועט דאָך זיין דיין ערשטע שנור, וועט עץ זיין צוזאַמען. ווייסט דאָך וואָס פאַר אַן אָרנטלעכע פאָלגעוודיקע קינדער זיי זענען. און די טאָכטער, וואָס כ׳רעד פאַר דיין זון, די מלכה, איז גאָר אַ טייער קינד. זי וועט ענק בכבוד האַלטן ווי עלטערן.

— כ׳ווייס אַליין נישט וואָס צו זאָגן. קודם איז ער נאָך יונג. און פאַר צווייטנס מען קאָן דען כאַפּן, ווי מיינסטו קריינדל?

יאַנקל האָט אַצינד אַהינגעקוקט צו דער קיך אין ווינקל לעם אויוון, ווו עס איז געשטאַנען דאָס ווייב, אַ הויכע, אַ שמאָלע, געריישט אין אַ פענדל, צוגעגרייט שוין אויף מיטאָג. פון צניעות, אין קעגנוואָרט פון חסידישן ייד, האָט זי אין זייער שמועס זיך נישט געמישט, נישט אָנגערופן כמעט, נישט אויפגעהויבן די אויגן. ווען דער מאַן האָט זי גערופן, האָט זי זיך אומגעקערט מיטן פּנים, עטוואָס אַ פאַרויטלט פון פייער און שיינס, געשטערקט די בליקן צו אים, געגרייט זיך עפּעס זאָגן. נאָר יאַנקל האָט דערווייל אויף דער גיך אַליין געכאַפּט אַ ישוב הדעת. שוין נישט געוואָרט אויפן ווייבס ענטפער, געזאָגט ווי מיט החלטה.

— וואָס קאָן דאָ שאַטן אָנהייבן רעדן. ס׳קען גאָרנישט קאַליע מאַכן. איר ווילט טאָן דערוועגן. טוט, מירן זען.

דוד האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, געמאַכט אַ שפּריין טיפער אין שטוב, נענטער צום טיר; אַ פאָדעם איז אָנגעקניפּט, אַ התחלה איז דאָ: הלוואי ס׳זאָל ווייטער גיין גוט. אומגעקוקט זיך מיטן געזיכט אַהין צו דער פּליטע, אַ מעסט געטאָן דאָס ווינקל, צוריקגעבערענגט דעם בליק און גערעדט האַלב צו יאַנקלען און האַלב צו זיין ווייב.

— צ׳וועט זיך אַדורכרעדן ביידע, שאַט נישט, כ׳רעד נישט צו

חלילה צו קיין שלעכטס. צ׳וועט זען ווי שיין די זאַך וועט מיטן אויבער־שטנס הילף עולה יפה זיין, צ׳וועט נישט קיין חרטה האָבן.

און אַ קער טוענדיק זיך ווידער צו יאַנקלען:

— און מכוחן סינדיקאַט זאָלסטו צורעדן. הערסט, ס׳איז אַ גוטע זאַך. הער מיך צו יאַנקעוו, רעד איבער מיט די איבעריקע, צ׳וועט נישט באַדויערן.

— גוט, גוט, מירן שוין זען. וואָס עס וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין מיט דער כלה... מיר וועלן נישט שטיין פון וויטן, ווען אַלע וועלן גיין, און ס׳איז דאָך נאָך נישט היינט מאָרגן.

— אַ גוט וואָרט איז אויך אַן ענטפער... אַזוי האָב איך ליב. אַ גוטן טאָג! מ׳זאָל הערן גוטע בשורות!

אין דרויסן האָט דוד אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. אין עפּעס האָט ער יאָ מצליח געווען. ס׳קאָן זיין ס׳וועט סוף כל סוף זיך עפּעס אויספּיקן. גאָט זאָל העלפן, ס׳זאָל גיין כשורה און אַפילו צום סינדיקאַט וועלן זיי אויך נישט זיין אַזוינע עקשנים, אַזוי פּאַריסן ווי יענע, די שטאַרקע... אַזאַ ראובן שלום, אַזאַ אברהם לעווקינד, אַזאַ... מילא זיי האָבן מיט וואָס שטאַרק צו זיין...

דערמאָנט אברהמס נאָמען איז אים אויפגעגאַנגען אויפן זינען חיים אַלטער, זיך דערמאָנט ווי ער האָט מיט אים פריער גערעדט וועגן ר׳ גדליהן, וועגן דער טאָכטער זיינע: מיט דעם בחור איז עפּעס נישט גלאַטיק. די מעשה מיט דעם אָפּשלעפּן, מיטן נישט וועלן געבן קיין ריכטיקן ענטפער, געפעלט אים עפּעס נישט. זאָל נישט זיין אַמאָל אַ שוואַרצע קאַץ אַדורכגעלאָפן?

„מילא וואָס קען איך טאָן. איך קען דאָך נישט אַלעמען אַריינגעבן מיין שכל און נישט אַלעמען שלעפּן אויף מיינע פּלייצעס...

דוד האָט זיך אויפגערודערט, אָנגעשפּאַנט די פיס, מיט שנעלע טריט געאיילט אַהיים.

קאַפּיטל זעקס

צעשטערטע רו

חיים אַלטערן איז די אַרבעט שוין נישט געגאַנגען פון די הענט. נאָכדעם ווי דוד ראָזענקראַנץ האָט אים דערציילט פון ר׳ גדליהן, דערמאָנט עטלעך, זענען זיינע פינגער ווי געליימט געוואָרן. דודס ווערטער האָבן נאָך זיין אַוועקגיין גענומען אין אים נאָך טיפער אַריינדרינגען, אומרואיק מאַכן, אוויפגעוועקט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט פאַרגעסן: עטל! ער האָט צום דאָזיקן נאָמען נישט געקאָנט זיין גלייכגילטיק. שוין דאָס אַרויפברענגען אויפן זכרון האָט אים אַרויסגענומען פון זיין רו, פון זיין האַרעפּאַשנער גלייכגעוויכט.

דאָס טאָן ביים פּאָס איז אים געוואָרן שווער, איבעריק. ער האָט דערפילט אַ באַגער אַוועקגיין צו אַן אַנדער אָרט, צו אַן אַנדערער אַרבעט, אַן אָפּוועקסלונג: ס׳זאָל מאַכן פאַרווייען די אומרואיקע מחשבות. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דער בליק איז געפאַלן אויף דער רעק־קאַמער. זיך דערמאָנט: ס׳ליגן דאָרט בלייזן צום אויסרעקן. ער וועט עס איצט טאָן. דאָס וועט אים לייכטער מאַכן.

ער האָט אַוועקגעלייגט די דובינע. דאָרט אַהין אַוועק.

אין האַלב טונקעלער קאַמער האָט אַ שלאָג געטאָן מיט דומפּיק האַרבן ריח, אַ געמיש פון פאַרשידענע גערוכן: געזאַלצענע פעלן, אויסגעגאַרבטע לעדער, טראַן, וויטריאָל, כראָמפּיק און נאָך אַנדערע שאַרפע מאַטעריאַלן. פאַרגאַנגען אין די נאָזלעכער מיט גרייצטן קיצל. חיים אַלטער כאָטש שוין צוגעוווינט, האָט אָפּגענאָסן מיט הויכן: אַפּטשיק! דאָס אַליין האָט געדאַרפט צוגעבן היימלעכקייט.

ער איז צו אין ווינקל צו אַ פאַרדעקטער קופּע. זי אָפּגעהילט. עס האָט אַ שיין געטאָן מיט פאַרקנויקליקט, אין היגערפלעט פאַרדרימלטן

הומר. די בלייזן נאָכן אויסטריקענען אויף דער זון, שטאַרק פאַרדאַרט, צוזאַמענגעקאָרטשעטע, ווערן באַשפּריצט מיט אַ בעזעמל וואַסער, איינגע־לייגט אין דרייען ווי אויסגעטריקנטע באַשפּריצטע וועש צום פּרעסן, פאַרדעקט מיט אַ פּלאַכטע. שפּעטער אַדורכגענומען מיט דער פייכטקייט, פאַרווייכטע, נעמט מען זיי „רעקן" — אויסציען אין זייער גאַנצער נאַרמאַלער גרייס. איצט ליגן זיי ווי אַ קופּע אין חלשות, פאַרזונקענע, צוזאמענגעדריקטע ברואים, מיט פאַרווישטע פאַרמלאָזע פּנימער — שלאָפן.

חיים אַלטער האָט אַפּערגעצויגן איינע אַ בלייז, זי צעעפנט ביי די פּאַכוועס, אויפגעשאָקלט, אויסגעלייגט אויפן געשטעל. איר פּרצוף צוזאַ־מענגעשרומפּן, האָט אויסגעזען ווי אַן אַלט פאַרטריקנטע, צעקנייטשטע קעמלפּעל. טונקל. סאַמע פאַלדן, אָן מראה, אָן לעבן. חיים אַלטער האָט זי פאַרקלעמט מיט אייזערנע קלאַמערס, אויף דער רעק־לייסט, אַרונטער־גענומען דאָס הענטל פון רעקאייזן אונטער דער פּאַכע, מיט דער פויסט פעסט פאַרדריקט דאָס אייזערנע שטילעכל, און מאַכנדיק אַ באַוועגונג מיטן האַנט, ווי ער וואָלט דאָס פאַרמאָסטן זיך ווען אַראָפּלאָזן אַ טראַמאַסק, איז ער מיט דער שאַרף אַ פאַרפאַר געטאָן אין סאַמע מיטן לייב פון דער פעל, זיך איינגעשניטן אין איר רוקן ווי אַ רידל אין ווייכער ערד.

די רונדיק ברייטע קלינג האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ העל שליאַדיקן פּאַס ווי אַ פּריש איינגעפּרעסטע פּלאַסטערונג אויף אַ וועג. חיים אַלטער האָט איבערגעחזרט אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. די העלע אויסשפּרייטונג אויפן פעלס גוף, האָט זיך אַלץ מער געברייטערט, צעצויגן. געקריגן שטח, זויבערקייט, לעבן, חיות. איצט האָט ער זי איבערגעוואָרפן אויף דער אַנדערער העלפט. דאָס זעלבע געטאָן און שוין איז די בלייז געלעגן אָן אויפגעוועקטע, אַן אויסגעשפּאַנטע, אין איר פולער גרייס מיט אַ ריין קלאָר פּנים, מיט ליכטיקער ליץ, אָן קנייטשן ווי אַן אויסגעפּרעסט ניי העמד. חיים אַלטער האָט אָפּגערייניקט דעם מעד, די צווייטן פון דער לינקער זייט, אויסגעלייגט מיט פאַרזיכט אויף אַ ריין אָרט — פאַרטיק. גענומען אַ פרישע פון דער קופּע און דאָס זעלבע געטאָן.

די אַרבעט איז ביי אים געגאַנגען בראַוו, כוואַטיש, אָן מינדעסטן

אָנשטרענג, נישט באַדאַרפט אַפילו קוקן אויף די פינגער, וואָס זיי טוען. זיי האָבן אַליין געטראָפן צום ציל. פון דעם ראַזמאַכעווען זיך, האָט חיים אַלטער טאַקע דערפילט אַ געוויסע פאַרלייכטערונג. סוף כל סוף איז דער כוח פון זיינע הענט נאָך אַלץ געווען דאָס בעסטע מיטל מבטל צו מאַכן דעם מוחס נאַרישע טראַכטענישן, נודיענישן. זיי פאַרטריבן אין דער העל...

און דאָך האָט זיך אים נישט אויף לאַנג איינגעגעבן די בריהשקייט. נאָך די ערשטע אויסגעפּאַרטיקטע „שטיקלעך", האָבן די הענט פון זיך זעלבסט גענומען איינשטילן, פאַרלאַנגזאַמערן. אויפסניי האָט דער מוח זיך געוועקט. אָנגעפּרושעט מיט נייעם ווירוואַר; פאַר זיינע אויגן איז ווידער אויפגעשווומען דוד ראַזנקראַנץ מיט זיין טונקעלער באָרד, וואָרג־ז׳יקע אויגן, געהערט זיין שטראָפנדיק קול: „ער איז אַ טאַטע וויל ער וויסן... וואָס מיינסטו, אַ טאַטע — וויל ער תכלית...

„תכלית..." — האָט אין חיים אַלטערן אָפּגעזיפצט. אַ ביטערער פאַרקרימטער שמייכל איז אויפגעגאַנגען אויף זיינע ליפּן: וואָס קען ער איצט רעדן וועגן תכלית, אַז עס איז שוין אַזוי וויט דערפון. ריכטיק ווי אַ לאַפּ מיטן מעסער אָפּגעשניטן. און דער פאָטער אירער, ווי ס׳ווייזט אויס פון דודס רייד, ווייסט גאָרנישט פון דער גאַנצער מעשה. ער גדליה שאַיעוויטש אין זיין פרומער תמימות, זעט אַפילו נישט, ווי שוין לאַנגע וואָכן, ער חיים אַלטער באַווייזט זיך נישט ביי זיין טיר. קומט נישט אַרויס־רופן עטלען. און עטל אַליין? זי גייט מסתם אַרום מיט גריזאָטע אין האַרץ. מיט פאַרקלעמט מויל, שווייגט.

און פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן, פון איר אַוועקגעגאַנגען, זי פאַרלאָזט? ער ווייסט אַליין נישט. ער ווייסט נאָר: זי, ריוול! זי איז געווען דער שטן וואָס האָט זיך געשטעלט אין וועג, מיט כוח אים אָפּגעריסן פון עטלען.

ער האָט געמיינט, ס׳איז נאָר אַ צייטווייליק אָפּשפּילן זיך, אַן אומשולדיקע פאַרוויילונג. ער וועט צוריקגיין צו איר עטלען און איז נישט מער צוריקגעגאַנגען.

ס׳האָט אים אין דער רגע אַ קלעם געטאָן אַ צער פאַר די לידן און וויטיק, וואָס ער פאַרשאַפט דעם שטילן מיידל, אויך איר פאָטער, דעם

ערלעך האַרציקן פרומען ייד, וואָס איז אַזוי פאַרגלייבט אין מענטשן און אויך אים געגלייבט. און עטל — זי האָט דאָך געטראָגן צו אים אַזאַ ערלעכע ריינע געטרייע ליבשאַפט!

חיים אַלטער האָט נישט באַמערקט ווי דאָס רעקאַייזן איז אים לויז געוואָרן אין האַנט, זיך פאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט פון אָרעם. ר׳האָט אין פאַרגעסנקייט, גענומען מיט די פינגער אויסגלייכן די ברעגעס פון דער אַראָפּהענגענדיקער פעל און מיטן געדאַנק פאַרקראָכן אין ווייט, צו יענע טעג —

— — — ער באַקענט עטלען ביי איר שוועסטער חוה, אַ גאַרבער־שנור, וואָס איז אַראָפּגעקומען דאָ אין גאַס וווינען מיט איר מאַן יידל שיליק, אַ גאַרבער־זון פון שיינעם באַלעבאַטישן שטאַנד. חיים אַלטער פלעגט דאָרט אַהין אַריינקומען צוליב היימישע שכנישע ענינים, וואָס אין גאַרבער מיטן צוויטן טוישן אויס. איינמאָל ביי אַזאַ אַריינ־שפרונג, האָט ער אָנגעטראָפן אַ יונג מיידל. רונדיק, פולכנע, מיט חן־גריבעלעך אין די פולבלעכע עפל־באַקן. צוויי געדיכטע צעפּ פאַרלייגט אויף איר רוקן ווי קליינע גאַרבן. דאָס קינדישע פנים — מיט צוויי באַרוטע, פרידלעכע אויגן, פוקע פרישע ליפּן צו בחורישע קושן נאָך נישט צוגעוווינט. איר בליק מיט שמייכל און אויך מיט תמימותן ערנסט וואָס אינטריגירט אַ מאַנסביל. עטל האָט אויסגעזען נאָך יינגער פון אירע אַכצן יאָר. זי האָט מיט איר פרישקייט פאַרכאַפּט זיין האַרץ.

נאָך די ערשטע אַדורכגעוואָרפענע ווערטער האָט חיים אַלטער גענומען זיך צו איר שאַרן.

עטל האָט זיין פריינטלען זיך, אויפגענומען מיט יונג מיידלרישן געררייצטן נייגער. זי איז נישט געווען נאָך אַריינגעצויגן אין קיין מענע־רישע חברותא. אָבער אויך נישט קיין פאַרשעמטע. חיים אַלטער איז געווען דער ערשטער בחור, וואָס האָט צו איר אַרויסגעוויזן אויפמערק־זאַמקייט און דאָס איז געווען אַ נייעס פאַר איר. דאָס צווייטע מאָל איז זי געקומען אַביסל אַנדערש אָנגעטאָן. שענער, נעטער. אין אַ גראַנאַטענער כפודניצע מיט פאַלדן. אַ בלוי געפּאַסט סוועטערל, וואָס האָט אַרויסגע־הויבן מער אירע רונדיקייטן; די האָר פאַרקעמט אויך אַביסל אַנדערש,

די צעפּ פאַרלייגט איבערן קאָפּ אין צוויי געפלעכטן — ס׳זאָל זי מאַכן סטאַלער, אַנזעעוודיקער אין אַנדערנס אויגן. זי האָט אויסגעזען באמת זייער פיין. רונדיק, אויסגעקנאָטן, קאָרפּולענט. חיים אַלטער איז אַריין אין זאכוויט, ממש אין באַגייסטערונג, גרייט געווען שוין צו פאַלן צו איר, דערקלערן זיך אין ליבע. אויך דער שוועסטער אירער צוזאָגן אַ גראָב שדכנות־געלט און האָט נאָך מער צוגעיאָגט דאָס נענטערע זיך באַקענען מיט איר.

ער האָט שוין דעמלט איינגעזען, זי איז ביי איר גאַנצער יינגקייט, אַ מענטש מיט כאַראַקטער, מיט ווירדע, מיט פעסטגעשטעלטן שכל. איר תמימות איז אַ קלוגע, אַן ערלעכע, זי האָט נישט מורא צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן. און וואָס זי זאָגט — מיינט זי. און וואָס זי מיינט — זאָגט זי. קיינמאָל נישט פאַריסן, נישט פאַרחוצפּהט און נישט געפאַלן. אַ גוטער מענטש אין אַלע הינזיכטן — און דאָס מיינט ער.

נאָך אַ פּאָר מאָל טרעפן זיך מיט איר ביי דער שוועסטער אין שטוב, האָבן זיי גענומען אין די אָוונטן אַרויסשפּאַצירן אויפן טראַקט. זיי זענען אָוועק אויפן וואָליער שפּאַציר־וועג, דאָס ראָמאַנטישע ווינקל פון די זיך ליבנדיקע פאָרלעך. אין זייערע שמועסן זענען זיי געווען באַשיידן, אָפנ־הערציק, פּשוט אָן חכמות. גערעדט וועגן היימישע זאַכן, וועגן שכנים, הויף, אַרבעט, חברים, געשוויסטער, וועגן זייערע היימען. נישט דערמאָנט גאָרנישט נאָך וועגן ליבע. עטל האָט מיט אַ כיוון דערפון אָוועקגעפירט. געוואָלט אים אויספּרווון, דערקענען, זען ווער ער איז, מיט וואָס דער בחור שמעקט. שפּעטער ווען זיי האָבן זיך מער פאַרהיימישט, פאַראייגנט, האָט צווישן זיי שוין פון זיך אַליין גענומען אויפוועבן אויך אויף דער דאָזיקער טעמע.

עטל האָט געהאַט אַ ווונדערלעך געדולד, קיינמאָל נישט צוגעשטאַנען צו אים מיט פרעגענישן, מיט אָנצוגעהערענישן, נישט פאַרלאַנגט קיין הבטחות, קיין שבועות. אַליין אויך גאָרנישט צוגעזאָגט. זי מיט איר ריין האַרץ און אויך אַזוי ריין געוויסן איז געווען פאַרגלייבט, דאָס, וואָס ס׳דאַרף קומען, וועט קומען, און אַז ס׳וועט קומען די באַשערטע שעה, וועט די זאַך אַליין פון זיך אויפבראַכן ווי אַ גרין פאַרמאַכטע

קנאַספּע, ווען זי וויקלט זיך אויף צום לעבן. און דעמלט וועט אַלץ ווערן קליפּ־און־קלאָר ווי דער טאָג.

דערווייל האָט יעדער געחלומט זײַנע חלומות, געמאָלט די צוקונפט מיט העלע פֿאַרבן, טוליענדיק זיך צום אייגענעם טרוים. עטל האָט גענומען רעדן מיט אינטימערן טאָן, פֿון אַ שטיל לעבן, אַ רואיק געטרייע היים, אַ וואַרעמע נעסט. געטיילטע פֿרייד פֿון יינגע מאַן־און־ווייב־לעבן. חיים אַלטער האָט אויף דעם צוגעשטימט פֿייערלעך: יאָ, דאָס מיינט ער, דאָס וויל ער. געזען, זי ווערט אים אַלץ מער נענטער צום האַרצן, איינגע־באַקענער אין דער נשמה. געוועזן ביי זיך זיכער: ר׳האָט געפֿונען דאָס, וואָס ר׳האָט געזוכט. ער וועט מיט איר חתונה האָבן, זי אַראָפּברענגען אין גאַרבער־גאַס און ווי ס׳איז דער שטייגער, ער וועט אַרבעטן אין הויף ביי די פֿעסער און זי ביי דערווירטשאַפֿט אין שטוב. זי וועט זיין אַ געטרייע באַלעבאָסטע, אַ געטריי ווייב, צוהעלפֿן אים אין אַלעם, ווי אַלע ווייבער אין גאַס העלפֿן צו די מענער, אים שטיין תמיד צו רעכטס! די האָפֿענונג אין אים האָט זיך אַלץ מער געוואַרעמט, געוואַרט שוין אויף דעם טאָג, זי זאָל קומען, אים זאָגן: יאָ זי געהערט אים!

אַזאַ טאָג איז געקומען.

איינמאָל, ווען זיי זענען אַוועק אויף זייער שפּאַציר און געווען איז דאָס אין דער שבתדיקער נאַכט, ווען דאָס יידישע געמיט איז באַגלייט מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגנדיקער רו, האָט חיים אַלטער אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז עפּעס איז היינט נישט ווי אַלעמאָל. ער האָט נישט געוווּסט קלאָר, וואָס אייגנטלעך, נאָר געפֿילט אַן ענדערונג אין איר וועזן, אין איר האַלטונג, אין איר גאַנג (אויסגעטייטשט, אפשר ברענגט זי היינט אַ תשובה, דאָס וואָס ר׳האָט איר געבעטן מיט איניקע טעג צוריק, זי זאָל אים זאָגן: יאָ אָדער ניין). זי איז געווען צו אים אוממיטלבאַר נאָענט. איר שעלמישער שמייכל — כיטרער. איר קול ווייכער, פֿאַרטראַכטער, געלאָזט זיך מאָדנע אָפּפֿילן. „ס׳וועט זיכער עפּעס פֿאָרקומען״, האָט ער צו זיך געזאָגט. זי האָט נאָך געשוויגן. געגאַנגען מיט אירע מחשבות, באַוועגט מיט די ברעמען, ווי זי וואָלט אינערלעך געפֿירט אַ וויכוח, געלאַכט, שטיל געבליבן.

מיט אַמאָל האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויפגעקוקט צו אים צודרינגלעך מיט אַלץ נאָך דעם כיטרען שמייכל.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט ער געפרעגט, אַנענדיק, אַז אויך אין דעם ליגט דאָס אַנדערשדיקע, וואָס שפּאַרט פון איר און ער וויל עס שוין הערן.

— וואָס איך קוק? כ׳ווייס אַליין נישט. ביסט אַזאַ צעוואַקסענער בחור, אַ גבור און איך אַנטקעגן דיר אַ קליינינק מיידל. קאָנסט מיך אַריינגעמען אין קעשענע... כ׳האָב עפּעס מורא פאַר דיר.

ער האָט געוווסט, ס׳איז נישט דאָס, וואָס זי וויל זאָגן. געוואָרט זי זאָל זיך מער אויסרעדן און דערווייל געענטפערט אויך אַנדערש:

— ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אדרבא, כ׳וועל דיך אָפּהיטן, נישט לאָזן קיינעם דיך שלאָגן...

זי האָט זיך צעקלונגען מיט אַ פריילעך געלעכטערל.

אומגעריכט האָט זי פאַרפאַמעלעכט די טריט, אָפּגעקלעפּט פון אים אויף אַ שפּאַן און ווי זי וואָלט ענדלעך אַראָפּגעקאָלערט פון זיך דעם שטיין, האָט זי אויסגעשעאָסן:

— חיים אַלטער דער טאַטע האָט מיט מיר היינט גערעדט וועגן אונדז...

— האַ?

— ער האָט געפרעגט, וואָס איז מיט אונדז. ער האָט געהערט וועגן אונדזער אַרומגיין. צי איז עס אויף אַ צוועק, צי סתם אַ דרייעניש...

חיים אַלטער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט פון איר אַזעלכע אָפענע דיבורים, און הגם ר׳האָט דערוואַרט, ס׳זאָל וועלן קומען, איז עס געווען פאַר אים אַן איבעראַשונג, אַרויסגערופן דערפרייאונג. ער האָט געזען די זאַך איז געוואָרן רייף ווי דער צייטיקער עפּל אויפן בוים, וואָס בעט זיך אין זיין רייפקייט אים אַראָפּנעמען. מען דאַרף אויסשטרעקן די האַנט און דעם עפּל נעמען אין פויסט.

חיים אַלטער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום לעבעדיקן עפּל —

— עטעלע, האָסט מיר געבראַנגט אַ גוטע בשורה. דערצייל ווייטער. נו, וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— איך האָב אים אַלץ דערציילט, גאָרנישט פאַרהוילן. געזאָגט דעם גאַנצן אמת. געבעטן ביי אים זיין פאָטערלעכע צושטימונג, זיין הסכמה.

— ער האָט געגעבן ?...

— יאָ.

אונטערגעטריבן פון אַ בחורישער לוסטיקייט, האָט ער זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך מיט זאַמאַך, אַזש שיעור איר נאַקן צעבראָכן. איר קאָפּ איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט. געבליבן צוגעקלעפּט. ער האָט אין די מינוטן נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. ווילד פון פרייד האָט ער זיך אַביסל פּאָטיקעוועט. אַריין אין אַ נאַרישן לוסטיק פּלאַפּלען. געדריקט איר קאָפּ. אים באַלד אָפּגעשטופּט, אַריינגעקוקט אין איר פּנים, געשריען:

— עטעלע, ווילסט חתונה האָבן? — זאָג דעם אמת?...

עטל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נישט געענטפערט. זיין זאָג איז פאַר איר געווען לייכטזיניק און באַליידיקנדיק, פאַרשוועכט אין איר דאָס איינגעהאַלטן פייערלעכע געפיל. חיים אַלטער האָט דערזען די וועָרטער זענען אַרויסגעקומען נישט ריכטיק, האָבן פאַרבלאָנדזשעט. חרטה געהאַט, געזוכט צו פאַריכטן, איבערגעבעטן:

— איך שפּאַס, מאַך דיר נישט דערפון. איצט מיין מיידעלע, ערנסט, הער מיך אויס, מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן, צו ברענגען צו אַ ברעג. כ׳פאַרשטיי דיך טאַטע וויל עס אויך...

— פאַרשטייט זיך — האָט זי גלייך רעאַגירט — דו וויסט, איך בין נישט פון די מיידלעך סתם זיך צום דרייען. מיר האָבן זיך גענוג באַקענט. איצט וויל איך מ׳זאָל עס צוברענגען צו אַ תכלית. דערוועגן אָפן רעדן אין די היימען.

חיים אַלטער האָט זי אַרומגענומען איצט צאַרט ווי לייבלעכס. אויף דעם האָט ער געוואַרט — זי איז זיינע! ער האָט אין דער רגע נאָך מער קרובהש זיך צו איר צוגעבויגן. געטריי פאַרשלייפט זיינע גבורהדיקע הענט אַרום אירע אַקסל. זי אַזש אַ הויב געטאָן פון דער ערד. פייערלעך ווי אַ שבועה דערקלערט:

— איך וועל אַלץ פאַר דיר טאָן! איך האָב דיך ליב!

אָפּלאָזנדיק זי און נעמענדיק מיט איר וויטער שפּאַנען, האָט ער

אויספּלאַנירט, וואָס ער וועט טאָן, ווי אַזוי ער וועט איינאָרדענען זייער היים. פאַרזיכערט, אַז אין די טעג נאָך, וועט ער עס פאַרברענגען פאַר די עלטערן, זיי אַלץ דערציילן, און ווען די צייט וועט אַריין עטוואָס מער אין ווינטער, אין הויף ווערט שטילער, די אַרבעט פאַרלאַנגזאַמטער, פאַר דער שטוב מער צייט, וועלן ביידע טאַטעס זיך צוזאַמענקומען אַדורכריידן, און מ׳וועט פראַווען אַ חתונה.

זיי האָבן צום ערשטן מאָל זיך אַזוי געטריי חתן־כלהדיק אַרומגענו־מען, צעקושט. ס׳האָט געהייסן: אָפּגעשלאָסן דעם בונד צווישן זיך אין אַ גוטער שעה און מיט אַ סך פרייד אין לעבן!

זיין ווונטש און גוטע הבטחה איז ליידער נישט מקוים געוואָרן. גיך איז דער חלום צערונען. עס האָט זיך אונטערגערוקט ריוול און אַלץ צעשטערט — — —

חיים אַלטער האָט דערשפּירט דאָס רעקאַייזן האָט זיך אים אָפּגעגע־גליטשט פון אונטערן אָרעם, געפאַלן צו דער ערד מיט קלאַפּ. ר׳איז אויפגעקומען, געזען די בלייז העגגט אַלץ נאָך ביים אָנהייב ווי ער האָט זי אַוועקגעלייגט. אַ קוק געטאָן אויף די איבעריקע: „ווייניק אָפּגעטאָן“. אויפגעהויבן דאָס רעקאַייזן. ווידער האָט ער זיך צערוכעוועט. גענומען צויאָגן. אַ ווײַלע איז די אַרבעט אַריין אין טראַנס. פאַרטיק געוואָרן איינע נאָך דער אַנדערער, זיך געציילט אין טעכערס. אָבער דאָס האָט אויך נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דער מוח צעוועקט, אויפגערודערט פון געדאַנקן־געראַי, האָט זיך נישט געקענט איינשטילן. פאַר זיין אינערלעכער זעאונג האָט געפאַליעט מיט בילדער, מיט ווערטער, מיט קלאַנגען, גורם געווען, די פינגער זאָלן זיך צוריק איינשלעפערן. חיים אַלטער ווי אַ פאַרטשאַ־דעטער איז אויפסנייי אַריין אין דמיון —

— — — יאָ ריוול איז געקומען. איר דערשיינען איז פאַר אים געווען אַ נאָווינע, גאָרנישט קיין געווינלעך געשעעניש. חיים אַלטער האָט נישט געחלומט, ער זאָל ווען אָנקומען צו זאַמע שאַרפשטיק אין הויז, צו זיינס אַ טאָכטער, דערצו נאָך — ריוול! עטל, כאָטש זי איז געווען פון פאַרנט אין „מאַרק“, און ביז גאָר אַן אָרטלעך ליבלעך מיידל, האָט זי

זיך אָבער נישט געקענט פאַרגלייכן מיט ריוולען. נישט פאַרמאָגט אירע מעלות. איר גלי, איר טעמפּעראַמענט, איר ספּריט. אָ, ניין, ווייט נישט.

אַפילו די אויסערלעכקייט איר ריוולס, דער אַוועקשטעל, איר בליק פון די פלאַמיקע אויגן, דאָס געשיקטע באַרעדעוודיקע מויל, איז געווען אַנדערש פון עטלען, גערעדט ווערטער פאַר זיך.

ריוול איז אויף אים אָנגעפאַלן האַסטיק, ווי אַ שפּאַרבער, ווען ער לאָזט זיך אימפּעטיק אַראָפּ אויף זיין רויב. פאַרהאַטשעט מיט שאַרפן שנאָבל דעם קרבן און לאָזט דאָס צאַפּלדיקע לעבן מער נישט אַרויס פון זיך. ריוול האָט באַלד פון דער ערשטער מינוט אים אַרומגעשפּינען מיט אַזאַ פאַרבליפטן טומאַן, בלינד געמאַכט אַז אויך ער, ווי יענע געפאַנג, האָט מער נישט געקאָנט אַרויס פון די פאַרשטאָכענע פינגער־שפּאָרנס אירע.

ריוול האָט מיטגעברענגט מיט זיך גאָר אַן אַנדערן קלימאַט, אַ הייס־פאַרשיכורנדיקן, וואָס האָט אים חיים אַלטערן דעם געזונטן און אין עצם תאווהדיקן בחור, באַרוישט, צעטשמיעלעט, געמאַכט אים פאַרגעסן אין אַלעם: אין עטלען, אין דער הבטחה, און זיך אַליין. דערצו נאָך האָט געלאָקט זאַמע שאַרפשטיינס שטוב מיט דער עלעגאַנטער פירונג, נגידישע מנהגים, שיינע טעכטער, וועגן וועלכע מען האָט אין גאַס גערעדט מיט קנאה, מיט פאַרבאָרגענע גלוסטונג. פאַר אַ גאַרבער־בחור איז עס געווען אַ צו גרויסער נסיון, ער זאָל קאָנען זיך פון דעם אָפּזאָגן.

ער האָט אַפילו נישט געוואָלט זיך איינהערן צו די חברימס רייד, צו זייערע וואָרענישן, וואָס האָבן אים חבריש געוואָרנט: „חיים אַלטער, געדענק, היט דיר די ביינער. דו ווייסט נישט, ווער ריוול איז! וועסט אַרויס צעשעדיקט!" אַרומגעכאַפּט פון פלאַם פון ריוולס פאַרצערנדיקע שיינקייט, פון איר אָנשטעקנדיקן ברויז, האָט ער אים מער נישט געקענט לעשן. מיט ריוולען, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער פאַרברענגען. גאָר אַנדערע אָוונטן: פול מיט לוסט, מיט פאַרווײַלונג, מיט שפּילערייַ, מיט נישט געשטילטן דורשט. ריוול איז אין איר מהות געווען גאַנץ אַן אַנדערע פון עטלען. פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן: אַ הייסע, אימפּול־

סיווע, פול מיט יוגנט, מיט לעבן. עטל איז געווען טאַקע אַן ערלעך ריינע נשמה, מיט אַ גוט אויפריכטיק האַרץ. זי האָט אָבער נישט פאַרמאָגט די ווערפע, דאָס פרוויאיש צעשפּילטע בלוט, דעם צאַפּל, דאָס וועקנדיקע פון ריוולען. אַליין האָט זי עטל קיינמאָל צו גאָרנישט געטריבן, צו גאָר־נישט געשטויסן, צו גאָרנישט אָנגערעדט. געגאַנגען שטיל ביי זיין זייט. געוואַרט צומאָל אין פאַרבאָרגעניש אויף זיין לאַסקע, אויף זיין שמייכל. אַ גלעט, אַ גוט וואָרט. אָפּגעענטפערט אויך אַזוי געצוימט. שעמעוודיק באַשיידן און מער גאָרנישט. צו גאָרנישט צוגעלאָזט. און זי ריוול איז אַ גליענדיק פייער. ציגדט די געבליטן. אין איר ריוולס קעגנוואַרט קאָנסטו נישט זיין רואיק. זי מאַכט אויפשוימען ד וואַרעמע רויטע פליסיקייט אין אַלע קעמערלעך פון דיין לייב. זי טוט דאָס מיטן פינטל פון איר אויג, מיט פריילעכן באַוועג פון אירע ברעמען און מיט לוסטיקן שפּילן פון איר יונג צאַפּלדיק בוזעם. ערשט איר הויך קוועליק געלעכטער. אירע פולע קאַרשנליפּן וואָס רייצן, ציען אַזוי צו זיך — עך!

אמת אין ניכטערע קלאָרע מינוטן, ווען ס׳האָט זיך אין אים חיים אַלטערן אויפגעוועקט דאָס געוויסן, די חרטה פאַר עטלען און צומאָל אויך אונטער דער השפּעה פון די חברימס רייד (אינערלעך איז ער סיי ווי נישט געווען איינגאַנצן אַזוי זיכער מיט איר. ס׳האָט גענאָיעט דער ספק: זי האָט דאָך שוין מער ווי מיט איינעם זיך אַ שפּיל געטאָן און אָפּגענאַרט) — אין די מינוטן, האָט ער זיך געראַנגלט: אפשר יאָ, אפשר זענען זיי גערעכט, אַוועקגיין פון איר? ער האָט עס נישט געקענט באַוויזן. דאָס לעבן איז אים געוואָרן אָן איר — לער, פּוסט, טרויעריק. געהאַט געוואַלטיק זיך צו איר צוגעוווינט. עס איז געווען גענוג, ער זאָל בלייבן איין אָוונט אַליין און ס׳איז אים ענג געוואָרן די וועלט. אַרומגענומען מיט אַ ליידיקייט, בענקשאַפט, אומעט. דעמאָלט האָט ער געמוזט זי כאָטש זען אין דער פאַנטאַזיע. לאָזן אויף זיך שוועבן אירע בורשטינענע אָנגעוואַרעמטע לאַשטשנדיקע אויגן, איר פאַרפירערישן שמייכל. הערן אירע געדעמפטע רייד און ווידער האָט אויפגעוואַכט דער פלאַם צו איר, די גלוסטעניש, דאָס געשריי אין זיין לייב; יעדער ספק איז אָפּגערונען, צעגאַנגען ווי שניי אונטער דער זון, אויסגעוואַרט שוין

די מינוט זי צו זען, ניין, ער וועט פון איר קיינמאָל נישט קאָנען אַוועק־גיין!

אין די פאַרנאַכטן זוכט ער זי שנעל אָפּ, יאָגט זיך אַרויס מיט איר אויף זייער אָפּגערעדטן אָרט, ביי די „אַרשעווער וויאַטראַקן", אַן אָרט וווּ מ'זעט כמעט נישט קיין מענטש און דאָרט פאַרברענגען זיי זייער ליבלעך, אָנגענעם פאַרברענגעניש.

ריוול רעדט יאָ וועגן ליבע און אַ סך. אָפּן, דרייסט, אָפּגעדעקט פון יעדער זשענירונג. זי איז אין די זאַכן געניט, באַהאַוונט, ווייסט עס פון די געלייענטע ביכער און פון די לעבעדיקע ליבעס — אייגענע פּראַקטיק. זי ווייסט אויך אַ סך פון די אין דער שטיל זיך פירנדיקע ליבע־אינטריגעס אין שטאָט, פון יונג ווייבלשע פאַראַטן, פון געהיימע פאַרבאַהאַלטענע ראָמאַנסן, פון אייפערזיכטיקע זיך קריגנדיקע חתן־כלה. זי ווייסט אַפילו פון שכנותדיקע מאַן־און־ווייבישע מחלוקתן, וואָס מען קען עס הערן נאָר דורכן שליסל־לאָך. ריוול ווייסט אַלץ!

זי דערציילט דאָס פאַר אים, חיים אַלטערן אויפן שפּאַציר, מיט שטיל געדעמפּטן פליסטער, שטעלט אויף אים אַן אירע פאַרזשמורעטע הייסע שוואַרצאַפּלען פון אונטער די האַלב אויפגעהויבענע וויעס, פון וועלכע עס טריפט מיט וואַרעמען נעפּל און פון וועלכן ס'ווערט אים אַליין אויך צומאָל הייס און נעפּלדיק.

זי פרעגט:

— האָסט מיך ליב?

— יאָ.

— שטאַרק?

— יאָ.

— און „יענע"?

חיים אַלטערן גיט אַ טיאַכקע אין האַרץ. ער ווייסט וועמען זי מיינט — עטלען. אָבער צו וואָס דאַרף זי אים דאָס דערמאָנען, צו וואָס וועקט זי אים אויף די ווונד. פּייניקט אים מיט אַזוינע פרעגענישן. ריוול וויל אָבער דווקא יאָ אים פרעגן אַפילו אָנטאָן אַביסל צרות. זי טוט דאָס אויף איר שטייגער, אויף איר אופן, מיט כיטרען שפּיל, מיט קעצישער

אונטערקומעניש, מיט פאַרגנבעט שמייכעלע. און ווי צו פאַרגיטיקן, טוט זי אים אַ שטויס אין זייט און באַלד זיך אַ טוליע איין אין אים. טאַקע ווי אַ קעצל מיט ווייכער פעל, פּישטשעט אַפער:

— כמורע זיך נישט. כ'האָב נישט ליב קיין פאַרכמורעטע בחורים און האָב נישט מורא פאַר קיין וואָרט, ס'בייסט נישט. זיי אַ מאַנספאַרשוין. אַנו, ווייז ווי דו האָסט מיך ליב!

חיים אַלטער טוט דעמאָלט אַרומשלייפן זיין פעסטן מוסקולירטן אָרעם אַרום איר באַקנביין. ציט זי צו זיך צו ווי מיט אַ שטאָלענעם קאַנאַט, דיביינער טרעשטשען אַזש, ס'טוט ווי. אָבער איר ריוולען אַרט נישט, שרייט נישט, איז גאָר ווי צופרידן, קרעכצט שטיל אָפּ. גראָבט זיך נאָך טיפער אין אים איין. שטויסט אים מיטן קאָפּ ווי אַ צעוואַרעמטע באַרג־ציג, צוויי־טשערט אָפּער מיט פריילעכן געצוויטשער:

— ביסט אַ שטאַרקער בחור. האָסטו מיך ליב? זאָג, זיי נישט בייז, ביסט נישט בייז?

— ניין.

שפּעטער אין אָפּגעשפּאַנטן ווייטערן וועג, קומט זי צוריק אַרויס אויפן פריערדיקן און ווידער מיט אַזאַ כיטרער, דורכגעטריבענער אונטערקו־מעניש. זי זאָגט: זאָלסט זיך נישט איבערנעמען, ווען כ'דערמאָן איר נאָמען, הערסט, זיי אַ מאַן און נישט קיין יידינע. דו דאַרפסט אַלץ וויסן און פאַרשטיין און גיט אים גלייך אַ באַלערנדע לעקציע צו פאַרשטיין: זי ווייזט אים אויף, אַז אַזאַ סגאַל מיידל ווי די עטל, איז אין תוך נישט מער ווי א „באַבע", אין שיל אַריין צו גיין. ווייל נאָך דער חתונה ווייסט אַזאַ איינע נישט מער ווי צו שייערן די טעפּ, אַרומגיין מיט אַ פאַריסטע נאָז און צו קינדלען... און אַ מאַנסביל דאַרף האָבן אַ פרוי, זי זאָל אים הייטערן, וועקן דאָס לעבן, וועקן די ליבשאַפט, אויפפרישן אין אים אַלעמאָל פונסניי דאָס בלוט, אַרויפציען אַ נייע הויט: „וואָס זאָגסטו, ס'איז נישט אַזוי ווי איך זאָג, ס'איז נישט ריכטיק?" — און זי הייבט אונטער דאָס קעפּל. קוקט צו אים אַרויף מיט פייכטע סאַרנע־אויגן.

חיים אַלטער ווערט פון דעם בליקל אַליין שוין פאַרכאַפּט, שיער נישט משוגע. און ער זעט דאָך באַשיינפּערלעך. ס'איז ריכטיק אַלץ, וואָס זי

זאָגט: מען דאַרף דעם מאַנסביל הייטערן, דערפרייען דאָס לעבן אין אים, וועקן די מענערישע קראַפט, די גליסטעניש און ריזול וועט דאָס טאָן. תמיד וועט זי עס טאָן און דאָס איז גוט. דאָס וויל ער. מיט דעם אַליין טוט זי אים געוווּנען, צובינדן צו זיך ווי מיט אַ געפלאָכטענער שטריק.

— יאָ, ס'איז טאַקע ווי דו זאָגסט — פּרעפּלט ער מיט די ליפּן ווי אין זיסן חלום און אויפסניי פאַלט ער צו איר צו.

איצט דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, גייט אין אים אויף אַ וואַרעמקייט, אַ גרויסע בענקשאַפט זי שוין צו זען, האַלטן זי אַרומגענומען אין זיינע אָרעמס.

ער גיט זיך אַ צעטרייסל ווי אַ צעפלאָשעט פערד.

היינט וועט ער זיך פריער אָפּפּאַרטיקן, אַרויסגיין אויף זייער וועג טרעפן זיך מיט ריוולען. ער וועט איר אָפּדערציילן פון דעם צערודערטן טאָג. פון זיין בענקשאַפט צו איר. זי וועט אים באַרואיקן, מאַכן אין אַלעם פאַרגעסן. מיט איר איז אים גוט. אָ, ווי ער וואַרט שוין אויס מיט אומגעדולד דער אָוונט זאָל צופאַלן. עס ווינקט צו אים דער גוט־אַנענדיקער, אָנקומענדער זיסער אומרו —

— הי—הי—הי!

צו חיים אַלטערס אויערן איז פּלוצעם דערגאַנגען אַ שטיל פּרויאיש געוויין, אַ פרעמד, אומבאַקאַנטס. אים אויפגעוועקט פון זיין פאַרדמיונט־קייט. עס האָט אים אויסגעזען, דאָס געוויין קומט פון זייער הויף און פון נאָענט. נייגעריק האָט ער זיך אַרויסגעבויגן פון טיר, געזוכט מיט די אויגן: יאָ, פון זייער הויף.

ער האָט געזען:

אויפן פּלעצל פאַר דער שאַפּע שטייט מאַשע וויטלס, אַ היימיש ווייבל פון גאַס, אַ גאַרבערקע, אַ יונגע אַלמנה, רעדט צום טאַטן, וויגט פאַרדאַגהט מיטן קאָפּ, ווישט מיט אַ טיכל די טרערן, טוט אַ כליפּ, אַ ציק מיט די אַקסלען, וויינט, רעדט ווייטער; זיין פאָטער שטייט, קוקט אויף איר מיט מיטלייד, מיטפילנדיקן בליק, באַוועגט מיט די הענט, מאַכט זיי אויף, מאַכט זיי צו, און מיט אַן אויסדרוק ווי די זאַך וואָס מאַשע דערציילט אים זאָל

אים גאָר שטאַרק אַרן, מאַכן פאַרדריסן. אָבער צו גלייכער צייט האָט ער זיך נישט קיין שום עצה צו העלפֿן.

„וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס איז געשען?" — האָט חיים־אַלטער זיך געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

ער האָט דאָס פּנים נאָך מער אַרויסגעשפּאַרט פון טיר, געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס פונעם גערייד אָבער גראָד אין דער מינוט האָט דער פּאָטער דערזען זיין אַרויסגעבויגענעם קאָפּ פון דער קאַמער, אים גערופן:

— קום נאָר אַהער חיים אַלטער, וועסטו עפּעס הערן!

חיים אַלטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס רעקאייזן פון האַנט, אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם מעד, אַרויס. נאָך פון וויטן האָט צו אים געגרייכט דעם פּאָטערס שטים:

— הער אַ מעשה, וואָס מאַשע דערציילט. מ'האָט איר אָפּגעסמט אַ פּאַס פעלן. וואָס זאָגסטו נישט דערצו, האַ?

חיים אַלטער איז געבליבן שטיין פון דער בשורה אַ פאַרשטיינערטער, ווי די פיס וואָלטן זיך אים אונטערגעהאַקט. די הענט האָבן זיך ביי אים פאַרהויבן ווי צוויי האָלאָבלעס און נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן:

— ווער? ווער האָט דאָס געטאָן?!

— זי ווייסט דאָך נישט ווער — האָט דער פּאָטער געענטפערט — זי האָט אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס האָט איר געטאָן מאירל דער שוואגערניק. ער קרענקט דאָך אויף דער נחלה, טענהט: דער הויף געהערט צוריק צו דער משפּחה; די ירושה פון אָפּגעשטאָרבענעם מאַן, וואָס האָט זי געלאָזט אָן קינדער, גייט צוריק אַריין אין דער פאַמיליע. זי איז אַ פרעמדע... איז זי אים חושד...

אַברהם האָט אָפּגעהאַקט, פאַרקוקט זיך אויף אַן אומגעזעענעם פונקט. פון זיך אַליין האָבן די פינגער גענומען קלעטערן איבער דער באָרד, פאַרקראַכן אין איר געדיכטעניש, צעשאַרט זי אויף צוויי העלפטן. צוריק צונויפגענומען, געזאָגט נישט צו וויסן צו וועמען, צו זיך, צו אַנדערע:

— אַזוי איז עס... משפּחה־סכסוכים. אַ ביטערער טעם. ביטער ווי גאַל. מ'זאָל נישט געפרווט ווערן דערמיט...

אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויפן זון, האָט ער צו אים געזאָגט:

— חיים אַלטער, וואַרף אויף דיר עפּעס אַרויף, גיי טו אַ קוק צו איר אין הויף. זע וואָס דאָרט איז געשען. צי מ׳קען עפּעס פאַריכטן. אויב יאָ — טו. אָבער באַלעמוטשע נישט צו לאַנג. כ׳ברויך דיך צו האָבן.

חיים אַלטער איז אַריין אין שטוב זיך עפּעס איבערטאָן.

מאַשע, אַ יונגע פרוי, ברוינע ווייכע אויגן געראַמט מיט טונקעלן שאָטן, ווייך געראַגלטע געזיכטס־שטריכן, וואָס האָבן נאָך אויסגעהיטן אין זיך איר אַמאָליק מיידלערישע שיינקייט, און וואָס איז נאָך היינט אָנגעגאַנגען אין גאַס פאַר אַ שיין ווייבל — זי מאַשע איז געשטאַנען, געגאָסן מיט ביטערע טרערן באַוויינט דאָס טרויעריקע מזל אירס: ווייניק וואָס זי איז געווען געשטראָפט, אָנגעליטן זיך מיט אַ קראַנקן מאַן, אַרומגעגאַנגען אַרום אים ווי אַרום אַ פאַרשלאָפט קינד, אַוועקגעגעבן טעג און נעכט. נישט קיין דערשלאָפענע, נישט קיין דערעסענע — איז דאָס נאָך ווייניק, קומט ער דער שוואַגערניק, דאָס שטיק „בייז", דער שטן, פאַר אַ צולאָג: דערגייט איר די יאָרן, פאַרקירצט איר די טעג. און זי האָט דען ווייניק מיטגעהאָרעוועט אין דער גאַרבעריי, אַוועקגעגעבן אירע כוחות, איר געזונט, איר אייגן אָפּגעשפּאָרט געלט, אַז זי זאָל איצט אַוועקגיין ווי אַן אָפּגעיאָגטע קאַץ פון דער פּוטער... און וווּהין זאָל זי גיין? זאָל זי נעמען אַ טאָרבע גיין אין די הייזער?

— ר׳ אַברהם קרויך, ווו זאָל איך מיך אַצינד אַהינטאָן. איך האָב מיך צוגעוווינט צו דער שטוב, צום הויף, צו דער מלאכה. זלמן עליו השלום האָט מיר צוגעזאָגט די נחלה אַלס באַלוינונג, אַ פאַרגיטיקונג פאַר מיין מי, פאַר מיין פּייך, פאַרן אַוועקגעבן אים מיין לעבן, מיינע יונגע יאָרן. איך האָב נישט וווּהין צו גיין.

אַברהם האָט געשוויגן, געקוקט אויף איר מיטן זעלבן באַצערטן בליק ווי פריער און אויך מיט אַזאַ מיטליידנדיק קול געזאָגט:

— וואָס קען איך דאָ העלפן, וואָס ווייס איך צו זאָגן. ס׳איז אַ פאַמיליע־מחלוקה. אַ היימישער סכסוך. שווער זיך אַריינצומישן. אויף דעם איז דאָ אַ רב זאָל לעבן. נאָר ער קען פּסקענען. איך — נישט... און

אַברהם האָט צעפּירט די הענט, ווי ער וואָלט דערמיט ווייזן ווי הילפלאָז און אוממעכטיק ער איז זיך דאָ אַריינצומישן, אַרויסטראָגן אַ פּסק.

מאַשע, וועלכע האָט דאָס שוין נישט איינמאָל פון אים געהערט, האָט פּלוצעם אָפּגעהאַלטן די טרערן, געוואָרן שאַרסטקע, באַקומען אַ טראַציק, האַרבן אויסדרוק און אויך אַזוי טראַציק, נקבהש־אַנגרייפעריש, אויסגע־רופן:

— דער משומד אויסגעריסן זאָל ער ווערן... ס׳גייט אים דען אין הויף, אין פירן אַ מלאכה? ער וויל דאָך סיי ווי נישט אַרבעטן. שלאַנדערט זיך אַרום אין דער העל. אם גייט דאָך אין עפּעס אַנדערש. כ׳קען עס פאַרן מויל נישט ברענגען, ר׳ אברהם קרוין.

— דהיינו?

— אין אַזוינע זאַכן, וואָס כ׳שעם מיך אַפילו מיטן נאָמען אָנצורופן.

— זעסטו, דאַרף מען דאָס אויך דערציילן פאַרן רב.

— ווי וועלן מיינע ליפּן זיך עפענען אַרויסצוברענגען אַזעלכע ווערטער פאַרן הייליקן רב?

— שאַדט נישט, פאַר אַ רב מעג מען אַלץ דערציילן. אַפילו דאָס וואָס מ׳שעמט זיך פאַר אַן אייגענער מאַמע. דעם רבס אויערן זענען אָפן פאַר אַלע רייד און טענות. ער איז דער דיין און שופט, זיך אָנצונעמען פאַרן יתום און אַלמנה, זיך אָנצונעמען פאַרן געקריוודעטן. ער וועט דאָס אַלץ פאַרשטיין און זאָגן זיין ריכטיק וואָרט.

זי איז געוואָרן צוריק געפאַלן און וויינענדיק.

— כ׳זאָל מיט אים דעם שמדניק שטיין אויף איין ברעט ביים רב אין שטוב, קוקן אין זיין טרייפענעם פּרצוף. כ׳קען זיין „דוך" נישט פאַרטראָגן. זיינע אויגן וואָס לויערן אויף מיר מיט בייז און שלעכטס.

— נישטאָ קיין אַנדערע עצה. אין דער לאַגע האָבן זיי אַ טענה, וואָס מען קען עס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט; אַ ירושה אַן קינדער איז אַ האַרבע שאלה... אָבער מען מוז געפינען אַן אויסוועג. בפרט ווי דו זאָגסט, האָסט אַריינגעבראַכט דאָרט אַהין דיין אייגן געלט. אַרויסגע־האָלפן דעם הויף, ווען ער איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען רואינירט. דאָס זעסטו איז אַ טענה. דער רב זאָל לעבן וועט זיך אויף

דעם אָפּשטעלן. געפֿונען אַן אויסוועג. אין די הייליקע ספֿרים שטייט אַלץ באַשריבן. יעדער קלייניקייט. אַלץ!

— פּונקט מיך האָט עס געמוזט טרעפֿן, אָפּשניידן מיר מיינע יונגע יאָרן... אפשר בין איך אַזוי ווערט... — האָט מאַשע זיך געשלאָגן מיט אַ זעלבסט־שטראָפֿנדיקער רוט.

— ס׳קען טרעפֿן יעדן איינעם. קיינער איז פֿון גאָרנישט פֿאַרהיטן. איינעם אויף אַזאַ אופֿן. אַ צווייטן אויף אַן אַנדערן אופֿן. אָט גייט חיים אַלטער.

חיים אַלטער איז אַרויסגעקומען פֿון שטוב, אַריבערגעוואָרפֿן אַ רעקל איבער די פּלייצעס. אויף די פֿיס אַ פּאָר אַנדערע שיך. באַלעקט די ליפּן, ווי ער וואָלט דערוויל אין דערינען מיט עפּעס זיך איבערגעכאַפּט ס׳האַרץ. אַ ווונק געטאָן מיטן קאָפּ היימישלעך צו מאַשען:

— מיר גייען.

*

אין דרויסן איז געשטאַנען פֿאַרמיטיק־צייט. אין גאַס שטיל, ליידיק. דער טאָג מיט גאָרנישט געענדערט פֿון אַלע אַנדערע טעג. נישט ס׳האָט זיך געשטעלט היינט אַ יאַריד, ווען ס׳לויפֿן אָן די פּויערישע וועגעלעך, אָנגעקומענע פֿון ווידאַוועער שאָסיי, טראַסקען איבערן ברוק מיט היימישן רעש, מיט רעדערדיקן געקלעפּער, געשריי און געקוויטשער פֿון קעלבער, הזירים און עופֿות, ווערן פֿאַרשוווּנדן אין אייליקן געלויף צום גרויסן מאַרק; נישט ס׳איז היינט געווען אַ חגא, ווען ס׳ציט פֿאַרביי מיטן פֿרימאָרגן גלייך ס׳אויסגעפּוצטע גאַיעס, אָנגעקליבענע פֿון די אַרומיקע ישובים: די „גורקעס״, די „אָרכעווס״, גייען אין תּפֿלה מיט שטיל פֿייערלעכן גאַנג, ווייען אָן אַ שטילקייט, וואָס דערמאָנט אין אַ „פּאַגזשעב״; ס׳איז אויך נישט געווען צומאָל דער היימישער פֿאַרקויף־־טאָג, ווען עס קומען די „פּרעמדע״ און אַלץ גייט אויף רעדלעך. מ׳ווערט אויפֿגע־רודערט ביזן געביין. מען קען זיך לאַנג נישט צוריקנעמען צו דער אַרבעט. נייִן, ס׳איז געווען אַ שטילער, פּראָסטער, פּשוטער אינמיטן דערוואָכנס, ווען אַלץ גייט מיט געוויינלעכן טריב. די מענטשן פֿאַרשטעקט

אין די הייף, פאַרנומען ביי דער אַרבעט, ווייזן זיך נישט אַרויס, האָבן נישט אין זינען די גאַס. אין דער שעה איז תמיד דאָ לער און שטיל, אָפּגערייניקט פון די איינוווינער. ווען נישט ווען נאַר, קען מען זען אַדורכלויפן אַ גאַרבער אָנגעטאָן אין די פאַרקאַלעכטע הויזן. שניידט פּאָפּעריק דעם וועג איינצוברענגען זיך גאַנג, וויגט אין האַנט אַן אַרבעטס־כלי געכאַפּט אין ערגעץ ביי אַ שכן, קלאַפּט שווער אָפּ מיטן געהילץ פון די טרעפּעס איבערן שטיינערנעם ברוק, ווערט פאַרשוווּנדן אין אַ פעדערהויז, אַדער אין אַן אָפּן טויער פון אַ הויף.

חיים אַלטער מיט מאַשען זענען געגאַנגען גאַס אַראָפּ. מאַשע האָט איבערן וועג נאָך אַלץ געאָכצט, אויסגעגאָסן אירע טענות, געשאָטן מיט פאַרצאָגטע רייד, געזידלט דעם מאַנס געשוויסטער. דאָס בייזע געזינדל מיט מאַירלן די „בעסטיע״ בראש, וואָס האָבן זיך אויף איר אָנגעלייגט, אויף איר לעבן, אויף אירע יאָרן.

אין פאַרמיטיקדיקער שטילקייט, ווו טאָג איז געשטאַנען אַ ליכטיק צעבליטער, אַ ריינער אומבאַפלעקטער הימל אויסגעוואַשן פונעם ביינאַכטיקן וואַרעמען רעגן, די לופט בלוי און לויטער — אין אַט דער דורכזיכטיקער שטילקייט, האָט מאַשעס געקלאָג געקלונגען נאָך טרויעריקלעכער און אומהיימלעכער. איר פאַראומערט מאַרודיען, האָט אויסגעקוקט, ווי זי זאָל זיך אויסטענהן מיט וועמען אַן אומגעזעענעם, קריגן זיך מיט אים. אפשר מיטן רבונו של עולם ? אפשר מיט איר לעבן ?

חיים אַלטער האָט געהאָרכט, געשוויגן, געלאָזט זי אָפּרעדן, אָפּלערן זיך פון האַרצן. ער האָט געוווּסט גאַנץ גענוי פון דער דאָזיקער אומגליק־לעכער געשיכטע, פון דער פאַרפּלאָנטערטער משפחה־מחלוקה, וואָס ציט זיך, נישט פון היינט, נישט פון נעכטן און מען קען עס נישט דערפירן צו קיין טאָלק. עס איז אים אויך נישט פרעמד געווען מאַשעס פאַרגאַנ־גענהייט גופא. איר אַריינוועבן זיך אין יענער שטוב און בכלל איר אַזוי מאָדנער יוגנט־געפּלאָנטער וועגן וועלכער מ׳האָט אין די היימען נאָך היינט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט —

מאַשע איז מיידלוויז געווען אַ לויפערין, אַ פּלאָנדערקע. איר זעלטענע שיינקייט און פריילעכער כאַראַקטער, האָט זי געמאַכט צעלאָזן,

געטריבן צו לייכטזיניקע זאַכן. זי האָט אין איר נאָך יונגן עלטער געפירט לוסטיקע ליבעס מיט רייכע זינדלעך פון פּאַרנט אין מאַרק, צוגענומען פון זיי מתנות, חניפות, אָפּנאַרערישע צוזאָגענישן און צום סוף זיי אַליין גענאַרט. זי האָט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט אַ פלירטעווע טאָן מיט יונגע דייטשע אונטעראָפיצירלעך, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. מאַשע איז געקומען אין זייערע קאַסינאָס, פאַרברענגט דאָרט פריילעכע שעהן. זי איז געווען יונג, שיין, פול מיט גלוסט צום לעבן, מיט גיריקייט צום גענוסן, מיט דורשט אַריינצוכאַפּן דעם לאַקנדיקן עולם־הזה. זי האָט מיט אייפעריקע עקשנות געזוכט צו אַנטלויפן פון דער אָרעמלעכער היים, פון פּראָסטן גאַרבער־ישוב, מיט אירע צעהאַרעוועטע געבויגענע מענטשן, האַמעטנע שווערע בחורים — פון דער נעסט, וואָס האָט זי געבוירן, געבערענגט אויף דער וועלט.

די יונגען אין גאַס האָבן געשטשירעט די ציין. נישט געקענט דאָס מוחל זיין איר, דער ווילדער „צויג". יעדער פון זיי, האָט אָט די צעבליטע מויד אָנגעמאָסטן פאַר זיך. אין דער שטיל געחלומט וועגן איר, געגלוסט צו איר, געקריגן פאַר איר די נכפּה. מאירל צווישן זיי. מאַשע האָט זיך פון זיי אויסגעלאַכט, געטריבן זיי ווי קרעציקע. נישט געוואָלט זיך אויף זיי אומקוקן. נישט זיי מיינט זי: די „גאַרבער־פּערץ!" די מרוקעס, די כאַמאַליעס. זי זוכט עפּעס שענערס, איידעלערס, פיינערס, וואָס זאָל איר זיין צום גוסט, צום געפעלן, פאַרשענערן איר דאָס לעבן.

ווען זי איז געוואָרן עלטער, אַריין אין די קליגערע יאָרן, די רייכע זינדלעך האָבן חתונה געהאַט, גענומען ווייבער, געוואָרן באַוואָרפן מיט עול פון האַרבערן לעבן, אָדער גאָר אַוועקגעפאָרן אין פרעמדע שטעט, די היגע שטאָט האָט זיך אויך אָפּגערייניקט פון די דייטשע אונטער־אָפיצירלעך, ס'האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַנדערע צייט, אַ רואיקע, געזעצטערע — האָט מאַשע זיך באַזינען, צוריקגעקומען אַהיים אין איר נעסט, זיך געסטאַטקעוועט. די יינגען כאָטש אָנגעברוגזט אויף איר, זענען נאָך אַלץ גרייט געווען איר מוחל זיין, זיך צו איר שדכענען, זי אַריינ־נעמען אין אַ וואַרעמער היים, אויפבויען אַ פאַמיליע־לעבן. זי האָט אויסגעקליבן פון אַלעמען גראָד דעם שטילן זלמן, מאירלס עלטערער

גאַרבער־גאַס

ברודער — דער באַשיידנסטער, ווילער און רואיקסטער בחור פון גאַס, און שוין נישט אין די גאַר יונגע יאָרן. געהייסן האָט עס, זי מישט אַריבער אַ בלעטל אין איר לעבנס־בוך. רייניקט זיך אָפּ פון איר יוגנט־זינד, מיט חרטה, הייבט אָן פונאויפסניי.

זי האָט נאָך דער חתונה גענומען זיך פירן ביז גאָר אָנשטענדיק, אָרנטלעך. אָפּגעהיטן די שטוב, דעם מאַן, ווי אַ יעדעס אַנדערע יידיש באַלעבאַטיש ווייבל, היימיש, ערלעך. געווען אים זלמנען געטריי, איבער־געגעבן מיט פולן האַרצן. זלמן האָט דאָס אָפּגעשאַצט. זי אַרומגענומען מיט אַן איידעלע ליבשאַפט אַ זעלטענע אין לעבן. און נישט קאָ וואונדער — וואָרעם מאַשע האָט געוווּסט דעם סוד, ווי אַזוי אַרויסגעבן פון זיך דעם גאַנצן ווייבערישן האָניק, זיס מאַכן די וועלט פון מאַנסביל.

ס׳איז נישט באַשערט געווען אויף לאַנג.

זלמן איז אַלע יאָרן געווען אַ שוואַכער מענטש, קראַנק אין גוף. דערנאָך עפּעס נאָך מער שלאַפער געוואָרן. ווייניק געקענט טאָן אין דער אַרבעט. מאַשע האָט גענומען אויף זיך דעם עול. איינגעשפּאַנט זיך אין דער מלאכה. איבערגענומען די אויפזיכט איבערן הויף, אַליין מיטגעטאָן, אָפּגעמאַטערט זיך מיטן קראַנקן מאַן אַ לענגערע צייט. צום סוף איז זלמן אויסגעגאַנגען.

מאַשע האָט דערוויל מער נישט חתונה געהאַט. געפילט נאָך אויף זיך דעם קלאַפּ, און נישט געווען אויך באַפרייט פון חלוצה. געהאַט צו טאָן מיט דער שוויגערישער שטוב, מיט זייערע טענות, רכילות, בייזע רייד, מיט כלערליי צרות און מכשולים.

מאירל דער אַמאָליק פאַרליבטער, האָט זיך איצט אויפסניי געיאָוועט, געקומען צו דער שוועגערין זיך דורכרעדן וועגן די ירושה־ענינים. און כאָטש ער איז דורך דער צייט אַליין אויך שוין געוואָרן אַ באַווייבטער, האָט עס אים נישט געשטערט זיך טשעפּען צו איר, דער שוועגערין. פאַרגעלייגט, ער וויל מיט איר פירן שותפות די גאַרבעריי.

מאַשע האָט אים געיאָגט, נישט געלאָזט איבער דער שוועל, געוווּסט זיינע פאַרלאַנגען. פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט געוואָלט פאַרשוועכן איר צוריקגעוווּנענער אָרנטלעכקייט און אַוודאי נישט —

דעם פאַרשטאָרבענעם מאַנס נאָמען, זיין כבוד. מאירל איז געגאַנגען מיט אַנדערע ווענן, אָנגערעדט די געשוויסטער, מ׳זאָל מאַשען באַשמוצן, באַזידלען, מיט געוואָלט צונעמען די גאַרבעריי, זי פאַרטרייבן פון הויז. פון דעמאָלט אָן פירט זיך די מחלוקה.

חיים אַלטער האָט פון דעם אַלעם געוווסט מיט אַלע פּרטים. געקענט די געשיכטע שוין פון אויסנווייניק. ער איז אַליין אויך אַפילו געווען דערין אַ ביסל פאַרמישט. מאַשע האָט אים אַמאָל געבעטן זיך פאַר איר אָננעמען. ער זאָל איבעררעדן מיט דעם מאירלען, אים שטראָפן, פאַרוואָס ר׳פּייניקט זי. חיים אַלטער האָט איר געפאָלגט, אָפּגעזוכט דעם רויטהאָריקן יינג מיט דער ביינערדיקער צורה, אויף אים אָנגעפאַלן: „וואָס ווילסטו פון דער מאַשען האָבן, רויטער קריפּל. וואָס טשעפּעסטו זיך צו איר, לאָז זי אָפּ מיטן גוטן, הערסט, כ׳וועל דיר אַ ביין צעברעכן״. חיים אַלטער האָט געוויזן אַ פויסט און מאירל איז נאָך אַ ביסל שטאַמלען און פאַרטיידיקן זיך, אַנטלאָפן.

חיים אַלטער האָט עס געטאָן פון רחמנות ווענן און סיי מיט אַן אייגענע אויסרעכענונג: געוואָלט דערמיט געווונען ביי מאַשען לאַסקע. וואָרעם ס׳האָט אים אַליין אויך געקוטשעט, שוין פון לאַנג, אויף איר, ווי אויף אַ געשמאַקן ביסן, וואָס רייצט דעם אַפּעטיט. שטענדיק ווען זי איז געקומען צו זיי אין הויף עפּעס באָרגן, האָט ער זיך צוגעשאָרט צו איר דער ערשטער, נאָכגעגאַנגען אין טריט, געגעבן איר יעדער זאַך מיט ברייטן ווילן. גערעדט צו איר מיט געפּעליקע רייד, זי געלויבט, געחנפהט, אַמאָל ווען קיינער האָט נישט געזען, אַ דריק געטאָן איר ביים אָרעם, אַ ריס ביי די פינגער, זיך ביי איר געבעטן מיט שטימען לשון, געלאַכט, געווונקען. אָבער צופיל אָנהייבן האָט ער מורא געהאַט. ער ווייסט, זי האָט שאַרפע ציינדלעך, קען אַ ביס טאָן.

ער געדענקט נאָך פון די יונגע יאָרן: מאַשע אַלס יונג מיידל פלעגט אַריינקומען צו זיי אין שטוב ווי אַ היימישע שכנה, צוהעלפן דער מאַמען אין הויזלעכער אַרבעט. זי האָט שוין דעמאָלט פאַרלאָכטן מיט איר געוואַלטיקער שיינקייט, העלער ליכטיקער צערע, צעבלישטשעטע שפּי־גלעך אין די אויגן, געפאַליעטע ברוין־קאַשטאַנענע האָר, וואָס זענען

געפאַלן אויף איר נאַקן און קרויזן, ווי ביי אַ פּריציש קינד. ביי איר אַריינקומען האָט זי מיטגעברענגט מיט זיך תּמיד עפּעס היימלעכס, פריילעכס, לוסטיק־ווילדס. איר מונטערער גאַנג, האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן הויז. די מוטער זיינע האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון דעם דאָזיקן שטיק ווילדן חן. געקוקט אויף איר מיט פאַרבליפטע און אויך אַ ביסל מיט קנאה פאַרדריסלעכע אויגן, געזאָגט: „פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ שיינע בלום אין אַזאַ אָרעמען מיסטקאַסטן?". מאַשע האָט געלאַכט אויף אַלע ציינער מיט קלינגענדיקן געלעכטער, אָפּגעענטפערט: „דאָס האָט גאָט אָפּגעטאָן אויף צעפּיקעניש די רייכע גאַרבער־זינדלעך, ס׳זאָל זיי שטעכן אין די אויגענעס און פּלאַצן, כאַכאַכאַ!...

ער, חיים אַלטער, דערשפּירנדיק זי איז אין שטוב, האָט נישט געקענט איינרוען אין הויף ביי דער אַרבעט. אַריינגעקומען מיט אַ תּירוץ, געמאַכט זיך עפּעס זוכן, גענישטערט און בגניבה אַלע מאָל מאַשען אַ שטאַרקע געטאָן אין זייט. אָנגעטראָטן אויף אַ פוס. אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן אין ווייכן פלייש. מאַשע האָט אויפגעהויבן אירע לאַנגע בערשטלדיקע וויעס, אַ כמורעדיקן בלישטש געגעבן אויף אים מיט אירע טונקעלע קוקערס, געדראָט: זי גייט שוין אויסזאָגן פאַר זיין מאַמען. זי האָט נישט אויסגעזאָגט. אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַרויסגעשטעקט אויף אים אַ שפּיציקע צונג, זיך אָפּגעקערט. אין חיים אַלטערן האָט אַלץ געצאַפּלט פון גערייצטן פאַרגעניגן, געוואָלט זי דווקא בייז מאַכן, געזוכט זי צו דערקוטשען.

איצט גייענדיק מיט איר אויפן וועג און דערמאָנענדיק זיך דאָס אַלץ, גייט אין אים אויף צוריק די הנאה פון יענע להכעיסדיקע וויבריקן. ס׳וועקט זיך פונסניי דאָס געפיל זי צו פאַרטשעפּען, אַ ביסל צערייצן:

— שוין הער אויף מאַשע, לאָז שוין גיין — האָט חיים אַלטער געפּרוּווט זי אָוועקפירן פון איר ביטערן, מיטן מיין, זיך אַ קאַפּ מיט איר פאַרווילן — געגוג אויף היינט, באַרואיק דיך.

— ווי אַזוי זאָל איך מיך באַרואיקן, אַז מען דערקוטשעט מיך אָנאויפהער, ער ברויכט אַ קרבן, אַ בראָך אויף זיינע יאָרן, האָט ער מיך אויסגעקליבן.

— ער טוט דאָס פון ליבשאַפט צו דיר, נאַרעלע, ער גייט אויס נאָך דיר, שטאַרבט. דו ווייסט עס נישט... — האָט אין חיים אַלטערן אויפגעשפילט דער לץ.

— יאָ, מער פעלט אים טאַקע נישט צו זיינע צרות, ווי נאָר — אַ „געליבטע".

זי האָט עס געזאָגט אַזוי געצילט און באַחנט, אַז חיים אַלטער איז זיך פאַרגאַנגען אַזש מיט הויך געלעכטער, אַפגעהילעכט מיט עכאָ איבערן גאַס.

געשטויסן פון עפּעס, האָט אים אַ טרייב געטאָן צו איר נענטער. זיך אָנגעבויגן, געקוקט אין אירע אויגן, אין איר פּנים. אין דער פייכטער פאַרטרערטקייט, איז דאָס געזיכט נאָך ווייכער, ווייבלעכער געווען, און אויך עפּעס קינדיש אומבאַהאָלפענער. אין חיים אַלטערן אָבער, אַנשטאָט רחמנות האָט זיך צעוואָרעמט גאָר יענע יינגלרישע שקאָצישקייט, געוואָלט זי אַ ביסל ליבלעך פּייניקן, בייז מאַכן.

מיט קלאַמפּערשטן אומשולד אין דער שטים, ווי באַוועגט פון מיטלייד, האָט ער פאַרטרוילעך געפרעגט:

— און ער, כ׳מיין מאירל... ער קריכט נאָך, האַ?

מאַשע האָט זיך נישט אָנגערופן.

— האָסט מורא צו זאָגן, וואָס דאַרפסטו זיך פאַר מיר היטן. מיר זענען דאָך אייגענע, דערצייל, ער קריכט צו דיר, יאָ? — און חיים אַלטער האָט דאָס געזאָגט מיט זיין אייגנטימלעכער, אָפענער, היימישער גראָבקייט, וואָס האָט אַפילו נישט באַליידיקט.

— לאָז מיך אָפּ, חיים אַלטער, כ׳בעט דיך. קלאַפּט מיר נישט אין קאָפּ, און דערמאָן מיר נישט זיין נאָמען — איר קול איז געווען טרוקן, האַרט און שטרענג.

— אָבער דאָך זאָג מיר, רעג דיך נישט אויף, פאַרוואָס האָסטו אים נישט געוואָלט נעמען?...

— נעמען זאָל אים דער טייוול.

— ער איז טאַקע אַ קריפּל. אָבער אַז דו וואָלסט מיט אים חתונה געהאַט, וואָלסטו איצט געהאַט אַ מאַן...

— קומען זאָל אויף אים אַ געשפּאַן.. כ׳וואָלט ליבער גיין מיט אַ טאַרבע אין די הייזער, איידער אַזאַ איינער זאָל זיין מיין מאַן.

— דאָס איז אויך אמת. אין דעם ביסטו גערעכט.

ס׳איז אַריינגעטראָטן אַ שווייגן. חיים אַלטער האָט געקוקט אַראָפּ צו דער ערד. מיטן בליק זיך אָנגעשטויסן אין די שמאָלע שפּיצן פון אירע שיך, באַטראַכט אירע שיינע פיס, שלאַנקע, רירעוודיקע, וואָס שטעלן געשיקט דאָס טריטל; דער ווייבערישער וויג פון אירע גערונדיקטע היפּטן; דער גלוסטיקער שד אין אים האָט זיך פונסניי געוועקט, געטריבן אים אין אייגענער רייצונג, נישט געלאָזט איינרוען. ווידער גענומען רעדן.

— דאָס זעסטו, וואָס ער פייניקט דיך, פאַרדריסט מיך אויך. איך האָב אים שוין אַמאָל אַריינגעזאָגט. ער האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט; ער טראָגט אויף דיר אַ בייז האַרץ, ווייל דו האָסט אים געטריבן, נישט געוואָלט זיך אויף אים אומקוקן...

ער האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן צו איר. געזוכט אירע אויגן, געקוקט אין אירע קלאָרע ווייסלען, צוגעזאָלצן:

— און נישט בלויז אויף אים, אויף אַנדערע אויך נישט. האַ־האַ, האָסטו דאָס אַ ביסל געפלירטעוועט, געדרייט מיטן עק, געבלאָזן זיך אין די פעדערן. ריכטיק ווי אַ פּאַווע און נאָר מיט בעסערע „לויטע״, געדענקסט?

— וואָס האָסטו זיך צו מיר צוגעטשעפּעט מיט מעשיות ווי אַ קלעפּיקע פליג, לאָזסט מיך נישט אָפּ, זשומעסט מיר אין קאָפּ — האָט זי זיך אָפּגעריסן, פאַרהאַלטן דעם טריט, געקוקט אויף אים מיט אַ וואָרנדיקן בליק, וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס — הער אויף, זאָג איך דיר!

— נו שוין אָט האָב איך געזאָגט, קום, זיי נישט בייז, האָב איך געזאָגט — האָט ער זי ווידער מפייס געווען.

נאָך אַ סעקונדע, אין אָפּגעגאַנגענעם שטיקל וועג, ווי די צונג וואָלט אים נישט געלאָזט איינרוען, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— כ׳דערמאָן מיך ווי די ייִנגען זענען דיר נאָכגעלאָפן, געקריגן

פֿאַר דיר די נכפּה... אוי ס׳איז געווען אַ געלעכטער צו זען, ממש צום פּלאַצן...

— אַ נייעס, נאָך וועלכע נקבה לויפֿן זיי נישט נאָך. אַלע זענען זיי ווי די הינט — זי האָט דאָס געזאָגט מיט ביטערער רואיקייט, מיט טרוקענעם אָפּקלאַנג.

— אָבער נאָך אַ חילוק, נאָך וועלכע נקבה. נאָך דיר, אַ־אָ, אין אַ גאַנצער סטאַדע, מיט אַזעלכע אַרויסגעשטעקטע צינגער!... זיי האָבן אויף דיר געטשאַטעוועט ווי זאָל איך זאָגן, ווי אויף אַ...

חיים אַלטער האָט זיך פֿאַרהיקעט, געזוכט דאָס גוטע „טרעפֿלעכע״ וואָרט, געוואָלט צוריק אָנהייבן. מאַשע האָט געטאָן אַ טריט אויף צוריק, זיך געשטעלט אַנטקעגן אים מיטן פּנים:

— לאָז מיך אָפּ, זאָג איך דיר חיים אַלטער מיט גוטן. צום לעצטן מאָל וואָרן איך דיך. איך האָב נישט קיין קאָפּ צו דיינע נאַרישקייטן. איך האָב מיינע צרות. דו רעגסט מיך נאָר אויף. גיי אַהיים!

— נו שוין שוין, שריי נישט. ס׳איז נישטאָ, וואָס זיך אויפֿצורעגן. עס וועט זיין גוט, וועסט זען. איך וועל קומען אין הויף, וועל איך מיך געבן אַ נעם צו דער אַרבעט, און אַלץ וועט פֿליען, אַלץ ברענגען אין אָרדענונג. איך וועל מיט אַלעם אַרויסהעלפֿן, מיט אַלעם!

דאָס האָט געווירקט. זיי האָבן זיך געלאָזט אין ווייטערן גאַנג. נאָך אַ קלײנער שטרעקע האָט ער שטילינקע געזאָגט:

— נאָר איין זאַך וויל איך נאָך פֿרעגן, מער נישט. איין זאַך, זאָג מיר, בייזער דיך נישט, פֿאַרוואָס האָסטו נישט געהאַט מיט זלמנען קיין קינדער?

— גיי פֿרעג אים...

— כ׳מיין נישט קאַ׳געלעכטער. ווען דו האָסט אַ קינד, זאָגן אַלע, וואָלסטו פֿאַרשפּאָרט די אַלע צרות. אַלע געטענהכצן. זיי וואָלטן אַ מכּה געקענט זיך צו דיר טשעפּען.

— דאָס איז אויך מיין ביטער מזל...

— זאָג מיר, ס׳איז אמת, וואָס מען זאָגט, ער איז געווען...

— פרעג מיך נישט מער. איך האָב שוין געגוג. און מאַך צו דיין מויל אויף אַ רגע. אַט זענען מיר שוין אָנגעקומען, זעסט!

חיים אַלטער האָט אַ שטרעק געגעבן די אויגן פאַר זיך. דערזען דאָס הײזל מיטן פאַרנטיקן פלעטל. אויסגעפיפן צווישן די ציין. זיך אָפּגעריסן פון מאַשען, געטאָן אַ שפּרונג צו, צו דער פורטקע, אַ שטויס מיטן קני, אַריין. מאַשע איז אים נאָכגעגאַנגען, צוגעמאַכט דאָס טירל פון אינעווייניק.

*

אַ גאַרבער־הויף, וועלכער ווערט צוליב אַ מכשול פאַרשוויגן, דערפילט מען אין אים גלייך דעם דערדריקנדיקן טרויער. ער ווערט אַרומגענומען מיט אַן עלנט נישט צום פאַרטראָגן, עלנטער נאָך, ווי חלילה אַן אבל־שטוב. אַלץ שווייגט: דער ברונעם, דאָס פאַס, די געשטעלן, די קאַמערן די שטיינער אַפילו. ס׳דאַכט אויס, מ׳הערט וויינען. אַ גאַרבער־מאַן פילט עס אויגנבליקלעך אָפּ, און מיט אַ באַזונדערן שווערן צער. ס׳לייגט זיך בליי אויף זיין געמיט.

חיים אַלטער האָט ביים אַריינקומען עס אויך גלייך אָפּגעפילט. דערפילט די טויטע־שוויגעניש. ס׳האָט אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ, זיך איבערגענומען. ער האָט מיט שנעלע שפּרייז אָהינגעשפּאַנט צום פעסער־ווינקל. אַריבערגעבויגן איבערן געטראָפּענעם פאַס איז געשטאַנען זעליק סקראָבניק, דער אַלטער געזעלן, געקוקט מיט דערשלאָגענע אויגן. זיין פּנים — אַש־גראָ, איינגעפאַלן. ער איז פון זינט אינדערפרי, ווען ער האָט דערזען דאָס אומגליק, געוואָרן אַ האַלבער מענטש, ווי ער וואָלט אין דעם אויך געהאַט אַ שולד: וואָס וועט איצט זיין? — האָט געעקבערט אין זיין אַלטן מוח, וואָס וועט ער טאָן. ר׳וועט שוין מוזן בלייבן זיצן אין דער היים, ביז מען וועט צוריקקומען צו די כוחות. און ווער ווייסט, צי מ׳וועט צוריקקומען, צי ס׳איז נישט אויס מיט זיין אַרבעט, געענדיקט — ביטערע, טרויעריקע מחשבות פאַר אַן עלטערן מענטשן.

חיים אַלטערס אַריינקומען האָט אים אויפגעוועקט, אַריינגעבלאָזן אין דעם אַלטן אַ טראָפּעלע האָפענונג: „טו, ראַטעווע!" האָבן זיינע אויגן זיך געשטרעקט צו אים מיט געבעט. חיים אַלטער האָט זיך אָנגעבויגן צום

פּאַס, אַ שאַר גערטאָן מיט דער האַנט־פלאַך איבער דער אויבערשטער יויך, אַרויסגעצויגן איינע אַ פעל, אַ שווימענדיקע אין דער הייך, ווי אַ טויטער פיש. זי באַטראַכט. די בלייז איז געווען באַדעקט מיט אומריינע געפּאַקטע פלעקן, טונקל רויטע, פאַרדעכטיקע, ווי ביי אַ שווינדזיכטיקן. געהאַנגען אין זיין האַנט מאַכטלאָז, אָן לעבן, אָן כוח — אַ פגירה.

— זי איז פאַרברענט, אָנגעטרונקען מיט וויטריאָל — האָט חיים אַלטער געזאָגט מיט באַשטעטיקדיקן קול.

מאַשע, דערהערנדיק חיים אַלטערס שלעכטע אָנזאָגונג, איז אַריינגעפאַלן אין נייער בהלה. געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע ביים פּאַס, זיך געוויגט אַהין און אַהער, געבראָכן די הענט מיט יאוש, ווי דעמאָלט פאַר זלמנס בעט, ביי זיין אויסגייך נישט היינט געדאַכט. געגאָסן ווידער מיט ביטערע טרערן.

— וואָס וועל איך איצט טאָן. מ׳האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט, אָפּגעשאָכטן אָן אַ מעסער — ווי וועל איך מיך אַ ראַט געבן?

חיים אַלטער האָט געקוקט נאָך אַלץ אויף דער פאַרברענטער בלייז, זי צוריק אַריינגעוואָרפן, באַפוילן:

— מאַשע, נישט געטומלט. מען דאַרף אַרויסנעמען די פעלן, אויסשעפּן דאָס פּאַס, זען וואָס אונטן טוט זיך און וואָס גיכער. קאָן זיין, ס׳האָט צו די אונטערשטע נישט דערגרייכט. זעליק שטייט נישט, ברענגט אַהער דעם שעפער, דערלאַנגט די צוואַנג, שנעלער!

חיים אַלטער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל. פאַרשאַרצט די אַרבל פון העמד. אונטערגעכאַפּט דעם שעפער, וואָס זעליק האָט צוגעברענגט. די ערשטע שעפּלעך אַליין גיך געשעפּט. דערנאָך איבערגעגעבן דעם אַלטן, ער זאָל עס טאָן און אַליין מיט דער גרויסער אייזערנער צוואַנג אָנגעהויבן אַרויסציען די פעלן איינס נאָך ס׳אַנדערע, פאַרוואָרפן זיי אויפן בריקל.

די אַרבעט האָט זיך ביי אים צעברענט אויף זיין שטייגער, מיט ענערגיע, מיט אימפּעט, ווי אַ ענערגישער פייערלעשער ביים לעשן אַ שריפה. זיין מויל האָט קאָמאַנדעוועט, גערופן:

גאַרבער־גאַס

— זעליק שעפּט, קוקט נישט, שעפּט וואָס גיכער דעם קוואַס, וואָס גיכער און דו מאַשע זיי רואיק, וואַרט אויס.

זעליק, מיטן שעפּל פאַרמאַצעווטע אויפן דרענגל, האָט געשעפּט די פליסיקייט. זי האָט נישט געהאַט איצט די געוויינלעך געזונטע, ריינע צימרינג־ברוין קאָליר, וואָס עס האָט די גאַרב פון „שוויערק", נאָר פאַרטונקלט און מוטנע, אויסגעברענט פון גאַרב־סאַק. דאָס פאַס איז געוואָרן נאַקעטער, אָפּגעדעקטער אין זיין גערונדיקטער ברייט. חיים אַלטערס הענט, נאָך מער צערוכעוועטע, האָבן זיך באַוועגט ווי פלינקע פליגל פון אַ ווינטמיל, געטריבן פון ווינט; געשאַריעט, געשלעפּט די לעדערס פאַרקוועטשט אין צוואַנגס אייזערנע ציין: ביי די קעפּ, בייכער, לאַפּעס, ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט אָנכאַפּן, פאַרשליידערט זיי אויף דער קופּע.

פון „בריקל" (צוזאַמענגעלייגטע דרענגלעך איבערן האַלבן פאַס) האָט געיושעט־געפּלושעט, געגאָסן מיט שטראָמיקן רויש, דורך די שפּאַרונעס פון די דרענגלעך, ווי רעגן פּלייץ דורך די אייזערנע קראַטעס אין גאַסן־קאַנאַל, אָנגעמאַכט אַ רעש.

נאָכן אַרויפברענגען די ערשטע פאַרברענטע, זענען נאָכגעקומען ריינע קלאָרערע. די אונטערשטע נאָך ריינער, אומבאַפלעקטער.

— שאַ מאַך נישט קיין געוואַלדענעס מאַשע, שריי נישט, ס'האָט געקענט זיין ערגער, אַ סך ערגער — האָט חיים אַלטער גערופן שוין מיט אַ הויך מונטערער קול — פיל פון זיי וועט מען קאָנען אָפּראַטעווען. די האַלב פאַרברענטע וועט מען אויך קענען צו עפּעס פאַרווענדן: פאַר זאָטלערס אויף אונטערבעטעכץ. אַ קליין ביסל וועט אויסקומען אַוועק־וואַרפן, נישט געפערלעך. כ'האָב געמיינט אין דער ערשט ס'וועט אַ סך ערגער זיין. נו, נישט געשטאַנען. זעליק, גערודערט מיט די ידים, נעמט אָפּטיילן די גוטע פון די שלעכטע.

חיים אַלטערס רופן האָט געמאַכט אויפגעלייכטערן דעם הויף. די צוויי פאַרצאָגטע, פאַרדאגהטע מענטשן, אַריינגעפאַלענע אין פאַרצווייפלונג, האָבן זיך אַ ביסל אָטכאַיעט. זעליק איז געוואָרן אויפגעהייטערטער,

אויסגעפּאַלגט דעם יינגערן פון אים אין צענדליקער יאָרן, אין אַלעם, ווי אַ לערניונג. גענומען תיכף אַפּטיילן די פעלן. זיי צעלייגט אין קופּקעלעך, גוטע — צו גוטע, שלעכטע — צו שלעכטע. די פאַרפאַלענע אין זייט. דאָס פּנים איז ביי אים געווען אויפגעהעלטער, אָפּגעלאָזט פון דער פריערדיק פינצטערער כמאַרע. ער האָט דאָך געמיינט, שוין אַלץ איז אָפּגעפּגרט. אויס הויף, אויס זעליק, אויס אַרבעט: זיץ אין שטוב און דרימל. גיי פּאַמעלעך אויס... איצט זעט ער, דער „מערדער" האָט נאָך געהאַט גאָט אין האַרצן. אַריינגעטאָן דעם סם ווייניק. זעליק האָט פאַרלייכטערט אָפּגעזיפצט:

— דאָך אַ יידישער גזלן... טראָגט נאָך אין זיך אַ פונק פון רחמנות. יאָהאָנדעס...

מאַשע האָט שוין נישט געוויינט. געזען די אָפּגעראַטעוועטע סחורה לייגט זיך אין גרעסערע בערגלעך, איז איר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. פאַרגינען זיך לייכטער אָפּקרעכצן: „אוי פון אַ צרה קאָן מען זיך דען פאַרהיטן. זאָל עס זיין געווען פאַר אַ כפרה, אָן אָפּלייזערניש פאַר מיר און פאַר מיין משפחה, פאַר עפּעס ערגערס, וואָס איז איבער אונדז געהאַנגען... אָבער יענעם וועט עס נישט געשענקט זיין. ניין, גאָט וועט אים באַצאָלן דערפאַר זיין גערעכטע שטראָף..."

אין דער אויפגעוועקטקייט, האָט עס איר געטריבן אַליין צום העלפן, צום טאָן. זי איז אויף דער שנעל אַריין אין שטוב, דאָרט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אויבערשטע ספּודניצע, אַרויסגעקומען אין ברייט פאַרביקן אונטערקלייד, אירע הענט ווי אויסגעטשוכעטע פלעדערן פון אַ הון, וועלכע מ'האָט געהאַלטן לאַנג געבונדן, האָבן זיך אויפגעפּאָכעט, צערודערט, געריסן צום פליען. זי האָט געטאָן פאַר צווייען. געהאָלפן אַלעמען, זעליקן, חיים אַלטערן, געשלעפּט, געטראָגן, געקליבן, גערייניקט, געוויכערט איבערן הויף ווי אַ פרילינג־ווינט און דערביי געהאַלטן אין איין בענטשן ר' אַברהמען, וואָס האָט אויף איר רחמנות געהאַט, גלייך געשיקט איר צו הילף. זי האָט אויך אים חיים אַלטערן נישט פאַרגעסן, צוגעוואָרפן יעדעס מאָל אין זיין זייט אַ גוט וואָרט, אַ פריינטלעכן לויב, אַ שבח פאַר זיין טיכטיקייט, פאַר זיין פלייסן זיך. געלויבט זיין גוט

האַרץ, זיין רחמנות־געפיל, זיין שטענדיקער גרייטקייט אַרויסצוהעלפן אַ מענטשן אין אַ נויט, אין אַ צרה.

— וואָס האָב איך צו רעדן, וואָס, אַ שטוב מיט גאָלדענע הערצער. כ׳קען זיי נישט פון היינט. פון שטענדיק אָן אַזוי, תמיד גרייט אויסצושטרעקן אַ הילפיקע האַנט צו אַ געפאַלענעם — האָט מאַשע געראָפּן אַ קאָפּ צעיאָכמערט אין איר קרייזן זיך, צו הערנדיקע און נישט הערנדיקע אויערן.

— און וואָס איז מיט דיין גוט האַרץ צו מיר, האַ מאַשעלע? — חיים אַלטער האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, זי געזוכט, געגלאַנצלט מיט די אַפּלען צו איר. פון די ליפּן איז אַראָפּגערונען אַ פּעט שמייכעלע.

מאַשע האָט זיך נישט געמאַכט הערן.

שלייכנדיק אַרומען פּאַס, האָט זי אָפּגעטריבן דעם אויסגעשעפּטן קוואָס אין ראָוו אַריין, געיאָגט אים פון הויף אין גאַסן־רינשטאָק, געצויגן די ווערטער פאַר זיך ווי פון מענה־לשון.

— גאָט גיט נאָך דעם געדאַנק צו דער צייט... גוט וואָס ס׳איז מיר איינגעפאַלן, כ׳זאָל לויפן צו ר׳ אברהמען. ווהין דען האָב איך געזאָלט גיין, וועלכע שטוב איז מיר נאָך נענטער און ווער וואָלט זיך צו מיר באַלד אַזוי צוגעהערט...

— מאַשע, איך האָב דאָך דיך עפּעס געפרעגט, וואָס פאַרעדסטו מיר די ציין. דריי זיך נאָר אויס צו מיר מיטן פּראַנט. לאָמיך זען אַ פּנים — חיים אַלטער האָט געשריגן מיט אַן איינגעהאַלטן, אינערלעך צעלאָזטע פריילעכקייט, פון די אַליץ מער אַרויסגעשלעפּטע בעסערע פעלן און פון עפּעס אַ האָפענונג. געשיקלט די בליקן צו דער באַראַטשקאָווענער האַלקע, וואָס האָט אים געררייצט ווי אַ רויט טוך דעם אינדיק.

— חיים אַלטער, דריי מיר נישט קיין ספּאָדיק, איך בעט דיך, ביסט דאָך נישט אַזאַ נאַר, ווי דו מאַכסט זיך, זאָג מיר בעסער וואָס טוט מען מיט די גוטע פעלן?

— כ׳וועל באַלד זאָגן, אָבער דו ענטפער מיר: וואָס איז מיט דיין גוט האַרץ — צו מיר?

— אוי פונקט ווי אַ קינד, אַזוי זאָל איך לעבן — זי האָט געזען

ער שאַרט מיט דער צוואַנג לענגער, שלעפּט שוין שיטערלעך, געפרעגט:

— נישטאָ מער דאָרט?

— ניין, די לעצטע.

חיים אַלטער האָט אַרויסגעטויכט די צוואַנג שוין מיט דער לעצטער פעל. ס'איז אין פּאַס מער נישט געבליבן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק איבערן ראַמש, געגעבן אַ באַפעל:

— היידאַ, צום שווענקען!

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַ שלעפּעניש, אַ שורשעניש. די אָפּגעראַטעוועטע פעלן האָט מען אַהינגעבערענגט צום ברונעם. די קייט אויפן וואַלעק איז געפלויגן אַרויף־אַראָפּ, געסקריפּעט, געקרעכצט, געשריען מיט קולות ווי אויך זי וואָלט אַנטיילגענומען אין דער טרויעריק־פריילעכער חתונה.. געהויבן פולע עמערס וואַסער ביז איבערן אויג. חיים אַלטער האָט זיי אונטערגעכאַפּט אין פלי, געפלוכעט מיט גרויסן גאַס אויף די פעלנס פּנימער, אַראָפּגעשווענקט דעם סם פון די הויטן, פון זייערע ליצן. ווי ביי יעדער טואונג, האָט ער אויך דאָ באַוויזן זיין אויסערגעוויינלעכער קראַפט, האַרעפּאַשנער גבורה. מאַשע איז געשטאַנען זיך צוגעקוקט, נשתומם צו זיין אַרבעט. פאַרגאַנגען אַזש אין קוועלנדיקן שמייכל: אַ יונג, אייזן זיין כוח, זאָל אים נאָר קאָ' נע'האָרע נישט שאַטן, אַ קראַפט אין זיינע ביינער זאָל קומען, אַ געזונט אין זיינע אָדערן — זי האָט אין דער שטיל, גוט־ווינטשנדיק געשאָטן אויף זיין קאָפּ מיט ברכות, און אַ דאַנקבאַרע הנאה האָט געמאַכט שפּרייטן אירע ליפּן, ווייזן אירע געצווילינגטע ציין.

חיים אַלטער האָט נאָכן אַדורכשווענקען דאָס געמויזעכס, אָפּגעזוכט אַן אַנדער פּאַס, אַ לערס, געהייסן אָנגיסן פרישן וואַסער, אָנשניידן פרישן גאַרב, צעלאָזן אַ שטיקל עקסטראַקט־שטיין, עס זאָל העלפן אויפרודערן די געוועבן פון די לעדערס און אַליין האָט ער שוין גענומען שיטן די ערשטע שעפלעך קאָרע.

— דיינע הענט זאָלן דיר נאָר געשטאַרקט ווערן — האָט מאַשע נאָכגייענדיק אים, כדי זיין צו הילף, געהאַלטן אין אָפּנעמען לויבן, בענטשן — די מיידן ווייסן דען, וואָס פאַר אַ שטיק גאָלד דערוואַרט זיי אין דיר. כ'פאַרגין זיי דאָס גאָרנישט. אָסור!

— כ׳ברויך זיי אויף טויזנט כפּרות. דיך וואָלט איך געוואָלט ענדער פּאַר זיי. נאָר דו ביסט צו מיר אַ פּשאַ־קרעוו, אַ קלאַוועטע (כלבתא), יאָגסט מיך פון זיך..

— חיים אַלטערשי, ביסט אַן אָרנטלעך יינגל. צו וואָס טויג דיר צו רעדן אַזוינע נאַרישקייטן. טוסט מיר אָן יסורים.

— ס׳איז נישט קיין נאַרישקייט, הערסט, ס׳איז ערנסט, און דו פאַרקלאָפּ מיר נישט דאָס מויל. כ׳וועל דיך נעמען מיט כוח...

— בייס דיר אָפּ די צונג, הער אויף צו רעדן, שוויג. דער אַלטער אין דער קאַמער קאָן דערהערן, קאָן ער טאַקע מיינען... דאָס פעלט מיר נאָך צו מיינע צרות. כ׳האָב שוין, אַלעס געגוג... זאָג מיר זאָל איך מישן ?

— לאָז אָפּ, כ׳וועל אַליין טאָן, מ׳דאַרף דאָ געבן אַ גוטן צערודער. חיים אַלטער האָט גענומען די דובינע, אַראָפּגעלאָזט זי אין דער טיפעניש, גענומען זי דרייען אין רונדיקן קרייז ווי אַ ראָד אין איילמיל. ס׳האָט שוין געבלעזלט, געראַיעט, געלאָפּן, געפּאַרסקעט, געסאַפּעט ווי אַ פאַרשטאָפּטער קוואַל וואָלט זיך עפענען און שפּריצט מיט מים־חיים. דאָס פאַס האָט געלעבט, געברויזט, געאָטעמט ווי מיט לעבעדיקע באַשעפענישן.

— אָט דאָס איז עס ! — האָט חיים אַלטער אויסגערופן.

ער האָט אַרויסגעצויגן די דובינע, זי אָוועקגעלייגט אין זייט, אומגעקערט צו מאַשען דאָס פּנים, זי אָנגעקוקט, געלאַכט.

— נו, וואָס זאָגסטו ?

— וואָס זאָל איך זאָגן, זאָלסט מיר זיין געזונט. דאָס זאָג איך. אַ שיינעם דאַנק דיר ! אויף דיין חתונה וועל איך אויסטאַנצן אַלע טענץ. — מאַשע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט אים אַ גלעט געטאָן.

— נו, וויינסט שוין נישט ?

— וואָס וווּנדערסטו זיך. אַזוי גוט איז מיר געווען אויפן האַרצן ?

— אויף אַלע שונאים געזאָגט — ער האָט זיך פאַרקוקט צום פלויט, איר אויף עפּעס אָנגעוויזן : — אָט דאָרט זעסטו קאָן זיין איז מען אַדורכ־געקראָכן, מען דאַרף דעם פלויט פאַרפעסטיקן. אפשר העכער אַרויפ־

הייבן. איך וועל אַ שמעק טאָן, ווער ס׳האָט געמאַכט דאָס שטיקל אַרבעט. אים אונטערכאַפּן. ער וועט דערפאַר באַצאָלן...

— זאָלסט מיר לעבן לאַנג פאַר דיין גוטסקייט!

— איך האָב נישט מער, וואָס דאָ צו טאָן. הייס דעם אַלטן אָפּטערס מישן. איך גיי אַהיים.

חיים אַלטער האָט פאַרוואָרפן דאָס רעקל אויף דער פּלייצע. גענומען אָפּגיין. מאַשע איז אים נאָכגעגאַנגען אין באַגלייט. געדאַנקט, געבעטן, ווידער אַמאָל אָפּגעבן דעם פאָטער אַ האַרציקן גרוס. נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס זי האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ און דערצו נאָך אויפגעהאַלטן אים חיים אַלטערן אַזוי לאַנג. וואָס זאָל זי טאָן. זי איז דאָך איינ־אַליינינקע. עלנט ווי אַ שטיין. אַ שטיין איז אפשר ווילער פאַר איר. נאָר וואָס האָט זי שוין צו רעדן. איר מזל... יאָ זאָלן זיי זיין אַלע געזונט. ווידער געבענטשט אַלע אינאיינעם, געווונטשן דער היים אַלדאָס גוטס, צוגעזאָגט אַליין נאָך אַריינקומען, אָפּדאַנקען.

אין פּעדערהייזל, פאַר די הילצערנע טרעפּן, וואָס פירן ארויף צום בוידעם און ווו דאָס ווינקל איז תמיד געהילט אין טונקלעניש, האָט חיים אַלטער זיך פלוצעם פאַרהאַלטן, אומגעקערט דעם קאָפּ צו מאַשען, אָנגעקוקט זי אַ רגע שאַרפאויגיק. מאַשע האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט אַ מורא, געטאָן אַ טריט אויף צוריק, געוואָלט אַריין אין הויף, נישט באַוויזן. חיים אַלטער איז געשטאַנען פאַר איר ווי אַ וואַנט. פאַרשפּאַרט דעם וועג. גענומען מיט זיין פעסטן אָרעם זי שטופּן אין קאַנט אַריין, אונטערן טרעפּנלייטער.

— לאָז אָפּ, חיים אַלטער. זייט נישט פאַרנאַרט — האָט זי אַ רוף געטאָן מיט שרעק, גענומען אים אָפּשטופּן.

— שוויג, זאָג איך דיר, אַ וואָרט נישט פון מויל! — חיים אַלטער האָט זי פאַרשטופּט טיפער, פאַרשטעלט זי אינגאַנצן מיט זיין ברייטער פיגור, פאַרוואָרפן זיין שווערע האַנט אויף איר האַרץ, צוגעפּרעסט. עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער קוויטש: אוי!

אַ מינוט איין געשפּאַנטן שווייגן.

— לאָז אָפּ, זאָג איך דיר, כ׳וועל מאַכן אַ געוואַלד, שעמט זיך נישט פאַרן העלן ליכטיקן טאָג. גיב אַ קוק, די טיר איז אָפן, מענטשן גייען...

חיים אַלטער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער הויז־טיר, געזען דאָס צעפּלייצטע ליכט, וואָס שפּאַרט ביי דער שוועל פאַרן אַריינגאַנג און ווי ס׳וואָלט אים אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן, איז ער געבליבן שטיין צעחושט, פאַרגולמט. אַ סעקונדע איז אים אַרויף אויפן געדאַנק, ער זאָל גיין צומאַכן די טיר, געוווסט אָבער זי וועט אַנטלויפן. געוואָקלט זיך אין זיין אומזיכערקייט, נישט געקענט זיך קיין עצה געבן, געדרייט מיטן האַלדז ווי אַן אָקס אין קייט, ווען די רינג קוועטשט אים צו. געקוקט אַמאָל אויף איר, אַמאָל צום טיר, און ווי ער וואָלט זיך פּלוצעם פאַרשעמט, האָט ער די האַנט אָפּגעלאָזט פון איר האַרץ.

מאשע האָט זיך אַ שאַר אָפּגעטאָן פון אונטער דעם ווינקל, אָפּגע־אָטעמט גרינגער.

— אוי, ער האָט מיר שיער דעם רוקן צעבראָכן — האָט זי מיט פאַרלייכטערונג זיך געקלאָגט, אויסגעגלייכט די פּלייצע.

— שרעקט מיך גאָר זעסטו — האָבן חיים אַלטערס אָנגעבלאָזענע ליפּן געבאָרבלט און די ווייסלען האָבן געסטאַרטשעט פון די אויגנלעכער אין אַ מבולבלדיקייט — שרעקט מיך זעסטו!...

— שאַ־שאַ, גיי אַהיים, חיים אַלטערשי, גיב אָפּ אַ גרוס אין מיין נאָמען, און דיר אַ שיינטשיקן דאַנק. סוף כל סוף ביסטו אַ ווילער בחור, וועסט קריגן אַ שיינע כלה, מיט אַ גרויסן נדן. גיי, גיי, זיי נישט בייז — האָט זי אים איינגענומען מיט ווייכקייט מיט גלעט, ווי מען נעמט איין אַ יונג צעבריקעוועט פערד, שטויסנדיק אים פאַמעלעך צום טיר, לאַשטשענ־דיק אים מיט גוטע איינגעמענדיקע ווערטער.

ער האָט זיך געלאָזט פירן ווי אַט אַזאַ איינגענומענע חיה, אַריבער־געשפּרייזט די שוועל, זיך צו איר ווידער אַמאָל אומגעקערט מיטן פּנים און שוין אַ ביסל אויפגעהעלטער, צו זיך געקומענער צו איר געשמייכלט, געדראָט מיט אַ פינגער:

— וואַרט, כ׳וועל מיר שוין ביי דיר אַמאָל אָפּנעמען... האָב נישט קיין מורא, כ׳על געדענקען, כ׳על קומען...

און מיט אַ מין צעשפּאָלטן פאַרנאַרישטוואָטן געלעכטערל אויף זיין פאַרויטלט געזיכט איז ער אַוועק.

קאַפּיטל זיבן

אין פֿריילעכן ווירוואַר

— אָט איז חיים אַלטער שוין געקומען!

מיט אַזאַ אויסרוף האָט מען אים באַגעגנט, ווען ער האָט זיך אַהיימגעקערט פֿון מאַשען. חיים אַלטער האָט די שטוב נישט דערקאַנט. אַ גאַנצע איבערקערעניש, אַ יאַריד, אַ הו־האַ. אַלע ווינקלען אָנגעוואָרפֿן מיט געפּעק, רענצלעך, אויסגעטאָענע אויבערמאַנטלען. איבער די צימערן אַ צעהודזשעט, פֿריילעך גערודער.

דאָס האָט דורך דער צייט פֿון זיין נישטאָ זיין, זיך אומגעקערט פֿון אונטערוועגנס דער שוואָגער שמעון מיט דער שוועסטער גאָלדעלע, וואָס זענען פֿון באַן פֿאַרפֿאָרן מיט די זאַכן גלייך אין די עלטערנס הויז, איידער זיי זענען געגאַנגען צו זיך אַהיים. דודל זייער קינד, אַ כאַפּקע יינגעלע מיט געשיקטע פּיסלעך, דערזעענדיק דעם פֿעטער אַריינקומען, איז ער אויף אים אַרויפֿגעפֿלויגן, דערקלעטערט ביז די אַקסלען, געזעצט זיך רייטן. חיים אַלטער איז מיט אים אַ רייטנדיקן, מיט די פּיסלעך אויף פֿאָרנט, וואָס האָבן געבריקעט ווי זיי וואָלטן געזעסן פֿעסט אין אַ זאָטל אויף אַ הויך פֿערד, אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב צו די געסט.

— אָט איז חיים אַלטער — האָט דער פֿאָטער מיט צופֿרידנקייט אָנגעוויזן אויף אים, ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל פֿאָרגעשטעלט פֿאַר שמעונען.

חיים אַלטער האָט אויסגעשטרעקט אַ לאַנגע שווערע האַנט, דערלאַנגט דעם שוואָגער שלום: — שלום עליכם, שימע!

שמעון האָט צוריק דערלאַנגט שפּיצן פֿינגער, קילע, קלאָרע און אַ ביסל נאַכלעסיק, טובהדיק. ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ העל־קראַטן

אָנצוג, געשטרייפט העמד, שיין אויסגעבונדענעם קראַוואַט, אויפן קאָפּ אַ ווייכן „פּיקל״־הוט — די מלבושים, ווען ער לאָזט זיך אַרויס אויף אַ נסיעה. אויסגעזען עלעגאַנט, ייִנגערמאַנטשיקדיק, ווייניקער נאָך ווי זיינע דרייסיקער יאָרן. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ טראַפּעלע מידקייט, נישט אויסגערוטס. די ווערטער פון זיין מויל זענען געקומען אויך אַזוי מידלעך, צעצויגן ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געפילט אויף זיך די לעסטיקייט פון דער רייזע און וויל זיך נישט אָנשטרענגען מיט איבעריקע רייד. דאַקעגן איז אויף אַברהמס געזיכט געווען אויסגעגאָסן אַ פריילעכע הייטערקייט.

— הערסט, חיים אַלטער — האָט דער פאָטער, מיט אינערלעכער אויפלעבונג, גענומען פאַר אים אויסדערציילן די שוין געהערטע נייעסן פון איידעם — שימע האָט זיך געטראָפן דאָרט מיט די לאָדזשער סוחרים, די הורטאָווניקעס, זיי ווייסן אויך שוין די מעשה פון סינדיקאַט. זיי געפעלט נישט דער עסק.

די באַקן ביי אַברהמען זענען געווען צעוואַרעמטע, אויפגעפּוכט, מיט געברייטערטע פאַלדן וואָס יעדע איינע באַזונדער האָט געלאַכט, געפרייט זיך. די געדיכטע ברעמען האָבן געאַרבעט מעשים, זיך געהויבן, אַראָפּ־געלאָזט, אויסגעדריקט באַוויליקס, צופרידנקייט, מיטגעשפּילט מיט די ווערטער. צומאָל האָט ער אויך געלאָזט הערן אַ הויך געלעכטער. דאָס איז ביי אים תמיד, ווען אין שטוב שטעלט זיך אַ גוטע היימישע גראַטשקע, מען ברענגט סחורה, ס׳קומען די קינדער, אָדער מען פאַרגרייט גאָר אַ היימישע שמחה. אברהם קומט דעמאָלט אַריין אין אַ באַזונדערער אויפגעע־רוימטקייט. אַלע שיינע פאַרבן צעשפּילן זיך אויף זיין פּנים. די גריזאַטעס טוען זיך אָפּ פון זיין האַרץ, ס׳גלוסט זיך אים נאָר צום רעדן, טענהן, דערציילן, לאַכן. אַפילו די באָרד ביי אים איז דעמאָלט אויך פול מיט גוטער צעשטרייאונג. שאָקלט זיך אומאויפהערלעך מיט. זאָגט עדות אויפן באַלעבאָס רייד, גיט אים אין אַלעם גערעכט

— הער נאָך וואָס זיי האָבן אים דערציילט — האָט אַברהם ווייטער פאַרגעזעצט, געפירט דעם בליק פון זון צום איידעם און צוריק, פּלוצעם אָפּגעהאַקט, געווענדעט זיך צו שמעונען:

— דערציייל אים אַליך, שימע, דערציייל אים, זאָל ער הערן.

נאָר, אַז שימע האָט געצעגערט, אָפּגעוואַרט, ווי ס׳וואָלט אים נישט געגלוסט ווידער אַמאָל איבערחזרן דאָס, וואָס ער האָט שוין דערציילט פאַרן שווער, האָט אַברהם עס אַליין גענומען טאָן:

— זיי האָבן אים דערציילט, הערסטו, אַז דער היגער קאָמיטעט האָט זיך געוואָנדן צו זיי, די לאָדזשער הורטאָווניקעס מיט אַ פאָרשלאָג: אַז פון היינט און ווייטער, זאָל קיינער פון דער גאַס נישט קריגן ביי זיי קיין רויע סחורה. נאָר דער קאָמיטעט אַליין וועט זיין דער אָפּנעמער. דורך זייער פאַרמיטלונג וועלן באַקומען די אַנדערע גאַרבערס. נו וואָס זאָגסטו נישט אויף דער מעשה?

חיים אַלטער האָט נישט באַלד געכאַפּט דעם רעיון, אָנגעשטעלט אויפן פאָטער גרויסע אויגן, מיט פרעגעניש.

— וואָס זענען זיי דערמיט אויסן, כ׳פאַרשטיי נישט.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, וואָס איז דאָ שווער צו פאַרשטיין — האָט אַברהם צעשפּרייט די הענט מיט געעפנטע פינגער ווי אַ פעכער — זיי ווילן אַריינגעמען דאָס רויוואַרג אין זייערע לאַפּעס, ווערן די מושלים, אַז אַלע אַנדערע גאַרבערס זאָלן מוזן אָנקומען צו זיי און דערמיט זיי צודריקן צום וואַנט: ווילסט צושטיין צום סינדיקאַט — נאַדיר סחורה! נישט? שטיי מיט ליידיקע הענט! אָט מיט וואָס פאַר אַ וועגן זיי גייען די יינגאַטשעס, די לאָבוזעס!

חיים אַלטערס פנים איז פלוצעם געוואָרן אָנגעצונדן, רויט ווי אַ פריש אויפגעשניטענער בוראַק, אָפּגעשטופּט דאָס יינגעלע פון זיך. אַ ציגעטאָן דעם קערפּער אויף פאָרויס ווי צו אַ וואַלקע, און שטרעקנדיק אַ געביילטער פויסט אויסמוסקולירט ווי ביי אַן אַטלעט, האָט ער הייזעריקלעך אויסגעשריגן:

— אַ נו זאָלן זיי פּרוון. מ׳וועט זען ווער שטאַרקער איז, ווער וועמען ס׳וועט לייגן אויף די לאָפּאַטקעס... אַזעלכע אויסוווּרפן ...

דער פאָטער האָט פון זונס פאַרמעסט, פון זיין דראָענדיק אויסגעשריי זיך צעלאַכט מיט גוטהאַרציקן טאַטעשען געלעכטער.

— זעסט, שימע!

גאַרבער־גאַס

שימע איז געזעסן אין דער פריערדיק מידלעכער פּאָזע, די אויגן־לעדלעך האַלב אַראָפּגעלאָזט, געשוויגן. אונטער זיינע פאַרשטעלטע וויעס האָט זיך באַהאַלטן עפּעס ווידערוויליקס, אַ פאַרבאַרגענע גרינגשעצונג צום שוואָגערס ווילערישקייט. ער האָט נישט פאַרליטן דאָס גראָב־ייִנגערישע אין אים. דאָס באַווייזן זיך מיט דער פויסט. אין זיין היים האָט ער דאָס נישט געזען. אַגב האָט אויך אַ רעפלעקס ביי אים אין מוח א שימער געטאָן: ווער ווייסט, קאָן זיין ער וועט אַמאָל אויף אים, זיך אויך אַזוי פאַרמעסטן... ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, ערשט ווען ער האָט געהערט דעם שווערס קול נאָכאַמאָל אים רופן:

— שימע, „אויסטראַלישע” האָסטו געקויפט?

— געקויפט — האָט שמעון אָפּגעענטפערט קורץ, זאַכלעך.

— ווי זעט אויס דער מאַרק אויף זיי?

— זיי האָבן געקריגן חריפות.

— חריפות גאָר דאָס „שמאַלץ”?... — און אַברהם האָט אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט דערהערט אַ נישט גוטן ריח — חריפות גאָר זעסטו, מנע!

די אויסטראַלישע בלייז איז געווען איינע פון די יינגע אַרטיקלען אין גאַס. זי האָט זיך באַוויזן עפּעס פאַר דער מלחמה. מיטן קריג איז זי פאַרשוווּנדן. איצט האָט זי אָנגעהויבן ווידער פליסן. זי איז געקומען פון מעבר־לים, געפּאַקט אין דיקע פלאַסקע פעק, צו הונדערט שטיק, גערייפט אין אייזנבענדער, נאקעטע אָן וואָל, מיט פאַרטריקנטע געלע הויטן ווי פאַרמעטן. נאָך דער אויסאַרבעטונג האָט זי געקריגן אַ מאָדנע בייזע לענג, געטריפט מיט פעטקייט. אַרויסגעגעבן אַ באַזונדערן ריח. די העלדזער זייערע געקאַרבטע ווי ביי פּי. אויך די ליץ איז נישט געווען איינגאַנצן קיין ריינע. ערטערווייז פאַרפינטלט מיט פאָקן און מאָזלען. אָבער דערפאַר — אומפאַרגלייכלעך גרעסער פון דער פוילישער און אויך ביליקער. די פוילישע בלייז מיט איר ריין איידל פּנים, מיט איר פיינקייט האָט אויסגעזען אַנטקעגן די אויסטראַלישע ווי ס׳קוקט אויס אַ קליין צאַרט ציקעלע, אַנטקעגן אַ צוואָקסענעם „אָפּגעטערכנטן” באָק.

אין דער ערשט, האָבן די גאַרבערס זיך געמיאוסט פאַר איר, נישט געוואָלט זי נעמען אין דער אַרבעט. נישט צוגעוווינט געווען צו אַזעלכע אָפּגעקראָכענע „פאַרכעס". אָבער ווען זי האָט זיך סוף כל סוף אַרויס־געוויזן פאַר פאַרקויף־פעיק, ס'איז געוואָרן אויף איר אַ נאָכפרעג, האָט מען זי גענומען ווייקן, און וואָס אַמאָל מערער. מ'איז געוואָרן מיט איר פאַראייגנט, פאַרהיימישט, און מיט דער צייט — אַ מאַסן־אַרטיקל.

אַברהם האָט זי ביזן היינטיקן טאָג נישט ליב געהאַט. נישט געליטן איר כראָפּעוואַטער הויט, איר געקאַרבטן קאַרק פון אַ בהמה, דאָס טריפנדיקע פעטס. געקוקט אויף איר שטיפּאָטעריש. אַריינגענומען נאָר דערפאַר, ווייל מ'האָט זי געמוזט אַריינגעמען, סוחרים האָבן זי פאַרלאַנגט, און אַ האַנטווערקער וועט נישט אַרויסלאָזן פון זיין ווערקשטעל אַ פּראָדוקט אויף וואָס אַ קונה פרעגט זיך. געצערטלט האָט ער זיך אָבער אַברהם מיט דער היימישער פוילישער פעל.

— חריפות, זאָגסטו, האָט זי געקריגן? — איז אברהם צוריקגע־גאַנגען צום ענין — נו מילא, זאָל זיין חריפות. נאָך דער מלחמה האָבן אַלע טנופתן, צ'זאָלט מיר מוחל זיין, געקריגן חשיבות. און זיי דאַרטן דערשמעקן מ'דאַרף זי האָבן, ווילן זיי אָנציען דעם פאַסעק, הויבן דעם פרייז.

אַברהם האָט געפאָכעט מיט צעשפרייטע נאָזלעכער, ווי ער וואָלט אויף ווערמען אָנגעשריגן. אָפּגערוט, אָפּגעבלאָזן זיך, האָט ער ווידער דערמאָנט:

— און וואָס נאָך האָסטו איינגעקויפט, שווערע לעדער אויך?

שמעון וואָס איז געזעסן כמו פאַרדרימלט מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן, מעכאַניש אָפּגעענטפערט אויף יעדן פרעג, האָט איצט ביים דערמאָנען די שווערע לעדער אויפגעוואַכט, אַרויס פון זיין גליווער. פאַר זיין מוח האָט פלוצעם אַ שיין אויפגעטאָן דער צוזאַמענשטויס, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ צווייטן סוחר ביים קויפן די סחורה און וואָס האָט אים פאַרשאַפט גרויסע טרחה, עגמת נפש, ביז צו געשלעג. שמעונס אויגן האָבן זיך געעפנט פון דער פאַרזשמורעטקייט און אַ טראַציקער בליאַסק האָט אַדורכגעריזלט אין זיי.

— וואָס איז, האָסט זיך אין עפּעס דערמאָנט? — האָט דער שווער באַמערקנדיק עס, געפרעגט.

— געהאַט אַ „סטיטשקע״, אַ שטרייט ביי די שווערער לעדער.

— וואָס אַזוינס, דהיינו מיט וועמען? דערצייל — אַברהם האָט נייגעריק אָנגעשטעלט דאָס אויער.

שמעון האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן בענקל, אָוועקגעזעצט באַקוועמער. אַרויסגענומען פון קעשענע די זילבערנע ציגאַרן־טאַש, אַרויסגעצויגן אַ לאַנגע, מיט קליינע מאַנדשטיק פּאַפּיראָס, ווייך געמאַכט דאָס קעפּל, אָנגעצונדן און אַרויסלאָזנדיק דעם ערשטן רויך, ווי דאָס וואָלט אים נאָך מער צעטשוכעט, גענומען דערציילן.

און אַרויסגעקומען איז אָט־וואָס: גראָד ווען ער שימע האָט שוין געהאַט ביים הורטאָוניק אין סקלאַד אַדורכגעקוקט די פּאַרטיע שווערע פעלן, געהאַלטן ביים מושווה ווערן, האָט זיך אומגעריכט אונטערגערוקט אַ פּרעמדער (שפּעטער איז ער געוואָר געוואָרן אַ סוחר פון וואַרשע), אַ שמעק געטאָן צום פּעקל רויוואַרג און אַפּנים ס׳איז אים געפעלן, גענומען אונטערוווּנקען צום סוחר, רעדן צו אים דורך שטים־לשון, מיט צייכנס, פינגער, אויגן, און יענער איז באַלד געוואָרן אַן איבערגעדרייטער. אָנגעהויבן דרייען מיט דער צונג, חרטהנען, ר׳וועט די סחורה נאָך היינט נישט פּאַרקויפן, אָפּוואַרטן אויף אַן אַנדערן טאָג. שמעון האָט גוט פאַרשטאַנען די סיבה, אַריין אין פּאַרדראָס, אין אַמביציע, גענומען קלאַפּן אין פּרייז. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה „טען־נאַ־טען״. איינער האָט איבערגעשטיגן דעם צווייטן, ווי להבדיל אין שיל ביי טאָרגעס. ס׳איז פאַר ביידן דאָס מסחר שוין נישט ווערט געווען. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, נאָכגעבן. געטריבן פון צעהיצטער קריגערישקייט, פון אַ בייזן צעלהכעיס, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די העלדזער, ווי צוויי צונויפגעשטויסענע בעק פאַרפלאָכטן אין די הערנער, קאָנען זיך מער נישט אָפּלאָזן. זיי זענען גרייט געווען דורסן איינער דעם אַנדערן. ביידע האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון עסק, און נישט געוווּסט ווי אַזוי אַרויסקריכן. נישט ס׳איז געווען ווערט און נישט מ׳האָט געוואָלט אָוועקגיין.

און מיט אַמאָל האָבן די צוויי קאָנקורענטן זיך אָנגעשטויסן מיט די בליקן. אָנגעהאַלטן עטוואָס לענגער דעם קוק איינער אויפן אַנדערן, שאַרף־פאַרשנדיק, און מיט שטימען ווינק, אַרויס אין דרויסן. דאָרט האָבן זיי לאַנג נישט מאַריך געווען, אַדורכגעוואָרפן אויף דער גיך אַ פּאָר ווערטער: צוואָס דאָס וואָרפן געלט אויף הפקר... עס איז אַ דלות... האַ?... יאָ!... און צוריקגעקומען זענען זיי ביידע אויסגעגלייכטע. זיי קויפן אין שותפות. מ׳האָט דעם מקח ביים הורטאָווניק צוריק אַראָפּגע־דריקט. ער האָט וואָס אַן אמת זיך געקראַצט אין פּאַטלניצע, געקווענקלט, ווי ס׳וואָלט אים אַריין אַ בייסעניש אין נאָז, נאָר נישט געהאַט קיין עצה די פּאַרטיע האָט מען געקויפט אויפן געווינלעכן פּרייז. צעטיילט עס אין צוויי קופּעס, געמאַכט אַ גורל מיט אונטערגעלייגטע מטבעות און יעדער האָט גענומען ס׳זייניקע, וואָס איז אים צוגעפאַלן.

— ס׳איז מיר שוין נישט געגאַנגען אַזוי אין דער סחורה — האָט שמעון געהעכערט זיין קול מיט אויפגערודערטקייט, מיט רויטלעכע פלעקן אויפן שטערן ווי ער וואָלט אויפּסניי דאָס איצט איבערגעלעבט — ווי אין דער חוצפה אין דער עוולה: בכן, ער איז אַ וואַרשעווער, אַ יחסן, טרעט אים אַפּ דעם וועג, „יאָך גיי, יאָך בין אַ וואַרשעווער!״ האָב איך אים געוויזן וואָס אַ נישט וואַרשעווער, אַ פּראָווינצער קאָן. ער האָט נישט אָנגעטראָפן ס׳אָרט, כ׳שרעק מיך ווייניק פאַר זיין יחוס — און שמעון האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט אַ וואָרנדיקער האַנט ווי ער וואָלט נאָך איצט מיט יענעם זיך אָפּגערעכנט.

אַברהם האָט פון איידעמס דערציילן און נאָך מער פון זיין נאָכמאַכן מיט סיגעס דעם „וואַרשעווער״, געלאַכט מיט הויך זיך צעשיטנדיקן געלעכטער. פון הנאה זענען אים אַזש פאַרגאַנגען טרערן אין די אויגן: לעבן זאָל ער זיין איידעמל, זיך נישט געלאָזט — האָט דער שווער אינזיך געקוועלט — און נישקשה, ער קען זיך ברוך השם, אויף אים פאַרלאָזן. ר׳איז נישט פון די מפּיל־קינדער, לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, און אַוודאי דאַרף מען אים נישט פּיקן אונטערן צינגל, אַריינגעבן שכל. קאָן זיך זיין שטעטל באַשטיין. דערלאַנגט יענעם — און האַלט דיר!

אָבער צופרידן איז ער דאָך געווען אַברהם, וואָס זיי זענען אַדורכ־געקומען אין שלום. אין גוטן איז תמיד בעסער.

— האָסט גוט געטאָן מיין קינד, וואָס ביסט מיט אים אַדורכגעקומען אין שלום איז תמיד ליבער — אַברהם האָט עס געזאָגט שוין אַביסל אַ באַרואיקטער. די זאַך דורכגעטראַכטער.

— ער האָט דאָך מיך אָנגעגריפן, פאַרטשעפּעט, מיר אַריין אין וועג און נישט איך אים — האָט שמעון זיך ווי פאַרענטפערט פאַרן שווער.

— כ׳האָב צו דיר גאָרנישט, חלילה. כ׳זאָג דיר נאָכאַמאָל, זיי מיר געזונט. האָסט גוט געטאָן, וואָס האָסט אים אָנגעלערנט. זיי נישט קאַ חוצפהניק. קאַ שייגעץ! אַז יענער דינגט, שטעק נישט אַריין די נאָז און קומסטו שוין יאָ צו, ווילסט אויך עפּעס דערפון, בעט, רעד איידל, מיט שטילע רייד און נישט בגוואַלד — אַברהם האָט אַ וויש געטאָן די באָרד מיט דער האַנטפלאַך, מיט געשטאַרקטער תקיפות, ווי אויך ער וואָלט יענעם דערלאַנגט. אָבער גלייך וויכער געמאַכט דעם טאָן — פון דער צווייטער זייט, אַז ער איז באַשטאַנען אין שותפות, האָסטו ווידער גוט געטאָן, וואָס ביסט מיט אים דורכגעקומען. דאָס איז סוחריש.

— אַזאַ פּשאַקרעוו, אַזאַ ממזר, אַ שאָד, וואָס איך בין נישט דאָרט געווען. איך וואָלט די ציינער אים געהאַקט — האָט חיים אַלטער זיך אַ ריס געטאָן מיט קוראַזש, פילנדיק ווי די האַנט קיצלט אים אַריינצו־כמאַליען.

— נו מילא, ס׳איז שוין פאַריבער, ס׳לוינט נישט דערוועגן מער צו רעדן — אַברהם האָט אויפגעהויבן די בליקן צום איידעם, געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער דאָ האָט ער באַמערקט, שימע זיצט שוין צוריק פאַרשטילט. דער שטערן פאַרצויגן צוריק מיט דער פריערדיקער בלאַסלעכער מידקייט. די אויגנלעדלעך האַלב אַראָפּגעלאָזט. אַברהם האָט אויך געזען ווי ער לעקט אָפּ מיט דער צונג די פאַרטריקנטע ליפּן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיי באַפייכטן, באַפרישן, פאַרשטאַנען, ער מוז זיין הונגעריק, אָדער ס׳ווילט זיך אים אַ וואַרעמער טרונק. זיך דערמאָנט,

מרים איז שוין פון לענגס אַוועק ברענגען עפּעס דאָס האַרץ דערכאַפּן און האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוריקגעקערט. ווו איז זי דאָס פאַרשווונדן?

אַברהם האָט געריכטעט דעם בליק צום טיר פון זייטן־שטיבל, גענומען רופן:

— מרים, מרים ווו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן. דיין איידעם זיצט און הונגערט און דיך אַרט גאַרנישט...

אין דער צייט, וואָס די מענער האָבן געפירט זייערע לעבהאַפטע שמועסן אין גרויסן צימער, איז מרים דערווייל אַריין מיט דער טאָכטער גאָלדעלע אין צווייטן קליינעם חדר, זיך דאָרט פאַרטאָן אין זייערע געשעפטן. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע אינטערעסן, גאָרנישט ווייניק וויכטיקע ווי די מאַנצבילן דאָרטן. גאָלדעלע איז דאָס מאָל מיטגעפאָרן מיטן מאַן אָפּשטאָטן אַ וויזיט אין יענעם קאַנט ביים מאַנס קרובים. אינאייינוועגס געכאַפּט אַ בליק אויף דער גרויסער ברייטער וועלט און צוריקגעקומען מלא התפעלות, ממש אַ צעשטראַלטע. געהאַט צו דערציילן פאַר דער מאַמען וווּנדער איבער וווּנדער: קודם, פון דער שיינער גרויסער שטאָט דאַנציג, פון גרויסאַרטיקן צאָפּאָט (קוראָרט), און פונעם אַרומיקן פריילעכן געטומל.

— אוי מאַמעשי, וואָס פאַראַ שטאָט דאַנציג איז, וואָס פאַר אַ געשעפטן ס׳זענען דאָרט פאַראַן — האָט גאָלדעלע זיך געקנייפּט אין די ראָזלעכע באַקן — די מאַגאַזינען, די שוי־פענצטער. לאָדזש מעג זיך באַהאַלטן. אַ דאַרף זאָג איך דיר. און וואָס מען קריגט דאָרט אַלץ צו קויפן — אוי, געוואַלד!

פון באַגייסטערונג האָבן ביי גאָלדעלען די געלאָקטע רויטלעך־קופּערנע האָר זיך אַזש צעשימערט אין בלישטשיקן קופּערנעם גלאַנץ, ווי די זון וואָלט זיך געשפּיגלט אין זיי. די צאַרטע העלע הויט, אייגנטימלעך פאַר אַ בלאָנדער פרוי, האָט געלויכטן מיט קלאָרער דורכזיכטיקייט, זיך פאַרצויגן ביי די קינען מיט געררויטלטע, רונדיקע פלעמלעך ווי קינדערישע בעקלעך נאָך גוטן שלאָף. אין איר גאַנץ וועזן, אין איר שלאַנק געוואַק־

סענעם גוף, אין איר געררייד, האָט געשפּילט יינג־ווייבלשעס, קוועליקס, פריילעך־חיותדיקס, צופרידנס פון לעבן.

גאָלדעלע האָט אויך מיט אַזאַ פריילעכער צעיאַכמערטקייט געוויזן דער מאַמען די אַלע פאַרשידענע זאַכן, וואָס זי האָט איינגעקויפט פאַר דער שטוב, פאַרן מאַן, פאַר זיך, פאַר די קינדער. אַפילו די נייע וועש אויף זיך. אונטערגעהויבן דאָס ברעג קלייד, האָט זי אָנגעוויזן אויף דער נייער טיולענער האַלקע מיטן בלויען געציקלטן באַנד אַרומען זוים, מיט אויסגעהאַפטענע בלומען; דעם נייעם סטאַניק פון אונטער דער אַוועקגעשאַרצטער בלוזקע, מיט די אויסגענייטע שפּיצן, ציקעלעך, קלעמלעך, וואָס איז געזעסן אויף איר האַרץ ווי אויסגעפּלאַסטערט. אַלץ אויף איר האָט געבלאַנקט, געבלישטשעט, געשפּיגלט. זי האָט אויך מיט אַזאַ פרייד אַרויסגעצויגן די פאַרשידענע קליינוואַרגן: קעלנערלעך־טיכלעך, געשטריקעכצן, וואָס זענען געלעגן געסדרט אין די שאַכטלען, זיי געוויזן פאַר דער מאַמען. געשאָטן מיט רייד, מיט געלעכטער, געפרייט זיך פון גאָטס וועלט, פון זיך אַליין, פון דער גוטער, מיט געגנאַד געבענטשטער היים, וואָס באַזעליקט זי מיט גליק, ווי נאָר זי טרעט אַריבער די שוועל.

— אוי, מאַמעשי, ס׳איז גאָרנישט צו דערציילן וואָס צאַפּאַט איז, אַ גן־עדן! און ווי ריין ס׳איז דאָרט. מ׳קען זיך אַוועקזעצן מיט אַ ניי קלייד אינמיטן גאַס און גאָרנישט, קיין פלעקעלע... און די מענטשן, אוי ווי זיי גייען דאָרט אָנגעטון און ווי שיין. פון די פרויען איז נישטאָ וואָס צו רעדן. זיי פּרעזענטירן מיט די שענסטע קליידער און צירונג. לעבן פריילעך — מ׳דאַרף נאָר האָבּ אַ סך געלט...

מרים האָט געהאָרכט, געזען די צעשיינטקייט אויף דער טאָכטערס געזיכט, די שפּיגלדיקע בלישטשען אין אירע אויגן און ס׳האָט איר אַליין אויך געפרייט. זי קען איר בלוט און פלייש נישט פון היינט; פון אייביק אָן איז דאָס געווען אַזאַ לוסטיק פריילעך באַשעפעניש, געכאַפּט התפּעלות פון אַ יעדעס שמאַכטעלע, פון אַ מינדעסטן קליידל, שירצל; פלעגט אַרויסשלעפּן דאָס שטיקל שטאָף פון קאָמאָד, אויסדראַפּירן אויף

זיך. צולויפן צום שפיגל, באַקוקן זיך פון אַלע זייטן, צומאַכנדיק מיט די הענט, קאָפּ, אַקסל ווי צום טאַנץ. און די פּיס האָבן טאַקע אונטער־געטענצלט: „ווי אַ קרולאָוואַ זע איך אויס, אמת מאַמעשי!" — האָט זי געררופן.

אויך אַצינד האָט די מאַמע געזען אויף איר די זעלבע קינדיש גליקלעכע פרייד. געקוקט מיט אויפמערקזאַמקייט אויף יעדער אַנגעווי־זענען זאַך, אויף יעדער קלייניקייט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרויסגעוויזן מאַמעשע פאַרוווּנדערונג, אַנטציקונג, אַפילו אויף די ווייניק וויכטיקע זאַכן. צוגעווונטשן:

— זאָלסט דאָס אַלץ באַזשיען געזונטערהייט, מיט געזונט און הרחבה!

— מאַמעשי, איך האָב אין דיר אויך נישט פאַרגעסן, געברענגט אַ שיינע זאַך — האָט גאָלדעלע צום סוף אויסגעזאָגט דעם סוד. צוגע־לאָפן צו אַ רונדיקע פודלע, גענומען פון דאָרט עפּעס אַרויסשלעפּן.

מרים האָט פריער נאָך פאַרשטאַנען, זי וועט אין דער מאַמען נישט פאַרגעסן, נישט קומען מיט לידיקע הענט. נאָר נישט געאײַלט מיטן פרעגן. זי האָט געדולדט, געוווּסט, גאָלדעלע וועט זיך שוין אַליין דערערדן. זי האָט געזען ווי די טאָכטער בינדט אויף אַ לענגלעך פאַרשנירלט פּעקעלע. שיין פאַרפּאַקט, ציט אַרויס אַ ווייכע טונקעלע זאַך. צוגעבראַנגט.

— דאָס איז פאַר דיר, מאַמעשי.

גאָלדעלע האָט מיט געשיקטע הענט פאַרוואָרפן אויף דער מאַמעס אַקסל, אַ טונקל זיידענעם שאַל. לאַנג ווי אַ גרויסע שלאַנג, באַצירט מיט שטרייפן, בליצן, שיפן, קווייטן. געפאַליעט זיך אין טאַגיקן ליכט אויך אַזוי באַוועגלעך שלאַנגיש, געפעכלט אין די עקן מיט אַן אַ שיער לעבעדיקע פרענדזלעך.

— נו מאַמעשי, וואָס?

מרים איז געשטאַנען, געקוקט, באַוווּנדערט, באַרירט לייכט מיט שפּיצן פינגער דאָס איידל געוועב, געלאַכט, נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— האָסט אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף דעם טאָכטערשי, האַ? — האָט זי ענדלעך געזאָגט.

— ס׳גאַנצע געלט! קוק נאָר ווי שיין ער ליגט אויף דיר מאַמעשי, מלכותדיק. שבת, און יום־טוב וועסטו אים טראָגן צום שול־גיין... וואָס, ער געפעלט דיר נישט?

— ווער זאָגט. געפעלט מיר זייער, נאָר צו וואָס האָסטו אויסגעגעבן אַזוי פיל געלט פאַר מיר. קאָסט זיכער אַ סך, זאָג מיר!

— ס׳גאַנצע געלט מיטן בייטל צו. קליידט דיר מאַנאַרכיש, מאַמעשי, אַ צאַצקע.

מרים האָט אים נאָך געלאָזט אַ ביסל ליגן אויף די אַקסלען. באַטראַכט אים שיפּלעך מיט די אויגן איןביידע זייטן, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט זען אין דער מאַנאַרכישקייט, טאַקע שבת צום שול גיין. אירע ליפּן האָבן צניעותדיק זיך געצויגן, געחנדלט. פּאַוואָליע אים אַראָפּגענומען פון זיך און ערשט ריכטיק אים אָנגעהויבן באַטראַכטן: די קווייטן, דעם שטאָף, די קוואַליטעט, די אויסגעצירטקייט, געוויגן אין האַנט און דער שמייכל אויף איר פּנים איז אויפגעגאַנגען ברייטער און צופרידענער, אַראָפּגערינען פון ביידע זייטן מויל.

— גוט, זאָל זיין, אַ שיינעם דאַנק דיר! האָסט מיר געברענגט אַ שיינע מתנה. ס׳איז מיר וווילגעפעלן. און מרים האָט אויסגעשטרעקט די ליפּן צו דער טאָכטער צום קושן.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַברהמס קול, וואָס האָט גערופן: „מרים, מרים ווו ביסטו?״...

ביי מרימען האָט אַ ציטער געטאָן די האַנט.

— אוי, דער טאַטעשי רופט, הערסט, לאָז מיך נאָר אָפּ, טאָכטערלעבן. אינגאַנצן פאַרגעסן.

מרים איז מיט אַמאָל געוואָרן אומרואיק, אין איילעניש צוריקגעוואָרפן דאָס געשאַנק אין טאָכטערס האַנט אַהינגעלאָזט זיך צו דער שפּייז־שאַנק, גענומען דאָרט גראַבלען, זוכן. אַלץ איז איר געפאַלן פון די הענט. איר טייערער איידעם זיצט און הונגערט. וואָס פאַר אַ שוויגער איז זי? זי האָט אין געאייל געשלעפּט פון בלעכערנע פּושקעס, ביקסן, אַרויסגענומען פון זיי געבעקס, צוקערוואַרג, געסדרט אויף אַ גלעזערנעם קלאָש, גערודערט, געקלימפּערט, גערעדט מיט טענה:

— זעסט טאַכטערשי, האָסט מיך פאַרבאַלעמוטשעט, נישט דערמאָנט, דיין מאַן זיצט מיט אַ פאַרהונגערט האַרץ. וואָס פאַרא פּנים וועל איך ביי אים האָבן?

— מאַמעשי, נעם זיך נישט איבער. ס׳וועט אים חלילה גאָרנישט זיין. ער וועט נישט פאַרהונגערט ווערן, וועסט זאָגן איך האָב דיך אויפגע־האַלטן און שוין — און גאָלדעלע האָט רואיק געשמייכלט ווי זי וואָלט אינגאַנצן זיכער געווען מיט איר נעמען אויף זיך די שולד.

— ס׳איז נישט קיין תירוץ. איך בין נישט קיין קינד מ׳זאָל מיך פאַרעדן, אויפהאַלטן, כ׳האָב געדאַרפט פאַרשטיין — האָט די מוטער איר אָפּגעענטפערט.

מרים האָט מיטן צוזאַמענגענומענעם כיבוד זיך אַריינגעלאָזט אין דער צווייטער שטוב און שוין מיט אַן אונטערגעאיילטן גאַנג געשפּרייט אַרום זיך אַ זיס שמעקנדיקן ריח פון מאַנדל און וואַניליע. אַריינגעקומען מיט אַ פאַרשולדיקט פּנים און אויך מיט אַזאַ פאַרשולדיקט קול געזאָגט:

— כ׳ווייס, כ׳בין ווערט שטעקענעס.... כ׳זאָג אַליין, געלאָזט מיין איידעם זיצן און הונגערן.

— אַבי דו ביסט זיך כאַטש מודה — איז אַברהם גלייך אונטער־געפאָרן מיט זיין געמאַכטער תרעומת, באַהאַלטנדיק דעם שמייכל אין די וואָנסעס —אַז מען האָט דאָס נישט קיין צייט, איז דאָך נישט שייך. מאַמע און טאָכטער האָבן זיך פאַרקאָכט אין זייערע געשעפטן און פאַרגעסן אין אַלעמען.

— כ׳האָב נישט פאַרגעסן, חלילה — מרים האָט נאָך אַלץ געפּרווט זיך פאַרטיידיקן — גאָלדעלע האָט מיך טאַקע אַ ביסל אויפגעהאַלטן, דערציילט ווי שיין דאָרט איז אין יענער שטאָט, אַז...

— אַז די מאַמע האָט איר צוגעפּעלט צום רימל — איז אַברהם אַריינגעפאָרן אין די רייד.

— נו טאַקע יאָ, וואָס ביסטו אַזוי איפּערזיכטיק, זי איז נישט מיין קינד?

— ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָבער דאָך... נו שימע, דו שווייגסט, זאָגסט גאָרנישט?

שימע וואָס איז ביז זייער אַריינקומען געזעסן אין זיין אָנגעדראָדלטן שווייגן, האָט איצט אויפגעוואַכט, זיך צעשמייכלט. מיטן באַווייזן זיך פון זיין שיין אויסגעסקלאַרעוועט ווייב, וואָס האָט היינט עפּעס נאָך צעבליטער, צעראָזטער אויסגעזען (ער האָט געוווּסט אויך דעם סוד), זענען אויך זיינע אייגענע אויגן געוואָרן אויפגעהעלטער, אָנגענומען אַ לעבהאַפטע קאָליר. דאָס אינערלעך נישט ניחאדיקע וואָס האָט אין אים געטויכט, אפשר פון הונגער, אפשר פון מידקייט, אָדער גאָר פון אַן אַנדער נישט קלאָר געפיל, האָט אָפּגערונען. ער איז געוואָרן אויפגעפרישטער. באַקומען אַ פאַרליבטן אויסזען פון אַ ייִנגערמאַנטשיק, ווען ער דערזעט צוריק זיין שיין באַגערט ווייב נאָך אַ שטילן ברוגז. געוואָרן להוט זי צו פאַרטשעפּען.

— זי האָט כאָטש דער שוויגער דערציילט, ווי זי האָט מיך אַרומגע־שלעפּט איבער אַלע מאַגאַזינען, געוואָלט כ׳זאָל באַדיי איינקויפן האַלב דאַנציק... זי האָט דערציילט? — אין שמעונס קול האָט געקלונגען אַ העל־שטיפערישער טאָן.

— נו יאָ: „יאַקאַ מאַטקאַ, טאַקאַ צורקאַ...“ ווי די מאַמע אַזוי די טאָכטער. ס׳עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע. וואָס מיינסטו ס׳איז מיט דייך שוויגער געוועזן אַנדערש אין די ייִנגערע יאָרן? אַ האָר נישט — האָט דער שווער געאײַלט צו העלפן דעם איידעם.

— מ׳האָט ענק שוין טאַקע פאַרהולטייעט ס׳גאַנצע פאַרמעגנס. אוי הלוואַי אַנדערע יידישע ווייבלעך, נישט ערגער, אָן איר שאָדן, געפונען מאַקע דאָס אָרט צו רעדן אויף מיין קינד — און מרים האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַר דער טאָכטער, ווי זי וואָלט גרייט געווען באַשיצן. אַרונטער־נעמען זי אונטער אירע מאַמעשע פליגלען.

— זעטס מיינע רייד: מ׳קלאַפּט אין טיש רופט זיך אָן די שער... די מאַמע איז שוין דאָ צו פאַרשטעלן מיטן פאַרטעך... אָבער אַז דער אייגענער מאַן זאָגט, העלפט דאָך נישט קיין טענות — און אַברהם האָט נאָך מער פאַרדריקט דאָס געלעכטער אונטער די געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן זיך געריסן צום לאַכן.

— דער „אייגענער מאַן“, מ׳ווייסט שוין, אַלע אייגענע מענער זוכן נאָר חטאים אויף די אייגענע ווייבער. זיי זאָלן קאָנען אויסרעדן אויף זיי

וואָס אין דער קאָרט... ס'איז זיי זיס צום גומען — און מרים האָט באַלעבאָסטיש א צעשטעל געטאָן דאָס זיסע געבעקס פאַר די מענער — עסט. לענטס ענק אונטער ס'האַרץ און האָטס וויניקער עגמת נפש...

— אַזוי זאָגסטו, מיין ווייב. אפשר ביסטו גערעכט. נו, מען דאַרף טאַקע פאַרזוכן. שימע, נעם, זיי טועם

אַברהם האָט אויסגעשטרעקט די האַנט דער ערשטער, אַראָפּגענומען פון קלאָש אַ קיכל, געמאַכט: „בורא מיני מזונות" אָפּגעבראָכן, פאַרזוכט זיך פּאַסמאַקעוועט.

— זיי זענען טאַקע געשמאַק, וואָס־וואָס נאָר מיט דעם קאָן זיך ענקער מאַמע באַרימען, מיט אירע קיכלעך. מלא טעם — האָט אַברהם געלויבט.

און נעמענדיק נאָך איינס, פאַרשליגנדיק עס אַפּעטיטלעך, האָט ער צוגעגעבן:

— גלייב מיר מרימל, זיי וועקן אין מיר אויף דעם הונגער. וואָס הערט זיך מיטן איבעריקן?

— מיטן מיטיק מיינסטו? ס'וועט באַלד זיין. נאָך אַ קליין טראָפּעלע. רחל ווי האַלט דאָרט מיטן עסן? — האָט מרים אַריינגערופן אין קיך.

רחל דאָס דינסטמיידל, אַ נידעריקע, אַ קלעצלדיקע, אַ פעטלעכע, אָנגעטאָן אין אַ בלוילעכן פאַרטעך, פאַרוואָרפן מיט שלייקעס איבער די פּלאַטשיקע אַקסל, איז צוגעקומען צום שוועל. צוויי צעוואָרעמטע באַקן ווי אויסגעברוינטע פּאָנטשקעס, האָבן אַריינגעשמייכלט. זי האָט מיט־געטיילט:

— דאָס עסן איז אָט־אָט שוין פאַרטיק נאָך אַ קליין טראָפּעלע.

— מאַך גרייט, איך קום גלייך אַריין. דו גאָלדעלע, זעץ זיך צו צום טיש. איך וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן.

מרים איז אָפּגעגאַנגען אין קיך אַריין.

*

דער טיש איז דאָס מאָל געווען געגרייט פאַר דער פאַרגרעסערטער פאַמיליע און לכבוד די געסט באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעך און נישט מיט דער פליישיקער סעראַטע ווי אין די וואָכנדיקע טעג. אַברהם איז

געזעסן אויבנאָן אויף זיין אָרט, געקוקט אַרום זיך מיט טאַטעשן אָנזען, מיט שטילער חשיבות, ווי ביי אַן אינטימע פאַמיליע־שמחה ווען עס זאַמלט זיך אַרום אים ס׳לייבלעכע הויזגעזינט: ער — דער שטאַם, זיי — די צעשטרעקטע צווייגן. דאָס גרויסע, רונדיקע, ברוינהויטיקע הויז־ברויט, נאָך גאַנץ, האָט אַרויסגעקוקט פון מיטן טיש ווי אַן אויפגעגאַנגענער צעבליטער קלאָמב אין גאָרטן, גערייצט דעם אַפעטיט. יונגע אויגן האָבן געשטשירעט דערויף, געגרייט די באַקציינער, געוואַרט דער טאַטער זאָל עס אָנהייבן און גלייך וועט עס זיך נעמען קאָלערן ווי אַן אונטער־געיאָגט ראָד פון האַנט צו האַנט, ווערן קלענער־קלענער און אַוועק־לייגן וועט מען עס שוין אַן אָפּגעשיינדנס, שוואַך, אַן־כוחותדיק.

און אַט האָבן שוין יינגע מיילער געקייעט. געריבן מיט הנאה די אויסגעבאַקענע רינדל, דאָס שטייף־נאַרהאַפטיקע ברויזנס. זיך געקוויקט. געלאָזט הערן אַ הויך קלאַנטשען פון צינגער, לוסטיק מאָלן פון ציינער, מיט אָפּקלאַנג ווי די שוויעקאַרניע־מעסערס, ווען זיי צערייבן די קאָרע.

גאָלדעלע איז נישט איינגעזעסן אויפן אָרט ווי די מאַמע האָט איר געבעטן, נאָר נאָכגעגאַנגען איר אין פיסטריט אומעטום, ווו די מאַמע האָט זיך געקערט. עפּעס אַן אומרואיקייט האָט זי געטריבן זיין נאָענט צו דער מוטער, אָפּפילן זי לעם זיך, איינאָטעמען איר הויך, הערן איר ווייך וואָרט. גאָלדעלע האָט איר אויך צוגעהאָלפן ביים טיילן, ביים אויסשטעלן די געפעסן, ביים דערלאַנגען און שפּעטער זיך ערשט אַוועק־געזעצט האַרט לעם איר צום טיש ביים עסן.

מרים האָט געוווסט דעם באַטייט פונעם דאָזיקן: גאָלדעלע האָט פריער פאַר איר געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, וואָס האָט דערפרייט איר מאַמע־האַרץ. און עס איז נישט היינט דאָס ערשטע מאָל. תמיד, ווען זי, גאָלדעלע, דערפילט דאָס אויפגיין אין איר אינגעווייד פון אַ ניי לעבן, קלעפּט זי זיך צו צו דער מאַמען נישט צום אָפּרייסן. זוכט ווי אַ קליין קינד איר שוץ, איר נאָענטשאַפט, איר וואַרעמקייט, איר טרייסט. אַליין דערציילט זי איר אויס, וואָס נאָר אונטערן האַרצן, באַגלייט מיט אַ פריידיקן „אוי און וויי״. מיט וווּנדער: אַט האָט שימע איר צוגעזאָגט ר׳וועט איר קויפן אַזוינס און אַזעלכעס, אַ פּאַקענעם מאַנטל מיט אַ ברייטן קראַגן און מיט

אַזאַ זעלביקע מופּע, אַז מען וועט איר אַזש נאָכקוקן אין די גאַסן... און שימע האָט זי ליב ס׳לעבן. איז גרייט כאָטש זי טראָגן אויף די הענט... הינדעלע דאָס פּיצינקע מיידעלע, האָט געבעטן מען זאָל איר „קויפן״ אַ שוועסטערל, זי זאָל זיך האָבן מיט וועמען צו שפּילן. דער פאָטער האָט איר צוגעזאָגט... דודל מאַכט זיך שוין פאַר אַ גאַנצן מענטש, האָט חברים, שפּילט זיך מיט זיי אין שווערדלעך און ביקסלעך, חלומט וועגן אַ פערד צום רייטן; אויפן נייעם „זמן״ מ׳זאָלסט דערלעבן וועט זי אים אָפּגעבן אין נייעם חדר; אויף זומער וועט זי פאַר די קינדער לאָזן אויפנייען נייע הייזלעך, נייע קליידלעך, שיכלעך און וועש. יאָ, זי האָט נאָך אַזויפיל צו דערציילן, אַז זי ווייסט נישט פון וואָס פריער אָנצוהייבן. זי האָט נאָך צו דערציילן אַפילו וועגן אירע שכנהטעס, ווי זיי לעבן מיט איר גוט, אין שלום, האָבן זי ליב. אויך פון שימעס חברים, וואָס קומען צו זיי אין שטוב ווייזן איר אַרויס גרויסע אָכטונג און שעצונג. לויבן זי אין מאַנס אויגן: „שימע, האָסט אַ ווייב אַ זעלטענע באַלעבאָסטע, מוזן מיר דיר זאָגן״ אוי, ווי אַלע האָבן זי ליב, אַל־לע!

מרים זיצט, האָרכט געדולדיק אויס. זי ווייסט די טאָכטער מוז זיך פאַר איר אָפּרעדן. אַלע קעמערלעך פון איר האַרץ פאַר איר עפענען, אַרויסברענגען די חלומות, פאַרלאַנגען וואָס ליגן דאָרט באַהאַלטן. די מאַמע שאָקלט חדוהדיק צו מיטן קאָפּ. יעדער שאָקל — אַ ברכה. ס׳איז איר אייגענע פרייד, איר אייגענער נחת, איר אייגענער חלום. עס איז אַלץ די זעלבע זיך ציענדיקע געבער־שנור פון איין און דעם זעלבן לייב. יעדעס נאָכקומענדיקע נפש ביי איר טאָכטער, ווי ס׳וואָלט פון איר אייגענער טראַכט אַרויס — נאָך מער! זי קען עס מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבן. ס׳איז איר — מוטערשאַפט.

מרים פילט עס אויך אָפּ אַצינד, זיצנדיק מיט גאַלדעלען ביים טיש. שליאַדעוועט נאָך איר יעדן באַוועג, איר יעדן וויבריר פון געזיכט־מוסקול; דעם בלוי פון איר אויג, דעם שמייכל אויף אירע ליפּן. ווייסט, ס׳איז די אינערלעכע בענקשאַפט, אומרואיק געפּיל פונעם ניי אויפגייענדיקן אין איר לייב. מרים קוקט זיך איין אין דער טאָכטער גענויער, זוכט סימנים, טוט יעדעס מאָל אַ שאַר מיטן האַנט איבער אירע געלאָקטע

ווייך־קופּערנע האָר, איבער איר העלן שטערן, פאַריכט אַ שפּיצל פון קעלנערל ביים האַלדז, מאַכט גלייך דאָס שלייפל פון דער בלוזקע, און לערנט זי מיט מאַמעשער גוטסקייט, מיט מאַמעשער חכמה:

— זאָלסט זיין געוואָרנט מיין קינד, הער זיך איין, האָב נישט איצט אין זינען קיין אַנדערע זאַכן, נאָר ס׳געזונט. נעם פון היינט אָן גיין אין לויזערע קליידער. פאַרשנורעווע נישט צופיל דעם קאָרסעט אויפן בויך, טו נישט אָן קיין ענגע שיך. פאַרצי נישט צו שטאַרק די בענדלעך פון סטאַניק. אַלץ אין גוף האָט אַצינד ליב פריי און גערוימיקייט...

מרים אָטעמט אָפּ. איז גלייך מוסיף מיט נאָך מער באַלערנטקייט. און מוטערלעכער דערפאַרונג:

— וואָרעם וויסן זאָלסטו מיין קינד, געזונט איז איבער אַלעם. געזונט איז די קרוין פאַרן מענטש, די שיינקייט זיינע, און אַ געזונטע מאַמע האָט געזונטע קינדער. אַלץ איבעריקע איז פאַרפּוצונגען. פליטערלעך — יאָ און ניין...

זי בייגט זיך אָן צו גאָלדעלען. טוט איר אַ שטילינקן קוש אין באַק, אומבאַמערקט, קיינער פון די מאַנסלייט זאָלן נישט זען און וואָרנט איר מיט לעצטע וואָרענישן: „געדענק, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. זאָלסט עס נעמען גוט אין זין אַריין...״.

די מאַנסבילן ביים טיש זעען סיי ווי גאָרנישט, האָרכן זיך נישט איין אין די ווייבערישע שטיל־סודותדיקע שעפּטשערייען. זיי זענען פאַרנומען מיט זייערע ענינים: האָבן נאָך נישט אַלץ אויסגערעדט, נאָך נישט אויסגעשמועסט, מ׳האָט נאָך צוצוגעבן, מוסיף צו זיין: שמעון פון דער נסיעה, אברהם פון דאָ אויפן אָרט. און ביים עסן, צווישן די הפסקות, טוט עס זיך שטענדיק געשמאַקער, געמיטלעכער.

האָט נאָכן פאַרצערן דאָס ערשטע געריכט, אַברהם אַ זאָג געטאָן צום איידעם, ווי ער וואָלט אָנגעקנופּט אַ פון פריער איבערגעריסענעם שמועס:

— פאַרשטייסט, אַזוי האַלט עס מיטן סינדיקאַט. מ׳גייט אויף כוח... היינט איז מען ווידער דאָ געווען ביי מיר וועגן דעם ענין. דאָס מאָל

אַ גאַנצע כאַפּטע, מיט די טאַפּערס אין שפּיץ. חיים אַלטער איז גראָד נישט געווען אינדערהיים. זיי האָבן מיך אַריינגענומען אין קרענצל. צוגעשטאַנען צו מיר, נאָר כ׳זאָל צוזאָגן, אַז כ׳על מיטגיין. אָנגעקלאַפּט מיר אַ קאָפּ מיט גאָרע גליקן, כאַטש מעשיר צו ווערן... קוים כ׳בין זייערע פּטור געוואָרן.

— און דער שווער האָט צוגעזאָגט? — האָט שמעון אויפגעהויבן די אויגן צום שווער.

— ווי פּאַלסטו אויס, כ׳וועל צוזאָגן?

— גוט געטאָן!

— די זאַך זעט אָבער אויס ביי זיי נישט קיין געלעכטער. זיי ווענדן אָן אַלע כוחות, צו פירן דאָס שותפות צו אַ ברעג, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען ווייס איך נישט — אַברהם האָט עס געזאָגט מיט אַ ביסל זאָרג.

— מיר האָבן דערווייל נישט, וואָס צו קלערן. לאָמיר זען ווי עס וועט ווייטער גיין. די טיר וועט פאַר אונדז שטענדיק זיין אָפן, אַז מיר וועלן נאָר וועלן. נישטאָ וואָס צו כאַפּן — שמעונס קול איז געווען איצט געקרעפּטיקט, געזעטיקט. אַ פּנים דאָס אונטערלענען דעם מאָגן האָט אים געדינט.

— וואָלט איך כאָטש געוווסט, דאָס איז אַ זאַך פון ערלעכקייט, פון מענטשן, וואָס האָבן אינזינען אויפריכטיקע כוונות, מיינען ערלעכן תכלית, מילא.... — האָט אַברהם ווידער אָנגעהויבן — פאַרשטיי איך, מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן, אַדורכקוקן די זאַך, זען אויף וויפל עס האָט אַ האַפט, אַן אָנהאַלט. אָבער איך ווייס דאָך פון פריער אויס, אַז דאָ שטעקן זייערע טרייפענע פּלענער, אונטערפיסלעך, נישט אָרנטלעכער מיין. וואָס וועל איך מיך גיין אַריינלאָזן מיט זיי...

מרים צו וועמענס אויערן עס איז דערגאַנגען דער שמועס און וואָס די זאַך האָט איר פאַראינטערעסירט, מער פון איינמאָל דערוועגן געטראַכט, האָט אַצינד נישט געקענט אַדורכגיין מיט שווייגן, נישט זאָגן איר מיינונג. באַשיידן, נישט דירעקט, האָט זי אַזוי מן הצד אַריינגעוואָרפן איר וואָרט:

גארבער־גאַס

— און פאַרוואָס גייען די אַנדערע מיט זיי מיט?

— זיי גייען ווייל זיי קענען נישט זיצן. און יעדער זאָל טאָן ווי אים געפעלט און מיר ווען טאָן ווי אונדז געפעלט — האָט אַברהם אָפּגעענטפערט מיט תרעומות און איראָניע, פאַרשטייענדיק מיט וואָס עס שמעקט איר אַנדייטיקער פרעג.

— מען דאַרף נישט בייז ווערן. מ׳דאַרף אַ זאַך גוט באַטראַכטן, רואיק — האָט מרים געזאָגט מיט מתינות, געלאַסן, נישט צו באַליידיקן דעם מאַן — אַז יעדער זאָל גיין ווי אים געפעלט און טאָן וואָס אים געפעלט, וואָלט מען ווייט נישט דערגאַנגען. און זיי ווילן, אַז אַלע זאָלן טאַקע גיין צוזאַמען, טאָן אינאיינעם, כדי ס׳אָל אַרויסקומען גוט — מרים האָט דאָס געוואָגט צו זאָגן, ווייל זי איז מיט די מאַנסבילס מיינונג נישט געווען אַזוי אינגאַנצן זיכער און איינפאַרשטאַנען. מער ווי איין מאָל, האָט זי געזען, ווי זיי האָבן אין זייער עקשנות געגרייזט, געקעמפט בחינם, און מען קען זיך נישט אינגאַנצן אויף זיי פאַרלאָזן. והראיה: די כראַמעס! זי האָט מוסיף געווען, ברענגענדיק נאָך אַ פאַקט:

— אָט איז ביי מיר געווען נעכטן יענטל, יצחק העשלס ווייב, איז צווישן אַנדערש אויסגעקומען צום גערייד וועגן אָט דעם, וואָס מען שמועסט דאָ, ווי הייסט עס, דער „סינדריקאַט״, און יענטל האָט געזאָגט מיט האַנט אויפן האַרצן, זי קאָן זיך שווערן אויף איר נאמנות, ביי אירע קינדער, אַז דאָס איז אַ ריכטיקע זאַך, נישט קאַ פאַלשקייט. אַ גוטס פאַר אַלע, און אַלע דאַרפן מיטגיין, זיך נישט אַנטקעגנשטעלן.

— ביי אירע קינדער קען זי זיך שווערן?... אַזאַ בהימע גמירע! — האָט אַברהם זיך אויפגעקאָכט, די באַקן אָנגעצונדן מיט פלאַם. פון פאַרדראָס, פאַר די ווייבערישע נאַרישע פלאַפלערייען, און די חוצפה זיך אַריינצומישן — ביי אירע קינדער קען זי זיך שווערן, אַזאַ אָפּגעריסן פערד, היי דאַרף מען איר געבן עסן, רעדט וואָס ס׳ווייסט נישט...

— אויף ווייבערישע רייד קען מען זיך נישט שטעלן. און בעסער זיי זאָלן זיך טאַקע נישט אַריינמישן — האָט שמעון מיטגעהאַלטן מיטן שווער. געזאָגט אויך אַזוי קאַטעגאָריש.

— ווייבער מישן זיך שוין אויך אַריין, זאָגן דעות, וועט עס שוין

האָבן אַ גוט פּנים, אַ צוגעברענטע גריץ, כאַ־כאַ — איז חיים אַלטער אַרויס מיט אַ הויך געלעכטער.

— מאַמעשי, לאָז זיי אָפּ. ריר זיי נישט אָן דעם מענערישן האָנאָר:
„אויף ווייבערישע רייד קאָן מען זיך נישט שטעלן" — איין קליניקייט! — גאָלדעלע האָט אָנגעשטעלט אַ ברוגזדיק מיילעכל אויפן מאַן, גרייט מיט אים זיך אַ ביסל קריגן, אָבער דאָ האָט זי פּלוצעם דערזען דודלס אָרט איז ליידיק. דאָס יינגל איז נישטאָ, מיט פאַרוואונדערונג אויסגערופן:

— ווו איז ס'קינד, מאַמעשי?

מרים האָט אַ קוק געטאָן אויף דודלס שטול — לער. דאָס טעלערל עסן נישט אָנגערירט.

— זעסט, ער האָט זיך אַרויסגענאַרט, דער גנב. מ'איז אַזוי פאַרקאָכט אין די געשמועסרייען, אַז מען זעט נישט, וואָס אַרום טוט זיך. און דער עכברושניק קוקט נאָר אויס, איך זאָל פאַרזען און ער איז שוין נישטאָ. איך גיי אַרויס אין דרויסן אים אויפזוכן און וועל אים דערלאַנגען.

מרים איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, אָפּגערוקט פון זיך ס'בענקל, געוואָלט אָפּגיין פון טיש.

זי האָט נישט באַוויזן מאַכן דעם ערשטן טריט, ווי די טיר האָט זיך ראַפּטעם געעפנט און עס איז אַריינגעקומען דודל. נאָך אים האָט נאָכגעשפּאַנט אַ ייד, אַ נישט היגער. דודל האָט מאַרשירט אויף פאָרויס ווי אַ קליינער סאָלדאַט. נאָך אים דער פרעמדער, אַ הויך צעוואַקסענער מענטש ווי אַ בוים. דער אורח האָט געהאַלטן אין האַנט אַ לאַנגע טאָרבע־טאַש, אַלט און אָפּגעריבן. נישט געלאָזט דערקאָנען איר ערשטער פאַרב און אָפּשטאַם: לעדער צי ברעזענט. זיין לאַנגע שווערע באָרד האָט געגרייכט ביזן גאַרטל, אים נאָך צעוואַקסענער געמאַכט. אויפן קאָפּ — אַ הויכער ברייטער פאַרצייטישער קאַשקעט, מיט אַ גרויסער דענקע. דאָס פּנים, אַ פּולס, פאַרברוינט, פאַרשטויבטס, האָט אַרויסגעקוקט פון אַ געדיכט האָר־געווילד. דער פּאַלטן אויף אים, אויך אַ שווערער, פאַר־שטויבטער, לאַנג ביז די קנעכל. ס'האָט געדאַכט, אַ מענטש געקומען פון ערגעץ אַ מדבר, אַ וואַלד. נאָך עטלעכע רירעוודיקע שפּאַנען, אין קיך, איז ער

געבליבן שטיין ביים ביישטידל פון צימער, אַריינגעקוקט, אויסגעשמעקט די מענטשן אַרומען טיש מיט אַן אויסגעפּרווטן שנעל דערפאַרנדיקן בליק און ווי ער וואָלט שוין אויפן אָרט זיך אַלץ דערוווּסט, גענומען רעדן מיט אויך אַזאַ אויסגעפּרווטן פליסיקן דיבור.

— גאָט העלף! עסט געזונט. האָט נישט פּאַריבל ליבע מענטשן. געווען אין שטאָט, געהערט ס'איז דאָ אַזאַ גאַס ווו יידן אַרבעטן אויס, ברוך השם, פּרנסה. לעבן זיך בשלום. בין איך אַראָפּגעקומען אַ קוק טאָן. דריי איך מיך אַזוי, וויל אַריין אין אַ יידישער שטוב, קומט מיר אַנטקעגן דאָס ייִנגעלע זאָל זיין געזונט. פאַרקוק איך מיך אויף אים, אויף זיין אָן עין הרע שיין פּנימל, וואָס לייכט ווי די זון אין הימל. פאַרשטיי איך, ער שטאַמט פון אַ שיין אָרנטלעך הויז. פרעג איך אים, ווי רופט מען דיך ייִנגעלע? „דודל", ענטפערט ער מיר. וועמענס בינסטו? פרעג איך ווייטער. „איך בין פונדאַנען", ווייזט ער מיר אָן מיטן הענטל אויף דער שטוב און דערציילט מיר שוין דאָס איבעריקע: זיין זיידע הייסט אַברהם, זיין טאַטע שמעון, זיין באָבעשי מרים... מ'עסט אין דער היים מיטיק. „איר זענט הונגעריק, איר ווילט עסן?" הייבט ער אויף צו מיר די אויגעלעך. יאָ, כ'בין הונגעריק, זאָג איך, כ'וויל עסן. „קומט אַריין". און ער נעמט שפּאַנען מיט זיינע ייִנגע פיסלעך אַ געזונט אין זיי, אויף פאַרויס. מילא, טראַכט איך מיר, אַ קינד פירט דאַרף מען מיט גיין...

אָפּגערוט, האָט דער ייד ווידער אַ פּיר געטאָן מיט זיינע גרויסע שוואַרץ־קוליקע אויגן איבערן אַרום, אָנגעהאָנגען זיי אויפן באַלעבאָס אויבנאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד האָבן געמאַכט. צו זיי האָבן געטראָפן אין ציל. צוגעזאָגט דאָס איבעריקע שוין ווי אַ פּייערלעכן אַקאָרד:

— יאָ, בין איך מיטגעגאַנגען. אַ קינד וואָס ווייזט שוין אַרויס זיין יידיש האַרץ. פאַרבעט, דאַרף מען פאָלגן, מיטגיין — —

אַלץ איז געווען שטיל. אָנגעקוקט דעם ייד מיט עטוואָס פאַרווירט־קייט, חידוש, סיי פון זיין פליסיקן דיבור, שאַרפע בליקן, פלינקע תנועות, הויכע צעוואַקסנקייט און אויך פון דעם רויש, וואָס ער האָט מיט זיך

מיטגעבערנגט, ווי אַ שטאַרקערווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן אין שטוב. אַברהם האָט געקוקט אויף יענעמס הילוך, אויף זיין פון היץ אָפּגעברענט פּנים, וואָס האָט אויסגעזען מיד, פאַרשמאַכט. פאַרשטאַנען: אַ גייער, אַ משולח, איז הונגעריק, וויל עפּעס אָפּעסן. אָוועקגעלייגט אַ דרשה.

— וואָס שטייט איר ביים טיר. אַפילו שוין נאָכן עסן. אָבער שאַט נישט, ס׳וועט זיך נאָך געפינען. לייגט אַוועק די טאַש, גייט וואַשט זיך. דודל, ווייז דעם ייד, ווו ס׳איז דאָ וואַסער.

דודל איז אַנגעשפרונגען מיט פלינקע פיסלעך ווי אַ זשרעביקל, אָנגעכאַפּט דעם ייד ביי אַ געעפנטער פּאָלע, געשלעפּט: „קומט כ׳על ווייזן”.

מרים איז אַריין נאָך זיי אין קיך.

— אַדורכגעטריבענער אורח. קען די שטיקלעך — האָט שמעון אָפּגעברימט אין טעלער.

— וואָס ווילסטו פון אים האָבן. אַ הונגעריקער ייד נעבעך, זאָל ער אָפּעסן — האָט דאָס ווייב זיך איינגעשטעלט פאַרן פרעמדן.

דער ייד איז גלייך צוריקגעקומען. מיטגעברענגט דאָס האַנטעך. געוויגט עס אין די הענט, געווישט פעסט די פינגער, געזאָגט הויך מיט ניגון: „מזמור לדוד!” געמאַכט העוויות, געשפּאַנט שפּרייז. דאָס האַנטעך אַוועקגעלייגט. צוגעקומען צום טיש. אָפּגעשניטן אַ גרויסע „המוציא”, געמאַכט אַ הויכע ברכה: „המוציא לחם מן הארץ!”, גענומען עסן.

געגעסן האָט ער האַסטיק מיט גרויסע ביסנס. געטריבן פון הונגער, פון אינערלעכער טריקעניש און שמאַך. ער האָט נישט געקוקט אויף קיינעם. געזען נאָר זיינע פינגער, וואָס האָבן געשניטן די „ציגעלעך” ברויט און געשיבט אַריין אין מויל ווי אין אַ פאַרצערנדיקן אויוון. די זופּ, וואָס מרים האָט פאַר אים צוגעברענגט, האָט ער אויך אַזוי געשלונגען אייליק, גיריק, מיט פול געשעפּטע לעפל. דערביי געהאַלטן אין איין קרעכצן, זיפצן, זיך אָפּבלאָזן, צוגעשאָטן יעדעס מאָל צום טעם וועגן, אַ קאָפּ זאַלץ, פעפער, געבעטן אַ שטיקל ציבעלע און ווידער געאויקעצט: עך, עך, אוך, און ווייטער געשלונגען.

די אַרומיקע ביים טיש האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ משונהדיקן

מענטש, אַ האַלב ווילדן, און מיט אַ ביסל דערווידער. ער האָט אַפילו דאָס אויך נישט געזען, אָדער נישט געוואָלט באַמערקן: וואָס גייט אים איצט אָן דאָס טראַכטן פון אַנדערע. דער מאָגן איז אויסגעלערט, שרייט, פאַרצערט שנעל. און ער דאַרף אים אָנפילן און וואָס פלינקער און מערער. ערשט, אַז דאָס געקעכץ אין טעלער, האָט גענומען ווערן שיטערער, דער דנאָ זיך שוין אַרויסווייזן, האָט ער עטוואָס פאַרלאַנגזאַמט מיטן לעפל און דאָס איבעריקע געגעסן אַ ביסל פּאַמעלעכער, ווי ס׳וואָלט אים אַ שאָד געווען צו ענדיקן.

צום סוף האָט ער אָפּגערוקט די שיסל, אָפּגעווישט די וואָנסעס, די באָרד, אויפגעהויבן די אויגן, אָנגעקוקט די הויזלעכע, דעם באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע און אויך גענומען זיך איצט פאָרשטעלן, ווער ער איז: דערציילט פון זיין יידישער שליחות, פון זיין אַרומוואַנדערן איבער שטעט, שטעטלעך, יידישע ישובים, זאַמלען געלט פאַר ישיבות, תלמוד־תורהס, פאַר אָרעמע קינדער.

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר אַ מצווה דאָס איז. תינוקות של בית רבן. קינדערלעך זאָלן קענען לערנען גאָטס תורה. די העכסטע מצווה. און כ׳טו, ברוך השם, מיט הצלחה! — איז ער זיך פאַרגאַנגען מיט הויכן ניגון, מיט לויב.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון ערגעץ דעם פּאַלטנס אַ טיפער קעשענע אַ פאַרפעטסט כתב, אָנגעפּיקעוועט מיט קליינע געדיכטע אותיותלעך. רבנישער שריפט עס אַוועקגעלייגט פאַר אַברהמען געזאָגט:

— זייט מוחל בעל הבית. זעט וואָס דאָרט שטייט געשריבן.

אַברהם האָט אַ שוועב געטאָן כהרף־עינדיק מיטן בליק איבערן כתב, צוריקגעשאַרט.

— כ׳פאַרשטיי מיך נישט אויף דעם. כ׳זאָג אָפן. נאָר איך גלייב אייך. עסט קודם צו זעט.

דער אורח האָט דאָס געשריפטס צוריקגענומען, אַראָפּגעלאָזט עס אין יענער טיפער קעשענע, און געוואָלט זיך צוריקנעמען צו דער מלאכה — ווי אַ פאַרשטיקט געלעכטער האָט אים פלוצעם אָפּגעהאַלטן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעטראָפן זיך אויף אַנטקעגנאיבער, מיט צוויי לאַכנדיקע פּנימלעך, מיט צוויטשענדיקע אויגן.

ווי־זאַ־ווי זענען געזעסן די צוויי אייניקלעך מנשה און עליע, צוזאַמענגעדריקט מיט די קעפּ ווי צוויי צוגעטוליעטע שעפּסן, אָבסערווירט נאָכאַנאַנד דעם יידס העוויות, אייליקע באַוועגונגען, שאָקלען זיך ביים עסן, ווי ער וואָלט געדאַוונט, מיט באַוועגנדיק זיין לאַנגע בעזעמדיקע באָרד און האָבן זיך געשטיקט פון אינערלעכן געלעכטער, שטויסנדיק איינס דאָס אַנדערע, נאָר צום אַרויסשיסן.

דער פרעמדער האָט דאָס דערזען, אָנגעשטעלט אויף זיי די קוילנדיקע שוואַרצאַפּלען.

— פון וועמען לאַכט איר קינדער, פון מיר? הערטס צו, אַמאָל האָט אַ לאָבוזל מיך פאַרטשעפּעט אין בית־המדרש, געלאַכט. האָט דער שמש אים אָנגעכאַפּט ביי די אויערן, געריסן, געוואָלט אים דורסן, האָב איך נישט געלאָזט, גערופן צו אים: „ניטע! לאָזט אים אָפּ. ער פאַרשטייט דאָך נעבעך נישט וואָס ער טוט — לאַכט פון זיך אַליין"...

די יינגלעך האָבן פון געצילטן מוסר ווייניק וואָס פאַרשטאַנען און נאָך ווייניקער זיך איבערגענומען. און ווי מען וואָלט אין זיי אויפגעפּראָפּט די שטיקעניש, האָבן זיי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויך הילכיק געלעכטער.

— פאַרוואָס גייט איר אַזאַ שווערן פּאַלטן, אין אַזאַ הייסן זומערטאָג? — איז עליע דער יינגערער, דער שטיפער און עזותניק אַרויסגעפאָרן דער ערשטער.

— פאַרוואָס איך גיי אין אַזאַ שווערן מלבוש ווילסטו וויסן? — און דער משולח ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטעקט מיט דער קינדערישער פריילעכקייט, האָט באַקומען פּלוצעם אַ ווייך רואיק קול — כ'וועל דיר זאָגן. אַ פּשוטער טעם: אויב אין אַ שווערער קאַפּאָטע ווי די זון גייט נישט אַדורך איז הייס, מה־דאָך אין אַ לייכטער ווו די זון גייט גרינג אַדורך, איז דאָך, על אחת כמה וכמה, הייסער...

פון דאָזיקן משל האָבן די צוויי חברהניקעס זיך שוין גאָר צעשאָטן, האַלטנדיק זיך ביי די זייטן: כאַכאַכאַ, כאַכאַכאַ!

אויף אַברהמס געזיכט איז אויך אויפגעגאַנגען אַ באַהאַלטענער

שמייכל. אַלץ אין דעם ייד איז געווען אַזוי מאָדנע און אויסטערליש. סיי זיין עסן, סיי זיינע רייד, סיי זיין אַדורכשמועסן זיך מיט די יינגלעך. דערביי האָט ער געזען, זיין פּנים, הגם אין דער ערשט ביים אַריינקום, האָט עס אויסגעקוקט ווילדלעך, מגושמדיק־הונגעריק, איז עס איצט, ווען ער האָט זיך עטוואָס אונטערגעזעטיקט, איינגערואיקט, געוואָרן באַשיינט מיט אַן אַנדער ליכט און פון גאָרנישט קיין פּראָסטן מענטש. פון זיינע גרויסע טיפע אויגן האָט אַרויסגעבליקט קלוגשאַפט, דורכגעליטנס, דערפאַרונג. אַברהם האָט געקריגן אַן אינערלעכן דרך־ארץ פאַר אים. מורא געהאַט פאַר די קינדערס צו היימישקייט, זיי זאָלן מיט זייער לאַכן, חלילה, דעם ייד נישט פּוגע בכבוד זיין. זיי זיידעש אַנגעשריגן.

— שאַטס קינדער, שטיל זאָל זיין! — אַברהם האָט מיט לייכטן געבייזער געפּויקט מיט די פינגער איבערן טיש. געוווּנקען צו די אייניקלעך, זיי זאָלן זיך איינשטילן, אויפהערן.

— שאַט נישט, שאַט נישט, זאָלן זיי לאַכן געזונטערהייט. אַ קינדס געלעכטער דערפרייט אַפילו דעם רבונו של עולם — איז דער ייד געוואָרן פאַר זיי אַ מליץ יושר. באַקומען אַלץ מער, אַ העל ווייכע קאָליר אין זיין קול — מען דערציילט נאָך פון רבי ר׳ בינעם פון פּשיסכע, זכותו יגן עלינו, דער גרויסער חכם און צדיק: „דריי זאַכן, פלעגט ער זאָגן, קאָן מען זיך אָפּלערנען פון אַ קינד: ווען עס פאַלט הייבט עס זיך אַליין אויף; אַז ס׳וויל עפּעס — וויינט עס; און תמיד איז עס מיט עפּעס פאַרנומען, באַשעפטיקט, גייט נישט ליידיק. מען דאַרף דאָ פאַרשטיין דעם גרויסן רעיון, דעם טיפן זינען, וואָס עס שטעקט אין די רייד...

אַברהם האָט געזען מרים שאָקלט־צו פרום מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט די ערשטע פאַרשטאַנען דעם גרויסן רעיון, דעם טיפן זינען. מרים אָנגערעגט פון הייליקן צדיקס ווערטער און פון אַן אינערלעך געוועקטן ווילן מהנה זיין נאָך מער דעם ייד, האָט צוגערוקט די איבעריקע רעפּט ברויט, מיטן טעפּעלע שמאַלץ צו אים, געבעטן:

— עסט צו זאָט, עסט געזונט. דער טאָג איז נאָך גרויס. דער וועג

ווייט און לאַנג... עסט. קאַרגט נישט. הייליקע ווערטער, פון אַ הייליק מויל...

— אַ־אַ, זעטס, די בעל־הביתטע האָט גלייך פאַרשטאַנען די כוונה... עס, פון נשים צדקניות איז נישטאָ וואָס צו רעדן. פון זיי קאָן מען זיך אַ סך אָפּלערנען. אַפילו גוטע יידן האָבן זיך צו זיי צוגעהערט...

מרימען האָט עס פּשוט אונטערגעהויבן, צענומען. דעם פרעמדנס אַזוי נישט געוויינלעכע רייד, די ווערטער ווי שיין זיי קומען אַרויס פון זיין מויל און אויך די לויב פאַר איר, האָבן צעוואַרעמט דאָס יידישע געמיט, דאָס פרומע מאַמע־האַרץ. זי איז אַוועק אין קיך, עטוואָס פאַר־זוימט. צוריקגעקומען, מיטברענגענדיק אַ שליצל פלייש אויפן טעלערל, אַוועקגעשטעלט פאַרן אורח.

— עסט, דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ. איר זענט נעבעך אויסגע־הונגערט, עסט־צו ברויט, ווערט גוט זאַט.

דער ייד האָט אַ בלישטשע געטאָן מיט צעברייטערטע וויסלען אויפן חלקל פלייש. צוגעפאַלן ווי ס׳פאַלט צו אַ פּי צום טויאיקן גראָז, ווען עס דערשמעקט דעם ריח פון פרישן זאַפט. ער האָט דאָס פליטשל צעפּיצלט, צעדרויבלט, באַשאָטן מיט זאַלץ, געבעטן אַ שטיקל רעטעך, אַ טראָפּעלע כריין. גענומען אין מויל צו ברעקלעך ווי ס׳וואָלט אים שוין גאָר אַ שאָד געווען איינשלינגען אויף אַמאָל. ר׳האָט באַלעקט די פינגער. געלויבט דער באַלעבאָסטעס געקעכץ, וואָס שמעקט מיט אַלע גוטע יידישע טעמים. געווידערט אויף די גאַרקיכן, וואָס נעמען טייער, געבן ווייניק און שיטער, און וואָס: „אַז מען קומט ביזן טויער, איז מען צוריק הונגעריק ווי פויער״ דערציילט פון הונגעריקע טעג, פון אויסגעסאָכניעטע שעהן, אַז נאָכן לאַנגן פאַרחלשטן טאָג, דערכאַפּט ער זיך אַצידערט ערשט- דאָס האַרץ. די שוואַרצע בעזעמדיקע באָרד האָט מיטגערודערט, מיטגעצאַפּלט, מיט־געעדותט, ווי אויך זי וואָלט געווען צופרידן פון דער זעטיקייט און הנאה, וואָס איר האַר געניסט, מיטגעלויבט די גאַסטפריינטלעכקייט פון די באַלעבאַטים.

געענדיקט דאָס פלייש, פאַרצערט אַלץ וואָס מ׳האָט אים צוגע־שטעלט האָט ער זיך אויפגעבויגן, אויסגעגלייכט דעם רוקן אויפן שטולס

װענטל. מיט דער האַנט־פּלאַך אָפּגעגלעטיקט דאָס האַריקע געװילד אױפן געזיכט און ס'האָט זיך באַװיזן אַ שײן מאַנסבילײש קרעפּטיק פּנים, מיט חיות, מיט לעבנס־װילן און אַ פּאָר רײנע, דורכזיכטיקע לױטערע אױגן. זײ האָבן באַרואיקטע אָנגעקוקט יעדן באַזונדער און מיט אַ מער באַרוט־קײט, אױף דער באַלעבאַסטע, געװענדעט זיך צו איר, אָנװײזנדיק אױף גאָלדעלען:

— אײער טאָכטער, אמת? דער זעלבער אָנבליק.

— יאָ. דאָס איז דער מאַן — האָט זי אָנגעװיזן אױף שימענען — גיט זײ אַ ברכה.

ער האָט אַ װיג געטאָן דעם קאָפּ אין זײער זײט.

— אײביקער שלום־בית! — צו שמעונען: „אשתך כגפן פוריה, בירכתי ביתך. בניך כשתילי זיתים..." צו גאָלדעלען: „כפה פרשה לעני. וידיה שלחה לאביון... ויהללוה בשערים מעשיה. אמן!"

מרים האָט נישט פאַרשטאַנען די לשון קודשדיקע װערטער. אָבער געפילט, ער האָט געזאָגט עפּעס גוטס, ברכהדיקס. געגלוסט ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן, צו בענטשן, געבעטן:

— זאָגט זײ נאָך עפּעס, איך בעט אײך. זי דאַרף האָבן אַ גוטע ברכה...

— זאָל דאָס מקום װערן, איז שױן דאָ אין דעם אַלץ װאָס מען װיל נאָר — אָבער װי ער װאָלט דערזאַנט דער מאַמעס געבעט און דאַנקבאַר פאַר איר גוטן באַהאַנדלען, האָט ער צוגעגעבן — זי זאָל זײַן אַ געזונטע מאַמע צו אירע קינדער, ס'זאָל איר אָנקומען אַלץ גרינג...

— אָמן! — האָט מרים איצט הױך אָפּגעענטפערט, װי דאָס װאָלט זי טאַקע געמײנט, אױסציִענדיק דעם „אָמן".

דער ייִד האָט לײכט אָפּגעזיפצט, אָפּגעװאַרט אַ רגע, זיך געקערט צום בעל הבית:

— געלױבט השם יתברך, אַ ײדישע שטוב, אַ הכנסת־אורחימדיקע שטוב! כ'װעל אײך דערצײלן אַ מעשהלע, קורץ, װאָס איז זײער ענלעך. דער הײליקער צדיק ר' משה לײב סאַסאָװער, האָט דערצײלט פאַר זײנע חסידים. פונװאַנען ער האָט געלערנט אהבת ישראל: ער איז אַמאָל געקומען

אין אַ קרעטשמע, האָט ער געזען ווי צוויי דאָרפס־פּויערים זיצן ביים גלעזל בראָנפן, פירן צווישן זיך אַ שמועס, אַ חבריש־פריינטלעכן. פרעגט איינער ביים צווייטן: „יאַן, האָסט מיך ליב?“ „יאָ“, האָט דער יאַן געענטפערט, „זייער ליב“. אַז האָסט מיך ליב, טאָ זאָג מיר, וואָס מיר פעלט? פון וואַנען זאָל איך וויסן?“ — האָט יאַן געזאָגט „אַז דו ווייסט נישט, — ווי אַזוי זאָגסטו, אַז האָסט מיך ליב?“. „אָט פון דעם געשפּרעך — האָט דער הייליקער סאַסאָווער, זיין זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין, געזאָגט — קאָן מען זיך אָפּלערנען אַ סך זאַכן. קודם, אַז אהבת ישראל הייסט; איין ייד זאָל פילן און וויסן וואָס דעם צווייטן ייד פעלט און קוועלט. אַז מען ווייסט נאָר, וואָס דעם חבר קוועלט, איז שוין אַ גאַראַנטיע, מען וועט אים נישט לאָזן פאַלן. צו בעטן אים צום טיש, מאַכן אונטערלענען זיין האַרץ, אויסבעטן פאַר אים אַ געלעגער, אַרויס־העלפן אין אַ נויט און דערמיט טאַקע מקיים זיין דעם: ואהבת לרעך כמוך. דאָס הייסט, אַ בליק אַריינטאָן צו יענעם אינעווייניק. מ'זאָל טאַקע זוכה זיין! נו מים אַחרונים־וואַסער!...

מרים האָט פון דער דאָזיקער מעשה זיך ווידער שטאַרק איבער־גענומען. פרום אָפּגעזיפצט: „הייליקע ווערטער פון אַ הייליקן צדיק“. זי האָט געוואָלט די מצווה אַליין פאַרדינען, פון אַריינברענגען דאָס מים אַחרונים, אַריינגעגאַנגען אין קיך געברענגט אַ גלאָז וואַסער, מיט אַ טעצל.

דער ייד האָט אָפּגעגאָסן די שפּיצן פינגער, געמורמלט עפּעס געשווינד מיט די ליפּן. אויף שטים לשון אַ רוף געטאָן: „נו אַ מזומן“. געווונקען מיט די אויגן צום בעל־הבית, ער זאָל בענטשן

אַברהם האָט צוריק געשאָקלט: ניין, אָנגעוויזן מיט דער האַנט, ער דער גאַסט זאָל עס טאָן. דער אורח האָט זיך אַ צעוויג געטאָן, אַרויסגע־לאָזט אַ הויך קלינגענדיק ריין קול:

— הערט צו רבותי, מיר וועלן בענטשן!

געבענטשט האָט מען שנעל, מאָלנדיק די ווערטער. צומאָל האָט דער ייד אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ. אַ הויכן אויסגעשריי, אַרויפגע־שלעפּט די ברעמען צום שטערן. פאַרקוקט זיך אין דער הייך, ווי ער וואָלט

דאָרט עמעצן געזוכט, צו עמעצן גערופן, אויסגעצויגן לאַנג און שאַרף:
שאתה זן ומפרנס אותנו ת—מ—י—ד בכל יום, בכל עת ובכל שעה.

אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט ער זיך צוגעלאָזט צום ווינקל נאָך דער טאָרבע־טאַש. און אַרומנעמענדיק די שטוב נאָכאַמאָל מיטן בליק פון זיינע טיפע אויגן, האָט ער גענומען אויף איר שיטן מיט ברכות: כן ירבו, ס׳זאָל זיך מערן און מערן אַזוינע יידישע הייזער. אין אייער וווינונג זאָל רוען שלום און פרייד, עס זאָל זיין פון אַלעם גוטן און איר זאָלט האָבן צו געבן! ביי אייך אַ שטוב, וואָס דערמאָנט אין אַברהם אַבינוס הכנסת אורחימדיקייט. און ווי ס׳איז טאַקע דער נאָמען פונעם בעל־הבית אַליין, האַ ווו איז — ר׳ אַברהם?

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט, אים נישט געזען.

אַברהם, וואָס איז געהאַט פאַרשוואונדן אויף אַ סעקונדע אין צווייטן חדר, איז גלייך צוריקגעקומען, געהאַלטן עפּעס פאַרדריקט אין פויסט, באַגלייט דעם אורח ביזן טיר. ביים שוועל אים פאַרהאַלטן. צו אים עפּעס אָפּגעמורמלט. אָפּגעשטעקט אין האַנט. דער ייד האָט עס געשווינד צוגענומען, פאַרדריקט די פינגער. גענומען זיך נאָך האַרציקער געזע־גענען, געשיט אויפסניי מיט ברכות, ביז אור־אור־אייניקלעך און אַרויס.

נאָך זיין פאַרשוואונדן, האָט אין שטוב זיך אָפּגעשטעלט אַ שטילקייט ווי דעמאָלט, ווען ס׳שטילט זיך איין אַ רוישיק וואַסער־ראָד. אַברהם איז נאָך געשטאַנען ביים טיר, געקוקט אין פאַרטראַכטער פאַרלעגנהייט, גערעדט נישט צו וויסן צו וועמען — אַ קול פול מיט פלאים.

— „האָסטו... אַ ייד... מיינסט אַ גאָרנישט. אַ גייער. אַ וואַנדערער. טראָגט זיך איבער די וועגן ,זוכט ערגעץ אַ ביסן אָפּצועסן, דעם האַלדז אַנזעטיקן, און ווי דאָס איז אָנגעפּולט מיט תורה, מיט חכמה, פול ווי אַ פייג מיט קערנדלעך. ווייסט מען פון דרויסן וואָס אינעווייניק אין אַ ייד שטעקט? — —

ס׳געשיר וואָס רחל די דינסט, האָט אַראָפּגענומען פון טיש, האָט אָפּגעקלונגען מיט מעטאַלענעם געקלאַנג. דערמאָנט: מיטאָג־צייט איז גע־ענדיקט. טאָג שטייט נישט. די אַרבעט וואַרט אין דרויסן. דאָס יינגוואַרג איז

אַרויס אין הויף צו די פּעסער. שמעון מיטן ווייב זענען אַהיימגעגאַנגען אין זייער דירה אָפּרוען פון נאָך דער נסיעה. און אַברהם האָט זיך צוגעלייגט אויפן טשעשלאָן אָפּדרימלען זיין זיס רואיקן נאָכמיטיק־דרימל.

מרים, נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון די „הייליקע ווערטער" פון דעם וווּנדערלעכן אורח, איז געשטאַנען ביים פענצטער, אַרויסגעקוקט אין גאַס, ווי זי וואָלט געוואָלט נאָכפאָרשן די שליאַדעס פון יענעמס טריט: איז דאָס נישט אַמאָל געווען אליהו הנביא? ווער קען וויסן!...

קאַפּיטל אַכט

אויף אַן איינזאַמען וועג

יעדער וועג מיט זיין מזל. פאַראַן אַ וועג אויף וועלכן וועגענער ציען זיך אין באַשטענדיקן געפאַר, טרעסקען מיט פריילעכן געקלעפּער, טראָגן אַן רעש, גערודער, וועקן אויף דעם חלל, פייגל אין די נעסטן; אַ צווייטער וועג — מענטשן האָבן אים אויסגעקליבן פאַר זייער שפּאַציר, שפּאַנען אויף אים אין זייער געמיטלעכן אָפּרו, פאַרהיימישן זיך מיט אים מיט אַ היימישקייט ווי מיט דער אייגענער שטוב, שמועסן אויף אים אויס זייערע פריידן און ליידן; און פאַראַן אַזאַנער, וואָס ליגט שוין גאָר איינזאַם, פאַרשטילט זעלטן מען זעט אויף אים אַ מענטשן גיין, זעלטן אַ פור אַדורכשאַריען. דרימלט דעם גאַנצן טאָג אין זיין מתבודדיקן דרימל, כאָטש ער פירט אויך ערגעץ וווהין צו אַ ישוב, צו אַ באַוווינטן אָרט — זיין מזל אַזאַנער.

אַזאַ שטילער וועג איז געווען דער גאַרצינער וועג.

אָט דעם וועג האָבן אויסגעקליבן חיים אַלטער און ריוול פאַר זייער פאַרברענגען, פאַר זייערע אינטימע, פאַרליבטע שפּאַצירן. מ׳קען זאָגן, אַז אייגנטלעך איז דאָס געווען ריוולס אויפטו. זי האָט עס אָנגעוויזן אויפן דאָזיקן שטילן אָרט. די מעלה: נישט צופיל מענטשלעכע אויגן. אָפּגעהיטן פון מענטשנס מיילער. אַ חוץ דעם איז דאָ געווען אַ שיין ראָמאַנטיש ווינקל, די „אָרשעווער וויאַטראַקן" — אַלטע, הויך געטורעמטע ווינטמילן; גרויס־געשטאַלטיקע טאָפּאָלן; רחבותדיק צעגרינט פעלד; אַ זאַמד־קריכנדיקער שטעג צום בערגל. ס׳האָט זיך אַלץ אַזוי צונויפגעלייגט, אַז האָסט געמוזט אָפּפילן די יחידותדיקייט פון דאָזיקן אָרט, דאָס וועקן פון ראָמאַנטישן געפיל. ס׳איז געוואָרן זייער באַשטענדיקער טרעף־פונקט.

...שטילער אָוונט. ס׳נידערט פריער בין־השמשות. קומט מיט געשוועב ווי אויף שטאָרכנפליגל. ס׳קראָפּיעט מיט לייכט־טונקעלן אָוונט־שטויב. אַ דינע נעץ פאַרציט זיך איבער גאַטס באַשאַף; דער היי און האָפּן וועפּן אויס פון זיך זייער טערפקען ריח, שפּרייטן אַ מענטע־גערוך, וועקן מיט זייער שאַרפקייט די חושים; טאָפּאָלן שטייען אַצינד נאָענט איינער צום אַנדערן און בין השמשות זעען זיי אויס ווי צווילינגען, צוזאַמענגעוואַקסן אין זייערע אַקסלען. איבער זייערע קעפּ פאַרשפּינען זיך, הויבן פון דורכזיכטיקן קרעפּ. זיי אָטעמען אויס די אָנגעזאַמלטע אונטערערדישע געפּרייעטקייט פון לאַנגן הייסן טאָג, שליקן זיך אָן מיט נייעם, פרישן הימל־טוי — נאַרונג פאַר זייער ווייטערדיק לעבן. איצט גרייטן זיי זיך מאַכן נאַכט, צו זייער זיסן שלאָף.

חיים אַלטער האָט געשפּרייזט אויפן וועג, אַליין.

ס׳איז געווען די אָפּגערעדטע שעה, ווען ער דאַרף זיך טרעפן מיט ריוולען. ריוול פאַרזוימט אָבער תמיד און אים קומט אויס צו וואַרטן. בראָדזשעט ער איינזאַם אין פעלדישער שיפּוע, קלעטערט איבערן בערגל, באַגלייט פון נאַכטישן געזשום, רמשימדיקן געקוויטשער, וועלכע קומען מיטן פאַרנאַכט אַרויס פון די פאַרבאָרגענע נעסטן, הונגעריק און אומרואיקע, זוכן נאַרונג. חיים אַלטער האָרכט זיך איין צו דעם צעשאָרכעטן געברום און זיין אויער ווערט אויך וואַכיק צום געברום פון זיין אייגן הארץ.

ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר דאָס געפיל איז ביי אים באַשווערט און אומרואיק. אַזוי נישט זיכער. ס׳דאַכט אים אַלץ אויס, ס׳וועט קומען אַ מכשול, אָנפאַלן אויף אים אַן אומגליק, אים צעברעכן — און דאָס איז שייכות מיט ריוולען. ער קען זיך נישט דערקלערן וואָס־און־ווען, נאָר עפּעס וועט געשען פילט ער; קאָן זיין, זי וועט פון אים אַנטלויפן, אויסשטעלן אים צו נאַר, ווי זי האָט שוין געטאָן מיט אַנדערע. קאָן זיין זי וועט אים זאָגן אָפּן: „איך וויל דיך נישט מער!" און קאָן זיין גאָר, ס׳וועט קומען פון אַן אַנדערער זייט — פון זיין אייגענער היים.

היינט ביים טיש האָט דער טאַטע אים פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דוד מבקר פון דיר געוואָלט, וואָס ער האָט זיך צו דיר צוריק אומגעקערט.

חיים אַלטער האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, געמורמלט:

— איי, גאָרנישט, נאַרישקייטן...

— וואָס זענען דאָס די נאַרישקייטן? — האָט דער פאָטער איבער־געפרעגט שוין נייגעריקער.

— עפּעס וועגן ר׳ גדליהן.

— וועגן ר׳ גדליהן? וואָס אַזוינס למשל?

— ווייסיך, מעשיות... — און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דער פאָטער האָט אָפּגעשטאַרצט הויך אַ ברעם, געקוקט אויף אים מיט פאַרשערישן בליק. געפילט דער זון באַהאַלט עפּעס אויס, וויל פאַר אים נישט מודה זיין. צוגעשטאַנען צו אים פאָטעריש־צודרינגלעכער.

— ס׳איז אַ סוד, וואָס האָסט מיר מורא אויסצוזאָגן?

— ס׳איז נישט קיין סוד, נאָר... — און חיים אַלטער האָט זיך פאַרהיקעט. נאָך מער פאַרלוירן, געשפּירט די הויט צינדט זיך אויף אים. ער האָט נאָך עפּעס געפּלעטשעט מיט דער צונג, נישט געוווּסט ווי זיך אַרויסצודרייען, און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען נישט, וואָס ס׳איז פּונקט ווער אַריינגעקומען, אים אָפּגעראַטעוועט. חיים אַלטער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אין הויף, לייכטער אָפּגעעטעמט.

און אין אמתן, וואָס האָט ער אים געקענט דעם פאָטער ענטפערן. ער וועט דאָך אים נישט גיין דערציילן אַ מעשה. ער איז אַוועק פון עטלען און וויל חתונה האָבן מיט ריוולען. ער ווייסט פון פריער אויס ביים טאָטן וועט דאָס אַרויסרופן פאַרדראָס און אויך קעגנערשאַפט. עס וועט אים פאַרדריסן אויף דער עולה פאַרן פאַרשעמען דאָס מיידל, און אויך פאַר דעם איידעלן ייד, ר׳ גדליהן. ער וועט זיכער זיך אנטקעגנ־שטעלן, פאַרן צוזאַמענשפּאַנען אים אין מחותנימשאַפט מיט זאַמע שאַרפּ־שטיינס הויז, וואָס דער טאַטע האָט עס נישט באַזונדערס ליב, קוקט אויף

זאַמען מיט נישט קיין גינסטיקע אויגן. ער וועט עס אָפּוואַרפן, נישט צו לאָזן.

דעמאָלט וועט אים אויסקומען חיים אַלטערן פירן אַ קאַמף מיט דער שטוב און דאָס וועט פאַר אים זיין זייער שווער, ווייל ער איז נישט צוגעוווינט צו קיין צאַנקערייען מיט זיין ליבער גוטער היים.

די דאָזיקע מחשבות ווינטיקן אין אים אויף, נישט בלויז אַצינדערט בעת זיין דרייען זיך דאָ אויף דעם איינזאַמען פאַרשטילטן וועג, ווען ער איז מיט זיך אַליין, נאָר זיי קומען צו אים אויך אין די בייטאָגן, ביי דער סאַמער פאַרטאָגעגער אַרבעט. קומען מיט פלוצעמדיקייט. פליען אויף אים אָן העפטיק, ווי צערייצטע קאַמאַרעס פאַרן רעגן, שטעכן, הודזשען, מאַטערן, מאַכן פאַלן זיינע הענט.

אָבער מה־נאמר, מה נדבר, וואָס האָט ער צו רעדן, וואָס האָט ער צו זאָגן: ס׳איז אָפּגעטאָן. ער איז שוין אַזוי וויט פאַרקראָכן מיט איר, אַז ער זעט נישט קיין אַרויסגאַנג. און קאָן זיין ר׳האָט טאַקע געטאָן שלעכט, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען פון עטלען. מיט איר וואָלט אים אַ סך גרינגער געווען. איניק אין יידע היימען, שטיל און פרידלעך צווישן זיך אַליין. וואָרעם עטל איז אַ שטילע נשמה, אַ גלייך מענטש, מיט רעכטפאַרטיקן וועג. זי וואָלט מיט אים געגאַנגען האַנט ביי האַנט; אַ ווייב — אַ מאַמע. געטריי און איבערגעגעבן. געליבט פון אים, געליבט פון די עלטערן — אייגן בלוט. ער וואָלט נישט באַדאַרף איצט זאָרגן, מורא האָבן, אַרומגיין מיט אומזיכערע קלערענישן.

און נאָך: ער קען נישט לייקענען, עטלס געשטאַלט איז פון זיין האַרץ נאָך נישט אויסגעגאַנגען. גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן. אַפילו אין שלאָף זעט ער זי. רעדט מיט איר. זי קומט צו אים מיט טענות. וואַרפט אים פאַר די אומרעכט און פאַרשעמונג, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. ווייזט אים צומאָל אין כעס אָן אויפפעהויבענע האַנט, אַ דראָענדיקע: „איך וועל דיר דאָס נישט שענקען. נישט מוחל זיין. איך בין צוליב דיר פאַרשעמט, אומגליקלעך. קאָן דעם קאָפּ נישט אויפהייבן פאַר מענטשן. ניין, איך וועל דיר דאָס נישט פאַרגעבן. וועסט נישט האָבן קיין רו און קיין פאַרענטפערונג, פאַר גאָט און פאַר לייט. וועסט פאַקוטעווען!“...

ער קומט אויף דערשראָקן, צעבראָכן. גייט אַרום דעם גאַנצן טאָג אויפן הויף צעדרייט, צעדמיונט, אַ טרויעריקער. די הענט לייגן זיך אים נישט צו דער אַרבעט. „און פאַרוואָס האָב איך עס געטאָן? גענומען אויף זיך אַזאַ זינד!“ — פרעגט ער זיך.

באַזונדערס גייט אים נישט אַרויס פון זינען, יענץ דערשיטערנדיק בילד, אין לעצטן אָוונט פאַר זייער צעשיידונג. ס׳איז געווען אין שבת־צונאַכטס, אין שפּעטלעכן האַרבסט. זיי האָבן שפּאַצירט אין זייער געוויינ־לעכן שפּאַציר־גאַנג. ער, שוין אינערלעך עטוואָס אָפּגעפרעמדט, קיל צו איר, מיט איבערגעריסענע פעדעם. ריוול האָט געגעסטיקט אין זיין געמיט. ר׳האָט ווייניק מיט עטלעך גערעדט, נישט אַרויסגעברענגט קיין צערטלעכע ווערטער, נישט דערמאָנט וועגן „יענץ צוקונפטיקע שטיבל“, וואָס זיי וועלן אויפבויען. דאָס „שטילע גוטע לעבן“, וואָס זיי וועלן אָוועקשטעלן. שווער איז אים געווען דאָס פשוטע וואָרט אַרויסצוברענגען. געוווסט, ער גענאַרט זי. זאָגט איר ליגנט מיט זיינע רייד. ער וויל ריוולען.

— וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק און פאַרשוויגן — האָט זי אים געפרעגט מיט פאַרווּנדערונג, וויסנדיק ס׳איז נישט זיין טבע.

— כ׳ווייס אַליין נישט...

— האָסט עפּעס עגמת־נפש?

— עגמת נפש? יאָ... ניין... כ׳ווייס אַליין נישט.

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט, ווער דען ווייסט — האָט זי אויסגערופן און גליין צוגעגעבן — איז עס נישט אַמאָל צוליב מיר?

ס׳האָט אים אַ טרייסל געטאָן אין געביין. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. לענגערע מינוטן אים נישט אויפגעהויבן: אפשר זאָל ער איר איצט אויסזאָגן דעם אמת? איז אים אַדורכגעפלויגן אין געדאַנק. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר. זי אָנגעקוקט. געזאָגט ווי מען וואָלט דאָס וואָרט פון מויל אים, מיט צוואַנג אַרויסגעצויגן:

— און וואָס וואָלט געווען, עטל, איך זאָל מיט דיר נישט חתונה האָבן?

עטל האָט אַ שטרעק געטאָן דעם האַלדז, ווי מען וואָלט זי אַ צי

געגעבן מיט אַ שטריק. צו אים אַרויפגעבליקט, געוואָלט כאַפּן זיין מיין: ערנסט? איז עס אַ געלעכטער? איר קול — וואַקלדיק:

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, חיים אַלטער?

— ע, אַזוי.. גלאַט געזאָגט...

— ס'איז נישט גלאַט געזאָגט. ס'איז דאָ עפּעס. — איר שטים האָט אונטערגעציטערט — האָסט חרטה אויף מיר?

— ניין, נאַר... — ער האָט געוואָלט אָפּטרייבן די שרעק, וואָס האָט זיך שוין געמאָלט אויף איר פּנים, נישט געפונען די ווערטער.

עטל האָט מיט איר פּרויאישן חוש דערשפּירט, אַז אונטער זיין שטאַמלען באַהאַלט זיך אויס פּאַר איר עפּעס נישט גוטס, סכנהדיקס. און ווי אַ פּרוי, וואָס איז אין דער היגזיכט געוואַלדיק עמפּינדלעך, פּילט גלייך אָפּ די ענדערונג אין מאַנס געפילן, האָט זי שוין גענומען רעאַגירן: געוואָרן אויפגערודערט, נקבהש־צעהעשעט. זי האָט מיט טענה אין קול זיך געקלאָגט, אַז שוין אַ סך טעג, ווי זי זעט, ער איז נישט דער אייגענער, נישט דער זעלבער חיים אַלטער. רעדט ווייניק, לאַכט ווייניק, לאָזט זי איבער מערער מאָל אין די אָוונטן אין דער היים, קומט נישט, און קומט ער יאָ, איז ער פאַרשטילט, צעטראָגן, לאָזט נישט הערן זיין שטים, זיין הויך הירזשנדיקן געלעכטער, וואָס אין דער ערשטער צייט האָט עס איר אמת געראַזשעט, געאַרט, אָבער זי האָט זיך צוגעוווינט און וויל עס הערן. און אויך: זי באַדויערט וואָס זי האָט ביים אָנטרעפן זיך מיט אים, גלייך באַקענט, איינגעגאַנגען מיט אים. עס וואָלט איר אַצינד פיל בעסער געווען, ווען זי איז נאָך אַלייך, ריין, וואַרט אויף איר באַשערטן און זי וואָלט שוין זיכער געווען פאַרלאָבט, און אפשר גאָר פאַרהייראַט.

— ניין, ס'איז נישט דאָס וואָס אַמאָל חיים אַלטער, ווערסט מיר נישט איינרעדן — האָט זי גערופן צערייצט מיט פּראָטעסט — זאָלסט מיר שוין אַלץ אויסזאָגן, דערציילן.

ער האָט איר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. דערציילן איר דעם אמת, האָט ער נישט געהאַט קיין מוט, געוווסט, ס'וועט ביי איר אַרויסרופן

ווייטיק, געשריי. זאָגן איר ליגנס, האָט ער אויך נישט געקענט. ס׳איז אים ענג געווען די וועלט.

עטלען האָט מען נישט געדאַרפט שטעקן אַ פינגער אין מויל. זי האָט אין זיין פיינלעך שווייגן, אין זיין צעבראָכן אויסזען, געזען אַלץ אָפנבאַר, די גאַנצע וואָר און האָט איבערן גאַנצן וועג זיך שוין מער נישט איינגערואיקט, געביטערט, געבונטעוועט, געדראָט, געפאָדערט.

— זאָג, וואָס איז געשען? איך וויל וויסן, האָט זיך וווער דאָ אַריינגעמישט, רעדט דיך וווער אַן אַנדערע אָפּ פון מיר? שווייג נישט, זאָג, האָב דעם מוט מודה צו זיין.

חיים אַלטער האָט זיך געוואַקלט. וואָס מער זי האָט אים געטריבן צום דערציילן, אַלץ מער האָט ער מורא געקריגן. פאַרלוירן די מענערישע זיכערקייט. איר יאושדיק געשריי האָט אים אָפּהענטיק געמאַכט, צעטומלט, געמאַכט ציטערן די געלענקען. דערביי האָט זי אויך אין אים געוועקט דעם רחמנות צו איר. ער האָט זי אָנגענומען ביים האַנט, געזוכט זי באַרואיקן, איינעמען.

— גאָרנישט, גאָרנישט. זיי נישט צעטראָגן, וואָס האָסטו דיר גענומען עפּעס אין קאָפּ אַריין אַ מעשה...

געטריבן פון יענעם פּרויאישן חשד, האָט עס זי נישט אָפּגעלאָזט, געברענט אַ פייער, איר אונטערגעזאָגט דעם אמת אַ סך וואָרער ווי זיינע רייד. זי האָט זיך נישט געלאָזט איינרואיקן, זיך אין אים אָנגעקלאַמערט

— געדענק, וועט עפּעס געשען אַן ענדערונג, וועט עס מיך אומגליק־לעך מאַכן. אומגליקלעך אויף אייביק. דו ביסט דער ערשטער אין מיין לעבן. אין דער היים איז עס שוין אַ באַשטימטע זאַך. אויך ביי מענטשן. איך וועל די בושה נישט קאָנען איבערטראָגן, זאָג דעם אמת, וואָס איז געשען, לאָמיך הערן!

חיים אַלטער שוידערט נאָך איצט אויף פון דער דעמאָלטיקער פאַרצווייפלטער מינוט, וואָס האָט אים אַרומגענומען. ער איז געווען פאַרלוירן פון אַלע וועלטן. אַרומגעפּאַנצערט מיט צער. ס׳איז אים שלעכט געווען אַזוי און ביטער אַנדערש. געוווסט ער גייט פון איר אַוועק. היינט, מאָרגן און אפשר איז איצט שוין דאָס לעצטע מאָל ווי זיי זעען זיך. אין

האַרץ האָט ווי געטאָן פאַר דעם ליבלעכן און אַזוי אומזיסט פאַרשעמטן מיידל, אָבער נישט געקענט זיך העלפן. ער האָט באַשלאָסן אין דער מינוט, זי מער נישט גענאַרן.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, דיך נישט אָפּנאַרן, כ׳האָב ליב געקריגן אַ צווייטע — דאָס וואָרט פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגע־גליטשט, כמעט אומדערוואַרטעט פאַר אים אַליין. איבעראַשט, געוואָלט צוריקכאַפּן, נישט באַוויזן.

— וואָאָס?! — האָט אַ שרעקלעך אויסגעצויגענער היסטערישער קוויטש, ווי אַ בלוטיק געשריי פון אַ דערשלאָגענע זי, פאַרגלושעט די לופט. ער איז ווי טויב און בלינד געוואָרן. נאָך געציילטע מינוטן, ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער עטלען מער נישט געזען, געווען מיט זיך אַליין.

— אַ שווערע נאַכט האָט ער דעמאָלט איבערגעלעבט —

דאָס דעמער־געוועב ווערט אַלץ געדיכטער. די בריאה — פאַרשפּונענער, היים אַלטער דרייט זיך איבערן וועג, וואַרט אויף ריוולען. פון אומגעדולד און פון די אויפגעוועקטע געדאַנקען פילט ער זיך אומהיימלעך, עלנט. דער דאַזיקער בחור, וואָס אַן אַנדערשמאָל קען ער זיך בערעוען מיט אַן אָקס, כאַפּן אים פאַר די הערנער, שלעפּן, דריגעט אַצינד אָפּ פאַר אַ מינדעסטן שאָרך פון אַדורכלויפנדיק באַשעפענישל, פאַר אַ ליאַדע גערוידער פון אַ חיהלע. דאָס טוט די אומזיכערקייט, דער אינערלעכער צער אים אַזוי צעטיאָקען, שוואַך מאַכן.

דאָס בעסטע מיטל אין אַזאַ מינוט, איז ריוול זאָל זיך באַווייזן. מיט איר דערשיינען טוען זיך אָפּ אַלע טראַכטענישן, בייזע נודיענישן, זיי ווערן צעפלאָשעט ווי אַ סטייע פייגל אַנגעשראָקן פון אַ צעהודזשעטע בייטש. ער לויפט איר אַנטקעגן, פאַלט צו איר צו, גיט זיך איבער אין אירע הענט. ס׳ווערט אים לייכטער. אָבער ווי אויף להכעיס פאַרשפּעטיקט זי זיך. לאָזט אים אַליין.

און ווי לאַנג וועט ער נאָך אַזוי דרייען זיך מיט זיינע עסנדיקע מחשבות?

גאַרבער־גאַס

און מיט אַמאָל — באַץ!

אויף חיים אַלטערס רוקן איז אַרויפגעפלויגן עפּעס אַ לעבעדיקע זאַך, זיך איינגעקלאַמערט אין ווייכן געקנויל, פאַרכאַפּט זיין פּנים, גע־קלעמט זיינע אויגן. חיים אַלטער האָט אין די ווייכע וואַרעמע פינגער דער־פילט ס'איז ריוול.

— ווער איז?

— מעעע!

— ווער איז, פרעג איך.

— בעעע!

דאָס קול אויף זיין רוקן האָט געמעקעט, געבעקעט, נאָכגעמאַכט קולות פון פאַרשידענעם בעל־חי: קעץ, הינט, שאָף, געדריקט די אויגנ־דעקלעך מיט קרעפטיקע פינגער־שפּיצן. חיים אַלטער האָט געשפּירט אַן אָנווייאונג פון וואַרעם גלעטנדיקן אָטעם אויף זיין נאַקן. גערן געלאָזט וויגן זיין קאָפּ אין די ווייך מיידלשע דלאָניעס, נאָכגעקומען דאָס קינדע־רישע שפּיל, פון בלינדע פרעגענישן און ענטפערנישן — די נאַריש־ליבלעכע פאַרוויילונג.

ענדלעך האָבן די געהיימע הענט אָפּגעלאָזט זיין קאָפּ, זיך אַראָפּגע־גליטשט פון זיין רוקן, שטיפערישע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין זיין פּנים, געלאַכט.

— האָסט זיך דערשראָקן?

— יאָ.

ריוול איז געשטאַנען פאַר אים אין איר גאַנץ פרילינגדיקן צעבלי. אָנגעטאָן אין אַ לופטיק געבלימטער „כלאַפּקע“. קורצע געבופטע אַרבל, אויפגעבלאָזן ווי האַרמאָניקעס, געציקלטע זוים ביים אויסשניט אַרומען האַרץ. דאָס קלייד, נעט געפּאַסט, איז געלעגן אויף איר גוף ווי אויסגע־גאָסן — אונטן פעכערדיק און וואָס מער צו דער טאַליע ענגער איינגע־נומען, געמאַכט אַרויסבולטן אירע רונדיקייטן, אַרויסהייבן איר שלאַנקן קערפּער. אין דעם זומערדיקן לבוש האָט זי אויפגעשפּראָצט עפּעס העכער, יאָדערדיקער און רייפער. ס'האָט געאָטעמט פון איר מיט מיידלשער קראַפט, מיט מיידלשער זאַנפקייט, מיט יינג צאַפּלדיק לעבן! געלאָזט

ווייען פון זיך אַ שאַרף־געווירציקן ריח פון קאַנוואַליע. אין דורכזיכטיקער שיין פון דער ערשט אויפגעגאַנגענער לבנה האָט דאָס ברוין פון אירע שוואַרצאַפּלען געפינקלט מיט שפּרודלדיקן גלאַנץ, געוווּנקען מיט גוטע צוזאָגענישן.

חיים אַלטער איז פון איר באַווייזן זיך, באותו רגע פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַ וואַרעמען שטראָם.

— ריוועלע, ריוולשי, פאַרוואָס אַזוי לאַנג. פאַרוואָס אַזוי לאַנג געלאָזט מיך וואַרטן.

— גאָרנישט לאַנג. ס׳דאַכט זיך דיר.

— פאַרוואָס זאָגסטו, ס׳דאַכט מיר, ס׳איז דאָך יאָ לאַנג. איך דריי מיך דאָ שוין אַ צייט אַזוי אַליין...

— אַ בחור מוז וואַרטן, אַז נישט האָט עס נישט קיין טעם...

— פאַרוואָס האָט עס נישט קיין טעם. ס׳האָט יאָ אַ טעם. איך וועל מער נישט וואַרטן — האָט ער זיך געקלאָגט, געברוגזט ווי אַ יינגל.

— שווייג, בעטשע נישט, קום.

זי האָט אים אַ שלעפּ געטאָן ביים אָרעם, גענומען מיט אים שפּאַנען.

חיים אַלטער איז שוין געווען אַן אַנדערער, צו איר צוגעפּאַלן. איר נאָכגעגאַנגען ווי ס׳גייט נאָך אַ קינד דער מוטער. זי האָט געקענט מיט אים אַלץ טאָן. געווען אין אירע הענט. און זי האָט געטאָן וואָס איז געווען נויטיק — אים איינגענומען. דער בערישער יינג, וואָס האָט געקוקט ערשט אויף דער וועלט מיט פאַרלוירענע אויגן ווי אַ צעמעקעטע שאָף, האָט צוריק געקריגן די זיכערקייט. דערפילט ווידער דאָס שטאַנד־האַפטיקע, דעם באָדן אונטער די פיס. זי איז פאַר אים געווען דער פעסטער בוים צו וועלכן מ׳פאַלט צו אין אַ שטורעם זיך אָנהאַלטן.

— ריוולשי ווי איך האָב נאָך דיר געבענקט, טייער קינד — האָט ער געפּלעטשעט ווי מיט וידוי זיך אַלץ מער אין איר אָנגעהאַלטן

— היינט מער פון אַן אַנדערש מאָל ?

— יאָ.

— וואָס עפּעס ?

— כ׳ווייס אַליין נישט...

גאַרבער־גאַס

— דאָך פאַרוואָס?

— אַזוי...

ריוול האָט געהערט אין זיין קול אַ דינעם שאָטן פון געפּאַלנקייט. אויפגעהויבן צו אים די אויגן.

— ס'האָט עפּעס פּאַסירט חיים אַלטער?

— פאַרוואָס פרעגסטו?

— איך הער אין דיין שטים אַן עכאָ, וואָס זאָגט מיר עפּעס אויס... זאָג, וואָס איז געשען? דערצייל.

חיים אַלטער אין זיין אָפענעם כאַראַקטער איז נישט געווען פון די, וואָס האָבן כוח צו טראָגן אין זיך פאַרבאָרגענע זאַכן. יעדער קלענסטער אָנלאָדונג האָט געשווערט אויף אים ווי פעלדזנשטיין, צוגענומען די רו. געמוזט זיך אָפּלאָדענען. ריוול האָט געוווּסט, ווי אַזוי עס צו טאָן. אַרויסקריגן פון אים: מיט ווייכקייט, מיט צוטרוי און אויטאָריטעט. און כאָטש חיים אַלטער איז נישט געווען איצט אין געמיט צו רעדן דערפון, אויפמישן דאָס געמויזעכץ, כדי נישט שטערן זייער פאַרברענגען, האָט ער אָבער נישט געקענטביישטיין ריוולס פאַרלאַנג און אויך זיין אייגן אינערלעכער באַדאַרף, זיך אַראָפּלערן פון האַרצן און האָט פאַר איר גענומען אָפּדערציילן די מעשה, פון דוד ראָזנקראַנצס קומען צו אים היינט אויפן הויף און פון טאַטנס פרעגן ביים טיש.

ריוול האָט געהאָרכט, געשוויגן, געלאָזט אים אַלץ אָפּרעדן. דערנאָך שטיל, באַזאָרגט געפרעגט:

— דיין טאַטע ווייסט נאָך גאָרנישט פון אונדז?

— ניין.

— דו ווילסט אים נישט זאָגן?

— ניין.

— פאַרוואָס, ס'איז דיר שווער דאָס פאַר אים פאַרצוברענגען?

— יאָ.

ריוולען האָט זיין פשוטער אָפענער „יאָ" אַ ברי געטאָן. ס'האָט אין איר אויפגעברענט דער פאַרדראָס ביז אין טיפעניש: וואָס איז זי אַ מיידלטשינע פון אונטערגעסל, מען זאָל זיך מיט איר גאָר שעמען, אויסבאַ־

האַלטן? און ווּ איז זיין בחורישער מוט, זיין מענערישקייט? זי האָט אים אַ ביס געגעבן:

— איך זע, דו שרעקסט זיך. און אפשר ביסטו מיט דיר נאָך נישט פּאַרטיק. יענע שטייט דיר נאָך אַלץ פאַר די אויגן?

חיים אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, דערפילט דעם שטאָך, געוואָרן באַליידיקט, געשוויגן.

ריוול האָט פאַרהאַלטן זייער גאַנג. אויפגעהויבן זיך אויף די שפּיץ פינגער, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגרייכן צו זיין הייך.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

— איך וויל נישט, זאָלסט אַזוי רעדן.

— ווי דען זאָל איך רעדן, אַז דו מאַכסט פון דעם אַ סוד, אַ געהיי־מעניש פאַר דער היים.

— איך מוז נאָך.

— פאַרוואָס מוזסטו?

— וועסט שפּעטער זען, איך האָב געהאַט רעכט.

— אָבער דערווייל שטייט עטל אין „קאָן". אין שטוב פאַררעכנט פאַר דער כלה, אמת?

— זאָל דיך נישט אַרן. איך האָב דיך ליב, מיט דיר וועל איך חתונה האָבן. נישט מיט קיין אַנדערער.

— מיט וואָס בין איך זיכער?

— אַזוי ווי כ'שטיי אונטערן פרייען הימל! — און חיים אַלטער האָט אויפגעהויבן די הענט צו דער הייך מיט דער פייערלעכקייט ווי צו אַ הייליקער שבועה.

זי איז נאָך אַ רגע שווייגן, ווייכער געוואָרן, געזאָגט:

— איך גלייב דיר, אָבער ס'פאַרדריסט דאָך. נו גוט, לאָמיר אַצינד אין דעם פאַרגעסן, מסתם האָסטו דיין מאָטיוו. און דו הער אויף זיין כמורנע. כ'האָב נישט ליב קיין בחורים מיט לאַנגע נעז...

פאַר חיים אַלטערן איז עס געווען אַ געבאָט. אין זיין קוויל האָט ער נאָר באַדאַרף, ס'זאָל ווער קומען אים אַ טרייסל טאָן, ווי ס'טוט אַמאָל אַ ווינט אַ טרייסל דאָס בוים־געפלעכט, צעפלאָשעט ס'געבלעטער, יאָגט אָפּ

דעם שטויב. ריוול איז געווען דאָס גוטע ווינטל, וואָס האָט געקענט מאַכן אָפּבלאָזן פון אים זיין שטויב, דעם עגמת נפש, דאָס טריבע געמיט.

— ריוולשי, זעסטו, אַזוי ווי דו ביסט נאָר געקומען, איז מיר שוין געוואָרן לייכטער. איך פריי מיך אַזוי — האָט ער זיך אויפסניי אין איר איינגעטוליעט און מיט אַ נאָך אַ גרעסערער ליבשאַפט.

— איך מאַך דיר תמיד לייכטער, ריכטיק?

— יאָ.

— זעסט, ס'איז גוט, אַז מ'האָט אַ פריינדין, וואָס פאַרשטייט — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ רואיקן און תכליתדיקן טאָן, וואָס האָט געהאַט אויך אין זיך פאַרבאָרגענעם מיין — איך פאַרשטיי דיך גוט. איך ווייס אין לעבן גייט נישט גלייך, מ'טרעפט אָן שטרויכלונגען, מען מוז קעמפן. איך וויל אָבער דו זאָלסט אויך וויסן — און אירע ווערטער האָבן גענומען קלינגען נאָך דורכדרינגלעכער, סוגעסטיווער — אַ בחור, אַז ער האָט ליב אַ מיידל, מוז ער זיין שטאַרק, האָבן אַ פעסטן כאַראַקטער, קאָנען גובר זיין מניעותן, שטערונגען, זיין גרייט אויף אַלעם — ביז אָפּפערן זיך; קאָן זיין, ס'וועט דיר אויסקומען אַדורכגיין נאָך נסיונות, אומפאָרויסגעזעענע שוועריקייטן און וועסט זיי אויך מוזן, קעגן דיין אייגענעם ווילן, איבערטראָגן, אויסהאַלטן, גובר זיין. ווייל האָסט מיך ליב... האָסט מיך פאַרשטאַנען?

— זיכער פאַרשטאַנען, הערסט אַ מעשה... אַז מ'האָט ליב, מוז מען זיין שטאַרק, אַלץ קאָנען איבערטראָגן, וואָסי, כ'ווייס נישט, כ'בין אַ יינגל?

חיים אַלטער האָט דאָס געזאָגט שוין אַ ביסל אין זיין איבערגעאיילטקייט. אָנגעטרונקען מיט דעם וואַרעם־שיכורלעכן אַראָמאַט, וואָס ריוול ברענגט מיט זיך מיט, באַגוועלטיקט אים, האַלט אים מיט רייץ געפאַנגען. ער האָט אַפילו נישט געפּרוווט אַריינדרינגען אין אירע ווערטער, וואָס האָבן דאָס מאָל אין זיך געטראָגן אַ בולטע כוונה, אַ רמז אויף עפּעס, און פאַר אים נישט לטובהדיק. חיים אַלטער האָט דאָס נישט דערהערט: ווייסיך, נסיונות ־ שמיסיונעס, נאַרישקייטן, וואָס האָט

ער וועגן דעם צו טראַכטן. ער איז מיט זיין ריוולען און וועט אַלץ קאָנען איבערטראָגן.

— ריוולשי — האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט — פון דיר וועל איך קיין מאָל ניט אַוועקגיין. דיך האָב איך ליב ווי מיין לעבן, מיט דיר — לעבן, אָדער שטאַרבן.

— דאָס איז גוט. דאָס מיין איך!

זי האָט געלאָזט רייפן זיינע שטאַרקע אָרעמס אַרום אירע אַקסלען. ז'ערפילט זיין מענערישע קראַפט, דערפילט ווי תמיד, זי געפינט זיך אין אַ פּרעס. ס'טוט וויי, און מיט הנאה. ס'האָט איר אויך צוגעגעבן איצט די זיכערקייט, אַז די בקשה מיט וועלכער זי איז היינט געקומען, טראָגט זי נאָך אין זיך פאַרבאָרגן און וויל אַזוי מצליח זיין — וועט דערפילט ווערן. איר רצון — געענטפערט. וועט אַהיימגיין מיט אַ הבטחה מיט אַ גוטער פאַרזיכערונג.

— דאָס וואָס האָסט מיר איצט געזאָגט, איז גוט, דאָס וויל איך טאַקע — האָט זי איבערגעחזרט ווי אַ דערמאָנונג, פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף זיין האַרץ, פאַרטויכנדיק זיך אין אים ווי אין אַ וואַסער.

אַרומגענומען אין אינטימער פאַרליבטקייט, פאַרפלאָכטן די אָרעמס אין פעסטן געפלעכט ווי צוויי אין ליבע־צייט, פאַרפלאָכטענע שלאַנגען, זענען זיי געגאַנגען וועג־אַראָפּ. אַרום — טיפער שווייגן. הימל — גראַנאַטענער ים. וואָלקנדלעך — ווייסע וועלן. אַ שווימענדיק ליכטיק שיפל גליטשט זיך אויף זיי, די וועלן, אין שפּילנדיקן געאייל, ווערט פאַרשוווּנדן, קומט אַרויס, ווערט צוריק נעלם, טויכט ווידער אויף, אײלט אין ווייטערדיקן גאַנג. געהילט אין ווייכע טונקלניש, ליגט די ערד, אַ שטילע, אין איר אויפגעגאַנגענקייט, געדייעט אין איר טראַכט, דעם זוימען. וואָרעמט, צייטיקט אויס די פּרוכט. ביימער פאַרטיפט אין לחשדיקן שווייגן שטרעקן די קעפּ צום הימל. אַפילו דאָס קלענסטע בעל־חי האַלט איבער עפּעס אין דעם אָטעם. אַלץ אַרום איז אַזוי — אייביק, אַזוי — שטענדיק־קיומדיק, אַזוי — אומפאַרגענגלעך. דער מענטש נאָר, איז דער אָרעמסטער און אומבאַהאָלפנסטער פון אַלץ און אַלעם.

גאַרבער־גאַס

די צוויי מענטשן האָבן דאָס אַלץ נישט געזען. זייער גאַנג — בלינדלעך ווי הינערישע אויגן ביינאַכט. לעבן נאָר מיט דער שפּירונג מיט דער אייביקער, אוראַלט־בראשיתדיקער שפּירונג, וואָס רופט זיך איבער פון מין צו מין, פון זכרישן צום נקבהשן און צוריק: פון אַ ווערעמל ביזן מענטש. און מיט אַ קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן פייער, חיים אַלטערס האָרעפּאַשנע הענט האַלטן געטריי אַרומגענומען ריוולס קאָפּ, דריקט אים צו זיך ווי אַ זעלטענעם אוצר, וועלכן מ׳האָט מורא אָפּצולאָזן, אויף אַ רגע, ער זאָל נישט פאַרשווינדן. צומאָל נאָר בייגט ער זיך איין צו דעם קאָפּ, באַשנאַפּט אים מיט די נאָזלעכער, סמאַטשקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געטרונקען שטאַרקן וויין.

„או־אָו־הו!״... — ברומט ער ווי אַ צעוואָרעמט זכריש־געווילד: או־אָו־הו ווי גוט איז אים ווי תענוגדיק! ריוול איז זיין לעבן זיין פרייד, נישטאָ נאָך אַזוינס! אַך, ווי קען ער זי גאָר פאַרגלייכן מיט דער עטל. ביי יענער האָט ער קיינמאָל אַזאַ שפּירונג נישט געהאַט. נישט געוווּסט פון אַזאַ פאַרגעניגן. אַפילו אויף אַזאַ פאַרבאָרגענעם וועג מיט איר נישט געגאַנגען. זייער שפּאַציר איז געווען אויפן פרייען שאָסיי, וואָס ליגט אָן אָפּענער פאַר אַלעמענס אויגן. מענטשן גייען אַהין און צוריק. נאָר דאָרט, האָט זי געוואָלט גיין, נישט אינערגעץ אַנדערש. און האָט ער זי אַמאָל פאַרשלעפּט אַ ביסל אין זייט, אויף אַן אָפּגעווייטערטער סטעזשקע, זי נענטער צו זיך צוגעבערענגט, האָט זי זיך געווערט, געוואָרן אומרואיק. אַראָפּגענומען זיין פאַרלייגטער האַנט פון איר אַקסל, געזאָגט: „חיים אַלטער, מען דאַרף נישט, ס׳איז נישט שיין!״ אים האָט עס פאַרדראָסן: פאַרוואָס איז נישט שיין. אייביק וועט מען זיין ווי צוויי פרעמדע? האָט ער איר פאַרגעהאַלטן. „ביין, נישט אייביק — האָט זי מיט פאַרלוירענעם שמייכל געזוכט אים איינגעמען — שפּעטער נאָך דער חתונה, אין אונדזער שטיבל, וועט זיין אַנדערש. וועסט זען, מיר וועלן זיך פרייען. שטאַרק פרייען. היינט נאָך נישט״...

אויף „שפּעטער״ האָט זי אים אָפּגעלייגט, איינגעוויגט אים מיט זיסע הבטחות, מיט „ליבלעכן שטיבל״, מיט דער געמיטלעכער היים, וואָס זי

וועט שאַפן, מיט דער גוטער באַלעבאַטישקייט. שפּעטער.. „אַזאַ באַבע!״ ער האָט געוואָלט שוין געניסן, פילן דעם טעם פון ליבע, פון לעבן!...

ריוול איז אַן אַנדערע — אַ קרוג פולער ווייַן, צו וועלכן דאָס מויל רייסט זיך צום טרונק, זוכט זיך קוויקן.

— ריוועלע, שעפּסעלע, גיב אַהער די מאָרדעטשקע, אינגאַנצן, אַזוי! נאָך מער! — פון זיין קעל האָט זיך געריסן ווילדער געבריל פון אַ צערייצטן זכר.

ריוול איז געלעגן אין זיינע אָרעמס אין אָנמאַכט, געלעגן, ווי אַ פאַרשמאַכט קינד, וואָס האָט פאַרלוירן די כוחות צום גיין, מוז געטראָגן ווערן דורך אַן אַנדערן. זי האָט געפילט ווי חיים אַלטערס הייסע פליישיקע ליפּן קלעפּן זיך אויף אירע באַקן, מויל, אויגן, שטערן, זויגן זיך איין אין איר הויט. זי האָט מיט הכנעה געלאָזט. אַצינד איז זי געווען די געפאַנגענע, די געבונדענע, די אונטערטעניקע.

ריוול איז געווען פון נאָך עפּעס אַנדערש געפאַנגען: פון אַט דער שליחות, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען, געוואָלט דערפאָלגרייך אַדורכפירן און דערפאַר אים אין זיינע גלוסטן אַ ביסל מער נאָכגעגעבן. אַ פּאָר מאָל האָט זי געדענקט, זי דאַרף זיך אויפוועקן, דערמאָנען אים וועגן דער זאַך. אָבער אַ געהיים געפיל האָט איר אָפּגעהאַלטן, אונטערגעזאָגט: טו נאָך נישט, וואַרט אָפּ אויף אַ בעסערער מינוט, אַ צוואַרעמטער רגע — אין ריכטיקער שעת־הכושר.

איצט אין זיין פאַרכליניעטער שיכרות, אין זיין שכחה, האָט דער אינערלעכער רגש איר אונטערגעטריבן: יאָ, ס'איז די צייט, הייב אָן! זי האָט לאַנגזאַם אָפּגעבויגן דעם קאָפּ, געשאַפן אַ קליינעם חלל. אַ סעקונדע אים שווייגנדיק אָנגעקוקט, געזאָגט שטיל, קוים צו הערן.

— חיים אַלטער, איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן.

— הממ...

— כ'וויל דו זאָלסט זיך איינהערן.

— הממ...

— זאָגסט מיר צו?

— האַ?

ריוול האָט זיך באַפרייט פון זיינע הענט, פאַראַכטן די צעוואָרפענע האָר, גליך געמאַכט אויף זיך די בופן פון די אַרבל, געבליבן שטיין פּנים אל פּנים, פאַרוואָרפן אויף אים איר דורכדרינגלעכן בליק. גערעדט רואיק, ערנסט:

— איך וויל דיך עפּעס פרעגן, זאָלסט מיר זאָגן קלאָר — זי האָט געהעכערט איר שטים — איך וויל דיך פרעגן וועגן סינדיקאַט.

חיים אַלטער, נאָך נישט אינגאַנצן צו זיך געקומען, האָט נישט ריכטיק דערהערט, אויסגעבויגן דעם קאָפּ, איבערגעפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט, האַ, וואָס?

— וועגן סינדיקאַט. איך וויל דו זאָלסט מיר זאָגן, ווי עס האַלט מיטן סינדיקאַט.

— וואָס עפּעס וואָס — האָט ער זיך געטומלט, זי אָנגעקוקט ווי זי וואָלט אַראָפּ פון זינען — וואָס עפּעס אינמיטן דרינען אַ סינדיקאַט?

— זיי רואיק, הער מיך אויס, איך וויל נישט קיין אויסטערלישס, כ׳וויל נאָך, זאָלסט מיר זאָגן, צי עץ שטייט צו, צו אים.

— וואָס איז דיר דאָס נויטיק צו וויסן און דווקא אַצינד?

— כ׳דאַרף וויסן.

— ניין, מיר שטייען נישט צו.

— פאַרוואָס נישט?

— ווייל מיר ווילן נישט דעם שותפות. און איך וויל נישט דערוועגן יעצט רעדן.

— איך וויל יאָ. און איך וויל אויך צ׳זאָלט צושטיין צו דער זאַך — איר קול איז געוועזן שטרענגלעך, אויפפאָדערנדיק.

חיים אַלטער האָט נישט געוווסט, וואָס דאָ געשעט. און ווי ס׳טרעפט אַמאָל, אַ קאַלטער שלאַקס־רעגן לאָזט זיך אַראָפּ אין מיטן העלן זומער־טאָג, פאַרכאַפּט דעם מענטש אומדערוואַרטעט, צעכליאַפּעט אויף אים דאָס לייב, איז ער געבליבן שטיין מבולבל, צעחושט, געפינטלט מיט די אויגן: וואָס פאַר אָנשיקעניש מיט אַ סינדיקאַט אויף זיין קאָפּ! און פאַרוואָס גראָד אַצינד אויפן וועג, ווען ער איז אַרויסגעקומען פאַרברענגען.

ער האָט דאָס געגנוג אַ גאַנצן טאָג אינדערהיים, דאָס צעזשומעטע גערודער. וויל אַ ביסל אָפּרוען — נאַ דיר אַ נייע פּלאָג!

און כאָטש ס׳איז פאַר אים געווען נאָך אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך די סיבה פון איר פאַרלאַנג, האָט ער אָבער פון אירע רייד, פון איר דעצידירט צושטיין צו אים, שוין דערשפּירט, עס רוקט זיך אָן אויף אים אַ נישט אָנגענעמע לאַגע. ער ווערט געשטעלט פאַר אַ נסיון (אפשר טאַקע פון יענע נסיונות וועגן וועלכע זי האָט פריער גערעדט?) — אַ נסיון, וואָס וועט אים לעסטיק מאַכן דאָס לעבן, פאַרביטערן די טעג.

זיין פריער, פון פרייד, גערויטיקט פּנים האָט זיך געלאָשן, געקריגן אַן אַנדערע מראה. עפּעס טריבס, טונקלס איז איצט אויף דעם פּנים אויפגעגאַנגען, ווי דעמאָלט ווען אַ האַרט פאַרעקשנטע פּעל וויל זיך נישט אונטערגעבן זיין שאָבמעסער, און ער מוז עס רייסן מיט געוואַלד.

— איך ווייס נישט אין וואָס דיר גייט, און פאַרוואָס האָסט אויסגעקליבן גראָד די איצטיקע שעה, כ׳בין אַרויסגעקומען נאָכן טאָגיקן האַרמידער, אַ ביסל פאַרברענגען, קומסטו און מאַנשעסט אויף אַ פּאַרדומפּיק פּאָס, וואָס גיט פון זיך אַ שלעכטן ריח — ער האָט גערעדט מיט ביטערניש, אָפּגעשווענקט פון דער גאַנצער פריערדיקער צעהאָפּערטקייט.

— ס׳איז אויסגעקומען צו רעדן איצט, רעד איך איצט, און פאַר מיר איז עס נישט קיין פאַרדומפּן פּאָס. פאַר מיר איז עס אַן ערנסטע, וויכטיקע זאַך.

— אין וואָס גייט עס דיר, זאָג.

— ס׳גייט מיר אין דעם... איך וועל דיר שוין זאָגן אַן אַנדערש מאָל. איצט וויל איך דו זאָלסט מיר צוזאָגן, דו וועסט מיטגיין.

— איך קאָן דיר דאָס נישט צוזאָגן. ס׳איז נישט אין מיין מאַכט. ס׳איז די שטוב, דער טאַטע, דער שוואָגער, זיי ווילן נישט. קיינער פון אונדז וויל נישט, איך אַליין, אַן אמת, וויל אויך נישט.

— אָבער אַז איך וויל, דאַרפסט אויך וועלן. דאַרפסט מיר דאָס צוליב טאָן, אויב דו האָסט מיך ליב.

— רעדסט ווי אַ קינד. דאָס זענען זאַכן פון אַרבעט, פון פּרנסה, פון געשעפט, וואָס האָט דאָס מיט „צוליב טאָן".

— ס'האָט יאָ! — און ריוולס גוף האָט זיך אויסגעשפּאַנט אין איר גאַנצער הייך, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגרייכן צו אים, אַרויסווייזן דערמיט, איר באַשלאָסנקייט. גערופן מיט תּקיפות — איך וויל דער סינדיקאַט זאָל צושטאַנד קומען, הערסט — און שוין!

חיים אַלטערס אויגן האָבן געבלאַנדזשעט, געקוקט אויף איר שטוינענדיק, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. אין וואָס איז איר אַזוי געלעגן דאָס שותּפות זאָל געשאַפן ווערן. איז עס איר היים? שטייט ווער אַן אַנדערער אונטער איר רוקן?

— ווער וויל דאָס, דו, אָדער דיין טאַטעשי? — האָט ער געפּרוווט געוואָר ווערן.

— אויך דער טאַטעשי.

— אויב דיין טאַטעשי וויל צושטיין צום סינדיקאַט, ווער שטערט אים דען, געזונטערהייט, זאָל ער צושטיין. אָבער דאָס הייסט נישט, מיר מוזן אויך דאָס זעלבע טאָן.

— יאָ, איר מוזט עס טאָן; כּדי דער סינדיקאַט זאָל ווערן אַ יש, אַ פאַרווירקלעכטע זאַך, מוזן אַלע צושטיין. אויך עטץ!

— דאָס וועל איך דיר נישט צוזאָגן.

פּאָר ריוולען איז עס געווען אַ פּאַטש אין פּנים. גאָרנישט דאָס, וואָס זי האָט דערוואַרט. זי האָט געמיינט, ער וועט איר בקשה גלייך דערפילן. און כאָטש זי האָט פריער אַליין זיך געראַנגלט, געווען מיט זאָרג, מיט נישט זיכערקייט, באַנעמענדיק די שווערע אויפגאַבע דערפון, האָט זי אָבער איצט נאָך די אים געשענקטע לאַסקעס, פאַרשטאַנען אַנדערש: חיים אַלטער איז אירער, דאַרף איר מיט אַלעם נאָכקומען, מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן, און דאָ שטעלט ער זיך גאָר איר אַנטקעגן, שפּאַרט זיך ווי אַן איינגעעקשנטער ביק.

ריוול איז פון זיין האַרטנעקיקייט אַריינגעקומען אין כּעס, געגאַנגען בלינד אויף אים, געזאָגט אַרויסרופעריש:

— הייסט עס, האָסט נישט ליב, ביסט אַ פאַלשער.

— ווער זאָגט, איך האָב דיך יאָ ליב, ליב מיטן גאַנצן לעבן.

— פאַרוואָס זאָגסטו האָסט ליב, ווען איך זע, אַז נישט...

— מיט וואָס זעסטו?

— איך האָב דיר פריער געזאָגט, אַז מען האָט ליב, דאַרף מען זיין גרייט אויף קרבנות, קאָנען זיך אָפּפערן.

— דאָ איז עפּעס אַנדערש ריוולשי, טייער קינד, ס'איז די היים, גלייב מיר — האָט ער זיך ביי איר מיט רחמים געבעטן, זי זאָל אים דאָך פאַרשטיין.

ריוול האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, לאָזן זיך איבערצייגן. געקרענקט אין דער אַמביציע, וואָס זי קען ס'איריקע נישט דערגרייכן, אויפצווינגען אויף אים איר ווילן, האָט זי אים אויפן אָרט פיינט געקריגן. זיין אָפּזאָג איז פאַר איר געווען אַ באַליידיקונג, אַ גרינגשעצונג, אַ מינערונג פאַר איר מיידלשן כבוד. עס האָט אויפגעברענט אין איר אַ צאָרן זיך מיט אים אָפּצורעכענען און תיכף ומיד.

— גוט, איצט זע איך אַלץ, קום אַהיים.

— פאַרוואָס? ס'איז נאָך צייט, מיר וועלן נאָך שפּאַצירן.

— קום אַהיים האָב איך געזאָגט. איך וויל נישט מער מיט דיר שפּאַצירן!

ביידע זענען זיי געבליבן שטיין איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי צוויי קעגנערס, זיך אָנגעקוקט, ווי עס קוקן זיך אַמאָל אָן אַ הונט מיט אַ קאַץ, און אָט נעמט די קאַץ צישן, די וואָנסעס זיך שפּרייטן, די אויגן בליצן. דער הונט קריגט מורא, טרעט אָפּ. ריוול האָט אויך מיט אַזאַ בייז צישנדיקער קריגערישקייט אים אָנגעקוקט. אַליין גרייט צום שפּרונג שטאָלץ און דראָענדיק אויסגערופן:

— געדענק! — און געמאַכט אַ טריט צום אָפּגיין.

חיים אַלטער האָט אַ שפּרייז געטאָן אויף פאַרנט. צוויי לאַנגע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט ווי אַ שליאַבאַן, פאַרשטעלט פאַר איר דעם וועג.

ריוול האָט אָנגעשפּיצט איר בליק, שפּיזיק־שאַרף, דורך די געשפּרייטע אָרעמס און ווי זי וואָלט טשאַטעווונדיק געמאָסטן דעם שטח, איז זי מיט

אַ קאַצישן שפּרונג אַדורך דער פּאַרצוימונג, געגומען לויפן. חיים אַלטער איז געבליבן שטיין צעתמט. איר נאָכגעקוקט, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן: איר נאָכלויפן, פאַרהאַלטן, אָדער לאָזן זי אַהיימגיין. ר'האָט גענומען רופן צו איר מיט אַ האַליש קול:

— ריוול, ריוועלע, וואַרט, בלייב, קום אַהער. מיר וועלן נאָך רעדן.

ריוול האָט זיך נישט איינגעהערט, נישט אומגעקוקט. נאָך מער אונטערגעיאָגט אירע טריט. ער האָט געזען זי דערווייטערט זיך אַלץ מער. פאַרלירט זי שוין באַלד פון אויג. עפּעס באַנגס און אַ שאָדס האָט אים אַרומגענומען, סיי פאַרן פאַרלוירענעם אָוונט, סיי פאַר ריוולס ברוגז. ס'האָט אים נישט געגלוסט נאָך אַהיימגיין. גוואַלדיק געוואָלט זי זאָל בלייבן, זי האָבן לעם זיך. און געשטויסן פון אַ פּלוצלינג אויפגעוועקטן כוח, האָבן זיינע שטאַרקע פיס זיך אַ הייב געטאָן, גענומען יאָגן. זיין גאַנצער בחורישער אימפּעט איז אַוועק אין גאַלאָפּ. ער האָט זי שנעל דעריאָגט, פאַרהאַלטן.

— ריוועלע, ריוולשי פאַרוואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט, פאַרוואָס טוסטו מיר אָן לייד. בלייב, מיר וועלן איבעררעדן, איבערזען די זאַך נאָכאַמאָל, בלייב.

— כ'וויל נישט, לאָז אָפּ!

זי האָט זיך געסאַרפּיעט אין זיינע הענט, געשטויסן אים ווי אַ ווילדע ציג, געוואָלט זיך באַפרייען.

חיים אַלטער האָט זי געהאַלטן, געקלאַמערט פעסט ווי אַ פעל אין צוואַנג. אין ריינעם לבנה־ליכט, אָפּגעדעקט פון יעדן וואָלקנדל, האָט איר פּנים אויסגעזען אומגעווינלעך שיין, באַצויבערנדיק. ס'האָט געדאַכט, אַז גראָד דאָס מיידלש־טראָציקע, קריגערישע, גיט איר צו אַ געוואַלטיקן חן (ווי ביי יונגע מיידלעך אין זייער בייזער אַנגעבלאָזנקייט, ווערן זיי קינדיש־באַחנטער). פון די אויגן־אַרביטעס האָבן אַרויסגעלויכטן אָפּגעדעקטע ווייסלען, אָפּגעשלאָגן מיט מאָדנער בלאָלעכער קאָליר, און פון זייער מיטן אַרויס — צוויי שוואַרצע פינקלדיקע דימאַנטן, וואָס האָבן געמיניעט מיט שפּיגל, מיט רייץ, מיט פאַנגדיקס. חיים אַלטער איז שיער נישט משוגע געוואָרן, פון דאָזיקן נישט געוויינלעכן בילד. פאַרכאַפּט

ווי אין כּישוף, האָט ער גענומען זיך פּלאָנטערן אין די פיס ווי אַ פערד אין פּענטעס, טאַפּטשענדיק אויף איין אָרט. געפילט, ס׳ברעכן אים די קניען, די קנעכלען. יעדער ווידערשטאַנד ווערט ביי אים אָפּגעשוואַכט, אָפּגערונען.

— ריוועלע, ליכטיק קינד, בלייב, בלייב, איך זאָג צו... בלייב, בלייב! — האָט ער מיט תחנונים זיך ביי איר געבעטן — מ׳וועט שוין זען עפּעס טאָן.

האַלטנדיק איר קאָפּ נאָענט צו זיין געזיכט, איז צו אים דערגאַנגען דער פריערדיק, געווירציקער קאָנוואַליע־ריח, געמישט מיט מענטע־דופט אָנגעקומענער פון פעלד, וואָס האָט אַדורכגעריזלט איר לייב, געשיכורט. חיים אַלטער האָט גענומען הויך שנאַפּן מיט די נאָזלעכער. פאַרקלעטערט מיט די פינגער אין איר האָר־געפלעכט, אַרומגעוויקלט זיך מיט זיי ווי מיט שטריק און ראַפּטעם דעם קאָפּ אַ צי געטאָן אויף אַ הינטער, ווי ס׳טוט דער שוחט דאָס קעפּל פון עוף פאַר דער שחיטה. אַ פאַרשטיקט כאָרכלדיק געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר קעל. מיט פיבערדיקע ליפּן איז ער צוגעפאַלן צו דער פוכיקער ווייכקייט פון איר האַלדז־גריבל, זיך איינגעזויגן, געריטשעט:

— ריוועלע בלייב! כ׳וועל דיך דערשטיקן, דערהרגענען אויפן אָרט...

— וועסט מיך האָרכן, פאַלגן? — האָט זי אויך אַזוי פאַרשטיקט געכריפּעט.

— יאָ.

— אין אַלעם?

— אין אַלעם!

ווי אַ געבונדענע שאָף האָט ער זי צוריקגעפירט אויף זייער פריערדיק אָרט.

קאַפּיטל ניין

זאַמע שאַרפשטיינס שטוב

זאַמע שאַרפשטיינס גאַרבעריי איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער גאַס, עטוואָס אַראָפּצו פון אַברהם לעווקינדן. דאָס הויז מער אין יחידות, אָפּגע־טיילט מיט אַ פרייען דורכגאַנג, ליכטיק אויסגעווייסט, גלאַטיק פּאַרטונ־קעווען, אַרויסגעהויבן מיט אַן אַקסל העכער פון די שכנישע הייזער. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט לאַנגע געקווייטלטע גאַרדינען, גע־ווייעט צום דרויסן מיט אַ באַרוטקייט און שטיל לעבן, אויסגעזאָגט פון אַ שטוב, וואָס האָט איר אייגענע וועלט, אייגענע מנהגים, פירט זיך איר אייגענע קליינע מלוכה.

מיטן אַריינגאַנג צו זיי, איז אויך געווען אַנדערש, ווי אומעטום. געוויינלעך פלעגט מען אַריינקומען אין די גאַרבער־הייזער, גלייך פון גאַס אין פעדערהויז, און פון דאָרט אין שטוב און אויך אין גאַרבעריי. ביי די שאַרפשטיינס איז מען צום ערשט אַריינגעקומען אין אַ קליין הייפל, אָפּגע־צוימט פון גרויסן הויף, אַ ציכטיקס און ריינס, מיט אויסגעפלאַסטערטן שטעגל, וואָס האָט אין באַלכסון צוגעפירט צו דער וווינונג. פאַרן טיר פון פעדערהייזל איז געלעגן אַוועקגעלייגט אַ געפלאָכטענער טרעטער, אָנגעוויזן בולט: רייב אָפּ די פיס, איידער דו טרעטס אַריבער די שוועל פון שטוב.

האָסט געעפנט די טיר, האָט אויף דיר אַ הויך געטאָן מיט איינגע־פונדעווועטער באַלעבאַטישקייט. עס האָט זיך געשטופּט אין די אויגן מיט באַרימעניש די ברייט־געמאַכיקע קיך, מיט איר רונדיקן בויך, אַרומגע־האָנגען מיט מעשענע כלים, מעטאַלענע חפצים, ווי אַ מזרח־פּרוי באַהאָנגען מיט אירע שטיקער צירונג; עס האָט דיר אַנטקעגנגעלאַכט די אָנגעבלאָ־זענע „גראָבע טעלצע״ — די ברייטפלייציקע שפּייזשאַנק, וואָס האַלט אַלע זיסע אוצרות, גוטע מעדנים אין זיך באַהאַלטן, גיט זיי אַרויס אויפן

פאַרלאַנג פון דער באַלעבאַסטע; עס האָט צו דיר געוווּנקען מיט פרייַנט־שאַפט די געשטאַלטיקע געפּעס־קרעדענץ, מאַסיווע וואַסער־באַנק, לאַנגער טיש — אַלע האָבן זיי דיך פרייַנטלעך באַגריסט, געשמייכלט, געהייסן דיך צוזעצן: מ׳וועט דיר דערלאַנגען עפּעס אַ טרונק, אַ הייס גלאָז טיי, אַ טעפּל קאַלטן באַרשט פון קעלער, דיך דערקוויקן, — ס׳האָט אויסגעזאָגט פון אַ גרונט־געפּעסטיקטע, גוט־סיטואירטע היים.

ווי די שטוב, אַזוי האָט אויך דער בעל הבית געהאַט זיין שטייגער, זיין אייגענע פּירונג. זאַמע האָט זיך נישט צופּיל גערעכנט מיטן גאַרבערישן שולחן־ערוך. נישט אויפגעשטאַנען אין די פּאַרטאָגן, אַרויסקומען צו דער מלאכה ווי אַנדערע גאַרבער־יידן, נייערט געלאָזט דעם גוף אויסרוען אויפן געלעגער לאַנג, ביז דאָס צעהעלטע ליכט האָט שוין געקלאַפּט אין פענצטער, געמאַנט. דעמאָלט איז ער אַראָפּ פון בעט, געמאַכט זיינע פרימאָרגן־הכנות, אָפּגעטרונקען אַ גלאָז הייס פאַרבריטע קאַווע, פאַררייכערט אַ ציגאַרל, דערנאָך ערשט אַריינגעקומען אין הויף — אַ פרישער, אַ ראָזעווער, אָנגעטאָן אין ברוינע שטרוקסענע הויזן, אויף די פיס ווייכע לאַטשן (טרעפּעס און פאַרקאַלעכטע בגדים, דאָס האָט ער קיינמאָל נישט געטראָגן). אַרומשפּאַצירט איבער די אַרבעט־פּלעצער, געטאָן אַ קוק דאָ, אַ שמעק דאָרט, אָנגעוויזן אויף עפּעס, געמאַכט אַ געלעכטערל מיט אַן אַלטן פּועל, אַריינגעקוקט אין די קאַמערן, אין דער שאַפע, נאָכגעפאָרשט, באַרעכנט און — גענוג. גלייך איז ער אַוועק. אַריינגעגאַנגען אין קליינעם געשעפט־צימערל, זיך אַוועקגעזעצט צו זיינע באַליבטע אַרבעטן: שרייבן בריוו, נאָכקוקן חשבונות, אויסשטעלן אַ רשימה אויף רויע סחורה, מאַטעריאַלן, אָנפרעגן ביים זון, ווי עס גייט מיטן געשעפט אין דער גרויסער שטאָט — מאַכן פּלענער.

וואָרעם זאַמע האָט אין אַלע יאָרן, מיטן גערעאַנק געשוועבט אין אַן אַנדערער וועלט — אין דער גרויס־מסחרישער, ווו עס טומלט מיט לעבעדיקן רעש מיט אימפּעט, מיט גרויסע אָבראָטן: מען שיקט סחורות, מ׳קריגט סחורות, מ׳נעמט גרויסע הלוואות אין בענק, מען צאָלט אָפּ, און מ׳נעמט ווידער; מען קען זיך אַרויפאַרבעטן, ווערן רייך, קריגן אַ שם. דאָרט אַהין האָט אים געצויגן, געלאָקט — אַ סך מער ווי צו זיינע גאַרב־

פעסער. צו יענעם האָט ער געגאַרט, געבענקט, מיט דער נשמה, מיט זיין גאַנץ וועזן. געזען דערין זיין תכלית.

ער האָט צוליב אַזוינע דמיונישע אויסדאַכטענישן, גאָלדענע פייגעלעך, זיך פאַרגינען אין אַ מיטנטאָג אַפערשפּאַצירן אין שטאָט, פאַרברענגען שעהן, פאַרטאַכלעווען טייערע צייט, יקר־המציאותדיקע פאַר אַ בעל־מלאכה — דאָס וואָס אַ גאַרבער־באַלעבאָס האָט עס קיינמאָל אין לעבן נישט געטאָן.

אין גאַס האָט פון זאמען געפּעכלט ווי פון אַ ייד, אַ גביר. די ווייך געמזענע שטיוועלעך מיט נידעריק געקנייטשטע כאָלעוועס, געגרייכטע ביזן דיקן פלייש, האָבן געשפּיגלט מיט בלישטש, געסקריפּעט מיט נגידישן קוויטש; דער קאַמגאַרנער געהאַקטער ראָק, אָנגעצויגן נעט איבער די ברייט קרעפּטיקע פּלייצעס — געשימערט מיט נייקייט, גרויס שטאָטישן שניט, זיך פאַרהאַלטן ביי דער קני; אָנזעעוודיק איז אויך געלעגן אויסגעלייגט דער ווייסער העמד־קראַגן איבער זיין געראָזטן האַלדז, אונטערגעבונדן מיט אַ שוואַרץ ריפּסן־שערצל; די באָרד פאַרקעמט, געשפּרייט ווי אַ פעכער, געגרוט מיט וואַזשנעקייט אויף זיין האַרץ־ברעט ווי ביי אַ ווינער באַנקיר; ערשט דער הויכער קאַשקעט — האַ, האַ, דאָס האָט שוין גאָר געקרעדט ווערטער: ברייטע דענקע, ברייט זיידן בענדל, זיידענע קנעפּלעך ביי די עקן (געלאָזט עס ספּעציעל ברענגען פון לאָדזש), איין איינציק אַזאַס געטראָגן אין שטאָט; איצט דער גאַנג — אויף אַלע יידן געזאָגט! פעסט און זיכער ווי ביי אַ יונגן הוזאַר. דער פּאָלירט דעמבענער שטעקן, מיט דער זילבערנער גאַלקע, האָט ריטמיש זיך צוגעוויגט צום טאַקט פון זיינע טריט ווי דער דיריזשאַר־שטאָק פון קאַפּלמייסטער דעם מאַרשירנדיקן אָרקעסטער. דערביי האָט דאָס שיינע מאַנסבילישע פּנים מיט ז'ער צעבליטער פאַרב געלאָכטן, געשמייכלט מיט אַ באַזונדערער געפע־ליקייט צו די מענטשן ווי ער וואָלט דערמאָנען: האַ, וואָס זאָגט איר צו זאָמע שאַרפשטיין?!

מ'האָט אין גאַס אים נאָכגעקוקט, נאָכגעשאָקלט: וואַ־וואַ, אַ ייד, אָן עין הרע מיט כוחות!

אין היימישן גאַרבער־ישוב האָט מען פון זאמעס שטוב גערעדט

גדולות. זיך מיט אים געריסט, געגרויסט: „נו־נו, דאָס איז שוין איינמאָל אַ שטוב, קען זיך נישט פאַרשעמען פאַר די פאַרנטיקע, רייכע אין „מאַרק". מ'האָט אויך געוווסט צו דערציילן פון דעם גרויסן שותפות־געשעפט, וואָס זאַמע פירט מיטן אויסגעגעבענעם זון מאַקס אין וואַרשע. זאַמע שיקט אַהין זיינע אויסגעאַרבעטע סחורות, קויפט נאָך אַמאָל צו אַ פאַרטיע לעדער אין אַ פרעמדן הויף, וועט ס'פעלט אים אויס צום סאָרט און היידאַ אַוועק מיטן באַן. פון דעם האַנדל אין וואַרשע האָט מען גאָר געכאַפּט התפעלות, אים מקנא געווען, געהאַלטן אויף זיכער, ער וועט פון דאָרט אַרויס אַ גרויסער עושר, זיך דערשלאָגן צו אַ פעסטן מעמד. אין דער שטילער מורמלניש האָט זיך אויך געלאָזט הערן די אייגענע לעכצונג, דעם באַגער, נאָך אַן אייגן ביסל בריווחדיקן לעבן — דאָס טליענדיקע פלעמל אין די הערצער פון די פאַרהאָרעוועטע יידן, ווי ס'האָט געוואַרעמט די האָפענונג, אַז אויך אין זייערע שטיבער זאָל קומען אַ דערפרייאונג, אַ דערלייכטערונג, דער באַשעפער זאָל זיך אויף זיי אומקוקן. און שאַט נישט — ער וועט זיך דערביי פאַרדינען אַ גרויסע מצווה...

מיט אַזאַ זעלבער קנאה, האָט מען אויך געקוקט אויף דער געראָ־טנקייט פון זיינע קינדער: זין אַרנטלעכע, טעכטער געראָטענע איינס ביי איינס — שיינע, געלערנטע געבענטשטע מיט מעלות; זיי קומען אין בעסערער געזעלשאַפט, אין עלעגאַנטע שטאָטישע הייזער. דערצו האָט מען געווסט, אַז ביי זאַמען פירט זיך אַ שטובנשטאַנד ווי אַן אמתדיק נגידיש הויז. אינדערוואָכנס גרייט מען מאכלים, וואָס ביי אַנדערע נאָר אין שבת. צום מיטאָג שפּרייט מען, אַפילו אין אַ פּראָסטן טאָג, אויפן טיש אַ ווייסע צוועל, וואָס אין אַנדערע שטיבער נאָר אין יום־טוב. הכלל, וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז גאָט וויל עמעצן דערהייבן, באַשיינען, געפינט ער שוין זיינע וועגן. הלוואי אַן זיין שאָדן, אויף די איבעריקע גאַרבער־יידן געזאָגט.

זאַמע האָט די אַלע לויבערייען גוט געהערט, צוגענומען זיי מיט הנאה. צומאָל אַליין דורך אַן אומוועג געפּרווט אונטערבלאָזן, אונטער־פלעמלען, עס זאָל דערגיין נאָך מער צו פרעמדע אויערן; עס האָט אים

געשמייכלט די שבחים אויף זיין שטוב, אויף זיינע קינדער, אויף זיין גאַנץ הויז און ס׳איז דאָך אמת אויך, האָט זאַמע געטראַכט מיט טאַטעשער באַגייסטערונג, און ביי אַ וועלכע געלעגנהייט, געטענהט צו מענטשן: קינדער זאָגט איר, לויטערע פּערל. ווי זעט מען דאָס באַלד אַזוינס! אַט, למשל, מיין פאַניע, די עלטערע טאָכטער, דאָס איז אַ זעלטנקייט, גאָרנישט צו געפינען: די בילדונג, די קלוגשאַפט, איר חן, איר האַלטונג צווישן מענטשן — ווי קען מען דאָס באַלד אָנטרעפן. זי זיצט אין וואַרשע, שרייבט אין די בלעטער, שיקט אַהיים צום לייענען אירע שירים. און קומט פון איר אַ בריוול, איז עס מלא טעם, מלא מתיקות — יעדעס וואָרט אויסצוקושן. מיט איר באַוויזן זיך ווערט אין שטוב יום־טוב; ריוול ווידער די יינגערע, דאָס איז אַ מויד אַ מזיק, פלאַם־פייער, האָט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער זייט, קאָן זאָגן אַ ריכטיק וואָרט. מישט זיך אין געשעפט, אין הויף, צו די געזעלן, גיט באַפעלן, זיי פאָלגן איר אויס, האָבן פאַר איר מורא און צו אירס אָן עצה מעג מען זיך צוהערן. און אַזוי די איבעריקע. איינס ביי ס׳אַנדערע: חיה, שרהל, טעמערל און אויך די צוויי יינגלעך; נישטאָ וואָס צו רעדן, גאָט האָט אים מזכה געווען מיט קינדער נאָר אויף דער גאָלדענער וואָגשאָל צו וועגן. הלוואַי נאָך אַ סך געזונט און גוטע יאָרן צו זיי אויף ווייטער.

זאַמע האָט די דאָזיקע לויבערייען געלאָזט הערן אמיינסט ביי נח זונדעלעוויטשן אין בראָנפנשענק, פאַרנט אין מאַרק, אַ בכבודיק אָרט, ווו ס׳זאַמלען זיך דורכרייזנדיקע סוחרים, אָנגעזעענע געשעפט־לייט. דאָרט האָט זאַמע תמיד געפונען אָן אָפן אויער צום איינהערן זיך פאַר זיינע באַרימערישע מעשיות. דאָ אַהער זענען אַריינגעקומען זדונסקאַ־וואָליער טוך־פאַבריקאַנטן, זעלוווער ליפעראַנטן פון פויערישן בעטציג, סטערצעווער אייער־הענדלער, ווידאַווער שפּיליטערס, וואָס אַדורכפאַ־רנדיק מיט זייערע סחורות קיין לאָדזש, דורך היגער שטאָט, האָבן זיי אין דער צייט פון רוען, פון באַלעגאַלישן פאַשען, זיך דערוויל אַריינגעכאַפּט צו ר׳ נחן אין דער אָרנטלעכער שענק, אָפּטרינקען אַ גלעזל טיי, עפּעס פאַרבייסן. דאָ איז געווען רואיק, פרידלעך, אָן גויים־שיכורים, אָן טומל. מ׳האָט געקענט געמיטלעך אַדורכוואַרפן אַ פאַר היימישע ווערטער, זיך

דערוויסן נייעסן, ידיעות פון אַנדערע מקומות. זאַמע איז אין דער זעלבער צייט געקומען גראָד אַריינצושפּאַצירן. זיך אַרומגעכאַפּט מיט די פרעמדע־לייט ווי מיט נאָענטע קרובים. אַריין אין אויספרעגעניש, אין געוואָר ווערעניש, אין אייגענעם דערציילן.

— שלום עליכם! וואָס מאַכט מען, וואָס הערט מען, ווי גייט עס אין ענקערע קאַנטן. ווי גייען די געשעפטן? — האָט זאַמע געשטרעקט די האַנט צו אַזאַ זעלוער אָדער וואָליער ייִד, וואָס האָט גיין אַ פּאָר אייגענע וועבשטילן.

— הלוואי בעסער, וואָלט אויך נישט געשאַט — איז געקומען דער סקאַרבאָווער ענטפער.

— וואָס איז דאָס נאַזשעקן, דאָס קלאָגן זיך?

— ווייל ס׳איז נישט גוט.

— און ווען איז געווען בעסער? פון אייביק אָזוי. מען לייגט דעם גרייצער אין בייטל און מ׳קרעכצט צו. זעט אויס, ס׳איז אַ סגולה צו דער פרנסה. אַ קרעכצל אויף עין הרע! כאַכאַ — און זאַמע טוט זיך פאַנאַנדערלאַכן מיט פולן געלעכטער.

— אָוודאי. צ׳מיינט ס׳איז ענקער לעדער־פאַך — ענטפערט אים גליך אָפּ דאָס פּיפּיק וואָליער פאַבריקאַנטל — פאַר ענק גאַרבערס האָט גאָט באַשאַפן שטיינער, ס׳זאָלן זיך רייסן שיך, און אויף אַ צולאָג, שוסטערס, סמאָלע־קעפּ, מיט פאַרשטאָפּטע מוחות, וואָס מען לייגט זיי אַריין אין האַנט, נעמען זיי צו. ביי אונדזער בראַנזשע איז עפּעס אַנדערש: יעדער כל מבין. און באַשטיין באַשטייט קודם כל, די קליענטעלע, פון ווייבער. דאָס איז שוין די ערשטע מכה. וואָרעם אַזאַ איינע קאָן דיר באַלד זאָגן פון אויסנווייניק ס׳גאַנצע מבינות, פון אַ פלאַקסענעם פאָדעם, ביז אַ זיידענעם דרים און גיי טו איר עפּעס...

— און ביי אונדזער בעטציוג איז בעסער? נאָך ערגער — העלפט אים אונטער דאָס זעלוער ליפעראַנטל — דער פויער מיט דער פויערטע שלאָפן אָפּ דאָס גאַנצע לעבן אויף איין קישן ביז דאָס איינשיט צערייסט זיך, שטיי און וואַרט...

— כאַכאַכאַ! — זאַמע צעגייט זיך ווידער מיט הויך קלינגענדיק

געלעכטער. וויגט דעם פּוכיקן קאָפּ איןביידע זייטן; טרייסלט דאָס אָנגע־צונדענע ציגאַרל צווישן די פּולבלעכע פינגער — אַ משל, אַפּויער מיט אַ פּויערטע... און ווי זיי ווערן נעבעך דאָס בדלות די פאַבריקאַנטלעך, אַ ביטערער רחמנות אויף זיי...

זאַמעווישט די פייכט פאַרלאָפענע אויגן און גיט צו מיט הלצה:

— כ'האָב אַן עצה. הערט זיך צו יידן צו מיין ראָט: צוואָס זאָלט איר האָבן עגמת נפש, זיך אָפּעסן ס'האַרץ, רעדט זיך אָדורך מיט היינצלען, מיט אשר קאָנען. מאַכט אַ שותפות מיט זיי, טוט אַריין שוואַכערן פּאָדעם, היט אָפּ אייער געלט און אייער געזונט!

די גלעזער טיי, וואָס כידוע, ביי נח זונדעלעוויטשן אין שענק, קומען זיי אַרויס הייס און קרעפטיק, געשמאַקער פון אומעטום, שטייען אויפן טיש שוין אויסגעלערטע, אויסגעטרונקענע. קיין סך צייט האָט מען סיי ווי נישט. ווי נאָר די פורמאַנעס וועלן זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן אָנפּאָיען די פערד, אַריינקומען, אַראָפּלאָזן אין גאָרגל זייער אייגענע גרויסע כוסה — עכטן פינפניינציקער, וועט מען זיך צוריק אַרויפזעצן אויפן וואָגן און היידאַ אין וועג אַריין.

אָבער דערווייל אין דעם קליינעם ביסל צייט, וואָס איז נאָך געבליבן וויל מען אַריינכאַפּן אַ פּאָר לעצטע ווערטער. איצט שוין ערנסטערע, פּאַרטראַכטערע: וועגן היימישן יידישן וועלטל, רייכע שידוכים, מחלוקת אין קהל, נגישות, שיקאַנירונגען אויף יידן; מ'רעכנט אויס די נייע גזירות פון דער מאַכט, די העצע מצד די „מיעשטשאַנעס", שטאָטישע קריסטלעכע בירגער — די אייביקע יידישע שונאים, וואָס זעען אינעם יידן נאָר דעם קאָנקורענט, דעם פיינט. זוכן תחבולות, אַלע כיטרע פּאָרטלען אַרויסרייסן זיין פּרנסה, דעם ביסן פון מויל; טראַכטן צו רשעותדיקע בלבולים, געזעצן, קליגלען זיך, אַריינשטעקן פלעקער אין די רעדער פון יידישן וואָגן, ר'זאָל בלייבן שטיין — אוי, די אייביקע יידישע צרות! יידישע פייניקערס!

— זיי זענען אונדזערע גרעסטע שונאים, האָבן אומעטום אַ צד, אין

יעדער רעגירונג, אין יעדער פאַרוואַלטונג. מיט זיי איז שלעכט, זייער שלעכט — קלאָגט זיך אַ ייד.

— יאָ, זיי ווילן, מיר יידן זאָלן נישט קענען עקזיסטירן, אַפילו זיך פאַרמערן — קרעכצט אָפּ אַ צווייטער.

— מילא, וואָס זיי ווילן, איז נאָך ווייניק. גאָט איז אַ פאָטער, וועט נישט פאַרלאָזן. ער וועט זיי מאַכן אַדורכפאַלן, נכשל ווערן ווי המן — מוטיקט אַ דריטער.

— והראיה, מען זעט דאָך טאַקע, וואָס ס׳איז געוואָרן פון המנס פאַרלאַנגען, אויסגעגאַנגען צו זיין קאָפּ, צו זיין לייב־און־לעבן. זיי וועלן אויך האָבן דעם זעלבן סוף — גיט צו אַ פערטער מיט טרייסט.

פּאַמעלעך מיט פאַרגרינגערטן זיפץ, גייט מען איבער צו די אייגענע, היימיש־שטוביקע ענינים. מען דערציילט זיך אָפּ וועגן בני בית, זאָרגן פון קינדער, און פאַר קינדער, שטילע קריגערייען. שטילע מחלוקתן, שטילע פרייד — אַלץ וואָס געהערט צום היימישן רומל.

— אויף דעם האָב איך מיך חלילה נישט צו קלאָגן — שיסט אויס זאַמע, אַרויסלאָזנדיק פון מויל אַ קנויל רויך — צו מיינע קינדער האָב איך גאָרנישט. זאָלן זיי מיר זיין געזונט. איינס ווי איינס — ברילאַנטן. מיין פאַניע, למשל, די עלטערע טאָכטער, דאָס איז אַ — — — און דאָ גייט אַוועק אַ סדרה מיט לויב־געזאַנגען פאַר איר חן, פאַר איר געלערנט־קייט, פאַר איר גוטן כאַראַקטער, גוטע מידות. און אויך אַזוי די אַנדערע, ביזן יינגסטן. פאַרגעסט נישט אַריינצוזעמען אין צעטל אויך דעם אויסגעגעבענעם זון אין וואַרשע מאַקס, וואָס פאַרנעמט זיך גאָר גרויס, וועט אַרויס, אם ירצה השם, מיט אַ נאָמען. זאַמע דערציילט מיט מאַטעשער גדלות, מיט אינערלעכן רום, מיט אייגענער איבערגענומענקייט, פּרט נאָך פּרט, און לאָזט שוין אויס מיט אַ שטיל געצוימטן נחתדיק קרעכצל:

— נאָר געזונט און גוטע פּרנסה צו זיי, טאַטע אין הימל!

און אָט זענען די אָנטרייבערס שוין אַריינגעקומען. אַראָפּגעלאָזט אין די העלדזער די שאַרף־בריענדיקע משקה. איין כוסה און נאָך איינע. פאַרסקען אָפּ מיט די מיילער, ווי זייערע פערד אין דרויסן ביים אָבראָק,

קלאַפּן צו מיטן בייטש־שטעקן אין פּאַדלאָגע, אַן אָנזאָג: יידן מ׳דאַרף אַרויפּקריכן אויפן וואָגן, מ׳פאָרט!

געזעגנט מען זיך שוין אייליקער. מ׳ווינטשט זיך אָן אויף גוטע טעג, אויף אַ פאַרלייכטערט לעבן, אויף גוטע געבענטשטע יאָרן, אויף ישועות פאַר יידן: די שונאימס הענט זאָלן נישט קענען דערלאַנגען, טוען קיין שלעכטס!

די סוחרים זעצן זיך אויף די וועגענער, פאָרן אָפּ און זאַמע גייט צוריק אַהיים אין זיין שטוב, אין זיין הויף, מיט אַ געפיל ווי נאָך אַ גוט אויסגעטרונקען גלעזל מעד.

*

האָט זאַמע געגלייבט אין די אַלע רייד, וואָס זיין מויל האָט גערעדט? — יאָ, קאָן זיין, ער האָט געמיינט, ס׳איז נאָך מער וויפל ער זאָגט. וואָרעם זאַמע איז געווען פון די מענטשן, וואָס זענען פאַרליבט און פאַרבלענדט אין אייגענעם וואָרט, אין אייגענעם געשאַפענעם בילד — אין אַ ווינטשפינגערל, וואָס בלישטשעט מיט צוזאָגענישן, מיט גוטע הבטחות, מיט זיסע פאַרוויגונגען. אָט די פאַרליבטע, פאַרבלענדטע פאַרוויגעניש, האָט געמאַכט פון זאַמען אַוועקנעמען אַ סך פון דער וואָר, פון זען די ריכטיקע שיין, פון דער קלאָרערווירקלעכקייט. זאַמע האָט צו עפּעס געבענקט, געחלומט, זיך געריסן, נישט געוווּסט צו וואָס און ווי אַזוי צו קומען. דערפאַר געלעבט אין אַ גענאַרטער וועלט; גענאַרט זיך, גענאַרט אַנדערע.

וואָרעם וואָלט ער נישט געלעבט אין אַזאַ פאַרדמיונט, אויסגעטראַכטע פאַנטאַזיע, נישט געקוקט מיט אויגן, וואָס זעען אַלץ ראָז, אויספּאָלירט, נאָר געקוקט מיט ניכטערן בליק, וואָלט ער געזען, אַז ער שפּילט זיך אַ ביסל צופּיל מיטן לעבן; ר׳וואָלט געזען, אַז פיל זאַכן וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער נישט באַדאַרפט טאָן. זיי ווערן איצט זיינע אבן־נגפס, ביי וועלכע ער וועט זיך אָפּהאַקן די פיס. ער וואָלט געזען, אַז דאָס געשעפט אין וואַרשע, וואָס ר׳האָט געמאַכט מיטן זון, איז אַ פאַרפירעניש, אַ פאַרבלאָנדזשעטע שיף אויף פרעמדע אומזיכערע וואַסערן, וואָס יעדער שטורעם־שטויס קאָן זי צושטופן צו אַ פעלדז, איינברעכן, מאַכן דערטרונקען, און

צוזאַמען מיט איר, אויך אים דעם מיט־קאַפּיטאַן; ער וואָלט געזען, אַז פּיל בעסער וואָלט געווען, ווען ער זיצט צוגעפּעסטיקט צו זיין שטיל וואַסערל — די גאַרבאַרניע, טוט די מלאכה ווי אַ יעדער אַנדערער גאַרבער, מיט אייגענע הענט, מיט אייגענע צען פינגער; גייט אין די גאַרבער־הויזן, אין פאַרקאַלעכטן שפּענצער, פאַרלאָזט נישט דעם הויף אין די בעסטע טייערסטע שעהן. קומט אַרויס אין די פאַרטאָגן, טוט אַכטונג אויף יעדן ברעקל, פון אַ קאַרע־שפּליטער, ביז אַ פאַרטיק לעדער, זאַמלט אַ גילדן צו גילדן, לייגט זיי אין דער טאַרבע אונטערן שעניק, היט אָפּ מיט פאַרפרעסטע ציין, מיט פאַרשלאָסענער אייזערנער פויסט, ווי יעדער גאַרבער־ייד — אויף חתונה מאַכן קינדער, פאַר דער אייגענער עלטער, אויף שווערער שעה.

און ווייל ער האָט אַזוי נישט געטאָן, האָט ער פאַר זיין שטוב גורם געווען אַ סך לײדן, שאָדנס, עגמת־נפשן — אַן אומגליק, וואָס האָט געוואָרט ביי זיין שוועל און פון וועלכן ס׳איז אים שוין שווער געווען אַרויסצוקריכן. און אַ מענטשן קאָן מען דאָס נישט טאָן, וואָס ער טוט זיך אַליין מיט אייגענע הענט — זאָגט דאָס פאָלק.

ווען זאַמע האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן, האָט ער זיך דערשראָקן. דאָס לעבן איז פאַר אים געשטאַנען דובאָם: האַרט און שטרענג, מיט בייזן פּנים ווי אַ בייזער ריכטער. זאַמע האָט מיט שרעק און שטוינונג געפרעגט: האַ וואָס איז דאָס? האָב איך געחלומט אַ נאַרישן חלום? דיווירקלעכקייט איז דאָך אַזוי האַרב און שטרענג צו מיר!

זאַמע האָט נאָך מורא געהאַט אויפצוהייבן צופּיל דאָס דעקל, אַרונטער־קוקן, זען וואָס אינעווייניק טוט זיך. אָבער ווי לאַנג קאָן מען אַזוי אַליין זיך גענאַרן, האַלטן דאָס דעקל פאַרמאַכט? זאַמע, ס׳קאָן חלילה ווערן צו שפּעט, מ׳דאַרף אָפּדעקן דאָס דעקל, זען וואָס דאָרט קומט פאָר: „הערסט — ס׳קאָן ווערן צו שפּעט!״.

זאַמע האָט גייענדיק איינמאָל איבערן וועג אַהיים, פון נח זונדעלע־וויטשן, דערהערט זיין אייגן קול רופן צו אים מיט שטרענגקייט, און זיך זייער דערשראָקן.

קאַפּיטל צען

ביים רעכנטישל מיט זיך אליין

אין קליינעם שטיבל, אין אַזוי גערופֿענעם געשעפֿט־צימער, איז געזעסן זאַמע שאַרפשטיין, דורכגעפירט דעם בילאַנס. ר׳איז געווען אַליין מיט די שטילע פיר ווענט. אָנהויב אָוונט. פון דרויסן דרינגט אַריין ווייכער בין השמשות, הילט דאָס קליינע חדר אין טונקעלן שאָטן. אַ שטילקייט — ס׳לאָזט דערהערן דעם אייגענעם אָטעם. אויך דאָס אייגן אינערלעכע קול. זאַמעס קאָפּ איז אַריינגעטאָן אין ליכט־קרייז פון דער אָנגעצונדענער שטיי־לאָמפּ אויפן טיש. דאָס ליכט אַרומגעהילט מיט אַן אַבאַזשור, שפּרייט אַ פלאַך געפּרעסטן שיין, באַלייכט די פיל אָנגעוואָר־פענע צעטלען, קוויטעס, נאָטיצביכלעך, וועלכע ליגן צעוואָרפן אין אַלע זייטן. יעדעס איינע אָנגעפּיקעוועט מיט פאַרשידענער שריפט, ציפערן און זייטיקע באַמערקונגען. זאַמעס הענט נישטערן, שאַרן, סאָרטירן. ער קוקט זיך איין אין יעדעס שטיקל פּאַפּיר אויפמערקזאַם, מיט רעיון, לייגט עס אַוועק אויף זיין אָרט צו זיין אַפּטייל, נעמט אַן אַנדערס.

זאַמע איז ערנסט, קאָנצענטרירט, זיצט אין בלויזן, אָן אויבער־מלבוש. די העמד־אַרבל פאַרקאַטשעט ביזן עלנבויגן. די פיס פאַרשטעקט אין לייכטע שטוב־לאַטשן, גערוימער. דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צוזאַמענגעמען מער די מחשבה. ער זיצט אַצינד מיט אָפענע אויגן און אָפענע אויערן, באַפרייט פונעם דרויסן, פון דער גאַס, באַפרייט פון כּרעמדע מענטשן, פון זייערע רייד און השפּעה. מיט דער נשמה — אויג אויף אויג. יאָ, שוין אַ צייט ווי ס׳גלייכט זיך ביי אים נישט אויס די קאַסע; חובות איז ער אין גרויסע און מזומן צו דעקן האָט ער ווייניק. מער ווי אַ העלפט, וואָס ר׳האָט אין די פעסער, איז נישט זיינס, שולדיק דערויף. מאַקס לעדער־געשעפט האָט פאַרשלונגען ווי אַ רויבערישע

היה די מערסטע און שענסטע פּאַרטיעס סחורה פון זיין גאַרבעריי. געלט האָט ער אָפּגעשיקט תמיד מינער און מיט גרויסע אויפהאַלטונגען. „טאַטע, איך בין באַלאַסטעט מיט וועקסלען, מיט אָפענע חובות — שרייבט ער אים — איך דאַרף זיי איינקאַסירן, שפּעטער וועט זיין גרינגער. דיר צושיקן מערער". די רויוואַרג־הענדלער, די קצבים, ווילן אָבער פון דעם נישט וויסן. פאַר זיי איז דאָס נישט קיין תירוץ, קיין אויסרייד. זיי קענען נישט מאַקסן, נאָר אים זאָמען. אים האָבן זיי געגעבן און פון אים קומען זיי מאָנען. ער האָט מיט זיי איצט אַ שווערן גערעאַנגל, זייער אַ שווערן ביסן.

אמת, ער זוענדעט אָן נאָך אַלע מיטלען, תחבולותן, כדי ווי עס איז לאַווירן, שטופּן דאָס ראָד, ס'זאָל זיך דרייען. אָבער עס לאָזט שוין צו אָפּטערס הערן, אַ נישט גוטן סקריפּ, אַ שלעכטן גרילץ. גענוג איין ציינדל זאָל זיך אָפּברעכן, אַ צווייטס און סטאָפּ — בלייבן שטיין!

איצט זעט ער ערשט, וואָס פאַר אַ פעלער ר'האָט געמאַכט, מיט דעם, וואָס ער איז צוגעטראָטן צום וואַרשעווער שותפות. אין דער היים אונטערן אייגענעם דאַך, אונטער דער אייגענער מזוזה, איז מען תמיד זיכערער, באַוואָרנטער. ווי פלעגט זיין קלוגע מאַמע עליה השלום זאָגן: „בעסער איין פויגל אין האַנט, ווי הונדערט פליענדיקע..." יאַקאָש קומען אַלע אַדורך, פאַרקויפן דאָס ביסל סחורה. קיינער וואַרפט עס נישט אַרויס. מ'האַלט אַזוי לאַנג אונטערן בעט, ביז ס'געפינט זיך אָפּ דער קונה. און דעמאָלט: „פּיענאָנדזע נאַ סטול", געלט אויפן טיש — דער פויגל אין האַנט.

האָט אים אָבער געריסן אַ גרויסקייט־מאַניע ווערן דווקא אַ סוחר, אַ מאַן מיט אַ נאָמען; געוואָלט ווייזן דער וועלט, ווער זאמע איז: ר'איז נישט פון די קליינע מענטשלעך, אַ ליאַדע גאַרבער, אָפּהענגיק פון די „פּרעמדע", זיי זאָלן אים דיקטירן פּרייזן. ניין, ר'קאָן זיך זיין שטעטל באַשטיין — ר'האָט פאַרבינדונגען מיט דער גרויסער וועלט. מיט אַ גאַנצער פּראָווינץ — קונים, קליענטן.

און אפשר איז דאָס געווען נאָר אָן איינגערעדטער תירוץ? ער האָט זיך, קאָן זיין, פאַרקוקט אויף אַברהם לעווקינדן, וואָס שיקט אויך קיין וואַרשע

צו זיין זון יצחק הערשן, פּעקלעך לעדער און ער זאַמע האָט דערויף געקוקט מיט גלוסטיקע קנאה, אים געררייצט. האַ, אפשר יאָ? איז קודם, טוט עס אַברהם אויף אַן אַנדערן אופן מיט אויסרעכענונג, מיט פאַרזיכט: נאַדיר סחורה און גיב געלט! שיקט נישט ווי מען זאָגט, אויפן הוילן טייך... ער, זאַמע האָט זיך געלאָזט ווילגיין, געליווערט אין גרויסן מאַסשטאַב, מיט קוראַזש, מיט פאַריסנקייט, איך פאַרטיע נאָך דער אַנדערער: פרישינקע ערשט פון אונטערן שטויסרעדל אַפּער, נאָך געאָטעמט מיט דער וואַרעמקייט, פון די מענטשלעכע הענט, פון מענטש־לעכע מי. געשיקט לעבעדיק בלוט און צוריק געקריגן וואַסער — „וואָקסן", שמאַטעס, וואָס קיינער האָט זיי נישט אויסגעלייזט. די רוי־וואַרג־הענדלער האָבן זיי אים צוריק געבראַכט, צוריק געוואָרפן, ווי נאַרישע שטיקלעך פּאַפּיר, ווערט במחילה זיך אונטערצווישן...

— וואָס האָט איר אונדז געגעבן, ס'איז דאָך צומאָל אויף „אשר יצר" נישט גוט... — קוקן זיי אים אין די אויגן מיט שפּאָט.

זאַמע האָט זיי פאַרשעמט צוריקגענומען, צוריקגעשיקט. זיי זענען פאַרשלונגען געוואָרן דאָרט אין שאול־תחתיה. נישט צוריק געקריגן נישט קיין געלט און נישט קיין אַנדערע דעקונג.

מילא, אַ שלעכט געשעפט, וויקלט מען זיך אָפּ, אָפּגעפּטרט. ער קען אָבער נישט אַרויס פון דעם עסק, זיך אָפּוויקלען. קען נישט אַרויסקריגן גאָרנישט פון דעם ביסל מזומן, וואָס ר'האָט אַריינגעבראָכט. און ווי ער הערט, איז דאָרט אַ גאַנצע מישענינייע, אַ פּלאָנטער אין דער „ספּולקע". די שותּפים, רייסן זיך ביי די קעפּ. ער, זאַמע, זינקט ביז איבערן האַלדז אין טיפער זומפּ. האָט נישט ווער ס'זאָל אים אַרויסציען. ר'האָט געשריבן התראהדיקע בריוו צום זון, דערמאָנט, געפאָדערט, געבעטן ער זאָל אים העלפן זיך צוריק אַרויסראַטעווען, באַפרייען פון די חובות. ענטפערט אים דער זון אָפּ: „טאַטע, מען מוז צוואַרטן, מיר וועלן איינמאָנען... זעסטו, ווען מען זאָל קענען קריגן נאָך סחורות, מען זאָל דעם וואָגן ווייטער שטופּן, וואָלט מען געקענט אַ סך געווינען, זיך צוריק אַרויס־ראַטעווען"...

„סחורה" — גיט ער אים אָנצוגעהערן, זאָל ער אים נאָך צושיקן,

דער נאַרישער זון. ער ווייסט נישט דער שוטה, ווי דאָס לאַך איז שוין גרויס. נישטאָ באַלד מיט וואָס צו פאַרשטאָפּן, דאָס פּאָס רינט אויס...

זאמע האָט שטיל אָפּגעקרעכצט, אַ רייב געטאָן מיט די הענט, די אויגנ־דעקלעך, די ברעמען, ווייטער זיך גענומען צו דער אַרבעט און ווידער געצויגן דעם פאָדעם.

...יאָ, נישט גענוג דאָס, האָט ער נאָך פאַניעס נדן אויך אָנגערירט, אַריינגעבראָקט. און דאָס טוט אים מער ווי פאַר אַלעם. פאַניע... זי איז שוין נישט קיין מיידעלע, אַריינגעוואַקסן אין די בוגריתישע יאָרן און קאַ׳ שידוך זעט מען נישט. אַמאָל איז געווען אַ סך, זי האָט פון זיך געטריבן. אַלץ אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. קיינער האָט איר נישט געפאַלן, געקליבן אַזוי לאַנג די ווערעמדיקע אַרבעס ביז אין זאַק איז גאַרנישט געבליבן. זיך פאַרזינדיקט, היינט דרייט זי זיך אין דער פרעמד, אין דער גרויסער שטאָט, מיידט אויס די היים, וויל זיך נישט ווייזן פאַר די נאָענטע חברים, קאַלעזשאַנקעס, וואָס האָבן זי תמיד טייער געהאַלטן. פיל פון זיי האָבן שוין חתונה געהאַט, האָבן היימען, האָבן קינדער. זי שעמט זיך זיי קוקן אין די אויגן. און ווי שווער איז פאַר אַ טאַטן צו זען ווי זיין קינד בלאָנקעט אין ווייסטער פרעמד, דערווייטערט פון אייגענער היים, עלנט, דערווייטערט פון אַ זיווג.

אין שטוב וואַקסן אונטער אַנדערע: חיה, ריוול, די קלענערע. זי, פאַ־ניע, פאַרהאַלט אַלע, ווי די טאַמע דאָס גייענדיקע וואַסער, לאָזט נישט פליסן פריי מיט נאַטירלעכן גאַנג. זי לאָזט אַפילו נישט איבערן מויל ברענגען וועגן אַ שידוך מיט אַן אַנדערער, פון די ייִנגערע. ס׳איז איר אַ בושה. ווען ער האָט איינמאָל דורך אַן אומוועג געגעבן איר אָנצוזעהערן וועגן אַ שידוך פאַר דער חיהן, האָט זי זיך אָנגעצונדן ווי אַ פייער: „אַכיבע מען וויל מיך מער נישט זען אין דער היים״... — האָט זי אויסגעשריגן. האָסטו רייד! און זואָס וועט זיין, וואָס וועט דערפון ווערן. אָ, גאָט אין הימל!

זאמע האָט אָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט דאָס פּאַפּירוואַרג, געשפּירט ווי אַ לייכטער קראַמף ציט אים אין די הענט, פינגער, אין די געלענקען. געפּילט ער מוז אַ קאַפּ אָפּרוען. ער האָט זיך אויסגעלענט מיטן רוקן אויפן בענקל. אָפּגעצויגן פאַמעלעך דעם אָטעם, פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס,

אַרויסגעבלאָזן דעם רויך. פאַרקוקט זיך אויף דער געפּלייצטער שיין פון אונטער דער פאַרמעט־אַבאַזשור, וואָס לאָזט נישט דאָס ליכט אַרויף אין דער הייך, דריקט עס צו דער נידער. זיך דערמאָנט, טיף אָפּגעזיפצט: יאָ, אַזוי איז אויך מיט דעם מענטש. מען דריקט צו זיין ליכט צו דער נידער, צו דער ערד, מ׳פאַרשטעלט פאַר אים די וועלט, און דאָס — אַז מען לעבט אָן חשבון. מ׳לאָזט דעם קיום גיין ווי אַ בלינד פערד, אָפּגעלאָזט פון די לייצעס, טאָפּטשעט עס ביז ס׳פאַלט אַריין אין גרוב. ער האָט געלאָזט גיין זיין עקזיסטענץ אויך מיט פאַרשטעלטע אויגן, האָט עס געטאָפּטשעט בלינדלעך, און צוגעקומען נאָנט צום גרוב...

— גאָטעניו, צי צוריק אָוועק. שפּרייט אונטער דיין האַנט אונטער מיר, לאָז מיך נישט פאַלן! — האָט זאַמע געשעפּטשעט, אויפגעהויבן די אויגן צו דער הייך, ווי ער וואָלט געוואָלט אַדורכקוקן צום הימל.

זאַמע האָט אָוועקגעלייגט דעם פּאַפּיראָס אָן אויסגערויכערטן, צוריק געבויגן זיך צום טיש. ווידער אַמאָל גענומען שאַרן איבער די קוויטעס. זיין אויג האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קליין צעטעלע, וואָס איז געלעגן אין זייט, אַ ווייס קוואַדראַטנע צעטעלע, געצייכנט מיט קלאָרער האַנט־שריפט. ער האָט דערקאַנט: די אָפּשריפט פון דער „היתר־עיסקא״ אויף דער הלוואה מיט צינזן, וואָס ער האָט גענומען ביי זיין פריינט מרדכי מיכאל בלאַשקער. ס׳האָט אים אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן: מרדכי מיכאל! וואָס וועט ער מיט אים טאָן. ער מאָנט צוריק דעם חוב און ער האָט אים נישט צו געבן.

זאַמע האָט געוואָלט דאָס צעטעלע אַרונטערשטופּן אונטער די פּאַפּירן, ס׳זאָל פאַרשווינדן, אָבער די האַנט האָט זיך נישט געהויבן עס צו טאָן. אַנשטאָט דעם, האָט זיין בליק זיך נאָך פעסטער צוגעקלעפּט. עס האָבן גענומען אין אים אויפטויכן דערמאָנונגען, זכרונות:

...יונגע יאָרן. ער מיט מרדכי מיכאלן די בעסטע חברים, האַלטן זיך צוזאַמען, ווי צווי צוזויפגעוואַקסענע שישקעס אויפן בוים, גייען אומעטום באַנאַנד: געיעגן אין פעלד; רייסן עפּל ביינאַכט אין פרעמדע סעדער: אַראָפּלאָזן וועגדקעס אין טייך, פאַנגען פיש; אויף יאַגד נאָך האָזן, וועוויריקעס; אויף פאַלאַנט, אויף גליטש. שפּעטער אַלס יונגע

פּאַצעטן — אויפן טראַקט ביים שפּאַציר. זיי זוכן „פּאָוואָדזעניע״ ביי מיידלעך. חנדלען זיך צום שיינעם מין.ביידע זענען זיי יונג, שיין, פעסט־געבויטע, פריילעכע, פון גאַרנישט באַזאָרגט. שטאַמען פון נישט אָרעמע היימען. און ביידע האָבן זיי דערפּאָלג. אין זייער הצלחה, טיילן זיי זיך גוט־ברודעריש מיט די „פּאַנגען״. לאָזן זיך אָפּ סודותלעך פון זייערע אונטערגעכאַפּטע פלירטן, ראָמאַנסן. שיקן אונטער איינער דעם אַנדערן, צו דער און יענער מיידל, פאַרשדכנען, רעדן אַ גוט וואָרט פאַרן חבר. בריהן זיך אויף וואָס די וועלט שטייט, פול מיט נצחון, מיט אַריינ־געכאַפּטע פרייד, אין די הויפּנס — לעבנס־לוסטיקע יאָרן, וואָס נאָר אין דער עלטער, קאָנען זיי זיין אַזוי זאָרגלאָז.

ביי איינע אָבער זענען זיי געבליבן שטיין אַ ביסל צעקריגטע, פאַר־ברוגזטע הענער, וואָס זענען גרייט זיך רייסן ביי די קאַמען — ביי פּעשען. ביידע האָבן זיי צוזאַמען זי באַקאָנט און ביידע האָבן זיך אין איר פאַרליבט, געפּוצט אין די פּעדערן, געחנדלט זיך צום שיינעם מיידל, געשיקט יעדער אין געהיים בריוולעך צו איר, געשיקט שדכנים, קאָנקורירט צווישן זיך מיט גוטע צוזאָגענישן, מיט אַנלאָקנדיקע הבטחות, געגרייט פאַר איר די שענסטע געשאַנקען. געקריגן זי — האָט ער זאַמע.

מרדכי מיכאל איז אַרומגעגאַנגען בייז. אים נישט געקענט דאָס מוחל זיין. אָבער נישט ברוגז געוואָרן, נישט איבערגעריסן די פריינטשאַפט. נאָך דער חתונה איז ער געקומען צו זיי אין שטוב. נישט אויפגעהערט זיך קריגן מיט אים, זאַמען, אין פּעשעס קעגנוואַרט. אויסגערעדט אויף אים: ער האָט אים גענאַרט, פאַרמאַליעוועט די אויגן. ער מרדכי מיכאל האָט זי דערזען דער ערשטער, אָנגעוויזן זאַמען אויף איר, און ער איז געלאָפן, אויסגעכאַפּט. צו איר פּעשען אַליין האָט ער אויך געהאַט זיינע טענות: פאַרוואָס זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, צוגעהערט צו זיינע רייד. וואָרעם איז ער דען נישט געווען אַזאַ שיינער פּאַצעט ווי זאַמע, אַזאַ עלעגאַנטער? פאַרוואָס האָט זי אים נישט גענומען?

פּעשע האָט געלאַכט.

— איר האָט נישט געשיקט קיין גוטן שדכן.

— און זאַמעס איז געווען בעסער?

— בעסער, און געהאַט אַליין אַ מויל אויף שרויפן, זיך פאַרשטעלט מיט זיין פּנים.

— זעטס, האָט ער מיך ווידער גענאַרט, געלאָפן אַליין און מיר אַפילו נישט געזאָגט דערוועגן.

אַלע דריי האָבן זיך הייטער צעלאַכט מיט האַרציקן געלעכטער.

די ערשטע יאָרן, האָט ביי אים זאָמען זיך אַוועקגעשטעלט דאָס לעבן שייך. געווען אַריינגעטאָן מיט לוסט אין דער מלאכה. נישט געהאַט אין זינען עפּעס אַנדערש. די פּרנסה איז געפלאָסן ווי אַ שטיל קוואַלעכל. געקומען מיט מי, מיט האַרעוואַניע, אָבער מיט זאַטקייט. פּאַמעלעך איז די שטוב געוואָרן באַוואַקסן ווי אַ שאָף אויף דער לאַנקע מיט איר וואָל, מיט איר פעטקייט. ס׳האָט אָנגעהויבן קומען קליינוואַרג און ער האָט זיך אַזוי געפרייט מיטן לעבן, מיט דער נחלה, מיט ווייב און קינדערלעך, אַז ס׳האָט אים אויסגעזען ער נעמט אָט דאָס לעבן ארום מיטביידע הענט.

אויך מרדכי מיכאל האָט זיך באַשפּינען מיט אַ היים, מיט משפּחה־לעבן. געוואַקסן ביי זיין תבואה־מסחר, געוואָרן אַן עושר. אין זאַמעס שטוב איז ער געקומען שוין זעלטענער. געווען פאַרנומען, געווינט אָפּגערוקט פון שטאָט. אָבער די חברשאַפט האָט ביי זיי נישט אויפגעהערט, אָנגעהאַלטן. מ׳איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף היימישע שמחות, שלום־זכרס, בריתן, תנאימס. און אַז זאַמע האָט באַדאַרפט אַ טובה, אַ גמילות חסד, האָט ער געוווסט מרדכי מיכאלס אַדרעס. מרדכי מיכאל האָט נישט אָפּגעזאָגט. געשטאַנען תמיד מיט אַ גרייטע האַנט אים צו הילף. זאַמע פלעגט אַהינשיקן נאָכן גמילות חסד, ריוולען. מרדכי מיכאל האָט ריוולען אָפּגעהאַלטן לאַנג. אויסדערציילט פאַר איר, פון זייערע, אים און דעם טאַטנס יונגע יאָרן, פון זייערע אָפּגעטאָענע „שטוקעס“. פון דער געשיכטע מיטן שדכנען זיך צו איר שיינער מאַמען, וואָס זי ריוול איז ענלעך צו איר מיטן געזיכט ווי צוויי טראָפּנס וואַסער: „דיין מאַמע האָט פאַרלאָכטן די גאַס, בעת זי האָט אַדורכשפּאַצירט. און איך בין דעמאָלט גרייט געווען אַוועקגעבן אַלץ, קריגן זי פאַר אַ כלה. נאָר דאָס מזל האָט געשפּילט דיין טאַטן. זאָל עס אים זיין אויפן לאַנגן לעבן“.

גערעדט האָט ער לאַנג און אַ סך, ביז ריוול איז געוואָרן מיד און אומגעדולדיק, זיך דערמאָנט צו וואָס זי איז געקומען, און העפלעך איבערגעבעטן: „מען וואַרט אויף מיר אין דער היים, ר׳ מרדכי מיכאל״.

— האַ? יאָ — האָט ער זיך אויפגעוועקט — זיך טאַקע פאַרעדט. ס׳לויפן אייביק אָן די געדאַנקען, ווען איך זע דיך, דערמאָנען מיך, לאָזן נישט אָפּ. נו, מילא... — אַרויסגעצויגן דעם טייסטער. געציילט און ווידער גערעדט, געברומט: „וואָס זאָל איך טאָן, כ׳זאָל נישט וועלן געבן, מוז איך אויך געבן, כ׳קאָן נישט אָפּזאָגן. און ווי מאָדנע דיין פּנים דערמאָנט מיך אין דעם אַלעם. אין יענער צייט...

ריוול האָט דאָס אַלץ שפּעטער אָפּדערציילט אין דער היים מיט גרויס געלעכטער, מיט נאָכמאַכנדיקע תּנועות, העוויות, מיט פאַרוויילונג און מיט ליבשאַפט צום אַלטן.

אין דער לעצטער צייט, אין זיין גרויסער קווייַלונג, האָט ער זאמע גענומען ביי מרדכי מיכאלן אַ גרעסערע הלוואה, אויף אַ לענגלעכן טערמין, מיט צינזן. אונטערגעחתמעט אַ כּתב. מרדכי מיכאל האָט שוין געשיקט מאָנען, איינמאָל, אַ צווייט מאָל. זאמע איז אים אַלץ מדחה, לייגט אָפּ אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדערן טערמין. אָבער וואָס וועט זיין דער סוף. ער מוז דאָך אים אַמאָל אָפּגעבן. פון וואַנען וועט ער נעמען?

זאמע, ווי דאָס פּאַפּירל וואָלט אים באַאומרואיקט, האָט עס פאַרשאַרט עקשנותדיק אונטער אַ בערגל. צוריקגענומען זיך צו די חשבונות. אויפסניי האָט ער נאָכגעקוקט פאַרשידענע צעטלען, קוויטעס, געלייגט זיי איינס אויף ס׳אַנדערע, יעדעס לויט זיין מין און חשיבות; געווען צווישן זיי בראָסטע שטיקלעך פּאַפּיר. צופעליק אָפּגעריסענע פון אַ בלאַט, פון אַ גאַזעטע, פאַרצייכנט מיט גרויסע אומגעלומפּערטע אותיות, צעדרייטע באָטשאַנעס, לאָפּעטעס, אָנגעבראָקטע פון קצבישע הענט; אַנדערע ווידער, מיט דינעם איידעלן כּתב. געשריבן פון קלוג־סוחרישע פינגער. די ווערטער אויסגעלייגט גלייך אין שורהלעך, לעבעדיקע, געדרוקטע; נאָך אַנדערע — היימישע בריוולעך, געשריבן אויף פאַרשידענעם מינים פּאַפּיר. איינס אַזאָס, אַ גרין לינירט בלעטל, אַרויסגעריסן פון אַ קינדערישן קאַיעט, איז אים געקומען צום האַנט. ר׳האָט עס גלייך דערקענט:

דאָס איז געווען אַ בריוול פון לייבעלע שוסטער. דאָרט איז געווען אָנגע־שריבן אַ גאַנצע מגילה, מיט גרויסע קאַטשערעס און בעזעמער. זיי האָבן זיך געשטויסן מיט הערנער, זיך אויסגעלייגט מיט האַלבע און געפּער־טלטע ווערטער. זיי האָבן געשריען, גערופן צו אים, זיך געבייזערט:
„איך האָב איך געגעבן צוויי הונדערט גילדן פריער אויס איר זאָלט מיר פאַרטיק מאַכן די סחורה. די גאַנצע אויף אַמאָל. וואָס שנעלער, די גאַנצע. ווייל איך דאַרף זי האָבן אויפן יאַרמאַרק און מען זעט נישט און מען הערט נישט. איך וויל איר זאָלט מיר שיקן די גאַנצע סחורה. די גאַנצע אויף אַמאָל... כ׳וויל פאַרגרייטן שיכוואַרג. כ׳דאַרף אויפן יאַרמאַרק, די גאַנצע סחורה...״

זאַמע האָט געקוקט אויף דעם געשריבענעם בריוול, אויף די אָוועק־געלייגטע „קלאַפּטערס״, אויף די איבערגעחזרטע ווערטער, זיך פאַרגאַנגען מיט טרויעריקן שמייכל. אין דער שטיל ווי עפּעס נאָכגעמאַכט דעם אַלטן לייבעלע: „וואָס כ׳וויל — וואָס כ׳וויל...״ ער ווייסט גאַנץ גוט, וואָס לייבעלע שוסטער וויל: די גאַנצע סחורה! ער וועט אמת, נעמען אויך דערווייל די העלפט, כאָטש ר׳וועט ברוקעווען שרייען. אָבער ווי נעמט ער פאַר אים די העלפט? ער האָט דאָס אויך נישט פאַר אים אָנגעגרייט. מ׳דאַרף אַהינשיקן ריוולען באַרואיקן דעם אַלטן...

...יאָ, ריוול — איז זאַמען אויפגעגאַנגען אַ נייע מחשבה פון זיין ליבלינג־טאָכטער — אויך זי ריוול איז שוין אַרויס פון די וויקעלעך. אַ שפּראָץ געטאָן אין דער הייך אָן עין־הרע ווי אַ בוים, אויפגעוואַקסן אַ פריילין. אַ פרישע טאָכטער אונטער דער חופה צו פירן. ריוול איז אמת אַן אַנדערע פון פאַניען. קוקט אויפן לעבן מיט אַנדערע אויגן, קלאָרע, פּראַקטישע. האָט אַנדערע צילן. אָבער...

ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט, צוגעשמייכלט מיט די ליפּן:

...זי האָט מיט עטלעכע טעג צוריק אָפּגעלאָזט דער מוטער אַ סוד, וועגן אַברהם לעווקינדס זון, חיים אַלטערן. עפּעס וועבט זיך צווישן זיי... בילא, ער זאַמע וואָלט נישט געהאַט דאַקעגן, כאָטש דעם אמת געזאָגט, איז דער בחור נישט אַזאַ געשליפענער, אויסגעטעקטער ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר זיין קינד. אָבער אַן אָרנטלעכער, פון אַ גוטער היים איז

ער. אַן אַרבעטזאַמער, וועט גוט באַהאַנדלען אַ ווייב. נאָר אויך דאָ וועלן זיך לייגן שטיינער אין וועג, אַזוי גלייבט ער. אַברהם לעווקינד זיין פאָטער, האָט אויף אים זאַמע נישט קיין גוט אויג. זאַמע ווייסט אייגנטלעך נישט פאַרוואָס. ער האָט אים גאָרנישט קיין שלעכטס געטאָן, נישט באַליידיקט, נישט גראָב פאַרגעקומען. נאָר סתם עפּעס אַן אומזיסטע פיינטשאַפט. אַברהם ברוגזט זיך אויף אים, בכן: ער זאַמע איז אַן אַנשטעלער, אַ באַרימער, האָט ליב צו פּוצן זיך אין שיינע פעדערן, זאָגן נישט געשטויגן־נישט געפלויגן, זיך שטעלן גרויס! לאָמיר אָננעמען, ס׳איז וואָר וואָס אַברהם זאָגט, נו האָט ער וועמען דערמיט געקריוודעט, שאָדן אָנגעטאָן? איז אברהמס כבוד דערפון געוואָרן געמינערט? ניין, קיינעמען האָט ער, חלילה, אויף אַ האָר נישט אָנגערירט, קיין היזק נישט פאַרשאַפט. דעם האָנאָר נישט פאַרפלעקט. נאָר אַזוי איז שוין דער שטייגער, ווען מען וווינט אין איין נאָרע, מ׳רייבט זיך אין שכנות, אָרעם אין אָרעם, און איינער אויפן צווייטן קוקט דורכן פענצטער־לעכל.

אָבער צוריק געשמועסט, לאָמיר אָננעמען אברהם וועט יאָ באַשטיין, ס׳וועט שוין אַלץ זיין וווּיל און גוט, דאַרף מען דאָך אויך אויסקאָפּיען אַ פּאָר הונדערט טאָלער: אַ נדן, אַן אויסשטייער, חתונה־הוצאות. נו?

ריוול לאַכט אַפילו דערפון. זי טענהט, זי באַדאַרף דאָס אַלעס נישט. זי איז אַליין „שווה־כסף...״ מ׳וועט איר נאָך צוצאָלן. הערטס אַ מעשה! אמת, זי איז טאַקע די גרעאַטנקייט אַליין, ווויל און שיין. דערצו קלוג ווי דער טאָג און דערביי אַ געטריי קינד. דאָס לעבן וועט זי אָוועקגעבן פאַר דער היים. זוכט צו טרייסטן, פאַרלייכטערן דאָס געמיט. אָבער איינס מיטן צווייטן געהער זיך נישט אָן, פאַר אַ טאַכטער מוז מען אָוועקלייגן אויפן טיש „באַרעס״. דאָס איז נישט פון היינט, פון קדמונים אַזוי.

אַנומלט, ווען ער איז אַזוי געזעסן אין זיין פאַרטרייבטקייט, שטאַרק פאַרזאָרגט. אַ ביטער געפיל האָט גענאָגט זיין האַרץ, דערמאָנט כסדר זיין מצב. זיין ענגע לאַגע, פון וואַנען וועט קומען זיין — „יבוא עזרי״. איז זי ריוול פּונקט אַריינגעקומען, געזען זיין פאַראומערט פּנים, צו אים צוגעפאַלן זיך געטוליעט, צעקלונגען מיט היימלעך קולעכל, ווי אַ צעוויגט גלעקל אויפן זשרעביקלס האַלדז, גערופן:

— וואָס זיצט דער טאַטעשי, אַזוי פאַרזאָרגט, אפשר וועגן מיר, ווי אַזוי מ׳מאַכט מיך חתונה?

— וואָס מיינסטו מיין קינד, ס׳ליגט מיר נישט אין זינען?

— דאָס זאָל זיין די לעצטע זאָרג, דעם טאַטעשיס. כ׳זאָל זאָגן איין וואָרט און צען פאָר בחורישע הענט שטרעקן זיך אויס נאָך מיר... וועלן נאָך צוצאָלן... כאַ כאַ! — און האָט זיך נאָך קוועלנדיקער צעלאַכט.

ס׳איז אים אַליין אויך עפּעס מונטערער געוואָרן אויפן האַרצן פונעם קינדס בטחון, פון איר פריילעכקייט. ער האָט צוריק געטענהט:

— און ווו איז זאַמע האַ? ווו איז זיין בעל־הביתישער כבוד, זיין כּאַטערלעכן אָנזען. איז ער שוין אַזוי געפאַלן, ער זאָל זיינע קינדער אַרויסשטופּן ווי אַן אָרעמאַן, האַ?

— ס׳האַלט נאָך נישט דערביי טאַטעשי — האָט זי שנעל אַוועק־געפירט — אַלץ וועט זיך נאָך אויסהיילן. מ׳דאַרף קודם זען צוריק גאַנץ מאַכן דאָס געשעפט. אַרויסציען וואָס עס לאָזט זיך פון מאַקסן און אַריינגיין אין סינדיקאַט. דעמאָלט גלייב איך, וועט אַלץ קריגן אַן אַנדער פּנים.

ער האָט זיך גענומען דערין פאַרטראַכטן:

— סינדיקאַט זאָגסטו?...

ער זאַמע האָט אין די לעצטע טעג אַ סך געקלערט וועגן דאַזיקן ענין, געקריגן אַ גרויסע שפּירעוודיקייט צו דער אידעע. אמת, ס׳איז אים נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, וואָס זענען די כוונות, די וועגן וואָס פירן צום שותפות. צי וועט עס טאַקע זיין אַ טובה פאַר דער גאַס, פאַר יעדן הויף באַזונדער. נאָר אין אים נאַיעט אַ פאַרנעפּלטע האָפענונג, אַז פון דעם קאָן אַרויסקומען פאַר אים יאָ אַ שטיקל טובה: אַ נייע זאַך, מען זוכט דעם מענטש, דעם מיטגייער, אַ טומלניש, אַ האָוועניש, מ׳קען זיך לייכט מיטדרייען, אויסמישן. אָבער ווידער די אייגענע מעשה: מ׳דאַרף אויך דאָ האָבן מיט וואָס אַריינצוגיין. און צוויטנס — דאָס איי ליגט נאָך אין הונס בויך. עס זענען דאָ אַ סך קעגנער. אַברהם לעווקינד אַליין אויך. און ווער ווייסט צי די זאַך וועט צושטאַנדקומען.

און ער באַדאַרף שוין די הילף, די גרויסע הילף. די זון איז פאַרשטעלט

פאַר זיין שטוב מיט טומאַן, מיט וואָלקנס. ער ווייסט נישט וווּ־אייִן, וווּ־אויס. גאָט זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען, ס׳זאָל פאַר אים זיך צוריק אויסלייטערן דער הימל —

זאַמע, פאַרטיפט אין זיינע רעיונות, האָט נישט געהערט, ווי די טיר האָט זיך פאַמעלעך אָפּגעלענט. עס איז ווער אַריינגעקומען. ער האָט זיך געכאַפּט, ערשט ווען ריוול איז שוין געשטאַנען נאָענט פאַר אים. זאַמע האָט אויפגעהויבן די אויגן, פאַרפינטלט מיט שטוינונג, ווי ער וואָלט אויפגעקומען פון שלאָף. מיט דער האַנט שווערלעך אַפיר געטאָן איבערן שטערן, איבער די מיד אָנגעשטרענגטע אויגנלעדלעך, אָנגע־שטעלט די בליקן אויף ריוולען.

— פונוואַנען קומסטו מיין קינד?

ריוול האָט געזען די מידקייט אויפן טאַטנס פּנים, די קנייטשלעך ביי די שליפן צוזאַמענגעפּאַלדעוועט אין אַ פּעכערל. צוויי אויסגעצויגענע ליניעס ביי די מויל־ווינקלען, וואָס אַן אַנדערש מאָל זענען זיי פאַרבאָרגן, פאַרדעקט. תמיד ווען ער ווערט באַטריבט און מיד, באַקומט ער אַזאַ שווערן פאַרעלטערטן אויסזען. די הויט ווערט בלאַסלעך, אָפּגעצויגן. דינע רויטע אָדערלעך לייגן זיך אויס אויף די שפּיץ באַקן. די שטענדיקע פריילעכקייט, מונטערע מראה, ווערט אָפּגעריננען, פאַרשוווּנדן, און דאָס מאַכט אינגאַנצן פאַרענדערט זיין שיין מאַנסביליש געשטאַלט.

אַ גרויסער רחמנות האָט זי אַרומגענומען פאַרן טאַטן, פאַר איר גוטן ליבן טאַטן.

— טאַטעשי — האָט זי מיט קינדערישער ליבשאַפט זיך מער צו אים געצוגעטערט — וואָס זיצט דער טאַטעשי אַזוי אַליין, און אַזוי באַזאָרגט?

— וואָס כ׳זיץ אַליין פרעגסטו? זעסט דאָך, כ׳טו עפּעס — און די שוואַרצאַפּלען האָבן אַ שווים געטאָן אַהין צו די פּאַפּירן. באַלד צוריק אומגעקערט צו איר — יאָ, כ׳טו, זעסט דאָך...

— דער טאַטעשי איז שוין מיד, דאַרף אָפּרוען.

— מילא, נאָך אַ ביסל, כ׳האָב דאָך שוין אָנגעהויבן... יאָ פונוואַנען קומסטו?

— כ׳בין געווען פאַרנט אין שטאָט.

— מיט וועמען האָסטו זיך געזען?

— כ׳האָב זיך געזען מיט מענטשן. אויך מיט חיים אַלטערן, גערעדט מיט אים.

— נו?

— ער וועט צושטיין צום סינדיקאַט.

— וואָס זאָגסטו — יאָ?!

און זאַמע האָט מיט אַמאָל באַקומען ראָזע פאַרבן אין פּנים. אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי די טאָכטער וואָלט אים מיט דעם אָנגעזאָגט די בעסטע בשורה. און הגם מיט אַ מינוט פריער האָט ער נאָך אַליין געספקט, געצווייפלט צי דער ענין האָט עפּעס אַ האַפט, אַ קיום, האָט עס אים אין דער רגע, אין זיינע ענגענישן, אין זיין אינערלעכער קווילונג, וואָס האָט געשריגן נאָך ישועה, נאָך אויפבינדונג, נאָך אָנהאַלט, אויסגעוויזן, אַז די זאַך איז אַ רעאַליטעט, האָט אַ חיזוק, און פאַר זיין שטוב — די רעטונג. אַזוי איז אין דער טבע פון אַ מענטש, ווען עס נעמט זיך וואַקלען זיין עקזיסטענץ, טוט יעדער קלענסטער פונק אויפבליצן פאַר אים מיט אַ גרויס פייער, ביי וועלכן ער זוכט וואַרעמען זיך זיין טרינקענדיקער וועלט.

— הייסט עס, ס׳האָט יאָ אַ ממשות — איז זאַמע געוואָרן נאָך מער וואַכיקער, און זיינע אויגן האָבן געגלעט מיט גוואַלדיקער ליבשאַפט זיין בלוט און פליש — האָסט מיר געברענגט אַ גוטע בשורה, מיין קינד. גאָט זאָל דיר דערפאַר באַצאָלן מיט אַ סך גוטס און פרייד.

— איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין דער אייניקייט קאָן מען אַ סך געווינען. פאַרלירן גאָרנישט — האָט ריוול ווייטער געשמידט דאָס גליענדיקע אייזן, כדי דעם פאָטער נאָך מער דערמוטיקן — איך האָב אים אויפגעוויזן, און ער גלייבט.

— האָסט אים געגעבן ריכטיק צו פאַרשטיין, מיין קינד, ווי קלוג אָן עין הרע דיין פאַרשטאַנד, דיין האַרץ איז!

זאַמע האָט געטריי אַנגעלענט זיין בליק אויף דער טאָכטער: זיין ריוול, זיין קלוג קינד, זיין געביין, ווי זי זעט אַלץ מיט קלאָרע אויגן!

פילט מיט, זאָרגט פאַר דער היים. און ווי שיין, מלכותדיק, זי איז אויסגע־וואַקסן, אָן אַ בייז אויג, ווי אַ שיינע רויז. אַ דאַנק דעם באַשעפער אין הימל; זיינע קינדער האָבן חן אין מענטשנס אויגן. זאָלן זיי אויך חן געפינען אין זיינע גאָטס אויגן אַליין. ער זאָל זיי נישט פאַרלאָזן, פאַרשעמען.

זאַמע האָט אומגעריכט אַ רוק געטאָן דעם שטול פון הינטער זיך, אויפגעשטאַנען. אַ רגע באַטראַכט ריוולען מיט פאַטערישן שיין. אַרויפ־געלייגט זיין האַנט אויף איר קאָפּ ווי ערב יום־כפור צום בענטשן און מיט פייערלעכן קול, געזאָגט:

— ס׳זאָל זיין פאַר אונדזער גוטן מיין קינד, פאַר מיר און פאַר מיין הויז, פאַר מיינע קינדער.

ריוול איז געשטאַנען מיט הכנעה אַנגעבויגן אונטער טאַטנס האַנט. דערפילט דעם אָפּציטער פון זיינע פינגער; דערהערט די פייכטקייט אין זיין שטים. אַנגענומען די זעלבע טאַטעשע האַנט, זי צוגעברענגט צו איר מויל, געטריי אַ קוש געטאָן.

— ס׳וועט זיין אַלץ גוט. זאָל דער טאַטעשי זיך נישט אַזוי מצער זיין. דער טאַטעשי וועט זען...

— הלוואַי פון דיין מויל אין גאָטס אויערן. כ׳גלייב דיר מיין קינד.

זאַמע איז אין די מינוטן געוואָרן געשטאַרקטער, געלייטערטער, דערפילט אַ פאַרגרינגערטקייט אין האַרץ און מיט דעם אויך דעם אויפגעוועקטן הונגער. זיך דערמאָנט, שוין פון לאַנגע שעהן האָט ער נישט געהאַט אין מויל גאָרנישט. געווען פאַרגעסן פון אַלעם. געזאָגט צו ריוולען:

— גיי טאָכטערשי מאַך עפּעס אַ טרונק. ס׳האַרץ איז מיר אַוועק. כ׳זיץ שוין דאָ אַזוי לאַנג, פאַרגעסן ווי כ׳בין אויף דער וועלט.

— ווו איז די מאַמעשי?

— זי ליגט אַנגעלענט אויף דער סאָפקע אין דער גרויסער שטוב. וועק זי נישט, זאָל זי דרימלען. זי איז נעבעך מיד. ווען ס׳וועט זיין עפּעס פאַרטיק, וועט מען זי אויפוועקן, און צוזאַמען זיך אַוועקזעצן צום טיש.

גאַרבער־גאַס

— גוט. איך גיי אַרײַן שוין וואָס צוגרייטן.

ריוול איז מיט פלינקע טריט אַוועק אין קיך.

זאַמע האָט זיך אויסגעראַנגלט, אויסגעריבן די אָנגעמידעטע געזיכט־מוסקולן, אויסגעגלעטיקט די אײַנגעצויגענע הויט אויף די שלייפן און שטערן. אַ וואָרף געטאָן ווידער אַ בליק אויפן טיש, אויף די פּאַפּירן, געזאָגט צו זיך: „כ׳וועל שוין איצט מער נישט טאָן. אַ צווייט מאָל. דעמאָלט קאָן זײַן שוין אַ פאַרגרינגערונג און הרחבה אין מײַן שטוב. מ׳האָט שוין אַזוינס געזען. ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך"...

ער האָט צוזאַמענגענומען די אַלע קוויטעס, אַרײַנגעלייגט צוריק אין דער לעדערנער טאַש. זײַנע אויגן האָבן זיך אויפסנייי אויפגעהויבן אין דער הייך און זײַנע ליפּן האָבן גענומען מורמלען, שעפּטשען:

— „אל רחום וחנון, זאָלסט נישט פאַרגעסן אין זאַמעס הויז. פּרנסה ליגט אין דײַנע הענט. און דו ביסט אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער. קוק אויף מיר, אויף מײַן הויז און האָב רחמנות אויף מיר, ווי איך דער טאַטע האָב רחמנות אויף מײַנע קינדער!"

אַ פאַרלייכטערטער, אָנגענומען מיט טרייסט, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין גרויסן צימער אויפוועקן פעשען.

קאַפּיטל עלף

ווי דאָס הויז וואָס ברענט אינעווייניק...

ביי זאַמע שאַרפשטיין האָט געברענט דאָס הויז פון אינעווייניק. שטיל געטליעט, געזענקט די פונדאַמענטן, דערנענטערט די שעה, ווען ס׳קען חלילה, אויסברעכן אַ גרויסע שריפה, און ס׳וועט שוין זיין שווער צו לעשן.

פון דרויסן האָט מען נאָך דערוויל גאָרנישט אָנגעזען. פאַר אַ פרעמד אויג איז אַלץ געווען פאַרגלעט און פאַרפוצט, פאַרשמירט און פאַרלאַקירט: געקנייפּט די באַקן די פאַרב זאָל שטיין, אָבער אינעווייניק האָבן אין דער מויער, זיך באַוויזן שפּאַלטן, געפּאַלן שטיקער פון די ווענט; די אַמאָליק יוסטע, אַזוי פריילעך געזונטע שטוב, האָט זיך געטרייסלט, געהאַלטן ביים איינפאַלן.

געברענגט דערצו, האָט דאָס, וואָס זאמען האָט זיך פאַרגלוסט ווערן אַ געשעפטס־מאַן, האָבן אַ צוגעשריבענעם נאָמען אין דער וואַרשעווער פירמע, אַריינגעגאַנגען מיטן זון אין שותפות.

דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס, אין סאַמע האַנדלס־צענטער, האָט פון אַן אַלט גרויס הויז אַראָפּגעשריען אַ שילד מיט גרויסע צעהילעכטע רעקלאַמע־אותיות: „מאַקס שאַרפשטיין עט קאָמפּ. פאַרקויף פון אַלע מינים לעדערוואַרג, פון גרויסן אויסוואַל, פון בעסטער קוואַליטעט, גוט און ביליק, אויף די לייכטסטע באַדינגונגען, קומט און איבערצייגט אייך!״

מאַקס מיט זיין פריילעכער קאָמפּאַניע, האָבן אַריינגעלייגט אין שותפות, דאָס וואָס מ׳האָט אַריינגעלייגט און גענומען שפּילן וואַ־באַנק. עס איז דאָך נישט ערגער פון אַ רולעטקע ווו מ׳זאַלצט״ איין און מען וואַרט אויף מזל: פעל אָדער טרעף! און אַז מען טרעפט איז גאָר גוט. בפרט

נאָך, אַז מ׳איז געווען גענוג פאַרזיכטיק, פון פריער אויס זיך פאַרזיכערט מיט די אייגענע היימען, פאַרשריבן אויף „באַגרענעצטער אַחריות״. דאָרט אַהין וועט דער מאַנער נישט קומען.

דאָס געשעפט האָט מען געפירט אויפן האַזאַרדישן שטייגער, מיט פּזרנות, מיט ווילערישקייט, מיט שפּרונג אויף רייך ווערן. די סחורות — אַזוי גרינג ווי מ׳האָט זיי געקריגן, אַזוי גרינג זענען זיי אַוועק. געשאָטן אויף לינקס און רעכטס, פאַר געלט, אָן געלט, פאַר באַרעס, אויף באָרג, אויפן וואָרט, אַ וועקסל, אַ בלויז שטיקל פּאַפּיר מיט אַ חתימה; ווער ס׳האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט האָט געקריגן: „אָבראָט, אָבראָט!״, האָבן זיי געהירזשעט בחברותא. דער עיקר איז אָבראָט, באַטריב! אָבראָט מאַכט דאָס געשעפט, מאַכט פאַרמעגנס, מאַכט רייך.

מאַקס האָט צום פּאַס האַניק אויך צוגעשלעפּט דעם פאָטער. אַנגערעדט, ער זאָל קומען אַ לעק טאָן פון דער זיסקייט. צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן: „טאַטע, ס׳איז אַ צייט, מען קאָן רייך ווערן, גיין באַרג אַרויף. עס טומלט זיך אַ וועלט מיט מסחר. ס׳ליגט גאָלד אין די גאַסן. שטעק אַריין דיין טייל, שיק סחורות, מ׳וועט צוריקשיקן געלט. וועסט דערביי אַ סך געווינען...״ זאמע געטאָטשעט שוין לאַנג פון אַן אינערלעך ווערעמל, פון אַ לאַקנדיקן נסיון, עפּעס צו אַזאַ ענלעכס דערגרייכן, האָט זיך לייכט געלאָזט אָנרעדן, אָנגעכאַפּט אין דער מציאה. געשיקט סחורות: כראָמעס, בלייזן, בוקאָטן, יוכטן — לעדערס, וואָס האָבן נאָך געאָטעמט מיט זייער לעבעדיקער פרישקייט, פאַרשמעקט מיטן נאָך נישט אויסגע־ וועפּטן דאַמב און כראָם־ריח, געבעטן זיך ממש אין גוטע הענט אַריין...

אין וואַרשעווער געשעפט זענען זיי גיך „פאַרברענט״ געוואָרן אונטער די פינגער: לייכט געקומען, לייכט גענומען, לייכט געגאַנגען. געלט האָט מען אָפּגעשיקט דערווייל די העלפט, און שפּעטער נאָך וויניקער: „טאַטע, אויף דיין קאָנטע איז שוין פאַרשריבן אַ שפּאַרע סומע. מוזט נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן, ביז מען וועט איינקאַסירן אַלע חובות, וועקסלען, אינקאַסעס. שיק צו פרישס. איינס וועט דעקן דאָס צווייטע. ס׳ראָד וועט זיך דרייען. געלטער וועלן פליסן ווי אַ שטראָם. דעמאָלט, אַ דעמאָלט טאַטע וועסטו זען...״

מאַקס בריוועלעך זענען געקומען איילִיק, אָנרעדנדיק, פאַרלאָקנדיק, געוועקט, צעמישט, אונטערגעטריבן די לוסט צום ווייטערדיקן אָנטייל, צום ווייטערדיקן שיקן — צום האָפן אויפן קומענדיקן געלט־שטראָם...

זאַמע האָט די צוגעזאָגט הבטחות, די דעקונגען נישט געזען פאַר די אויגן. וואָס ער האָט יאָ געזען, זענען געווען — וועקסלען, שמאַטעס, ווערטלאָזע פאַפּירלעך, וועלכע די סוחרים האָבן צוריקגעברענגט נישט אויסגעלייזטע, צוריקגעוואָרפן ווי אומווירדיקע „אשר־יצרס". דאָס לאָך אין זיין גאַרבעריי האָט זיך מיט יעדן טאָג געטיפערט, געוואָרן גרעסער. זאַמע האָט געזען, ער שטעלט זיך בדלות. דער זון פירט אים אין באָד... אויפגעהערט שיקן. ס'איז אָבער שוין געווען צו שפּעט.

זאַמע אָפּגעצאַפּט פון די בעסטע אָוועקגעשיקטע פאַרטיעס לעדער, איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אוממעכטיק. ס'איז אים שווער געווען אָנפילן צוריק די פעסער מיט רויוואַרג, צוריקקומען צו די כוחות. זיין בילאַנס האָט זיך מער נישט אויסגעגלייכט, געמומען אונטער־הונקען. ער האָט נישט געקאָנט אָפּדעקן די אַלטע חובות און אָנגעטראָפן שוועריקייטן ביים באַקומען נייע. די וואָגשאָלן האָבן זיך מער נישט געוויגן אין גלייכער ריכטונג. איינע האָט תמיד אַראָפּגעשוועדט, און דווקא — די מינערע, די פאַרשולדיקטע.

אָבער אַ מענטש מוז זיך דאָך ראַטעווען, אויפהאַלטן זיין עקיסטענץ, בפרט, ווען עס שטייט אין גורל — אַ שטוב, אַ ווייב, קינדער, דער אייגענער כבוד. און זאַמע האָט מיט אַלע קרעפטן געזוכט די הצלה, די רעטונג. דאָס דערהאַלטן זיך אויף אויבערפלאַך. אַליין אַ באַלעבאָס מיט אַן אָנשטענדיקן נאָמען, מיט אָנזען, אַ גוטן שם ביי סוחרים, קליענטן, און מיט אַ שטענדיק היימיש געלעכטערל אויף די ליפּן, וואָס האָט די האַרטסטע וואָר געקאָנט מאַכן פאַרווישן פאַר פרעמדן אויג — האָט זאַמע גענומען שפּילן דאָס טריבע, שווערע, נישט ווייניק ריזיקאַלישע, אָבער געצוווּנגענער שפּיל: „מעק זיך און שטעל זיך..." אויף איין אָרט האָט ער געכאַפּט ביי אַ ידיד אַ גמילת־חסד, נאָר אויף עטלעכע טעג און אָפּגעהאַלטן עטלעכע וואָכן; אויף אַ צווייט אָרט, אַ שטיל הלוואהלע אויף צינזן; דאָ האָט ער פאַרקויפט לעדער אין פאַס צו די היימישע שוסטערס,

געגומען ביי זיי האַנטגעלט אויף פּאַרויס, און שפּעטער פאַרקויפט די זעלבע סחורה מיט אַנדער האַנטגעלט צו אַן אַנדערן סוחר; ביי איינעם האָט ער געבעטן אַ טובה־וועקסל, ביי אַן אַנדערן אַ טובה־זשירע. דאָ געמעקט, דאָרט געדעקט, דאָ פּאַרלאַטעט, דאָרט פּאַרשטעלט, דאָ גענומען, דאָרט געגעבן.

פון דער טבע אָבער אַז מען פאַרקויפט סחורה, וויל יענער — די סחורה. אַז מען גיט אַ גמילת־חסד, וויל יענער צוריק אָפּ דאָס גמילת־חסד. און זאַמען איז שווער געווען ביידע זאַכן צו דערפילן. איין עק האָט זיך מער נישט געבונדן מיטן צווייטן. די אָנגעצויגענע רייף איז געווען געפּלאַצט און זיך מער נישט געלאָזט צוזאַמעניטן אַרומען פּאַס.

זאַמע האָט די לאַגע גוט געזען. געזען דער הויף שרימפּט איין. די פּעסער ווערן וואָס אַמאָל מאַגערער, לערער. די מאַנערס העפּטיקער, צודרינגלעכער. געוווּסט: דאָס קריגל גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער, ביז דאָס אויערל רייסט זיך אָפּ... אויך ביי אים וועט זיך עפּעס אָפּרייסן. דעמאָלט וועט ער בלייבן שטיין אָדם־נאַקעט, מיט אַ גרויס געשריי פאַר דער וועלט.

— פּעשע קרויך, וואָס טוט מען, ס׳ווערט אַלע מאָל שווערער און ענגער. אַ שטריק פאַרציט זיך אויף מיין האַלדז — איז זאַמע אין זיין הילפלאָזיקייט צוגעפאַלן צו פּעשען, זיין געטריי ווייב, אויסקלאָגן זיך.

פּעשע, וואָס איז מיט אים געגאַנגען אין שפּאַן, אַ גרויס שטיק וועגס, צומאָל אויך אויף שווער־שטיינערדיקן באָדן, אונטערשטעלנדיק תמיד איר אַקסל, מיטצוהייבן די משא, האָט געקוקט אין דעם מאַנס פאַריאושטע אויגן, געזען דאָס תהומיקע, וואָס שרייט פון דאָרט אַרויס און אַליין דערשראָקן געוואָרן. זי האָט אַלץ גוט פאַרשטאַנען. נישט געדאַרפט איבערפרעגן. אָבער לײדער, מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. פּעשע נישט צוגעוווינט צו מישן זיך אין געשעפט, איר גאַנצער פלייס, ענערגיע, אַוועקגעגעבן פאַר דער שטוב, פאַר דער ווירטשאַפט, פאַרן וויל פון אַלע, אָפּגעהיטן דעם מאַן, די קינדער, קוים צייט געהאַט אָפּדעכן פון דער שווערער אַרבעט, וועלכער זי האָט געטראָגן ווי אַ הייליקן חוב — האָט איצט אין זיין זוכן ביי איר הילף גאָרנישט געוווּסט

אים וואָס צו זאָגן, מיט וואָס לייכטער מאַכן. ווען עס זאָל זיין געוועגדעט אין איר אייגן לעבן, ווייסט איך גאָט אין הימל, וואָלט זי עס אָן וואַקלעניש אַוועקגעגעבן, די שטוב זאָל זיך אָפּראַטעווען. מען קאָן אָבער אַ ביטערע גזירה מיטן אייגענעם נפש אויך נישט אָפּקויפן.

— וואָס קאָן איך דיר זאָגן זאמעשי קרוין, כ'ווייס אַליין נישט. כ'ווייס נאָר, דער אייבערשטער זאָל זיך אויף אונדז מרחם זיין. נאָר ער קען אונדז אַרויסנעמען פון דער צרה, פון אונדזער ענגעניש. איך בין צו שוואַך דיר צו געבן אַן עצה, אַ ריכטיקן ראָט. לאָמיר בעטן צו אים. ביי אים זענען דאָ אַ סך וועגן און מיטלען.

זאמע האָט געזען, זי קען אים טאָקע גאָרנישט זאָגן. אויך אַנדערע האָבן אים נישט וואָס צו זאָגן. דאָס אומגליק איז גרויס. דערביי האָט ער געדענקט, אַז זי, פּעשע, האָט נישט אינגאַנצן מסכים געווען צום אַוועק־שיקן די סחורות אַהין קיין וואַרשע. אָפּטערס אים געגעבן אָנצוגעהע־רעניש דערוועגן. ער נאָר, פאַרגלויבט, פאַרקאָכט, פאַרבלענדט, האָט געהאַט פאַרשטאָפּטע אויערן צום איינהערן. געטאָן דאָס זייניקע. איצט, וואָס קאָן ער צו איר האָבן. זי טוט אים נישט פאַרוואַרפן, נישט דערמאָנען, ווייל זי איז אַ צדיקת צו אים. און זאמע האָט זיך געהאַלטן דעריבער פאַר נאָך מער שולדיק, געגלייבט אין אירע רייד, אַז ס'איז נישט מער געבליבן ווי זיך איבערגעבן אין גאָטס הענט, ער זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען, רחמנות האָבן.

און ביי זאמען אין שטוב איז מען אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט, מיט תפילה אונטערן האַרצן, מיט אויסוואַרטונג אויף אַן אומגעריכטן נס, אויף אַן אומדערוואַרטעטע הילף, וואָס זאָל קומען באַפרייען פון די נויט־קייטן, פון דער שאַנד.

מיטן אָנטראָגן זיך פון די קלאַנגען וועגן „סינדיקאַט", האָט עפּעס אַ בליק געטאָן מיט שיין פון יענעם אויסגעוואַרטן נס. אין זאמען איז אויפגעגאַנגען די האָפענונג, אַז אין דער אַלגעמיינער קהלשער קאָכעניש, אויפברויז, קאָן ער אַן אָרט געפינען, זיך מיט אויסמישן, מיטדרייען. אין אַ כלל איז גרינגער זיך אָנצוהאַלטן — עלעהיי אַ וואַנט, וואָס האַלט ביים איינפאַלן און אַ סך פּלייצעס האַלטן אונטער, לאָזן זי נישט בייגן זיך צו

דער ערד. זאָל ער נאָר אַריין אינעווייניק, מיטפּאַרען זיך, וועט ער פּאַמעלעך קומען צו די כוחות, זיך שטעלן אויף די פיס.

— ווי מיינסטו פּעשע לעבן, וועגן דער זאַך, האַ? — איז זאַמע ווידער געקומען צום ווייב, שוין מיט געוועקטערן בטחון, אָנדייטנדיק אויף דעם סינדיקאַט.

— וועגן דעם מיינסטו? כ׳וויס, קאָן זיין, ס׳וועט טאַקע אַרויסקומען אַ טובה פאַר אונדז. רעד איבער מיט ריוולען, זי פאַרשטייט דאָך אין די זאַכן גוט. זי וועט דיר זאָגן אַ גלייך וואָרט.

זאַמע האָט איבערגערעדט מיט דער טאָכטער.

— וואָס זאָגסטו מיין קינד, וועגן אָט דער נייער זאַך, צום סינדיקאַט?

— דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג — האָט ריוול גלייך צוגעשטימט, ווי זי וואָלט אַליין שוין דערוועגן געטראַכט און באַקומען אַ דעצידירטע מיינונג — מען דאַרף צוהעלפן טאַטעשי, דער וואָגן זאָל זיך רירן פון אָרט...

— אַזוי זאָגסטו מיין קינד, און ווי אַזוי?

— מען דאַרף רעדן מיט מענטשן, צורעדן, אויפווייזן די טובה. איך אַליין וועל אויך עפּעס טאָן. איך וועל רעדן מיט חיים אַלטערן.

— אַזוי זאָגסטו. אפשר יאָ, אפשר איז דאָס טאַקע אַ גלייכע זאַך.

ס׳איז געווען ווי דאָס שווימענדיקע ברעט, וואָס ווינקט צום טרונקענ־דיקן, ער זאָל דערלאַנגען זיין האַנט, זיך אָנכאַפּן, ראַטעווען.

*

ריוול איז געווען אַ קלוג מיידל, אַ געטרייע פאַר דער היים, געשטאַנען דעם טאַטן תמיד צו רעכטס. עס איז איצט ביי איר אַלץ אַזוי אַנדערש געווען פון יענע טעג, ווען פלירט איז געווען איר אָטעם, איר חיות. באַהערשט פון אַ ראָמאַנטישן הונגער, וואָס זי האָט אים גאָרנישט געקאָנט שטילן, איז איר לעבן געווען אויסגעפילט מיט ליבענישן, מיט ראָמאַנסן, מיט אינטריגעס. מיטן אָנרוקן זיך פונעם טונקעלן וואָלקן איבער זייער הויז, איז זי געוואָרן אַרומגענומען מיט שרעק, מיט ערנסטער דאגה, געזוכט אַן אָנלען.

אליעזר אלעי

זי האָט דאָס געוואָלט געפונען אין חיים אַלטערן.

די פריינטשאַפט מיט חיים אַלטערן איז געווען אין דער ערשט, נאָר אַ צייט־פאַרטרייב, צו שטילן איר אומרואיקער נאַטור, וואָס האָט געמוזט פון צייט צו צייט זיך זעטיקן מיט קליינע אַוואַנטורעס. אין ריוולס בלוט איז געלעגן אַ תאווה צו פאַרפלאָנטערן תמימותדיקע בחורים, אַרויסרייסן זיי פון אַנדערע מיידלשע הענט און דווקא פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן געטריי אַנגענומען. זי האָט ביי אַזאַ להכעיס־אינטריגישע שפּיל אַנגעווענדעט אַלע אירע כיטרע ראַפינירטע מיטלען: איר קלוג באַלעזענע שפּראַך, אירע הייסע שפּילנדיקע אויגן, איר פאַרפירערישן שמייכל. זי האָט נישט פאַרגעסן צו ברענגען אין באַוועגונג, ווען מ׳האָט באַדאַרפט, אַנדערע קערפּערלעכע רעסורסן: דעם וויג מיטן רייפן בוזעם, הויך־קוועליק געלעכטער. אַ טרייסל מיט די היפטן, אַ וואָרף מיט דעם שיינעם געלאָקטן קאָפּ — אַלץ, וואָס האָט געקאָנט לאָקן, אָנרייצן, דערנענטערן. ווען דער פאַנג איז שוין געלעגן אין איר נעץ, ווי דאָס פישל אין שאַטקע, האָט זי נאָך אַ לוסטיק אָפּשפּילן, ווי מען שפּילט זיך אַמאָל מיט אַזאַ פריש אַרויסגעצויגן פישל פון וואַסער — צוריק אַוועקגעוואָרפן.

חיים אַלטער האָט אויך געזאָלט זיין אַזאַ קרבן. זי האָט מיט די זעלבע מיטלען קונציק אים אַריינגעצויגן אין איר פאַנג־נעץ.

ריוול האָט געזען דאָס פּאָרל איז עפּעס צופיל גליקלעך. די עטל פרייט זיך מיט דעם בחור, ווי מיט אַ גרויס געווינס. ס׳פּנים שיינט איר, און ס׳האָט איר פאַרדראָסן: ווי קומט עס? ער איז פון זייער גאַס און יענע אַ פרעמדע, פון פאַרנט ערגעץ אין שטאָט, פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל דאָ אַהער צו אירס אַ שוועסטער — נו איז וואָס? חיים אַלטער איז אמת, נישט געווען פון איר גוסט, פון איר געשמאַק. אויסערלעך אַ צעוואַקסענער, מיט צעשפּאַרטע אַקסלען, אַ ביסל אַ מגושם, לאַנגע שווערע הענט, אַ יינגלש נאַיוו פּנים, וואָס האָט זיך לייכט געררויטלט, פאַרשעמט. די האָר — העלע, גלאַטע, ווי ווייצענע זאַנגען, וואַקסן עטוואָס אַרייך אין שטערן, וועלכער ליגט אַ שמאָלער און זאָגט נישט אויס, פון גרויסע מחשבות זאָלן זיך דאָרט באַוועגן, קרייזן; פון דער צווייטער זייט

האָט זי אָבער געוווּסט עפּעס אַנדערש: ער איז אַ שטאַרקער פעסטער בחור, אַ גוט־סיטואירטע הײם, אַ קעשענע געלט. אַלײן איז ער אַ גוט־האַרציקער, אַ װײכער, אַ נאָכגיביק טײג, װאָס געשיקטע הענט קאָנען עס קנעטן, פאָרמענען אין װאָס פאַר אַ כלי זײ װילן; דערבײ איז ער אויך אין דער נאַטור אַ לוסטיקער, אַ גוטמוטיקער, האָט אַ װילן צו פאַרברענגען, װײלן זיך, טראָגט נישט אין זיך דאָס אַנגעכמורעטע געמיט, װי ס׳רוב בחורים אין גאַס, און אויך נישט די קאַרגערישע טבע פון אַ גאַרבער־מענטש, װאָס ליגט אויפן גראָשן האַרט װי אַ הונט אויפן בײן, היט אים װי אַ הײליקע קמיע. אדרבה, װי די מײדלעך האָבן צװישן זיך דערצײלט, האָט חיים אַלטער ליב זיך לאָזן קאָסטן אַ גילדן, פונדירן אַ מײדל, צוטײלן איר הנאה.

פאַר ריװולען האָט זיך דאָס צוזאַמענגעלײגט אין אַ גוטן סך־הכל, גערײצט איר אינטריגאַנטיש געפּיל, װי אַ קאַץ, װען זי דערשמעקט אַ װאַרעם טעפּל מילך: ס׳קאָן נישט שאַטן אַ פּרוּװ טאָן ס׳מזל, זיך אַ ביסל פאַרװײלן מיט אָט דעם ליבן כעװרעמאַן, האָט זי צו זיך געזאָגט.

ס׳האָט זיך געמאַכט, חיים אַלטער איז אַמאָל אַהײמגעקומען אַלס סאָלדאַט פון יונגן פּױלישן מיליטער — אַ קאַװאַלעריסט. אין אַ לאַנגן נײעם סאָלדאַטסקען שינעל, אַ ברײט לעדערנעם פּאַס אַרומגענומען די לענדן, אין זײט אַ קרום געבױגענער שװערד, װאָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אויפן ברוק, צוגעקלימפּערט. אויף די הױכע קאַװאַלעריסטישע שטיװול, לאַנג־נאָזיקע שפּאָרנס. ער האָט אויסגעזען אַ גאַנצער כװאַט, נישט צום דערקענען — אַ יונג מיט בײנער! די גאַנצע גאַרבער־גאַס קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן אויף װוּנדער. געטײטלט מיט די פינגער, גערופן: „זעטס נאָר זעטס, אונדזער חיים אַלטער!“.

ריװול איז גראָד געשטאַנען פאַר זײער טירל פון הײפל, געזען דעם פרײלעכן פּאַראַד, װאָס האָט אויסגעקוקט װי מ׳זאָל אַ חתן פירן צו דער חופּה. אין אירע אויגן האָט עפּעס אויפגעבליצט; זי האָט װי צום ערשטן מאָל דערזען, דעם צװאָקסענעם גבֿרדיקן בחור: אמת גאָר אַ בראַװער יונג! — האָט זי צו זיך געזאָגט. אָפּגעװאַרט ביז ער װעט פאַרבײגײן זײער הױז.

ווען ער האָט זיך דערנענטערט, האָט זי אים אַנטקעגנגעשמייכלט מיט איר ווייס־ציינערדיק מויל:

— אָווא, גאָרנישט צו דערקענען, אַ גאַנצער פּאַרוטשניק, אַן אַנדערער מענטש!

חיים אַלטער האָט זיך באַגאָסן מיט רויטער פאַרב, געבליבן שטיין. העפלעך זיך פאַרנויגט, אָפּגעגעבן „טשעסט" אויפן זעלנערישן שטייגער, דערלאַנגט די האַנט.

— טשאָלעם! (איך בוק זיך!).

ריוול האָט געהאַלטן זיין האַנט אַ טראָפּעלע לענגער ווי מ'באַדאַרף. די אויגן האָבן ביי איר געמרוזשעט ממזריש, קעציש, געבויגן די ווייעס אין שפּעלטלעך. אים אַנגעקוקט מיט אַ האַלב פאַרמאַכט אייגל. פּלוצעם אויפגעעפנט אינגאַנצן, אויסגעשאָסן מיט אַן איינגעהאַלטן פאַרלאָקנדיק געלעכטערל: אַ גאַנצער כוואַט, ווי כ'לעב! חיים אַלטער האָט זיך נאָך מער פאַרלוירן, געוווּנדערט: זי ריוול גאָר! געפילט, ס'ווערט אים הייס אונטערן מאַנטל. אַ וואַרעמע פּיכטקייט, קלעפּט זיך צום לייב. אָפּגעלאָזט איר האַנט, זיך געזעגנט: געהאַלטן, פאַר איינמאָל איז עס גענוג. אַוועקגעגאַנגען. ווען ער איז שוין געווען אָפּגערוקט אין שטח, האָט ער פּאַוואָליע אומגעקערט דעם קאָפּ, זי געזוכט. ריוול איז דאָרט מער נישט געשטאַנען. באַטראַכט די האַנטפלאַך ווו איר הענטל האָט זיך ערשט געפינען און אויפסניי דערשפּירט די גלעטנדיקע וואַרעמקייט פון אירע פינגער, אָפּגעזיפצט:

— „אַ מויד, אַ טייוול. ווי קומען זיי די אַלע מיידן צו איר. אַפילו זיין אייגענע עטל. זיי זענען קעגן איר קאַרליקלעך. איר שמייכל! איר בליק! דאָס מויל לאַכנדיקע ציין — קאָן אַ טויטן אויפוועקן! אַן אָדלערכע קעגן קליינע פייגל!".

נישט צו וויסן, ווי אַזוי האָט דאָס באַגעגענען זיך צווישן זיי, פון דעמאָלט אָן, גענומען טרעפן עפּטערס. אָט איז חיים אַלטער אַרויסגעקומען פון זייער הויז און ריוול איז גראָד געשטאַנען ביי אַ שכנס פענצטער. געוואָרפן בליקן אין חיים אַלטערס זייט, באַגריסט, געפרעגט פונווייטן: „וואָס הערט מען, וואָס מאַכט מען, ווי דערגייט עס דאָרט אין דינסט?"

און אירע צייַן האָבן ווידער געבלאַשטשעט צו אים מיט געלעכטער, געצויבערט ווי דעמאָלט ביים טירל; אַמאָל ווידער האָט געטראָפן, חיים אַלטער האָט גאָר פאַרבלאָנדזשעט פאַרביי זאַמעס שטוב און ריוול איז פונקט געשטאַנען פאַרן טויער, געקוקט אין גאַס. חיים אַלטער האָט צוגענענט, געזאָגט גוט־מאָרגן, געבליבן וואַרטן, געוואָלט עפּעס געוואָר ווערן, פרעגן, געגרייט זיך אַוועקגיין און געבליבן שטיין. ביי אַזאַ צונויפטרעף, האָט מען אַדורכגעוואָרפן אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער. אַ ביסל צוגעשוויגן. געקוקט זיך אין די אויגן. געזאָגט אַ קאָמפּלימענט, זיך פאַרשעמט, אָפּגעשיידט מיט וואַרעמען האַנטדרוק, אַוועקגעגאַנגען, כדי זיך ווידער טרעפן.

חיים אַלטער איז שפּעטער אַהיימגעקומען אין ציוויל, איינגעפּעדעמט זיך צוריק אין היימישן לעבן. ריוול האָט געוווינט ביי אים אין האַרצן. ריוול האָט געטאָן דערוויילֿ, וואָס זי דאַרף טאָן — געטשאַטעוועט אויף אים שטיל, מיט זייטיקע שטעגלעך, קעציש, אים אונטערגעקומען. אין אָוונט, ווען חיים אַלטער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער היים מיטן מיין אָפּערצוגיין צו עטלען, איז ריוול פּלוצעם אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, פאַרשטעלט אים דעם וועג, פאַרטשעפּעט מיט איר דרייסט מיידלשער שקאָצישקייט: „מ׳גייט ראַנדעוווען, האַ?“. חיים אַלטערס טריט האָבן זיך פאַרהיקעט, געבליבן שטיין. זיין לשון אַ ביסל פאַרשטאַמלט: „אַוודאַי גייט מען, ווי דען...“ ריוול האָט געלאַכט, געשפּיזלט מיט גלאַנציקע שוואַרצאַפּלען, דערציילט פּיקאַנטע מעשהלעך, עפּיזאָדן, פאַרווילט מיט פלירטיקע רייד — פאַרוואָרפן געשיקט, נעציקע שטריק אַרום דעם בחורס פיס, צוגעבונדן אים צום אָרט. חיים אַלטער האָט פאַרגעסן וווהין ער האָט געוואָלט גיין, פאַרזוימט די צייט. ווען ער האָט זיך דערמאָנט איז שוין געווען שפּעט, נישט געגלוסט מער אָפּערגיין. פאַרבעטן ריוולען אָפּשפּאַצירן מיט אים דעם רעשט אָוונט.

ריוול האָט אים דאָס צוליב געטאָן.

אַהיימגעקומען, האָט דער קאָפּ געהיצט, דאָס בלוט צעוועקט, געקלאַפּט אין די שלייפן. אויפן געלעגער האָט ער זיך געוואָרפן לאַנג פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ווי ס׳וואָלט אים אונטערגעבריט. געטראַכט וועגן

ריוולען און נישט וועגן עטלען. געזען ריוולס ברוינע פלאַמיקע אויגן, אירע גלוסטיק־נאַשערדיקע ליפּן, וואָס עפענען זיך האַלב אויף ווי צום טרינקען, לעקט זיי אָפּ מיטן צינגל, מאַכן זיך פאַמעלעך צו; דאָס שפּילן פון רייפן בוזעם; איר גאַנץ צאַפּלדיק לעבן, נישט געקאַנט איינרוען. „עד, וואָס פאַראַ תענוג איז מיט דער דאָזיקער מויד!" האָט ער אין האַלבן דרימל אָפּגעקרעכצט. איינגעשלאָפן איז ער שפּעט, פאַרשפּינען מיט ריוולס געשטאַלט, מיט זיסן טעם פון זאַפטיקע קושן, פון פאַרליבטע אַרומנעמונגען, וואָס זענען אין חלום נאָך זיסער געווען, אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אויפגעשטאַנען איז ער מיט פלאָנטער אין מוח, נישט געוווּסט, ווו ער איז אויף דער וועלט. אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט מיט מידער, זיסער לאַסט. נישט געזען ווי אַן אומבאַמערקבאַרע שטריק, וויקלט זיך אַרום זיין גוף, ציט אים אין אַ אומבאַקאַנטער ריכטונג, פון וועלכער ס'וועט אים שווער זיין אַרויסצוקריכן גאַנץ.

צומאָרגנס האָט חיים אַלטער שוין אַליין געוואַרט זי אָנצוטרעפן. ריוול זאָל אומגעריכט אויסוואַקסן פון אונטער דער ערד. און ווען דאָס איז אַזוי געשען, איז ער מיט איר תיכף, תחילת אָוונט פאַרשווונדן פון גאַס.

ריוול האָט אים אַוועקגעפירט אויף אַ וועג, ווו ער איז קיינמאָל נישט געגאַנגען, נישט געקומען. מ'האָט כמעט נישט געזען קיין מענטשן. ריוול האָט זיך דאָ געפילט היימיש ווי אירס אַן אַלט באַקאַנט מקום. פונוויטן האָבן געסטאַרטשעט שטומע פאַרגליווערטע סקעלעטן פון ווינטמילן, געשטרעקט זיך מיט צעשפּרייטע געליימטע אָרעמס. אויסגעזען ווי פאַר־שטיינערטע אוראַלטע ריזן, וואָס רוען שוין דאָ פון לאַנג, אַראָפּגעפאַלן נאָך מיט די ערשטע נפילים פון הימל... געשפּרייט אַרום זיך פאַרכטיק, אומהיימלעכס. חיים אַלטער האָט פאַרשטאַנען, ס'איז דאָס אָרט פון די „אַרשעוווער וויאַטראַקן", דאָס ווייטלעך אָפּגעלעגענע, אָבער שיינע ווינקל.

— וואָס עפּעס דאָ? — האָט ער נייגעריק געפרעגט.

— וואָס אַן אונטערשיד, זאָל זיין דאָ. ס'איז אַ שטיל אָרט.

ריוול האָט געשפּרייזט רואיק, מיט ווירדע, אַ טראַפּעלע אויף פריער אויס — מיט דיסטאַנץ, נישט מיט דער צוגעלאָזענער היימישקייט ווי ביי די פריערדיקע קורצע באַגעגענישן אין גאַס. גערעדט האָט זי וועגן

זאַכן, אויך אַנדערע ווי דאָרט, ערנסטע און שווערע, וואָס מען רעדט קיינמאָל נישט אין זייער ווינאָרט: ליטעראַטור, פּאָעזיע, קונסט, דראַמע. חיים אַלטערן האָט עס געוווּנדערט, וואָס האָט זי אָנגעהויבן עפּעס אַזאַ מין טעמע? זי האָט פֿריער מיט אים קיינמאָל אַזוינס נישט גערעדט. און צו וואָס טויג עס אַ איצט, און וואָס פֿאַראַ עסק האָט ער מיט אַזוינע זאַכן, און פֿאַרוואָס מוז זי דאָס דווקא רעדן, פֿאַרטראַגן. ריוול, ווי עס וואָלט איר שטאַרק געלעגן דערין, האָט זיך צעלייגט מיט דעם וואָס אַמאָל נאָך מערער, געהויבן אַ טאָן: געבלעטערט פֿון אויסנווייניק גאַנצע זייטן פֿון ביכער און מיט געניטקייט ווי להבדיל אַ ייד, אַ געניטער תהילים־זאָגער. געמישט אין טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום“, „תחית המתים“, וויספּיאַנסקיס — „וועסעליע“; פּרצעס — „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“... געשווילבלט, געגריבלט, געפּליסטערט מיט אַלערליי טענער, רעפּליקעס, דערלאַנגט מאָנאָלאָגן, פֿייערלעכע, אומעטיקע, שטילע, פֿאַרלוירענע, געשפּילט ווי זי וואָלט געשטאַנען אויף אַן עסטראַדע פֿאַר אַ פּובליקום.

חיים אַלטער האָט געשוויגן.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו? — האָט זי פּלוצעם זיך אומגעקוקט אויף אים — ס'פֿאַראינטערעסירט דיך נישט?

— נישט באַזונדערס.

ריוול האָט געוווּסט, ס'איז נישט פֿאַר אים קיין סחורה. ס'ליגט נישט אין זיין אינטערעס. קאָן זיך דרייסט דערין באַגיין. און זי האָט עס אַליין אויך נישט באַדאַרפֿט נייטיק אין טאָפּ אַריין. וואָסי, עס ברענט ביי איר די תורה, זי מוז זיך דערמיט באַווייזן? דאָס איז ביי איר אָבער געווען אַזאַ טאַקטיק און אויסגעפּרוווט מיטל, ביים אַרויסטרעטן מיט אַ בחור. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס ברענגט אַזאַ נישט דערשליפּענעם קאַוואַליר אַריין אין צעטומלונג, אין פֿאַרלעגנהייט. צומאָל אויך אין געפֿאַלנקייט. און דאָס איז שוין געווען דער ערשטער געווינס, דער ערשטער נצחון, אויפֿן וועג פֿון מכניע זיין, פֿון דערנידעריקן — יענער זאָל זיך פֿילן ווי אַ דערשלאָגן הינטל, און אויך אַזוי דערשלאָגן איר נאָכגיין.

חיים אַלטער ביי זיין גאַנצער פּשטות, אָפֿענער פּראָסטקייט, איז אָבער נישט געווען פֿון די פּחדנים, פֿון די שרעקעוודיקע. ווייניק וואָס פֿון

אַזעלכע זאַכן זיך איבערגענומען. קודם, איז ער נישט אַזאַ פּראָסטער, ווי מען מיינט. נעמט אויך אַ ביכל אין האַנט, אַזאַ „שפּאַנענדער ראָמאַן", בלעטערט אַדורך אין די שבתדיקע נאָכמיטיקס. איז ביז גאָר צופרידן, אַז ס'ענדיקט זיך מיט אַ גוטער „העפּי־ענד", און גלייך, — אַוועקגעלייגט, פאַרגעסן. אַריינטראַכטן אין די ענינים, שמועסן דערוועגן, איז נישט געווען פאַר אים קיין עסק. פאַרקערט, ער האָט גאָר געלאַכט פון טייל זיינע חברים, פאַרברענטע ביכער־לייענערס, וואָס ווי נאָר זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן זיי שוין גענומען בלעטערן, פון די איבערגעלעזענע ביכלעך, דערציילן מעשיות, נאָכרעדן די העלדן מיט זייער לשון. ער האָט דאָס נישט געליטן, איבערגעריסן: „לאָזט אָפּ חברה, לאָמיר שמועסן פון די לעבעדיקע ראָמאַנען — פון די לעבעדיקע מיידן".

חיים אַלטער האָט פון ריוולס אויפגעהויבן לשון אַצינד אויך נישט געכאַפּט התפּעלות: מילא, זאָל זי קלאַפּערן מיטן מויל, אַז זי האָט דערפון אַ הנאה. דערפאַר איז זי דאָך אַ מיידל, אים דערגייט עס ביזן קנעכל...

ריוול האָט מיטן בייזן אימפּעט, פון אַן אינערלעכן בונטעווען זיך, גענומען נאָך לענגער פּאַרציען דאָס גערייד, און איצט שוין ווי אויף להכעיס אָנגעהויבן רימען די באַשריבענע העלדן פון יענע ראָמאַנען, גערעדט וועגן זיי מיט ליבע, מיט אַכפּערונג און די אייגענע היימישע בחורים דערנידעריקט, מזלזל געווען ביז בלאָטע, אָנגערופן זיי מיט מיאוסע נעמען: „באַלוואַנעס, כאַמאַליעס, ווייסן נישט ווי זיך צו פירן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס הייסט שעצונג צו אַ פרויענצימער. גייען צו צו אַ מיידל ווי צו אַ דאָרפישער שיקסע, הייבן הענט, אָבער די מיילער זענען ביי זיי שטומע. חיים אַלטער האָט זיך געפילט געטראָפן. ער האָט דאָס געדולדיקע שווייגן פון העפלעכקייט־וועגן, מיט וועלכעס ר'האָט ביז אַהער זיך אָנגעגורט, אויך פאַרלוירן: וואָס וויל זי פון אים. איז ער דען אַרויסגעקומען הערן לעקציעס פון ביכער, פון יענע העלדן, ווער זיי זענען, און די שאַנד פון די אייגענע — אָדער פאַרברענגען?

— לאָז אָפּ ריוול. גענוג אויף היינט. לאָמיר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, וועגן היימישע זאַכן — האָט ער לסוף אומגעדולדיק איר איבערגעריסן.

גאַרבער־גאַס

ריוול האָט אויסגעשיפּט אַ דין שפּעלטלדיק אויג אויף אים, געוועזן בייז און בייסיק אָפּגעענטפערט:

— כ'פאַרשטיי, דיר גייען אַזוינע זאַכן נישט אין קאָפּ אַריין.

— טאַקע נישט, — האָט ער פּשוט, אָפן מודה געווען.

— און וואָס יאָ? — האָט די איראָניע פון איר אַרויסגערעדט.

— פאַרברענגען...

— וואָס הייסט דאָס ביי דיר פאַרברענגען?

און כדי צו דעמאָנסטרירן פּראַקטיש פאַר איר, וואָס עס הייסט „פאַרברענגען", האָט חיים אַלטער אַ פאַרלייג געטאָן זיין אויסגעקנאָטענע האַנט אַרום אירע שולטערן און מיט פעסטן דרוק זי אַ שלעפּ געגעבן צו זיך, אַזש ס'האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פון ביינער.

— לאָז אָפּ! — האָט זי שטרענג באַפוילן.

ריוול האָט אַ באַליידיקטע אָפּגעטרייסלט זיין האַנט פון זיך. אָנגעשטעלט אויף אים אַ פאַרוואָרפנדיקן בליק, און מיט שטרענגן קול געזאָגט:

— פיר דיך אַרטיק ווי אַ מענטש. אויב נישט, זעסטו מיך שוין נישט פאַר די אויגן. מיין נישט, האָסט דאָ פאַר זיך אַ מיידלטשינע פון „טילנע"־געסל...

חיים אַלטער איז געוואָרן אָפּגעקלאַפּט, פאַרשעמט, צוריקגענומען די האַנט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: אַדורכגעפאַלן! ער האָט געמיינט, ס'וועט זיין אַנדערש. אַן אומעטיקער נאָכגעקראָכן ביי איר זייט. ווידער געשוויגן, און נאָך שווערער פון פריער. ער זעט, ס'איז מיט דעם מיידל נישט לייכט: צו קלוג, צו כיטרע פאַר אים, און מיט אַ צו שאַרף צינגל. ר'האָט גערעכנט, לויט דעם ווי זי האָט זיך אים אַרויסגעוויזן אין די ערשטע אָוונטן אין גאַס, גאָר אַנדערש: ער וועט זי איינבייסן. איצט זעט ער, ס'איז מיט איר שווער, אַ שווערער ביסן.

אָבער אין אים האָט ביי דעם אַלעם אויך אויפגעברענט אַ פייער, אויף זיין באַליידיקטער בחורשאַפט. וואָס מיינט זי זיך וואָס, ער איז אַ לעמעשקע, אַ יינגל פון אונטערן אויוון און זי די גאַנצע קלוגע? אויב זי איז ביי זיך אַזוי שטאָלץ, פאַרוואָס קומט זי אים אונטער אין גאַס, פאַר זייער הויז, רייצט אים מיט זיסע ריידעלעך, מיט אָנרעדנדיקע בליקן,

רייסט אים אָפּ פון עטלעך, שלעפּט אים אַרויס אויפן וועג — דאָס אַלץ נאָר כּדי צו פרעדיקן פאַר אים פון אירע ביכער, לייענען אים לעקציעס? זאָל זי דערציילן דער באָבען. זי וויל זיך מיט אים שפּילן אין „קאַץ־מויז״, מאַכן פון אים אַ קראַליקל — נישט ביי מאַטיען!

חיים אַלטער האָט צוריקגעקריגן אין זיך די זיכערקייט, דעם בחורישן מוט. אַרויס מיט אָפענעם לשון:

— דו זאָגסט יאָ אַזוי שיין, צוואָס קומסטו מיט מיר דאָ אַרויס אויפן וועג?

— פאַרוואָס איך קום אַרויס? וואָס הייסט... פאַרוואָס נישט אַרויס־קומען... איך קום אַרויס... — ריוול האָט זיך פאַרשטאַמלט, נישט געקענט אַרויס פון פלאָנטער.

דאָס האָט חיים אַלטערן צוגעגעבן שטייפקייט, געמאַכט דרייסטער, צוריקגעוווּנען זיין געוויכט. ס׳האָט זיך אין אים אויך אויפגעוועקט דאָס זיכערע געפיל פון אַ בחור, וואָס טראָגט אין האַרץ אַ יונג געזונט לעבן, טראָגט אין דער קעשענע געלט, ווייסט די היים איז אַ שוצמויער, וואָס באַשיצט פון אַלע שלעכטע ווינטן; מיידלעך באַגערן, ווילן זיך מיט אים חברן, שטרעקן צו אים אויגן; ער איז גאָרנישט מינער פון אַלע אירע גערימטע העלדן.

— איך האָב דיך געהאַלטן ריוול פאַר אַ קלוגע. כ׳האָב געמיינט דו ווייסט ווי אַ זאַך צו נעמען אין האַנט. איצט זע איך... — און איז פּלוצלינג פאַרשוויגן געוואָרן.

— וואָס זעסטו, און וואָס ווייס איך דאָס אַזוינס נישט? אַדרבה, מיר גייען און שמועסן, רעדן וועגן וויכטיקע זאַכן. וואָס איז דאָס אַזוי נישט גוט? דו ווילסט נאָר נישט צו הערן — האָט זי גענומען ווי זיך פאַרטיידיקן און אים באַשולדיקן.

— איך ברויך נישט אַזוי פיל צו שמועסן. איך שמועס גענוג אַ גאַנצן טאָג אין דער היים, אין שטוב, ביי דער אַרבעט. איצט וויל איך עפּעס אַנדערש.

— וואָס איז דאָס אַנדערשע?

— איך וויל מיר זאָלן פאַרברענגען, ליבן זיך. — ער האָט דאָס געזאָגט מיט זיין פּראָסטער אָפענער, ערלעכער שפּראַך.

— כאַ, כאַ, כאַ! ליבן זיך...! — און ריוול האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויך פאַלש געלעכטער, געפילט חיים אַלטערס איבערמאַכט איבער איר. זיין איינפאַכקייט באַזיגט זי, און ער איז גאַרנישט אַזאַ נעבעכל, ווי זי האָט געמיינט. זיין אָפן אַרויסטרעטן האָט אויך געמאַכט געוווּנען אין אירע אויגן. אָבער דאָך, נאָך אַלץ, נישט נאָכגעגעבן — כאַ כאַ... האָסט דאָך ליב אַ צווייטע!

— איך האָב ליב — דיך!

— פון ווען אָן?

— פון דעמאָלט, ווען דו האָסט מיך אָפּגעשטעלט ביים טירל, געדענקסט?

— ווען איז דאָס געווען? — ריוול האָט געקנייטשט דעם שטערן, ווי ז'אָס וואָלט איר איינגאַנצן אַרויס פון זכרון.

— געדענקסט נישט? דעמאָלט, ווען כ'בין אַהיימגעקומען אַלס מיליטערמאַן אויף אורלויב, געגאַנגען אין גאַס...

חיים אַלטער האָט זי דערמאָנט מיט אַלע פּרטים, אָפּדערציילט פון די גוטע זיסע געפילן, וואָס זי האָט דעמאָלט אין אים אויפגעוועקט. און ווי ער האָט גענומען טראַכטן וועגן איר שוין כסדר. געבענקט צו איר, אויסגע־וואַרט די מינוט, ר'זאָל זיך באַפרייען פון דער אַרבעט, קענען זיך מיט איר טרעפן. אין די נעכט חלומט ער וועגן איר.

חיים אַלטער אָנגעוואַרעמט פון די אייגענע רייד, דערמאָנונגען, האָט פאַרגעסן אין דער פריערדיקער קליינער מחלוקה, זיך צוגערוקט צו איר נענטער. אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם שאַרפן פּערפום־ריח, וואָס האָט אַדורכגעשלאָגן ריוולס האָר, איר הויט, געוועקט אין אים די מענערישע קראַפט, די מענערישע לוסט. חיים אַלטער האָט אויפגעהערט הערן זיין אייגן קול. אין מבולבלדיקייט, האָט זיין האַנט פאַרקלעטערט אויף ריוולס פּלייצע. צום סוף זי אַ פאַרשפאַר געטאָן אין זיינע אָרעמס ווי אין אַ צוים.

— ריוועלע, איך האָב דיך ליב, ליב ווי מיין לעבן. איך וועל אַלץ טאָן, ס'זאָל דיר גוט זיין. ביי מיר וועסטו זיין אַ קרולאָווע. איך זאָג דיר צו.

ריוול האָט אַצינד נישט מער אָפּגעשטויסן זיין האַנט, נישט געשטראָפט, נישט געמוסרט, געקוקט צו די שפּיצן שיך. די סאַטיספּאַקציע איז געקומען: דאָס פישל האָט געצויגן צום לאָקנדיקן שפּיז אויפן האַטשיקל. מ׳האָט עס געדאַרפט לאָזן נאָך אַ ביסל דערנענטערן און אַ כאַפּ טאָן.

— פונוואַנען בין איך זיכער, ס׳איז אַזוי ווי דו זאָגסט? — האָט זי געמורמלט מיט אַראָפּגעלאָזטן קול.

— אַזוי ווי מיר שטייען אונטערן פרייען הימל. איך זאָג דיר דעם הייליקן אמת! — און חיים אַלטער האָט אַ הייב געטאָן די האַנט צו דער הייך ווי צו אַ שבועה.

— און „יענע״?

— ווער יענע, וואָס דערמאָנסטו מיך אין אַ „יענע״. איך האָב אין זינען — דיך.

— האָסט מורא צו דערמאָנען, טויג נישט.

— איך האָב נישט קיין מורא, נאָר בעסער, נישט צו רעדן.

זי האָט זיך פאַרקלערט. דערנאָך געזאָגט ווי האַלב געאַייניקט:

— גוט, מיר וועלן זען. די זאַך באַטראַכטן, אָבער דו פיר זיך אַרטיק. זאָגסט צו?

— יאָ. כ׳זאָג צו.

*

דאָס אַנדערע מאָל האָט זייער צוזאַמענטרעפן זיך, געטראָגן שוין אַן אַנדערן כאַראַקטער, אַ מער נאָענטערן, אינטימערן. ריוול האָט אים צוגעלאָזט צו זיך נענטער. אָנגעשטעלט אויף אים פון הינטער די האַלב אויפגעהויבענע ווי׳עס, פאַרחידושטע בליקן, וואָס האָט געדאַרפט זאָגן: עס וווּנדערט זי אַליין אויף דער נייער סיטואַציע, אויף די נייע געפילן, וואָס זענען אַנגעשווומען אין איר. חיים אַלטער איז בלויז פון איר נשתוממדיק בליקל אַריין אין צעפּלאָמטער באַגייסטערונג. גרייט געווען פאַלן אויף די קני און ווידער אַמאָל שווערן מיט הייליקע שבועות, אַז נאָר זי האָט ער ליב, נאָר וועגן אַזאַנע ווי זי האָט ער אייביק געטראַכט. און איצט איז עס געקומען, און איז שוין גרייט מיט איר חתונה צו האָבן.

ריוול האָט אים געלאָזט אויסגיסן זיין האַרץ, זיינע געפילן. אַליין אין זיך אַנגעקוועלט. צומאָל מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטע אומבאַטראַכטער באַוועגונג זיך אַנגעשטויסן אין זיין אַקסל, אין זיין אָרעם. דאָס האָט דעם בחור נאָך מער צעוואַרעמט. געזען דערין דעם אינטימען רוף צו אים. ס'איינלאַדן צו דערנענטערונג. ריוול האָט מער נישט גערעדט פון גייסטיקע ווערטן, פון ליטעראַטור און נאָך אַזוינע זאַכן. גערעדט דווקא פון מאַטעריעלע גיטער; אַ גוט רייך לעבן, שיינע וווינונגען, גרויסע שטאָט. טעאַטער, שיינע קליידער. זי האָט אויך מיט אַזאַ פאַרבענקטע, אימפּראָוויזירטע לירישקייט געמאָלט: אַ ווייטע רייזע אויפן ים, אַ שיף וויגט זיך אויף שטילע וועלן. לויטערער פאַרנאַכט, אַ פּאָרל שטייט אויפן דעק, פאַרפלאָכטן אין די אָרעמס — איין גוף, איין נשמה...

חיים אַלטער איז פון אירע ווערטער שיער נישט משוגע געוואָרן. אַרויס פון די כלים — אוי־אוי, דאָס מיינט ער דאָך טאַקע, דאָס איז עס וואָס ער וויל!

— ריוועלע קרוין, דאָס איז מיין שטרעבונג: איין גוף, איין נשמה, און טאַקע אויף אַ שיף אינמיטן ים, אין פאַרנאַכט, אין פאַרליבטקייט, פאַרוואָס נישט...

אין צעכליגעטן אויפברויז, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל מיט זיך טאָן: פאַר איר ווינען, לאַכן. ס'איז דאָך אים אַזוי גוט! ער האָט פון אַ פלוצלינג אויפגעבראָכענעם כוח זי אַ כאַפּ געטאָן, אויפגעהויבן הויך, פאַרוואָרפן זי אויפן אַקסל, ווי אַ פּעקל בלייזן, גענומען מיט איר לויפן. געברילט, געריטשעט, ווי אַ ווילדער אָקס:

— ריוועלע, ריוועלע, כ'האָב דיך ליב, כ'וועל דיך דערשטיקן...

ריוול אַ צעהוידעטע אויף זיין גוף, האָט אין שרעק געשריגן:

— חיים אַלטער ניטע, כ'האָב מורא, לאָז מיך אַראָפּ!

חיים אַלטער האָט נישט געהערט, געלאָפן מיט איר ווי אַ ווילדער, געוויגט זי אויפן נאַקן. פעסט געקלאַמערט אירע פיס, געדריקט די לידקעס, געביסן דאָס דיקע פלייש. ריוול האָט געצאַפּלט, געקאַפּעט מיט די שפּיצן שיך, געשלאָגן מיט די פויסטן, געקנייפּט זיינע אויערן, געשריען, געדראָט:

— לאָז מיך אַראָפּ, איך וועל מיט דיר מער נישט רעדן...

ווען ער האָט זי ענדלעך באַפרייט, האָט זי שווער געאָטעמט, אָפּגעשטופּט אים פון זיך.

— גיי, ביסט אַ ברוטאַלער מענטש, אַ נאַכאַלניק...

חיים אַלטער האָט זיך נישט באַליידיקט. אירע ווערטער האָבן אים איצט נישט ווי געטאָן. זיי זענען געווען גערופן, ווי אים האָט געדאַכט, נישט מיט קיין כעס. פאַרקערט, מיט פריינטשאַפט, געהערט פון זיי לאַגאָדנע טענה, פּרויאישע פאַרגעבנקייט. ער איז געוואָרן נאָך מער אויפגערוימטער. געלאַכט צו זיך: דאָס ברויט איז דיינס! דער אָנהויב איז גוט. שפּעטער וועט זיין נאָך בעסער. ר'האָט פון פרייד זיך צעהירזשעט:

— כ'וועל דיך מער נישט אַרויסלאָזן פון מיינע הענט, הערסט! כ'וועל שלאָגן יעדן איינעם, ווער ס'וועט דיך וועלן פון מיר אַוועקנעמען, און מיר וועלן אינגיכן שטעלן אַ חופּה.

ריוול האָט מיט די קומענדיקע טעג גענומען זיך מיט אים שפּילן ווי דער פאָקוסניק מיט די טויבן: אָט האָט ער זיי אויף דער האַנט און אָט ווערן זיי פאַרשוווּנדן. אָט האָט זי זיך באַוויזן און אָט איז זי נעלם געוואָרן. נאָך אַ ביסל צייט זיך נישט ווייזן, איז חיים אַלטער אַרומגעגאַנגען צעטראָגן, פאַרלוירן, געפּייניקט פון בענקשאַפט. דאָס מיידל איז אים געלעגן טיף שוין אין די ביינער. נישט געגעבן קיין רו. ווען זי איז צוריקגעקומען, איז ער צו איר צוגעפאַלן אַ דערפרייטער, ווי אַ קינד, ווען עס דערזעט צוריק די מוטער.

— ריוועלע ווו ביסטו געווען, פאַרוואָס פּייניקסטו מיך...

זי האָט געקוקט אויף דעם צוואַקסענעם גברדיקן יונג, געשטוינט, וואָס אַזאַ גרויס שטיק מאַנספּאַרשוין גיט זיך איבער אין אירע מיידלשע הענט, ווי אַ הילפלאָז יינגל. געוווּסט, זי קאָן מיט אים טאָן, וואָס זי וויל. אָבער וואָס זאָל זי מיט אים ריכטיק טאָן?

די שלעכט אַוועקגעשטעלטע לאַגע אין שטוב, האָט געגעבן דעם ענטפער. געריכטעט דאָס לעבן אויף אַן אַנדערן וועג, און אויך זי, ריוולען. ריוול האָט מיט איר פּרויאישן חוש דערשפּירט, חיים אַלטער קאָן ווערן איצט אַ פאַדפאָרע, אַן אונטערלען פאַר זייער שטוב און פאַר איר — אַ זיכערער

האַפּן אין וועלכן זי וועט זיך קאָנען אָנאַנקערן. זי איז פון אים מער נישט אָוועקגעגאַנגען. אַדרבה, געפּרוּווט דעם באַנד פעסטער פאַרקניפּן, מאַכן אַ זיכערן בונד צווישן זיי ביידן.

ריוול האָט געזוכט אַצינד אויך זען חיים אַלטערן מיט באַווּליקטערע אויגן: זיינע מעלות, גוטע אייגנשאַפטן. געזען אין אים אַן אָרנטלעכן בחור מיט אַ גוט האַרץ, אַ דרך ארצדיקע באַציאונג צו מענטשן, אַן אַרבעטזאַמער. ס׳האָט איר צוגעזאָגט אויף אַ גוטן מאַן. זי וועט ביי אים זיין די האַרינטע. דאָס אויבערשטע פון שטייסל — האָבן אַ דעצידירט וואָרט. זי דאַרף זיך נאָך מער צוגעוווינען צו אים און צום געדאַנק: חיים אַלטער איז אירער. זען דאָס אַדורכפירן אין לעבן.

און אין דעם אומרואיק־ברויזנדיקן מיידל, וואָס האָט אין לעבן גענומען אַלץ לייכט־שפּילעוודיק, פלירטיש, אַ ביסל צעלאָזן, געזוכט זעטיקן איר אי׳נטריגאַנטישע תאווה, מיט קליינע ראָמאַנטישע אַוואַנטורעס, אויסשטעלן די בחורים „נאַ־דודקע“ צום געלעכטער — אין אָט דעם מיידל, האָט זיך אָפּגעזעצט עפּעס ערנסט, מיושבדיקס. באַקומען אַ נייע אויפגאַבע אין לעבן: ראַטעווען די היים, אָפּהיטן זי פון פאַרשעמונג און שאַנדע. אַזוי האָט דער אין לכתחילה אַריינגענאַרנדיקער פלירט, מיט דעם געזונטן האַרעפּאַשנעם בחור, וואָס האָט געדאַרפט דינען נאָר פאַר אַ צייט־פאַרטרייב, אַ לוסטיק אָפּשפּילן זיך, אָנגענומען בלוט און פלייש, אַן ערנסטן כאַראַקטער.

זי האָט דערפון נישט געמאַכט מער קיין סוד פאַר דער היים, אָנפאַרטרויט זיך פאַר דער מוטער. איר פון אַלעם אָפּדערציילט.

— וואָס זאָגסטו מאַמעשי — האָט ריוול אָנגעשטעלט אויף דער מוטער נייגעריק אָפּוואַרטנדיקע אויגן נאָכן אָפּדערציילן איר דעם תוך פון דער געשיכטע מיט חיים אַלטערן.

פּעשע האָט געקוקט אויף דער טאָכטער מיט אומגלויבלעכקייט: איר ריוול, מיט אַמאָל אַזוי ערנסט און סטאַטעטשנע. זי האָט זיך נישט געריכט דערויף. און ווי לאַנג איינגאַנצן, ערשט געווען אַ מיידעלע אין קליידעלע? אַן אונטערוואַקסנדיק קינד. היינט רעדט זי שוין וועגן אַ חתונה, איז דאָס אמת?

זי האָט אָבער געזען פון דער זיכערקייט מיט וועלכער ריוול האָט דאָס אַלץ גערעדט, אַז די זאַך איז ביי איר רייף, כמעט באַשלאָסן.

פעשע איז נאָך אָבער עפּעס געווען מיט ספק.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן מיין קינד, כ׳ווייס אַליין נישט. ווייסט דאָך, ס׳איז דאָ אַ סענק אינמיטן, דיין עלטערער שוועסטער... און וואָרט נאָר, עפּעס מיין איך, ער גייט מיט אַ מיידל, דאַכט זיך מיט חוהס ייִנגערע שוועסטער, עטל, יאָ?

— דאָס איז נאָר אַ פריינדין פון דער אָרגאַניזאַציע, שפּאַצירט אַמאָל מיט איר, מער נישט.

— ווייסט עס אויף זיכער?

— אויף זיכער, הונדערט פּראָצענט. ער האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט.

— מאַ, כ׳ווייס... — האָט די מוטער לייכטער אָפּגעזיפצט — מיר וועלן נאָך דערוועגן רעדן. די היים זיינע איז אַ שיינע, און ווי דו זאָגסט, וועט דאָס קענען מיט עפּעס צוהעלפן דעם טאַטן. דאָס וואָלט אַוודאי גוט געווען. און אַליין איז ער דאָך אַ ווילער בחור, אמת?

— ווויל ווי די וועלט. ער האָט נישט קיין גאָל אין זיך. מאַמעשי, האָסט באַדאַרפט הערן, ווי ער האָט צו מיר גערעדט: ס׳וועט נישט זיין ביי אים קיין אונטערשיד פון מיינס און דיינס... ריוול האָט געזוכט אַרויס־הייבן חיים אַלטערס פּערזאָן. צוגעבן חשיבות, מאַכן אים אָנזען אין דער מאַמעס אויגן.

פעשע האָט דעם סוד אין זעלבן אָוונט אָפּגעלאָזט פאַרן מאַן. זאמע האָט אויסגעשטעלט אויף אַזוינע פאַרוואונדערטע אויגן, ווי זי פרעגט: ריוול? געקומען מיט אַ פּאַרטיקע זאַך, איז עס אמת?

— האַ, וואָס זאָגסטו פעשע, שוין אַ פרישע טאָכטער אַ שידוך צו טאָן.

— יאָ, יאָ, דאָס לעבן גייט. מיר זעען אַליין נישט...

מאַן און ווייב האָבן געכאַפּט דערוועגן אַן ערנסט גערייד. צעלייגט עס אויף טעלערלעך, אָפּגעשאַצט, געוויגן, געמאָסטן, צענומען און ווידער צוריק גאַנץ געמאַכט. זיי האָבן געגלויבט, אַז ס׳האָט זיך פון זיי נאָך נישט אָפּגעטאָן אינגאַנצן דאָס מזל. וואָרעם זיי זעען דאָך באַשיימפּערלעך,

ס׳ליכטיקט זיך אויף פון אַן אומפאַרויסגעזעענער זייט אַ ליכט־שטראַל. און אין ריוולס געטריישאַפט האָבן זיי נישט געצווייפלט. געווען פול מיט גלויבן אין איר, אין איר איבערגעגעבנקייט, אין איר פאַרשטאַנד, אין אירע מעשים, און אַז זי טוט עס, ווייסט זי, וואָס זי טוט. וואָרעם ווער קאָן דען וויסן פונוואַנען ס׳קען קומען די הילף?...

אָבער דער ליכטיקער שטראַל, וואָס האָט אויפגעשיינט אויף אַ רגע, אַ ווונק געטאָן מיט האָפענונג צו דעם פאַראומערטן געמיט, איז גלייך פאַרשטעלט געוואָרן מיט טונקעלן שאָטן: פּאַניע! מען האָט נישט געוווּסט ווי זי וועט די זאַך אויפנעמען, ווי רעאַגירן, וועט זי איינגיין דערויף, ריוול די ייִנגערע שוועסטער, זאָל פריער פאַר איר אַ כלה ווערן?

דאָס האָט אַריינגעוואָרפן די שטוב אין נייע זאָרגעניש, אין טריבער אויסוואַרטונג.

קאַפּיטל צוועלף

אַן אָנגעלייגטער גאַסט

ביי די שאַרפשטיינס אין הויז, האָט מען זיך געריכט אויפן אָנקומען פון אַ גאַסט: פאַניע. זי האָט דורך אַ בריוול מודיע געווען, זי קומט אַהיים אויף שבת פאַר שבועות. אין שטוב האָט דאָס אַרויסגערופן צופרידנקייט און אויך חידוש. וואָרעם שוין לאַנג, ווי זי האָט זיך נישט געהאַט באַוויזן. אויף די עלטערנס בקשה נישט נאָכגעקומען. זי האָט אירע טריט ווי אָפּגעריגלט פון היימישן אָרט. און דאָ מיטאַמאָל! האָט זי נישט דאָרט אין דער גרויסער שטאָט עפּעס דערשמעקט און ס׳טרייבט זי אַהיים? סיי ווי האָט די ידיעה געמאַכט אַ רושם. די בענקעניש זי צו זען איז געווען גרויס. האָט מען טאַקע לכבוד איר, די צימערן עטוואָס אויפגעפרישט, זאַכן איבערגעשטעלט, די פאָרהאַנגן אויסגעפּוצט. אויך דאָס פאָדערהייזל איבער־געווייסט — זאָל זיין ריין און שיין. וואָרעם פאַניע איז נאָך אַלץ געווען דאָס שיינדל פאַר דער שטוב און מ׳האָט איר געוואָלט געפעלן.

אין דער שטיל האָבן טאַטע־מאַמע זיך נאָך איבערגעשעפּטשעט. אַ פאַרבאָרגענע זאָרג האָט געטאָטשעט: וואָס ברענגט זי מיט זיך מיט, און וואָס איז דער גורם פון איר פלוצלינג קומען? און דער עיקר: ווי וועט זי אויפנעמען די מיטטיילונג וועגן ריוולס אַ כלה ווערן. וועט דאָס זיין פאַר איר אַן איבעראַשונג, זען דערין אַ פחיתת הכבוד פאַר איר בכורהשאַפט, אָדער זי וועט עס אַראָפּשלינגען, ווי מען שלינגט אַראָפּ אַ ביטערע פּיל און שאַ־שטיל. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן. עס איבערגעלאָזט אויף שפּעטער.

ביים דערנענטערן זיך פונעם טאָג פון איר קומען, איז אין שטוב אָנגעשטאַנען אַ שטיקל רעש. מען איז געוואָרן פול מיט גרייטונג און מיט דערפרייאונג צום אויפנעם.

גאַרבער־גאַס

געקומען איז זי דאַנערשטיק אין נאָכמיטאָג, אין פרילעכער שעה. דער טאַטע האָט זי געבראַנגט אויף אַן עקסטראַ דאָראָזשקע פון באַן. פאַרפאָרן מיט איר פאַראַדנע ביזן פאַרן טיר. זאמע האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון זיין ברייטן שניט, פון זיין מנהג, ברענגען זיינע קינדער פון וואָקזאַל מיט ברייטן קבלת־פּנים און אוודאי ערשט זיין שיינע באַליבטע טאָכטער.

דרויסן פאַרן הויז האָבן אָפּגעוואַרט די איבעריקע פאַמיליע־מיטגלידער: די מאַמע פּעשע, אַ רונדיק ווי מיט וואַטע אויסגעבעט מאַמעלע, מיט ווייכן גוידער, ווייכע מאַמע־אויגן און געטרייע אויסוואַרטנדיקע הענט אַרומצונעמען איר קינד. פון אומגעדולד שוין צו האַלטן אין די אָרעמס איר בלוט און פלייש, האָבן די הענט נישט געוווסט ווו זיך אַהינטאָן, געלייגט זיך אַלעמאַל אויף אַן אַנדער אָרט, אויפן האַרץ, אויפן בויך, פאַרפלאָכטן איינער אין דער אַנדערער ווי אַ בייגל, צוריק אָפּגעלאָזט, פאַרקראָכן אויף די היפטן און זיך ווידער פאַרינגלט. איר זעל האָט פון בענקשאַפט שוין צו זען די טאָכטער, איגגאַנצן געפלאַטערט. אָפּטמאָל אָפּגעזיפצט מיט אַן אינערלעך מאַמעדיקן זיפץ, וואָס נאָר זי האָט געוווסט דעם באַשייד, מער קיינער נישט.

אַרום איר זענען געשטאַנען די קינדער: כייקע אַ רונדיקע, אַ באַלייבטע ווי אַ גוט אויסגעפּאַשעט קיעלע, מיטן אָנבליק פון דער מאַמען, מיט אַן אייגן שאָפּיש, תמימות־פּנים, און אויך אַזוינע גוטע, געטרייע פאַרגעבלעכע אויגן — אַלץ און אַלעמען מוחל צו זיין; ריוול — ערנסט, סטאַטעטשנע, שלאַנק, אין שווייגנדיקן געוויג. זי האָט געקוקט אײַנערגעץ מיט פאַרטראַכטן בליק, צומאָל האָבן די ווינעס זיך אַ באַוועג געטאָן, אָפּגעציטערט, ווי אַ צווייגל באַרירט דורך פויגלשע פיסלעך, און ווידער שטיל געבליבן. אין אירע טיפענישן האָט עפּעס זיך גערודערט: די שוועסטער קומט, דער שטאָלץ און באַשיינונג פון שטוב, וואָס טראָגט זי איר אַנטקעגן? דאָס אָפּרייסן פון איר די פּריאָריטעט, די „בכורה“?...

אַרום די עלטערע האָט זיך געפלאָנטערט דאָס קליינוואַרג. די צוויי יינגערע שוועסטערלעך, טעמערל און שרהל — צוויי לוסטיקע שוואַלבן אין פאַרנאַכטיקן פלי, און די צוויי יינגערע ברידער נתן און שעיה,

צעבריקעוועטע וועוריקעס. די קליינע חברה האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געהאַט זייער וועלטל, זייערע שפּאַרעניש, פול געמאַכט די לופט מיט פריילעכן געשריי־געצאַפּל. ביים דערהערן אַ גערויש פון רעדער, האָבן זיי פאַריסן די קעפּ, אויסגערופן מיט הייטער רופעניש:

— מ׳פאָרט. זיי זענען דאָ!

מיטן אָנקומען פון דער דראָזשקע איז אַלץ געוואָרן שטיל. אַרומגעכומען מיט אַן אינערלעכן יראת הכבוד, און מיט נייגער. פאַניע איז אַראָפּ פון טרעפּל מיט לייכטן שפּרונג. געבליבן שטיין אויפן ברוק, זיך אַרומגעקוקט, ווי איינער וואָס קערט אום פון אַ לאַנג זייַן אין דער פרעמד, צוריק אויף היימישן אָרט און וויל עס דערקענען. זי איז געשטאַנען אין איר שיינעם ווזקס, כמעט מיט אַן אַקסל העכער פון אַלע שטוביקע. פון איר האָט אַראָפּגעקוקט גרויסשטאָטישס, עלעגאַנץ, חשיבות, אָבער אויך אַ קאַפּעלע פרעמדס. איר פנים מיט דער זעלבער איידעלער, שיינער, העלער צערע, אָוואַל געשניטן, ליכטיק־סובטעל, דין־ליניעדיק. אויגן — וווּנדערלעכע, ווייכע, פאַרווּנדערטע. איצט נאָך ווי עפּעס מער שטוינענדיקע. אירע לאַנגע ווימפּערן האָבן זיך געזשמורעט, אויפגעמאַכט, צוגעמאַכט, ווי אַ ווינט וואָלט זיי געפּרושעט. דאָס האָט געדויערט אינגאַנצן געציילטע סעקונדן. מיט אַמאָל האָבן די אויגן זיך צעעפנט אין ד׳ער גאַנצער ברייט, געשטרעקט צו די לייבלעכע. אַ שטראַליקער שמייכל איז דורכגעגאַנגען דורך זיי, באַלויכטן דאָס אַנגעזיכט, ווי ס׳טוט אַמאָל אַ פרימאָרגנזון אַרויסגיין פון אונטערן וואָלקן. דאָס געזעמל פאַרן הויז האָט זיך אַ וויג געטאָן, צעשאָטן, און אַלע אינאיינעם זענען איר אַנטקעגנגעלאָפן, צוגעפאַלן, אַרומגערינגלט זי פון אַלע זייטן, געהודזשעט, געזשומעט אויף איר מיט פריידיקן געפּלאַטער, געהאַלדזט, געקושט, געשלעפּט, געפירט זי אין שטוב ווי אַ כלה.

— מיין טייער קינד... מיין קרוין... מיין לעבן! — האָט די מאַמע קלאַמערנדיק זיך אין טאָכטערס אָרעם, זי געלאַסקעט, געצערטלט, גערופן צו איר מיט באַשיינטע, באַקריינטע נעמען, זיך נישט געקאָנט איינרואיקן — מאַאַן קינד, מאַאַן קרוין, מאַאַן נחת!

פאַניע איז געגאַנגען לעם דער מוטער, אָנגעבויגן צו איר. געקוקט

אין איר געזיכט מיט פאַרטייעטן בליק, געשמייכלט, געמיט זיך אַרויס־וויזן פאַר דער מאַמען אַ פריילעך פּנים. אָבער דאָס לייבלעכע בלוט, דאָס לייבלעכע מאַמע־האַרץ האָט גוט געפילט, וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן אונטער די פאַרצויגענע ברעמען און אונטער דעם געצוווּנגענעם שמייכל פון איר קינד, און האָט דעריבער אירע צערטלענישן, איר גלעטן, נאָך צעהעשעטער געמאַכט, ווי דעמאָלט, ווען מען וויל אַ קראַנק נפשל איינעמען, מיט עפּעס פאַרגרינגערן. פאַניען האָט עס אויסגעזאָגט, אַז די מאַמע, דאָס נאָענטע לייב, פילט וויל אָפּ, וואָס אין איר געמיט טוט זיך, וואָס זי לעבט איבער און ס׳האָט איר ווי געטאָן, פאַרשאַפט ליידן.

פאַרן שוועל פון פעדערהייזל האָט דער קאַראַוואַן אויף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט. פאַניע, ווי זי וואָלט מער נישט געקאָנט באַהערשן דאָס אין איר זיך רייסנדיק געפיל, וועלכעס האָט איצט אַ שפּאַר געטאָן מיט פלייץ ווי פון אונטער אַ טאַמע, איז צוגעפאַלן צו איר געבירערין, זי אַרומגעשלייפט מיט ביידע הענט, זי צו זיך צוגעדריקט, געקושט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט בלאָנדזשענדיקע ליפּן, ווי אַ בלינדער, ווען ער זוכט מיט טאַפּנדיקע פינגער דאָס ליבלעכע פאַר אים נפש.

— מאַמינקע מיינע... טייערע מאַמינקע... מאַמינקע...

מער ווי דאָס וואָרט „מאַמינקע" איז פון איר מויל נישט אַרויסגע־קומען, ווי די אַלע אַנדערע אַרויסקוואַלנדיקע ווערטער וואָלטן געוואָרן פאַרשלינגען, פאַרשלייפט אין דעם איינאיינציקן גרויס תּוכנדיקן אויס־דרוק: מאַמע! דאָס האָט באַדאַרפט אַלץ פון זיך אָפּדערציילן, איבערגעבן. מאַמע און טאָכטער פאַרפלאָכטן אין די אָרעמס, אָנגעהויכט מיט קעגנ־זייטיקע אָטעמס, זענען שוין אַזוי צוזאַמענגעהאָפטענע, מיט פרידלעכקייט, אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער גוטער היים. נאָך זיי די אַנדערע.

אין שטוב האָט פאַר פאַניען אַ ווייע געטאָן מיט דער פאַר איר אַזוי באַקאַנטער לאַנדשאַפט, פאַרשמעקט מיט נאָענט, היימיש־שטוביקן ריח. דאָס זעלביקע רחבותדיקע אויסזען: די זעלביק בייכיקע באַצירטע קיך; די אייגענע „גראָבע טעלצע"; די פּלייציקע וואַסער־באַנק; לאַנגער

טיש — דער גוטער, וואַרעמער, אַנטקעגן געשיקטער שמייכל פון אַלץ און אַלעמען צו איר.

פאַרן אַריינגאַנג אין גרויסן צימער האָט אַראָפּגעשיינט פון געזימס אַ גרויס אויפגעמאָלענער, מיט גרעלע פאַרבן באַצירטער „ברוך הבא!” זי באַגעגנט מיט ברייטן ווילקאָמען. אויף פּאַניעס ליפּן איז אויפגעגאַנגען אַ לייכטער שמייכל. ס׳האָט איר דערמאָנט: זי האָט דאָס זעלבע אַמאָל געטאָן אין די יונגע יאָרן פאַרן פאָטער, ווען ער האָט באַדאַרפט זיך אומקערן פון אונטערוועגנס, פון האַמבורג, אָדער דאַנציק, וווהין ער איז געפאָרן איינקויפן רויע סחורה. זי האָט זיך מיט דער אַרבעט אָפּגעגעבן ערנסט און מיט פאַרעניש. געטראָגן דעם אויפגעמאָלענעם פּלאַקאַט פון איין ווינקל צום צווייטן, אים אָוועקגעשטעלט אויף אַ געשטעל. באַטראַכט פון ווייטן אין פּערספּעקטיוו ווי אַ מאָלער זיין שאַפונג (זי האָט געטראַכט וועגן מאָלן). געפרייט זיך, דערנאָך עס אויפגעהאָנגען אויפן זעלביקן אָרט, ביים געזימס, פאַרן איינגאַנג, ווי עס הענגט היינט.

דעמאָלט איז אָבער נאָך אַלץ אַזוי יונג און גוט געווען —

אינעווייניק אין גרויסן צימער, אויפן ברייט־דעמבענעם טיש, האָט איר אַנטקעגן געווונקען אַ וואַזאָן מיט פרישע בלומען. זיי האָבן איר צוגעטראָגן אויך אַ ליבן „סקאָצל קומט!” געזאָגט: ספּעציעל פאַר דיר, נאָך פריש און שמעקנדיק! אַרום איז געווען שטיל, ציכטיק, געהילט אין ווייך נאָכמיטיקדיקן שאָטן. פאַר פּאַניען האָט אַ שיין געטאָן מיט ליבער, געמיטלעכער היים. מיט אַלטער געטרייער אַכסניה. ס׳איז מיטאַמאָל אַלץ אַזוי נאָענט געוואָרן: די ווענט, די שאַנק, דער טיש, דאָס פענצטער, די הענגל־לאָמפּ. עס האָט זיך געוואָלט יעדעס קעגנשטאַנד אָנרירן, אַרומנעמען, צודריקן צו זיך.

— ווי ליבלעך און אָנגענעם ס׳איז דאָ אין שטוב — האָט זי שטיל אַרויסגעפּליסטערט.

— דאָס אַלץ מיין קינד, אין דיין זכות. מיט אַ ליב־געווונטשענעם גאַסט קומט מיט די שיינקייט, די פרייד — האָט די מוטער גלייך אויפן אָרט געגעבן דעם געלויבטן ענטפער, מאַכנדיק אָרט אין שאַנק פאַר דער מאַכטערס זאַכן.

פאַניע האָט פאַמעלעך פון זיך אַראָפּגעצויגן די אויבער־מלבושים; דאָס אויבעררעקל פון העלן קאָסטיום, דעם ברייט ראַנדיקן הוט, די זאַמשענע הענטשקעס, דעם לאַקירטן בייטל. די מאַמע האָט דאָס אַלץ צוגענומען, אַריינגעהאַנגען אין שאַנק, יעדעס אויף זיין אָרט. דערביי נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט פון באַשיטן די טאָכטער מיט מאַמעשע ברכות, מיט מאַמעשע קאָמפּלימענטן און ליבשאַפטן:

— מיין נשמה... מיין ליכטיקייט... מיין נחת... די אויגן עפענען זיך מיר אויף, ווען כ׳דערזע דיך.

זאַמע איז געשטאַנען עטוואָס פון ווייטן, ביים פענצטער, צוגעקוקט זיך צו דער ווייבערישער פאַרעניש, מאַמעשער צעשטרייטקייט. באַוווּנדערט פעשעס צעפלאַמט פנים, וואָס איז געוואָרן איצט ייִנגער און צעלאַכטענער, דער טאָכטערס אַריסטאָקראַטישן אויסזען: עפּעס גאָר אויסערגעוויינלעך אײדל, נגידיש! און אויך ביי אים האָט זיך אַזאַ פריידיקער שמייכל פאַרגנבעט אין געדיכטעניש פון באָרד און וואָנסעס.

— זעסט, טאָכטערשי, בלויז צוליב דער מאַמען אַליין, פאַר דעם שטיק געזונט, וואָס דו ברענגסט איר מיט, מיט דיין קומען, וואָלסטו באַדאַרפט זיך צו אונדז עפטערס באַווייזן.

פאַניע האָט אויפגעהויבן די אויגן, אָנגעקוקט דעם פאָטער. אָפּגעענטפערט מיט שטיל אײדעלן שאָקל פון קאָפּ, מיט לייכטן שמייכל, גאָרנישט געזאָגט.

— זי וועט שוין קומען, מיט גאָטס הילף וועט זי שוין קומען — האָט פעשע אָפּגעענטפערט פאַר פאַניען.

אַצינד האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דער ריכטיקער עמפּאַנג: דאָס צוברענגען די מתנות פאַרן ליבן גאַסט. אַלע האָבן געאײַלט, געוואָלט זיך באַווייזן מיט די געשאַנקן. נישט געהאַט קיין געדולד. צום ערשט זענען דערשינען די ייִנגלעך, צוגעברענגט קאָלירטע בלייפעדערס, נאָטיץ־ביכלעך, פּיטשינקע מעסערל מיט קלינגלעך, אייגנהענטיקע געמאָלענע בילדלעך; נאָך זיי, די ייִנגערע שוועסטערלעך, צוגעברענגט: דינינקע מיט בלויע שפּיצעלעך, אַרומגעזוימטע טאַשנטיכלעך, אויסגעהאַפטענע סערוועטקעס, געסטראָיעטע ליאַלקעס צו באַצירן אַ מיידלצימער; ריוול — אַ נייעם

אַלבום באַפּוצט מיט פאַרביקע אַנזיכט־קאַרטן פון פרעמדע לענדער, שטעט, האַפנס. פאַניע האָט דאָס אַלץ צוגענומען, געדאַנקט, געקושט אין שטערן, אַוועקגעלייגט עס אויפן טישל אין ווינקל.

די לעצטע איז צוגעקומען כייקע. זי איז אייגנטלעך געווען די עלטערע פאַר ריוולען. אָבער אין שטוב איז זי איבער עפּעס פאַררעכנט געוואָרן נאָך איר. כייקע, אין דער נאַטור, אַ לאַנגזאַמע, מיט פאַוואָליע־דיקע טריט און באַוועגונג. פולינקע רויטע הענט, פון כסדרדיקער אַרבעט, קאָכן, וואַשן; פלײשיקע, מיט בליענדיקער פאַרב, אָנגעגאָסענע באַקן, ווי אונטער דער הויט וואָלט געברענט אַ פייערל, זיי תמיד געוואַרעמט. זי איז געווען דאָס היימישע גוטע קעלבל אין שטוב, מיט וועלכער מ׳האָט זיך באַדינט צו אַלעם, מיט איר געשאַפן, אַרויסגעהאָלפן. זי, דאָס געטרייע, געהאָרכזאַמע באַשעפעניש, שטענדיק גרייט צו געהאָרכן, צו פאָלגן, צו באַדינען, האָט קיינמאָל קיינעם אין גאָרנישט אָפּגעזאָגט, קיינמאָל גאָרנישט פאַרלאַנגט, קיינמאָל זיך נישט געקלאָגט. נאָכגעגאַנגען דער מאַמען אין פוסטריט מיט דער צוגעבונדענער געטריישאַפט, ווי דאָס קאַלב דער מוטער־קו, געזוכט איר אין אַלעם צוהעלפן, פאַרגרינגערן. געלעבט פאַר אַלע, פאַר יעדן באַזונדער. פאַר זיך אַליין צום ווייניקסטן.

צוגעקומען צו פאַניען האָט זי זיך גלייך צעוויינט.

— פאַרוואָס קומסטו אַזוי ווייניק אַהיים, פאַניעשי, פאַרוואָס? — האָבן טרערן זיך ביי איר געגאָסן פון די אויגן.

פאַניע האָט געגלעט אירע צעפּאַטלטע שפּעדיקע האָר, דעם ווייכן האַלדז, די באַקן, זי איינגענומען.

— וויין נישט, שאַ. ס׳איז נישט שיין, כ׳וועל שוין קומען.

זי האָט צוגענומען פון כייקען דאָס געשאַנק: אַן אויסגעשטריקט טאַרבעלע פון קאָלירטן צווערן מיט אַ „צוציער", פרענדזלען אין די עקן, קונציק אויסגעאַרבעט. מ׳האָט עס געקענט אויך באַנוצן אין גאַס ווי אַ בייטעלע. פאַניע האָט עס באַטראַכט, געשמייכלט.

— שיין, זייער שיין. אַ שיינטשיקן דאַנק דיר חיהלע. כ׳האָב דיך ליב.

כייקע האָט אַ צעפּראַל געטאָןביידע הענט, איינצושלינגען אין זיי די שוועסטער.

— איך דיך אויך, מיטן גאַנצן לעבן. כ׳האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר. כ׳האָב אַזש געוויינט.

זי האָט אָפּגעווישט די פייכטע אויגן און געזאָגט שוין רואיקער, באַשעפטיקטער:

— כ׳האָב אָנגעגרייט פאַר דיר עסן, אַ גוטע זופּ, וואָס דו האָסט ליב פאַניעשי, מיט שוועמלעך, כ׳על אַריינברענגען.

— מען דאַרף נאָך נישט, וואַרט צו חיהלע. כ׳וועל אַליין אַריינקומען.

חיה האָט נישט אויסגעוואַרט, זיך נישט איינגעהערט, פאַרשווּנדן.

פאַניע האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס לעצטע שטיקל אָנטאָן: די בלויע אַפּאַשקע, דערלאַנגט דער מוטער. פעשע האָט עס צוגענומען, צוגעלייגט צו יענער גאַרדעראָב, אַ קער געטאָן זיך מיטן פּנים אויף צוריק. די אויגן געפּרעגלט פון נחת, אויסגערופן:

— נו קינד לעבן מיינס, ווי פילסטו זיך עפּעס אין דער מאַמעס שטוב, בעסער ווי דאָרט?

— ס׳איז דאָך די היים, וואָס איז דאָ צו פרעגן — און פאַניע האָט זיך ווידער אַמאָל אַרומגעקוקט.

און אויף איר האָט פון אויפסניי אַ הויך געטאָן און נאָך קרעפטיקער, מיט היים־אַראָמאַט, מיט טאַטע־מאַמע, געשוויסטער, היימיש הויזברויט, היימיש לעבן. נעבנטער געמאַכט, צעעפנט אין איר פאַרשלאָסענע געוועבן, פאַרמאַכטע קעמערלעך.

זי האָט לייכט אָפּגעזיפצט, צוגעקומען צו דער מוטער, זי אַרומגענומען, דאַנקבאַר אַ קוש געטאָן:

— מאַמינקע!

שפּעטער, פאַרנאַכט־צו, איז מען געזעסן אַרומען פאַמיליע־טיש פאַניע שוין אין היימישן לבוש: אין באַקוועמען גרינגשטאָפיקן שטוב־ראָק, מיט גרויסע פאַרצויגענע קנעפּ אויף פאָרנט, ברייטע אַרבל, אַ גאַרטעלע אַרומגענומען אין פאַס, קימאָנעאַרטיק; דער טאַטע אין ברייטער טריקאָטאַזשענער וועסט מיט אויסגעלייגטע קלאַפּעס ביים האַלדז, קליינע קעשענקעס; די מאַמע אין געריימען קאַפטן און מיט פאַרויטלטע באַקן.

מ׳האָט געטרונקען טיי מיט קאָנפיטורן. ווייניק גערעדט. נאָך דער ערשטער אויפגעבראַוזטער פרייד, איז מען אַריין אין עפּעס אַ שטילקייט, ווי יעדער איינער וואָלט זיך געהאַט אויסגערעדט, נישט געווען מער וואָס צוצוגעבן. אָבער אין דער אמתן, איז יאָ געווען וועגן וואָס צו רעדן און דווקאַ נויטיק, וויכטיקס. נאָר יעדער האָט זיך געהיטן, עס אַרויפּצוברענגען אויף די ליפּן. אַן אינסטינקטיווע שרעק האָט אָפּגעהאַלטן צו באַרירן אָט יענע אַנגעווייטיקטע טעמע, אונטערגעזאָגט, אַז ווי נאָר מען וועט עס אַ טשעפּע טאָן, וועט ווי פון אַ געעפנטער ווונד נעמען טריפן אייטער. יעדער באַזונדער האָט דערוועגן געטראַכט, געצווייפלט, מורא געהאַט, און אינדערשטיל געצויגן דערצו.

ס׳האָט עמיצער דאָך געמוזט אָנהייבן דערפון רעדן, און דאָס האָט אויף זיך גענומען זאַמע.

פּאַרזיכטיק, ווי איינער וואָס לאָזט זיך אויף גליטשיקן אייז, האָט ער אָנגעהויבן נישט זיכער.

— וואָס האָסטו אונדז געבראַכט פאַר אַ נייעס טאַטערשי פון דאָרט?

פּאַניע האָט געשוויגן.

— שווייגסט, האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן?

זאַמע האָט אין דער רגע אויפגעכאַפּט דער ווייבס ווונק, וואָס האָט אים אָנגעוויזן אויף די איבעריקע קינדער. ער האָט פאַרשטאַנען איר מיין, אָפּגעהאַקט, זיי איבערגעבעטן, געהייסן אַרויסגיין: „גייטס קינדערלעך, זייטס מוחל. איך וויל עפּעס דאָ איבערעדן״. אַלע זענען אַרויס. געבליבן איז טאַטע־מאַמע און פּאַניע. זאַמע איז צוגעטראָטן איצט צום ענין אָפּער־נער, קלאָרער.

— וואָס הערט זיך מיטן געשעפט?

— גאָרנישט. — איז געקומען פּאַניעס קורצער ענטפער.

— וואָס הייסט גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט דאָ?

— ניין.

פּאַניעס אָפּגעהאַקטער „ניין״, האָט אַדורכגעווירעט מיט פראַסטיק אומהיימלעכער קעלט איבערן צימער. אָנגעבלאָזן ציטער אין די ביינער.

דריי פּנימער האָבן זיך איבערגעקוקט, איינגעגעסן זיך מיט די בליקן. זאַמעס באַקן זענען געוואָרן בלייך, איבערגעגאַנגען פֿאַמעלעך אין מאַט־גרינער קאָליר. די וואָנסעס האָבן אונטערגעציטערט ווי הערנערלעך ביי אַ דערשראָקענעם זשוק, ווען ער דערשפּירט די געפֿאַר פֿון שונא. זיין האַנט האָט גענומען ווישן איבערן שטערן. ר׳האָט אָנגעקוקט די דלאָניע, געזען זי איז פֿייכט פֿונעם אַרויסגעקומענעם שוויס.

— גאָרנישט זאָגסטו, גאָרנישט... איז עס מעגלעך? טאַקע גאָר־נישט?! — זאַמע האָט גערעדט מיט אויך אַזאַ אונטערציטערנדיקע פֿייכטע שטים, איבערחזרנדיק כּסדר די זעלבע ווערטער, ווי איינער וואָס טאָפּטשעט אויף איין־און־זעלבן אָרט, קען נישט אַרויס. געקוקט אַמאָל אויפֿן ווייב, אַמאָל אויף דער טאָכטער און דאָס פּנים האָט ביי אים געקריגן אַלץ מער אַן ערגערע מראה.

— איז וואָס וועל איך טאָן — האָט ער געפֿרעגט נישט צו וויסן צו וועמען. פֿאַרקוקנדיק זיך ווידער אויף דער פֿייכטער האַנט — איך בין אַ בעל־חוב איבערן קאָפּ, ווי וועל איך מיר אַן עצה געבן, אַרויס פֿון דער בלאָטע. האַ, זאָגטס מיר...

ס׳האָט אים קיינער אויף דעם גאָרנישט געקאָנט זאָגן. פֿאַניע איז געזעסן אין איר פֿאַרשטיינערט שווייגן. די בליקן אויסגעשיפּט, ווינקלדיק, פֿאַרהוילן. אַ שלעכטע פֿאַרעקשנטקייט האָט זיך געמאָלט אין אירע מויל־ווינקלען, אַן עקשנות, וואָס האָט אָנגעזאָגט רוגז, פּרעטענסיע, נישט געלאָזט איר עפֿענען דאָס מויל. פֿעשע האָט עס געזען. פֿאַרשטאַנען דער טאָכטערס וויטיק. אָבער אויך געפֿילט די אַחריות פֿאַרן מאַן, פֿאַר זיין אומגליקלעכער לאַגע. געשיקט צו פֿאַניען בליקן מאָנענדיקע, רופֿנדיקע, געוועקט זי מיט שטומער תּנועה, כּמעט זיך ביי איר געבעטן: פֿאַניעשי, מיין קינד, צוים דיך. ענטפֿער דעם טאַטן. ענטפֿער אים געלאָסן, רואיק, העלף אים אַרויס אין זיין ענגעניש. פֿאַרקוק אויף דיינס...

פֿאַניע האָט עס נישט געוואָלט זען, נישט געוואָלט דערהערן דער מאַמעס געבעט, נישט געוואָלט נאָכגעבן. מיט גאָרנישט אַרויסהעלפֿן. די ביטערניש אין איר האָט געווירן, געוואַקסן, מיט יעדער מינוט שטאַרקער, צום מרידהדיקן אויסברוך. זי איז דאָך אַהיימגעקומען, געטריבן פֿון אַט

דעם שלעכט סכנהדיקן געפֿיל, אַז עפּעס געשעט דאָ אַ געפֿאַר. איצט זעט זי די גאַנצע וואָר. אַלץ איז אָפּגעדעקט, אָפּנבאַר און אומגליקלעך.

און כאָטש איר האַרץ האָט ווי געטאָן פֿאַר זיי די לייבלעכע, פֿאַר זייער צער און יסורים, האָט זי אָבער נישט געקאָנט זיך באַרואיקן, נישט באַפֿרייען. אויפגערייצט ביז דער טיפֿעניש פֿאַר דער אָפּגעטאָענער עוולה, גרויסער נאַרישקייט, וואָס די עלטערן האָבן מיט זייערע אייגענע הענט אָפּגעטאָן: „צעשטויבט דאָס ביסל פֿאַרמעגן אויפֿן ווינט און ווי זי האָט זיך משער געווען (פֿון טאַטנס אַ בריוו צו מאַקסן), נישט געשווינט אויך איר אָפּגעהיטענעם נדן — אויפגערייצט דערפֿון, האָט עס איר געריסן צום בונטעווען זיך, צום אויפֿרייסן, אויסברעכן אין אַ פֿייער. דאָס בייזע וואָרט איז געלעגן אויפֿן שפּיץ צונג, נאָר צום אַראָפּשפּרינגען. עמעצנס אַן אומגעזעענע האַנט, האָט עס ווי ס׳איז נאָך פֿאַרהאַלטן, נאָך געצוימט.

— פֿאַניע! — האָט זיך דערטראָגן צו איר דער מאַמעס קול, העכער, בעטנדיק, און אויך באַפֿעלנדיקער.

פֿאַניע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. דער מאַמעס בליק — סאַמע צער. סאַמע פּיין. דער אייביק העל ווייכער גוידער, וואָס האָט איר צוגעגעבן מאַמעשע שיינקייט, גערוט מיט חשיבות, איז געווען איינגעצויגן, אָפּערגעקוקט מיט פֿאַרפֿעדעמטע רויטע אָדערלעך. די אויגן — טריפֿנדיקע מיט מאַמעשן טרויער, געבעט און אויך געבאָט: טו ווי איך הייס דיך. רעד צום טאַטן.

פֿאַניע האָט נישט געקאָנט מערביישטיין דער מאַמעס געבעט. געווענדעט איר פּנים צום פֿאָטער. דערזען אויך אין טאַטנס געזיכט דעם זעלבן אויסזען, די זעלבע אָנגעהויכטע לײדן און אין איר איינגעווייד האָט אַ שניט געטאָן ווי מיט אַ שאַרף פֿון מעסער.

— זיי האַלטן פֿאַר באַנקראָט — האָט זי אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין, אויסגעשאָסן מיט אַ נידעריק פֿאַרשטיקטער שטים.

— האָ, וואָס?!

— יאָ, פֿאַר באַנקראָט, אַלץ איז געוואָרן פֿאַרטאָכלעוועט. מאַקס וויל אָוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אין דער פֿרעמד, זאָגט ער, וועט ער זיך

נאָך צו עפּעס דערשלאָגן, דעראָבערן. דאָ האָט ער מער נישט וואָס צו טאָן — פּאַניע האָט דאָס איבעריקע צוגעלייגט, ווי זי וואָלט געוואָלט אַלץ פון זיך אַראָפּזאָגן.

— באַנקראָט? פולשטענדיקער באַנקראָט!? — און זאַמע האָט פאַרקנייטשט דאָס פּנים ווי אַ צוגווינט וואָלט עס פאַרכאַפּט, פאַרגליווערט אין אַ מאַסקע — באַנקראָט, גאַרנישטאָ מער זאָגסט, וויי מיר!

אין גרויסער צערודערונג האָט זאַמע נישט געדענקט ווו ר׳האָט אַוועקגעלייגט די פּאַפּיראָסן־טאַש. געזוכט זי אין אַלע קעשענעס, אויפן קני, אויף דער ערד, אויפן טיש, כאָטש געלעגן איז זי אויבנאויף פאַר די אויגן. ער האָט זי ענדלעך דערזען, אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּיראָס, פאַרויכערט. האַסטיק געצויגן דעם רויך. נערוועז געשאָקלט דאָס אַש, לאָזנדיק עס פאַלן לעם אַש־בעכער, אויפן טישטעך, אויף די הענט. דאָס מויל האָט געצוקט מיט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען ווי אין פיבער.

— באַנקראָט... און ער וויל פאָרן... איצט וויל ער פאָרן, ווען דאָס לאָך איז שוין גרויס, מיט גאַרנישט צו פאַרשטאָפּן... אַנטלויפן וויל ער... פאַרוואָס איז ער פריער נישט אַנטלאָפן, פאַרוואָס?...

אויף אויף דעם האָט אים קיינער נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער, און זאַמע האָט עס נישט דערוואַרט. וואָרעם, ווער איז אים דען מער שולדיק אין דער בראָך ווי ער אַליין. ער האָט דאָך מיט זיינע אייגענע הענט, מיט זיינע אייגענע צען פינגער געשפּרייט דאָס ביסל פּראַצע אויפן אָפענעם ים. געמיינט, בכן: ער וועט שווימען אַ לוסטיק שווימעניש. שווימט ער איצט אין צרות, אין שווייס און יסורים. ניין, ער קען צו קיינעמען גאַרנישט האָבן. ער איז דער שולדיקער. ר׳האָט באַדאַרף האָבן די אויגן אין קאָפּ, שכל אין מוח, וויסן וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, האָט ער איצט די באַלוינונג.

זאַמע האָט זיך געזען שטיין פאַרן משפּט, פאַרן אומגעזעענעם געריכט, פאַר וועלכן ער איז מודה אין זיין שולד, נעמט מיט הכנעה אויף זיך דעם גזר־דין.

— יאָ, צו וועמען קען איך איצט האָבן אַ טענה, צו וועמען. איך

האָב עס אַליין געטאָן, אַליין מיט די אייגענע הענט — האָט ער גערעדט, קוקנדיק אויף די הענט — און ער וויל אַנטלויפן, אַנטלויפן וויל ער... זאָל ער לויפן, איך האָב פון אים סיי ווי גאָרנישט מער צו דערוואַרטן. אָבער איך וואָס וועל טאָן. ס׳איז נישטאָ קיין פעלן צו לייגן אין פאַס. איך האָב נישט מיט וואָס צו דעקן די חובות. כ׳האָב מיך בדלות געשטעלט, ב־ד־ל־ו־ת!

דאָס וואָרט „בדלות" אין זיין אויסגעצויגענער אונטערשטרייכונג, וואָס האָט אַזוי גורלדיק געשריגן פון זאַמעס מויל, האָט אין פּאַניען אויפגעוועקט פונדאַסניי אַ טריבע ביטערניש. זי האָט אין דער יאושדיקער ווידוי פון פאָטער, דערהערט שוין קליפּ־און־קלאָר דעם גאַנצן חורבן, אַז ס׳איז מער גאָרנישט געבליבן. דאָס ביסל טליענדיקע האָפענונג, וואָס האָט געטליעט באַהאַלטן אויפן דנאָ פון איר האַרץ, ווי אַ פונק אונטערן פּאַרדעקטן אַש, אַז אפשר איז נאָך נישט אַלץ פאַרפאַלן, אַלץ פאַרלוירן — האָט זיך אויסגעלאָשן. אַצינד האָט זי געזען זייער שיף זינקט און מיט איר — אַלע, און וואָס וועט זיין מיט די קינדער, מיט די טעכטער, וואָס מען דאַרף חתונה מאַכן, מיט די יינגערע וואָס מען דאַרף דערציען — וואָס וועט זיין?

אין פּאַניען האָט די אונטערדריקטע גריזאַטע, אויפגעפלאַמט אין נייעם שאַרפן גלי. דאָס ביטערן פון פאָטער האָט נישט געוועקט אין איר מער קיין רחמנות. פאַרקערט, געצונדן דאָס ווידערשפעניקע געמיט, געוועקט צו בייזע אויפרעגונג: ווי זענען דאָס דערוואַקסענע מענטשן אַזוי נישט פאַרזיכטיק, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַ פאַרפיר־ליכטל — פון אַ לייכטזיניקן זון. זיי האָבן גוט געוווּסט, ווער מאַקסל איז, מיט וואָס ער שמעקט; מיט פלאַטער־קאָפּ. פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט געהיטן.

— צ׳האָט גאַנץ גוט געוווּסט ווער מאַקס איז — האָט די קרענקונג אין איר אויפגעשריען — נישט באַדאַרפט נאָכגיין זיין מוח. געדאַרפט לעבן מיט חשבון און נישט צעשיטן דאָס ביסל אָנגעזאַמלטע האָב און גוטס אויף הפקר. צו וועמען שרייט איר איצט? און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? יאָ, מיט די קינדער, וואָס וועט זיין, פרעג איך!

דאָס אינערלעך מרידהשע, מיט וועלכער זי האָט נאָכאַנאַנד געקעמפט,

זיך געראַנגלט, געהאַמעוועט מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצולאָזן אויף דער פריי, נישט אָנרירן דעם כבוד פון די עלטערן — האָט נישט אויסגע־האַלטן, געפּלאַצט. זי האָט פאַרלוירן די באַהערשונג, די מאַכט איבער זיך. דאָס געשריי אין איר, האָט זיך געריסן נאָך העכער.

— גיטס אַן ענטפער, וואָס איך פרעג, גיטס אַן ענטפער אויף אייערע מעשים, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן — האָט זי פּראָקוראָריש געפאָ־דערט — איך וויל וויסן. כ׳וויל הערן!

— ער האָט מיך געגאַרט — האָט דער פאָטער מיט אַ דערדריקט קול געפּרוווט זיך פאַרטיידיקן — געזאָגט תמיד אַנדערש, ווי ס׳איז געווען אין דער וואָר. מיט פאַלשע ריידעלעך, מיט צוזאָגענישן, מיך פאַרלאָקערט. און איך האָב געגלייבט. דאָס איז געווען מיין פעלער, כ׳בין מודה. ווען כ׳האָב מיך געכאַפּט, איז שוין געווען צו שפּעט — זאָמע האָט זיך געקרעקט מיט די ווערטער, געווען הייזעריק ווי די קעל וואָלט אים אין די מינוטן געוואָרן פאַרקילט.

— נישט דאָס איז עס, ניין. די סיבה איז אַן אַנדערע: צ׳האָט געוואָלט ווערן וואַרשעווער סוחרים, האָבן אַ פירמע, גרויסן זיך פאַר דער וועלט, פאַר דער שטאָט, פאַר דער גאַס... יאָ, דאָס האָט ענק געטריבן. אַנדערש איז נישט צו פאַרשטיין; דערוואַקסענע מענטשן זאָלן אַזוינס אָפּטאָן. דאָס פּאַסט דאָך פאַר קינדער!... — צום ערשטן מאָל, זינט זי געדענקט זיך, האָט פאַניע אויפגעהויבן איר קול מיט אַזאַ שאַרפן טאָן, מיט חוצפה און עזות, קעגן פאָטער־מוטער.

אַ שטילקייט. זאמעס פּנים ווי פאַרטויבט פון אַ קלאַפּ. דער נאַקן געבויגן. פאַמעלעך, נישט זיכער, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויף דער טאָכטער, געזוכט מיט בלינדע אַפּלען, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט גוט דערקענען: איז דאָס טאַקע זיין פאַניע? רעדט צו אים אַזוי זיין קינד? זאמע האָט מיט בושה צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, טיפער אים פאַרזונקען צום טיש. ביטער אָפּגעקרעכצט.

— פאַניע, פאַר וועמען זיצסטו האָ? ווי רעדסטו צום טאַטן! — די מוטער האָט אַ שאַר געטאָן מיט אַ האַנט אין דער לופטן, ווי זי וואָלט פון וייטן געוואָלט דערלאַנגען דער טאָכטער אַ פּאַטש. פאַרכאַפּט מיט די

דלאַניעס דאָס געזיכט, אַרויסגעפּליצט מיט הייס געוויין ווי אַ שפּריי רעגן:

— גאָט אין הימל, דערלעבט! — פּעשעס קול אין פאַרשטיקטן יאָמער, האָט זיך געבראָכן אין שערבלעך — ער אַן אייגן קינד... זי אַן אייגן קינד... גוט דערלעבט!

דער מאַמעס געוויין האָט צעטרייסלט, גערירט, ס׳איז געווען ווי דער דונער נאָך אַ כמאַרע, זאָגט אָן, אויסלייטערונג. די מאַמעס טרערן זענען געווען איבער פּאַניעס כוחות. זיי האָבן איר אויסגעזאָגט דעם פּחד, וואָס די עלטערן לעבן איבער. די שווערע ליידן, וואָס זיי מאַכן אַדורך. זי זעט דאָך דאָס פון זייער געענדערטע מראהס, וואָס זינט זי זיצט דאָ מיט זיי, זענען זיי אינגאַנצן געוואָרן משונה־צורה — גראָ און איינגעפאַלן. און די גוטע שטילע מאַמע איז דאָך, זיכער אין דעם גאַרנישט שולדיק. אירע הענט זענען רייך. ריין ווי ביי אַ הייליקע. זי ווייסט.

און ווי רעגן פרישט אָפּ דעם חלל, האָט ביי פּאַניען זיך ווידער עפּעס אַ ריר געטאָן. דער מאַמעס געוויין האָט פאַרווייכט די שטוביקע לופט. איינגעשטילט אַביסל דאָס אומרואיקע האַרץ, פּאַניע האָט סוף כל סוף געהאַט אַ גוטע דערציאונג. געווען באַשענקט מיט אַן איידעלן כאַראַקטער. געוווסט, אַ מענטש מוז אין אַלע שווערסטע, אָנגעהעצטע מאָמענטן גובר זיין די יצרים. און פאַר איר זיצן דאָך טאַטע־מאַמע — די העכסטע וועזנס פאַר איר, אויף דער וועלט. פּאַניע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן מיט אונטערטעניקייט.

— מען דאַרף די זאַך באַטראַכטן אפשר רואיקער. מעגלעך ס׳זאָל עמעצער פון אייך אַריבערפאָרן צו אים, אָפּדערציילן קלאָר די לאַגע. קאָן זיין, ער האָט אינדערשטיל עפּעס אָפּגעראַטעוועט און וועט צוריקקערן — פּאַניעס שטים האָט איצט אָפּגעקלונגען מיט פאַרווייכערטקייט, מיט איבערבעטונג, געזוכט לינדערן, טרייסטן.

די שטוב האָט אויף אַ רגע לייכטער אָפּגעאָטעמט.

*

אָבער מיט דעם האָט דער טאָג זיך נאָך נישט געענדיקט. אויפגעלייגט געווען נאָך איבערצולעבן, עגמת נפש, פּיין און שאַרפערע נאָך פון פריער

און ביים זעלבן טיש, וואָס האָט ווידער אַמאָל צעטרייסלט. שולדיק אין דעם איז געווען זאַמע מיט זיין איבערגעאיילטן שריט. זאַמע, וועמען עס האָט די גאַנצע צייט געבויערט אין מוח, די פאַרלוירענע לאַגע, געזוכט רעטונג, געזען אין סינדיקאַט, אין ריוולס שידוך אַ שטיקל אויסוועג, האָט אים געקוטשעט, ער זאָל נעמען דערוועגן איצט רעדן. ר'האָט געהאַט אין תחילת ביי זיך אָפּגעמאַכט, אויסוואַרטן דערמיט אויף אַן אַנדערע צייט, אַ מער פּאַסיקערע, רואיקערע. אָבער אין דער לעצטער סעקונדע, ממש מעשה־שטן, געטריבן פון דער אינערלעכער מוטשעניש, האָט אים אויסגע־וויזן ס'איז אַצינד גראָד די פּאַסיקע צייט און מען דאַרף עס אַרויפברענגען אויפן טיש: „שמיד דאָס אייזן ווי לאַנג ס'איז הייס — האָט אַ קול אין אים געררופן — נוץ אויס די געלעגנהייט און דערמיט וועסטו פּטור ווערן פון אַן עול", און ער האָט געפאָלגט.

איינזעצנדיק זיך באַקוועמער אין בענקל, אָנגורטנדיק זיך די לענדן מיט בטחון איז זאַמע אַרויסגעפאָרן אויפן נייעם שליאַך:

— כ'וועל דיך זאָגן מיין טאַכטער — האָט זאַמע אָנגעהויבן ישוב־דעתדיק, נאָך דער באַרואיקונג — וועגן יענעם דאָרט אין וואַרשע, איז נישטאָ מער וועגן וואָס צו רעדן. אַ ברכה לבטלה, ווייסיך, אָפּגעראַ־מעוועט... עס איז אַן אויסגעגאַנגענער רויך, וואָס קענסט אים מער נישט צונויפנעמען. וואָס קענסטו פון אים אַרויסקריגן אַ פּאָר אָפּגעטריקנטע לאַפּן, וואָס זענען איבערגעבליבן?... אָבער זעסטו... סע גרינדעט זיך אַ סינדיקאַט, אַזאַ מין שותפות, ווי אַלע גאַרבערס וועלן נעמען אָנטייל... ווען כ'האָב די אונטערשטיצונג פון וועמען זעסטו, כ'זאָל קענען אַריינשטעלן אַ פּוס. אָט ווען כ'האָב... יאָ ווען כ'האָב זעסטו...

זאַמע האָט נאָך די ערשטע קוראַזשיקע ווערטער, וואָס זענען געקומען מיט אָנגעהאַלטענעם מוט, געגומען זיך פאַרלירן. ווידער איז אים באַפאַלן די שרעק: וואָס גייט ער טאָן? געוואָלט זיך צוריקציען, און אויך דאָס נישט געקאָנט. זיין וואָרט האָט געהאַנגען אין דער לופטן. אויערן האָבן געוואָרט עס צו הערן. דאָס אייביק לייכט באַרעדעוודיק מויל, זאַמעס, וואָס האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט זוכן די ווערטער, אָנגעפּלאָנטן אין אים ווי אַ פריי קוועליק וואַסער, צומאָל שוין איבערפליסיק, האָט איצט געגומען שטאַמלען, זיך פאַרהיקען, נישט געקאָנט אַרויס. געשפּירט ער ווערט

אָנגעשטרענגט, דער פּאָדעם רייסט זיך אים איבער. צום סוף שטיל געבליבן.

— דער טאַטעשי האָט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, פאַרוואָס האָט דער טאַטעשי אויפגעהערט — האָט פאַניע געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג, אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן.

— ס'איז מיר שווער מיין טאָכטער, גלייב מיר — שווער...

— אָבער, אַז דער טאַטעשי האָט אָנגעהויבן, זאָל דער טאַטעשי פאַרזעצן.

— די זאַך איז אַזוי... יאָ... — זאַמע האָט געזוכט פעסטיקן אין זיך דעם כוח ממשיך צו זיין, זיין בליק האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דער ווייב, זיין אייביק געטרייע אַרויסהעלפערין, און דערבליקנדיק אירע גוטע אויגן אויף זיך, וואָס גיבן אים צו זיכערקייט, מוט, האָט ער מיט צוזאַמענגענומענע כוחות ווידער אָנגעהויבן:

— יאָ, הער, די זאַך איז אַזוי, ווען כ'האָב מיט וואָס אַריינצוקומען אין שותפות, בין איך אַ גלייכער מיט גלייכע, און מיט גוטע האָפענונגען, דער סינדיקאַט זאָגט מען איז אַ ווילער אויפטו, קאָן ברענגען גרויסע נוצן פאַר דער גאַס, פאַר יעדערן באַזונדער. אַ סך האָבן זיך שוין פאַרשריבן, האָב איך אָבער נישט מיט וואָס אַריינצוקומען. און דאָ האָט זיך אונטערגערוקט אַ מעשה הערסטו — ריוול...

דער פאָטער האָט א שפּיזל געטאָן מיט אַ ווינקל־אויג צו דער טאָכטער, דערזען איר נייגעריק אָנגעשפּאַנטן בליק אויף אים, ווי זי וואָלט שוין עפּעס דערפילט, און דאָס וואָרט האָט זיך געוואָלט ווייטער פאַרהאַלטן און ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער פאַרזוימט ער נאָך אַ רגע, וועט ער עס מער נישט קאָנען טאָן, האָט ער אייליק צוגעגעבן:

— יאָ, ריוול, זי האָט זיך באַקענט מיט אַ בחור, אַ היימישער, אַ ווילער, דו קענסט אים, חיים אַלטער, אַברהם לעווקינדס זון, אַן אייגענער, אַן אונדזעריקער — זי וויל... יאָ, זי וויל אַ כלה ווערן. ער וואָלט געקענט גלייבן מיר, די זאַך מיט עפּעס אונטערשטופּן. טאָקע פאַרלייכטערן... טאָקע פאַרלייכטערן... — זאַמע האָט די לעצטע ווערטער געשלונגען, געאיילט צו פאַרענדיקן, געוואָלט פאַרטשמיעלען זיך און אַנדערע.

פאַר פאַניען איז דאָס געווען שוין איבעריק. זי האָט סיי ווי נישט

מער געהערט. אירע אויערן־אַנטענעס האָבן אויפגעכאַפּט ווי אַ וויטן קלאַנג: „ריוול וויל אַ כלה ווערן...“ און אַלץ איבעריקע איז פאַרשוווּנדן פון איר געהער. דאָס פּנים איז ביי איר געוואָרן באותו רגע פּורפּורדיק. דער גוף אומזיכער, געוואַקלט, זיך אַראָפּגעזעצט טיפער אין בענקל, פאַרהויקערט ווי מען וואָלט אויף איר נאַקן אַרויפגעוואָרפן אַ לאַסטיקע משא, וואָס שווערט, לאָזט נישט אויפהייבן דעם קאָפּ.

אַ סעקונדע איז אַלץ געווען אין דראָענדיקן שווייגן. פּנימער האָבן זיך אויפסניי איבערגעקוקט און פּלוצעם ווי אונטערגעשאָסן דורך אַ שטאַרקן לופט־שטראָם, איז זי אויפגעשפּרונגען מיט רעש פון שטול, אויסגעצויגן זיך אין אַ מאָדנער לאַנגער הייך, אַ סך העכער, ווי זי איז געווען, און מיט אַ האַליש קול פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה אויסגעשריען:

— ביי מיין לעבן נישט! ביי מיין לעבן וועט דאָס נישט געשען! אַכיבע ס׳וועט מיך פריער לייגן אין קבר...

ווידער האָט אַ קאַלטע אימה אַדורכגעריזלט די שטוב. די צוויי עלטערע לייט דערשראָקן, האָבן זיך איבערגעקוקט. ביי זאַמען איז געבליבן דאָס מויל צעעפנט. די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעהאַנגען, ווי אַ ביין וואָלט זיך פאַרשטעקט אין דער יאַסלע און ער קען דאָס מויל נישט צומאַכן. די רעכטע ברעם האָט געדריגעט, זיך געוואָרפן ווי אַן אָפּגעהאַקט עקל פון אַ יאַשטשערקע, וואָס רודערט זיך נאָך לאַנג נאָך דער אָפּגע־טיילטקייט פון קערפּער.

דאָס געשעט ביי אים תמיד, ווען ער קומט אַריין אין אַ פּלוצעם אַנגעשראָקנקייט, אין אַן עת־צרה. ער פאַרלירט דעמאָלט די זעלבסט־באַהערשונג, זיין רעכטע האַנט, אַ ציטערדיקע, האָט געבלאָנדזשעט איבערן טיש, איבער די בגדים, איבערן היטל. עפּעס געזוכט און נישט געוווּסט, וואָס זי זוכט. פון זיין פּנים איז אָפּגערונען יעדער אָנבליק פון אַ מענטשלעך אויסזען, געבליבן מיט בלייכער הויט, ווי מען וואָלט ביי אים אין דער רגע אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט פון די אָדערן.

— ניין, ניין — האָבן זיינע ליפּן ציטערדיק געשטאַמלט. די אויגן געפינטלט ווי אין בלענדונג — כ׳האָב דאָך נאָר געזאָגט, וואָס שרייסטו. כ׳האָב דאָך נאָר געזאָגט...

פאַניע האָט גאָרנישט געענטפערט, מיט גאָרנישט רעאַגירט, געשטאַנען

אויסגעשפּאַנט ווי אַ סטאַטוע, געקוקט שטאַר אויפן פּאַטער. זאַמע האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין מאַכט אָפּצושטעלן די ברעם. פאַרמאַכן געגוג דאָס מויל. אויך די האַנט־געלענקן זענען אים שוואַך געוואָרן. אַצינד האָט ער ערשט דערזען אין דער גאַנצער שאַרפקייט, ווי שווער ס׳איז זיין מצב. וואָס פאַר אַ דראָענדיקער שטורעם עס רוקט זיך אָן אויף זיין הויז. דער־פילט אין דער פולער מאָס דעם צער גידול בנים: יאָ, ער ווייסט איר בושה. דאָס איז אויך זיין בושה, אויסגעבן די ייִנגערע פאַר דער עלטערער. אין וועלכער אָרנטלעכער באַלעבאַטישער שטוב טוט מען אַזוינס! ניין, ס׳איז נישט גוט. ער וועט מער פון דעם קלעם נישט אַרויס. אַן אָפּגרונט איז געשפּרייט פאַר זיינע פיס.

— נ׳מאַ, נ׳מאַ, — האָבן זיינע ליפּן נאָך געשעפּטשעט, וואָס מ׳האָט נישט געוווּסט, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן. אויפסניי אָנגעהאָנגען די בליקן אויף פעשען, ווי זיי וואָלטן שרייען צו איר נאָך הילף, נאָך רעטונג: פעשע דו זעסט דאָס אַלץ, ראַטעוועסט נישט ?...

פעשע איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט, געפירט די אויגן בלאָנדזשענדיקע אַהין־אַהער, דאַ צום מאַן, צו דער טאָכטער. געקוקט און גאָרנישט געזען. פאַרכאַפּט דאָס פּנים אין די האַנט־פלאַכן און ווידער אַמאָל זיך צעוויינט.

— דערלעבט, דערלעבט, רבונו של עולם, דערלעבט!

פאַניע נאָך שטייענדיק אין איר אויסגעצויגנקייט. דאָס געזיכט באַדעקט מיט אַ מאַטע קראַנקע פאַרב, וואָס איז פון רויט איבערגעגאַנגען אין שטאַרקער בלאַסקייט, קוקנדיק מיט פאַרווירטע, אומגליקלעכע אויגן, האָט מיטאַמאָל זיך אַ וואַקל געטאָן, אַוועקגעשווומען אַהין צו דער סאָפע, זיך דאָרט אַוועקגעוואָרפן. פאַרשליידערט דעם קאָפּ צווישן די הענט אויפן וואַלעק און אין פאַרדרענגטע יסורים פאַרגאַנגען אין אַ וויִנענדיק געוויין:

— ביי מיין לעבן נישט... ניין, איך וועל די בושה נישט איבערטראָגן... ניין...

דער בין השמשות האָט אַריינגעקוקט אין די פענצטער־שויבן געקומען מיט שטיל פאַרגנבעטע טריט זיך אַריינצושאַרן שטיל און פאַרשעמט ווי מען קומט צו אַן אָבל אין הויז. אומדרייסט זיך צוגעזעצט צוקאָפּנס פון פאַניען, און אין איר פאַרשמאַכטקייט, זי איינגעוויגט. פאַניע איז אַריינ־געפאַלן אין דרימל.

קאַפּיטל דרייצן

דער ערשטער אָוונט אין דער היים

פונדעסטוועגן איז דער אָוונט ביי די שאַרפשטיינס אין שטוב אַדורכ־געגאַנגען נאָך אין מונטערן גוטן פאַרברענגען, אין גוטער היימלעכקייט. פאַניעס קומען איז באַוווסט געוואָרן צווישן אירע פריינט און זיי האָבן געאיילט נאָך אין זעלבן אויפדערנאַכט קומען זי באַזוכן.

אין פאַרנאַכט, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון פאַרשמאַכטן דרימל, האָט זי זיך דערזען אַליין. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. אַ דינע פינצטערניש האָט געהילט די ווענט, גאַרנישט געלאָזט דערקענען. זי האָט נישט געדענקט אין דער רגע, וואָס עס איז פאַרגעקומען, און ווי לאַנג זי איז געשלאָפן. ס'האָט איר אויסגעזען גאָר לאַנג. פאַר אירע אויגן איז אַלץ געווען מטושטש, בין השמשותדיק־צעשוווּמען. זי איז אַראָפּ פון דער סאָפע, אָפּגעטרייסלט דעם לעצטן נעפּל פון אירע אויגנוויעס, פּאַמעלעך צו זיך געקומען, אַריין אין גרויסן קיך־צימער.

דאָרט אין שטילן ליכט האָט זי אָנגעטראָפן דער מוטער. זי האָט פאַרגרייט נאַכטמאָל פאַר די קלענערע קינדער. פאַניע האָט געקוקט צו דער מאַמען מיט שולדיקייט, מיט איבערבעטונג. פעשע האָט עס געזען, אָנטקעגנגעשיקט אַ גוט מאַמעשען שמייכל, געטרייען בליק, ווי זי וואָלט זי איצט ערשט אויפסניי עמפּפאַנגען. געזאָגט מאַמעדיק, צאַרט:

— האָסט דיך אַביסל איבערגעשלאָפן פאַניעשי, זעסטו אַנדערש אויס, אַן אַנדערער מענטש. גיי ברענגט דיך אַביסל אין אָרדענונג. קלייב זיך צו. עס וועלן קומען מסתם דיינע פריינט צו דיר. דער טאַטעשי וועט אויך באַלד אַהיימקומען.

פאַניע האָט געפאָלגט. אָפּגעפּיכט דאָס פּנים, זיך אויפגעפרישט, אויפגעקעמט די פריזור אַ נייע, די האָר אַרויפגעהויבן אויף אויבן, אַנטבלויזט

דעם האַלדז. ס'האָט זי געמאַכט יינגער; אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן אָונטיק־קלייד, וועלכעס זי טוט אָן ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן. אַריין אין גאַסט־צימער, אָנגעצונדן די גרויסע לאָמפּ, זיך אַוועקגעזעצט אין געפּלאָכ־טענעם שטול מיט אַ בוך אין האַנט. געלייענט. געלייענט אומגעדולדיק, היפּערדיק, צומאָל זיך אָפּגעשטעלט, איינגעהאָרכט, צי ס'עפנט זיך נישט דאָס טירל אין דרויסן, ס'גייט נישט ווער. זי האָט געוווסט אויף זיכער, מען וועט קומען.

דער ערשטער איז אַריינגעקומען שלמה יוסף קאָרנבליט, אַ הויך שיין־געוואַקסענער מאַנסביל, גלייכאַקסלדיק, זויבער געקליידט, מיט אַ טובטעל־אינטעליגענטן אויסזען. פון אונטער די גרויס שייבלדיקע צוויקערס אויף זיין אַדלערנאָז האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר רואיקע עטוואָס קוהלת־שמייכלדיקע אויגן. זיי האָבן ווי געזאָגט: עט, קינדער, נישטאָ צו וואָס זיך איילן און פון וואָס זיך איבערצונעמען...

באַוויזן זיך אויפן שוועל, האָט קאָרנבליט זיך טיף פאַרנייגט, באַגריסט דעם גאַסט. דערנאָך מיט אַ פייערלעכן גאַנג זיך אַריינגעלאָזט טיפער אין שטוב. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן פריינטשאַפט, גוטע פאַרוווּנדערונג.

פאַניע איז אַראָפּ פון בענקל, אַנטקעגנגעגאַנגען אַ פּאָר קליינע שטילע טריט. צוויי הענט האָבן זיך געשטרעקט קעגנאַנאַנדער, פאַרשלאָסן. אויגן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שמייכל.

— שלום עליכם! — קאָרנבליט האָט געדריקט איר האַנט אין זיינער, זיך נאָכאַמאָל פאַרנויגט.

— עליכם שלום! — אויף פאַניעס פּנים איז אויפגעגאַנגען אַ דינע ראָזע וואַרעמע פאַרב.

— אַבי האָסט זיך באַוויזן — האָט ער שטיל געזאָגט.

— וואָס, געבענקט נאָך מיר?

— ווי מיינסטו...

קאָרנבליט האַלטנדיק נאָך פאַניעס האַנט, האָט מיט איר צוגעשפּאַנט

גאַרבער־גאַס

צו דער סאָפע, זיך אַוועקגעזעצט, געקוקט אין אירע אויגן מיט ליבער הברשאַפט.

— וואָס מאַכסטו פאַניע?

— אַלדאָס גוטס.

— צו וועמען האָסטו געבענקט, וואָס ביסטו געקומען אַנצופליען?

— צו דיר...

— באַלד אין פרימאָרגן מיט חוזק?...

— פונוואַנען ווייסטו ס׳איז חוזק?

— כ׳בין נישט דער גאַנצער נאַר, נישט צו פאַרשטיק.

— דאָסמאָל פאַרשטייסטו שלעכט.

— אַכיבע האָסט זיך באַזינען.

— זעסט, געפאַלן אויפן שכל...

דאָס געשפּרעך פון אַנהויב, אָפּן, האַרציק, צוטרוילעך, האָט מאָדנע, אָן זייער ווילן, גענומען אַראָפּקריכן פון וועג, פאַרקייקלען אין בלינדן ווינקל, זיך פאַרפלאָכטן אין אַ ווערטער־שפּיל פון גאָרנישט זאָגן, וויביידע וואָלטן פון אומפאַרשטענדלעכע סיבות פלוצעם פאַרלוירן דעם נאַטירלעכן פאָדעם. אַזוינס טרעפט אַמאָל, ביי צוויי נאָענטע מענטשן, וועלכע וואַרטן אויף זיך אויס מיט גאַרונג און אומגעדולד, און ווען ס׳קומט די מינוט פון זייער באַגעגענען זיך, האָבן זיי צו זייער שטוינונג, נישט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. קוקן זיך אָן פאַרלוירן, הילפלאָז. נייגן אָפּ צו זייטיקע רייד, צומאָל אומבאַהאָלפענע, וואָס העלפן נישט אַרויס, מאַכן נאָר נאַרישער און שווערער.

ביי זיי איז אויך עפּעס אַזוינס ענלעכס געווען.ביידע האָבן מיט דערוואַרטונג אויסגעוואַרט אַ מינוט פריער, דאָס באַגעגענען זיך און אַרויסגעקומען איז קרעמפּירטס, געהעמטס, ווי די צונג וואָלט נישט אויסגעפאָלגט. און געהאַט האָט יעדער פון זיי, וואָס צו זאָגן, דערציילן. אַרויסברענגען די אָנגעזאַמלטע געפילן, איבערלעבונגען אין דער פאַרלאָפענער צייט פון זייער אָפּגעזונדערט זיין איינער פון אַנדערן. זי, מיט אירע ראַנגלענישן, דאָרט אין דער גרויסער שטאָט. ער — מיט זיינע שטילע אינטימע מחשבות, פאַמעלעכע דורכגייענישן, דאָ אין קליינעם אָרט. אָבער

אַרויסגעקומען איז עפּעס אַנדערש — זשענירטס. קאָן זיין אַן אינערלעכער אינסטינקט האָט אָנגעהאַלטן נישט געלאָזט אויפרודערן דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס איז שוין פאַרדעקט מיט אַ שיכט שטויב, און וואָס וועקט זיך אומ־פאַרמיידלעך, אויפסניי אויף ביי זייער זיך צוזאַמענטרעפן, און צומאָל נישט אָן ווייטיקע זכרונות.

שלמה יוסף האָט געקוקט אויף פאַניען אין זיין געקווילטער קרעמפּירט־קייט. געוואָלט צעטרייבן דאָס אָנגעשטאַנענע שפּינוועבס, אומגעריכט געזאָגט:

— דו זעסט גוט אויס פאַניע.

— דו אויך — האָט זי צוריקגעצאָלט — האַלסט זיך נאָך אַלץ עלעגאַנט. דער זעלבער ציכטיקער יינגערמאַן...

— אַ מחלה אַזאַ, וואָס קען מען טאָן.

— נישט געפּערלעך.

ווידער האָט די פאַרהוילענע האַנט געזוכט אָפּהאַקן דאָס וואָרט, פאַרשטומען. קאָרנבליט האָט נישט געוואָלט דערלאָזן. אָנבייגנדיק זיך צו איר, האָט ער געזאָגט מיט מער נאָענטערן, נאַטירלעכן טאָן:

— כ'האָב לעצטנס געטראַכט פון דיר פאַניע.

— למשל?

— געטראַכט. ווייסט דאָך, ס'טראַכט זיך...

— דאָך, אין וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג?

— ס'האָט אייגנטלעך גאָרנישט קיין צוזאַמענהאַנג. ס'איז מיר געקומען אויפן זינען יענע צייט... און ס'איז אוממעגלעך דערמאָנען זיך אין איר, דו זאָלסט נישט אויפשווימען אינמיטן.

— אַ, דאָס גאָר! — און איבער פאַניעס פּנים האָט דורכגעווייעט אַ לייכטער שאָטן. די אויגנדעקלעך האָבן זיך האַלב אַראָפּגעלאָזט, פאַרשטעלט די אַפּלען. עפּעס דין־אומעטיקס האָט זיך אַוועקגעלייגט איבער איר געזיכט.

— וואָס שוין איבעריק צו דערמאָנען? — האָט קאָרנבליט געזאָגט באַמערקנדיק דאָס אומצופרידענע, וואָס איז אויף איר אויפגעגאַנגען.

— וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט עס. געווען... פאַרפלויגן... נישטאָ... —

זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ זעלבן אומעטיק, אומגערנדיק קול, ווי עס וואָלט איר איבעריק געווען דערוועגן רעדן.

— „געווען, פאַרפלויגן, נישטאָ...‟ — קאַרנבליט האָט נאָכגעציילט די ווערטער: איר שטענדיקע תשובה אויף זיין אָנווונקען וועגן יענע ווייכע פרילינג־יאָרן, ווען זיי זענען ביידע געווען נאָך אַזוי יונג, אָנגעגורט מיט דרייסטע פאַרלאַנגען, שטרעבונג, געגרייט זיך איינעמען וועלטן — יונגע, טראָציקע, צום לעבן זיך רייסנדיקע, אָנגרייפערישע יאָרן.

— און אפשר נאָך נישט אויף אייביק פאַרגאַנגען? קאָן זיין, זיי דרימלען ווי שוואַלבן אין ווינטערדיקן דעמער, וואַרטן אויף זייער נייעם פרילינג, האַ פאַניע ווי מיינסטו? — קאַרנבליט גאַרנישט ווי זיין שטייגער, האָט אָנגעשלאָגן אין שירהדיקע טענער.

— פּאָעזיע, מיין פריינט. דאָס איז גערעדט מיט פּאָעזיע. וואָרעם דאָס וואָס איז אַוועק, קומט נישט מער צוריק — פאַניע האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופט, ווי זי וואָלט דערמיט בולט אונטערגעשטראָכן דאָס אַוועקגעגאַנגענע, נישט מער צוריקקומענדיקע.

אויפהויבנדיק די לאַנג־הערלדיקע ווימפּערן האָט זי אָנגעקוקט איר פריינט מיט אַ טראָפּעלע פאַרגאַפטקייט, חידוש, לענגער געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— זאָג מיר שלמה יוסף, פאַרוואָס דערמאָנסטו תמיד אָט דאָס דעמאָלטיקע, דאָס פאַרגאַנגענע, וואָס איז שוין נישטאָ?

— כ׳ווייס אַליין נישט. קאָן זיין ס׳רופט מיך צוריק.

— און זאָג מיר אויך, אויב ס׳איז שוין יאָ געקומען צו רייד, פאַרוואָס מאַנען אָט די ערשטע, שוואַכע, מ׳קאָן זאָגן אומבאַהאָלפענע, נישט דערפאַרענע יאָרן, אַזויפיל צוריק פון מענטש, אין זיין גאַנץ שפּעטערדיק לעבן, פייניקן אים, האַ?

— איך ווייס דאָס אויך נישט. קאָן זיין, ווייל דאָס זענען די יניקה־דיקסטע יאָרן, וואָס געדייען, פעסטיקן זיך ווי יונגע בוים־וואָרצלען אין דער ערד, רייסן זיך צו ווערן יש, קריגן געשטאַלט צום וויטערדיקן רייפן גאַנג. און אויב זיי ווערן נישט געפלעגט, נישט אָפּגעהיטן דורך אַ אַ געטרייער האַנט, רופן זיי צוריק, מאַנען...

— געגוג, דאַרפסט מיר מער נישט זאָגן. דאָס איבעריקע ווייס איך אַליין — זי האָט אים איבערגעריסן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און אינדערשטיל ווי פאַר זיך צוגעגעבן:

— יאָ, אויב זיי ווערן נישט געפּלעגט, ווערט אין מענטשנס ווערק עפּעס צעשעדיקט, פאַרטאַכלעוועט, געטריבן אין ניוועץ — זי האָט אָפּגעזיפצט און מוסיף געווען — און קיינער קען דעם מענטש נישט טאָן דאָס שלעכטס, וואָס ער טוט זיך אַליין. און קיין שום יאָרן זענען נישט אַזוי עמפּינדלעך, באַדראָענד, אָפּגעדעקט פאַר סכנהדיקע ווינטן, ווי אָט די שוואַכע, אומבאַהאָלפענע, אָבער שוין טראַגנדיק אינזיך דעם גורל פאַרן ווייטערדיקן לעבן. און וויי דעם מענטש, וואָס איז נישט קיין גוטער שומר, קיין גוטער וועכטער... וויי!

שלמה יוסף האָט געקוקט אויף דער וויברירנדיקער הויט פון איר געזיכט, אויף די אָפּדריגנדיקע פינגער, אַוועקגעלייגטע אויף אירע קני, זיך איבערגענומען. ער האָט געוווסט, וואָס אירע רייד מיינען: דער משפט איבער זיך אַליין — פאַר אירע טייערע צעטרענצלטע יאָרן, וואָס זענען אַוועק אין מאַרנעטראַוועו, אָן תכלית, אָן צוועק, און פאַר וועלכן זי באַצאָלט איצט אַזוי טייער. ער האָט געזען ווי די ווייכע איידעלע ליניעס אין איר פּנים פאַרטונקלען זיך, ווערן געהילט אין דינעם וואָל־שלייער. זי איז אים אין דער מינוט געוואָרן ליבער, האַרציקער און אַ שאָד.

— דו אורטיילסט צו שאַרף מיין פריינדין, אָבער לאָמיר דערפון אַוועקגיין. צוואָס ווידער אויפמישן. ווי עס זאָל נישט זיין, באַדויערט דער מענטש תמיד. און דו ביסט נאָך אַזוי יונג און שיין. צו אַ סך גוטס אָנגעגעבייט.

— אַ דאַנק דיר פאַר דער טרייסט...

— ס'איז נישט קיין „טרייסט" און איבעריק דיין איראָניע; ס'איז דער אמת; פאַר צווייטנס לאָמיך דיך נאָכאַמאָל גוט אָנקוקן.

קאַרנבליט האָט מיט אַ לעבעדיק געשיקטער באַוועגונג, אָנגענומען פאַניען פאַר די אַקסלען, זי אויסגעגלייכט פאַר זיך ווי עס טוט דער פאָטאָגראַפיסט דעם אָביעקט פאַרן אַפּאַראַט. זי באַטראַכט. פאַניע האָט

גארבער־גאַס

אַצינד אויסגעזען אמת ליבלעך, חנעווודיק. דאָס באָרדע וואָלענע קלייד פון ווייכער פאַרב, האָט איר זייער געפּאַסט. דער אויבערשטער טייל, נעט אויסגעבעט, האָט געמאַכט אויסבולטן די ווייבלעכע רונדיקייט. דריי פּעלדלעך האָבן געשפּילט אויף יעדער זייט האַרץ, געקוקט מיט באַזונדער חנעוודיק וווּנקעלע. דער אונטערשט־קלאַשאָוער ראָק — געלעגן געשפּרייט איבער אירע קני ווי אַ פּעכער. דאָס פּנים דעליקאַט, מיט קוים באַמערק־באַרער צופלעגונג. ברעמען — טונקעלע רייפלעך. אויגן — פייכטע, ברוינאַפּלדיקע, מיניען מיט בורשטין. טוען זיך אָפּטמאָל פאַרמאַכן, צוריק עפענען און יעדעס מאָל טוט אַ ווייע מיט נייעם בלאַנק; די האָר ווייכע, זיידענע, פאַרנומען פון אונטן אַרויף, וואָס האָבן געמאַכט אָפּדעקן נאַקעט דעם פּראָפיל — דעם שענסטן פּראָפיל, וואָס קאָרנבליט האָט ווען געזען ביי אַ פרוי. זי האָט אויסגעזען צאַרט, איידל, אַריסטאָקראַטיש.

אין קאָרנבליטן האָט אַ וואַרעם געטאָן דאָס מענערישע געפיל, געטריבן אים צו נענטערקייט, געוועקט אין אים עפּעס פּילבארס און אויך שטיפערישס.

— געוואַלד, אַזוי ווי כ׳לעב, ביסט דאָך נאָך אַזוי שיין ווי אַ יונג מיידעלע.

ער האָט לייכט אַ וויש געטאָן איבער די ברילן־גלעזער, זיך אין איר איינגעקוקט, געלאַכט, געוויזן ווייסע ציין, געזשמורעט אויגן, געזוכט זי צו דערפרייען.

— כ׳וועל דיר עפּעס אויסזאָגן, זאָלסט מיר גלייבן — האָט ער מיט געהיימע מינע זי פאַראינטריגירט — הערסט, דו זאָלסט מיר גלייבן.

— וואָס אַזוינס?

— כ׳האָב געוווּסט, דו וועסט קומען, אויף זיכער געוווּסט.

— פונוואַנען האָסטו געוווּסט?

— כ׳האָב געוווּסט, זאָג איך דיר.

— האָסט געזען אין חלום, אַ קאַץ באַוואַשט זיך?

— געטראָפן.

— האָסטו דיר סימנים!

זיי האָבן זיך בײַדע צעלאַכט מיט גוטמוטיקן הייטערן געלעכטער. ס'איז געוואָרן צווישן זיי פרייער, אויפגעעפנטער. ביי ביידן האָבן זיך צעבונדן אינערלעכע קנופּן.

— און נאָך ווייס איך — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — דעם פויגל, ציט תמיד צוריק צו דער היימישער נעסט, ווו ער זאָל נישט זיין...

— דאָס איז ריכטיק.

פאַניע האָט זיך פאַרקוקט אין אלכסון, פאַרהאַלטן דאָרט אַ ווײַל דעם בליק, אים צוריקגעבערענגט: „יאָ, ווו מען זאָל נישט זיין ציט צוריק צו דער היימישער נעסט". זי האָט באַטראַכט איר פריינט מיט מער געעפנטע אויגן, זיך אינערלעך געוווּנדערט אויף זיין פיין האַלטן זיך. דאָס געזיכט אָן קנייטשל, מיט שיינער פרישער הויט. די האָר גלאַטיקע פאַלן אַריבער איבער זיין שיידל ווי ווייכע זאַנגען. ס'אָטעמט פון אים מיט מאַנספאַרשויווינישער געזונטער רואיקייט, געזעצטן כאַראַקטער. אויך איר איז געוואָרן בעסער, לייכטער אויפן האַרצן.

— דו שלמה יוסף, האַלטסט זיך זייער גוט און פון אייביק אָן. עפּעס אַזוי ווי קאָנסערווירט — האָט זי געזאָגט אין מונטערער שפּאַסי־קייט, — היינט זעסטו אויס וווּנדערבאַר און אויך פריילעך.

— דו ביסט דער גורם. כ'פריי מיך מיט דיין קומען.

קאָרנבליט האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. ס'האָט אים אויפריכטיק געפרייט פאַניעס אַהיימקומען, אַמאָל ווערט אין לעבן עפּעס אַזוי נודנע, שווער און איבערדריסיק, שווער די לופט, וואָס מען אָטעמט. אַ נאָענט־באַגערטער פריינט, ברענגט מיט אָפּפרישונג, נייעס, נייע רייד, ניי געלעכטער. דערצו איז עס גראָד צונויפגעפאַלן מיט זיינס אָן אַנדערער, און לעצטנס, שווערע איבערלעבונג, אַ פּערזענלעכע: דער פאַרשלעפּטער ענין מיטן שידוך, מיט פריילין האַלבערג, די אינטעליגענטע לערערין. און כאָטש די זאַך האָט זיך געטאָן אין דער שטיל, כמעט באַהאַלטן, האָט עס פונדעסטוועגן נישט פאַרמיטן פון אים פיינלעכע עגמת־נפשן, מוטשע־נ־שן. אַרומגעגאַנגען מיט אַ ביטערן נאָכטעם, אַ פאַרלאַנג אין ערגעץ אַנטלויפן.

היינט, ווען ער האָט אין פאַרנאַכט זיך אַהיימגעקערט פון זייער

רויכוואַרג־סקלאַד, און אויסגעקומען איז אים פאַרבייגייען שאַרפשטיינס הויז, איז ביים פרייען אַדורכגאַנג, אים אַנטקעגנגעלאָפן די קליינע טעמערל מיט אַ פריילעכן אויסגעשריי: „פאַניע איז געקומען, אונדזער פאַניע״! ס׳איז אים באַפאַלן אַ וואַרעמקייט, ווי פון אַ גוט אָנגעזאָגטער בשורה, ווי מען זאָל אים, למשל, אָנזאָגן זיין אייגענע כלה איז געקומען. ער האָט באותו רגע פאַרבונדן פאַניעס זיך באַווייזן מיט דער אויסגעוואַרטער ענדערונג צו וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט: „איצט וועט זיין פריילעכער. מען וועט קאָנען אָפּלאָדענען פון זיך אַ ביסל די שטיקנדיקע לופט״. — האָט ער געזאָגט צו זיך אויפן קול. געשפּאַנט דעם וועג, אַ זריזותדיקער, א מונטערער. אַריין אין שטוב, גענומען זיך אויך אַזוי מונטער אַרומוואַשן. געשיקט זיין יונג שוועסטערל אָנזאָגן דער איבעריקער חברה דאָס נייעס — זיי זאָלן זיך אין אָוונט באַווייזן.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת — האָט קאָרנבליט אויסגעזאָגט זיין סוד — ווען איך האָב מיך דערוווּסט דורך דער קליינער ענקערער, פון דיין קומען, האָב איך געשיקט אָנזאָגן דער „באַנדע״. אַצינד טוט מיר באַנג.

פאַניע האָט אים אָנגעקוקט מיט פרעג־צייכן, נישט פאַרשטאַנען קלאָר זיין מיין.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט — האָט ער איר דערקלערט — ס׳וואָלט זיך מיר אַזוי געוואָלט, זיצן מיט דיר איצט אַליין, מיר זאָלן זיך קאָנען אויסרעדן, פון אַלעם אָפּדערציילן. זיי וועלן קומען און שטערן.

— אוי שלמה יוסף, ביסט מיר איינגאַנצן קאַליע געוואָרן און ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, אויך סענטימענטאַל. גאַרנישט דער זעלבער. וואָס איז געשען? — און אַ דאַנקבאַרע צעשמייכלטע ראָזקייט האָט ווידער אויפגעבליט אויף אירע באַקן.

— מילא, שלמה יוסף מעג אויך אַמאָל בענקען. זיין אַמאָל אַן אַנדערער. און אויך טאַקע אַ ביסל סענטימענטאַל.

און קאָרנבליט איז אין די מינוטן טאַקע געווען אַן אַנדערער; אַרומגענומען מיט אַן אינערלעכע גליקזעליקייט, באַפרייט ווי שוין לאַנג נישט, פון אַ נאָגנדיקן אומעט. עפּעס גוטס און גענאָדיקס האָט זיך געוויקלט

אין זיין אײַנגעוויד. דאַנקבאַר פֿאַר דער אומגעריכטער ענדערונג, וואָס איז אַרײַנגעטראָטן מיטן היינטיקן טאָג; פֿאַרן איצטיקן זיצן און ליבן פֿאַרברענגען מיט דער גוטער, וווילער פֿאַניע, זיין פֿריינדין — זיין אַמאָליק גרויסער חלום!

אומקאָנטראָלירט האָט זיין האַנט זיך געשטרעקט צו אירער, זי אָנגענומען, פֿאַרשלונגען זי אין זיינע מענערישע לאַנגע פֿינגער, געטוליעט. ביי פֿאַניען האָבן זשענירט זיך אַראָפּגעלאָזט די אויגנדעקלעך. פֿלעמלעך האָבן אויפֿגעשפּילט אויף אירע קינען. זיך אַ ביסל געשעמט.

— פֿאַניע!!

זיין עקזאַלטער רוף אַרויסגעקומען פֿון אַן אויפֿגעבראַוזטן געמיט, האָט אַ פֿלייץ געטאָן אויף איר, מיט פֿרילינג־דופֿט, גרויסער נישט דערדערטער פֿריינטשאַפֿט. ס׳האָט זי גערופֿן.

פֿאַניע האָט געקוקט אויף אַראָפּ, אויף זייערע געשלאָסענע האַנט־פֿלאַכן און עפּעס פֿאַרבענקטס איז אויפֿגעגאַנגען אויף איר געזיכט. זי האָט אויך אַזוי שטיל, מיט פֿאַרבענקטער שטים געזאָגט:

— דערצייל מיר עפּעס שלמה יוסף.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן?

— פֿון וואָס דו ווילסט, וואָס דו ווייסט. כ׳בין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געווען אין דער היים. כ׳בין אַזוי נייגעריק.

— איך קאָן דיר דערציילן — חברה האָבן נאָך דיר געבענקט.

— ווער אַלץ?

— אַלע, אויך — איך.

— ווער נאָך?

— כ׳האָב דאָך געזאָגט: אַלע!

— רעכן אויס נעמען.

— נעמען? גוט: ישראל רייכנבערג, שלמה יוסף קאָרנבליט, יחיאל זילבערמאַן, סיני בערגפֿעלד און אויך דיין דינה.

אויף פֿאַניעס ליפּן איז אויפֿגעגאַנגען אַ דין געלעכטערל. זי האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן אויף קאָרנבליטן העכער. די מענטשלעך אָפּגע־דעקטער. אין זיי — שטיפֿערישס.

גאַרבער־גאַס

— וואָס איז מיט איר דינהן?

— וואָס זאָל זיין, גוט.

— דו זעסט זי ווען?

— כ׳זע זי.

— קומסט אַריין צו איר?

— ווייניק. כמעט ווי נישט.

— פאַרוואָס, ווילסט נישט אויפוועקן אירע אַמאָליקע ליבע־געפילן צו דיר?

— כ׳ווייס דיר נישט צו זאָגן, כ׳טראַכט נישט דערוועגן.

— און ווי לעבט זיך איר אין אַלגעמיין?

— ווייסט דאָך, ווי דינה, מיט איר גרינגקייט, קלייבט ווי אַ פויגל, פעדערלעך, שטרויעלעך, בעט זיך אויס אַ וואַרעמע נעסט. איז תמיד גרייט אַ פלי צו טאָן.

— זי פאַרברענגט, האַ?

— ווען ס׳מאַכט זיך נאָר די געלעגנהייט. דאָס ווילן זיך ליגט איר אין בלוט.

— מיטן מאַן לעבט זי צופרידן?

— זי קען מיט אַלעמען לעבן צופרידן, געפינט צו יעדן איר וועג, אויך צום מאַן.

— זי ווייסט, איך בין געקומען?

— מסתם ווייסט זי. זי שמעקט אַלץ גלייך אויס. און זי ווינט דאָך נישט ווייט.

— די זעלבע דינה מיט איר לוסטיקן כאַראַקטער, איר איז גוט. זי נעמט דאָס לעבן לייכט — פאַניע האָט עס געזאָגט ווי מיט קנאה. זי האָט זיך פאַרקלערט, צוריקגעקומען, געזאָגט נאָך געטולייעטער, מיט פיעשטשונג.

— גוט, דערצייל מיר נאָך עפּעס אַנדערש. האָסט דאָך געזאָגט: האָסט מיר אַזוי פיל צו דערציילן.

— כ׳האָב. איך ווייס אָבער נישט פון וואָס אָנצוהייבן. און פאַרסט נאָך נישט אַוועק...

— נייך, דערצייל שוין. כ׳וויל הערן — אין איר שטים געצערטלטקייט.

קאָרנבליט האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן, געריבן די שלייפן, געהאַלטן אַ סעקונדע פאַרמאַכט די אויגן, צוריק געעפנט. דער בליק אַ צעשמייכלטער:

— זיך דערמאָנט. הער, מיר האָבן געהאַט מיט אַ צייט צוריק אַ סיורפּריז. אַ לאָדזשער טרופּע איז אַראָפּגעקומען שפּילן טעאַטער. געשטעלט דעם „דאָרפס־ייִנג״. געווען נישט שלעכט. דער זאַל געפּאַקט. צו דער ענדע האָט זיך פון אונטער דער קורטינע אַפּערגעשאַרט אַ מענטשל, אַ בלאַסלעכער מיט אַ העל פאַרשפּיצט בערדל, לאַנגע בלאָנדע האָר, געקוקט אויף אונדז מיט געלעכטער, מיט פריילעכן ווונק. מיר האָבן נישט באַלד דערקענט. אָבער זיין קול האָט אונדז גלייך געמאַכט דערמאָנען. מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. ווער מיינסטו איז עס געווען? אַ נו, טרעף — דער לערער ליפּקין. מיר האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט, דערפרייט. ער — מיט אונדז, נאָך מער. געקוקט אויף אַלעמען מיט זיינע בלאָע אויגן, געלאַכט, געפרעגט: „וואָס מאַכט אייער גרעטכען, זינגט נאָך איר נשמה?״ ווּעמען טראַכסטו האָט ער געמיינט?

אויף פאַניעס פּנים האָבן אַרויסגעשלאָגן ראַפּטעם רויטע רעדערלעך, גרויסע, הייסע.

— דו ווייסט שוין זע איך — קאָרנבליט האָט געקוקט אויף די פאַרשעמטע רעדערלעך, געלאַכט — די פאַרב אויף דיינע באַקן. זאָגט אויס.

— נישט אמת, גענאַרסט.

— וואָס גענאַר איך?

— ער האָט נישט געפרעגט.

— ער האָט יאָ געפרעגט. אַלע זענען דאָך דערביי געשטאַנען, אַפילו דינה.

— ליפּקין!... — האָבן אירע ליפּן פּלוצעם שטיל אָפּגעמורמלט. פאַרגאַנגען אַ רגע אין מחשבה. געזען וויזיאָנעריש אָט יענץ פאַרגאַנגען שטיק לעבן. צוריק אויפגעקומען, געפרעגט:

— ווי זעט ער אויס?

— ער איז אַ ביסל געעלטערט, ווי מיר אַלע. אָבער אַלץ נאָך דער זעלבער בלאָנדער טרוימער. היינט גיט ער זיך אָפּ מיט יידיש טעאַטער. לערנט, רעזשיסירט, פּאָרט אַרום מיט אַ טרופּע.

— ליפּקין — האָבן אירע ליפּן ווידער אַמאָל שטיל אָפּגעשעפּטשעט. זי האָט געפרעגט עטוואָס ווייבעריש־נייגעריק:

— ער האָט מיט דינהן אויך זיך געפּרייט?

— יאָ, אויך מיט איר זיך געפּרייט, אָבער נאָר אַוודאי אין דיין זכות. ביי איר אויסגעפרעגט וועגן דיר. אַליין האָט זי זיך געדרייט ווי אַ שמעטערלינג, געקלאַפּט מיט די פליגעלעך, געפּישטשעט: „ווּעמען מיינט מען דאָס די גרעטכען? און איך בין נישט קיין גרעטכען?" „דיך!" האָבן אַלע אויסגערופן און אַלע האָבן זיך צעלאַכט —

אין דרויסן ביים טירל האָט עפּעס אָפּגעקלעפּערט.ביידע האָבן אינסטינקטיוו אומגעקערט די קעפּ צום פענצטער. אין הייפל האָבן אָפּגעקלונגען גיכע פרויענטריט. געטריטלט פלינק איבערן געפלאַסטערטן שטעגל, גענענטערט צום הויז. פאַניע האָט אַרויסגעכאַפּט שנעל די האַנט פון קאָרנבליטן, האָסטיק אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז זי!

דאָס וואָרט האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אויסקילן, ווי די טיר האָט זיך אַ ריס געטאָן, און דינה איז אַריינגעקומען.

*

דינה איז אַריין מיט רוישיקן געפלאַטער, אויף אונטערטענצלדיקע היכע באַטשאַנפּיס, אַרויפגעפאַלן אויף פאַניען, זי געכאַפּט קושן.

— פאַניעשי קרוין מיין לעבן, וואָס מאַכסטו, ווי איך האָב נאָך דיר געבענקט!

דינה האָט זיך געדרייט אין רעדל מיטווירבל, באַקוקט פאַניען פון אַלע זייטן, ווי מען באַקוקט אַ שיין צוגאָוועו פערד אויף אויסשטעלונג, געקלאַפּט מיט הויכע שיכקנאַפּל. געמאַלן מיטן מיילעכל ווי אַ וועטער־פענדל אויפן דאַך, געטריבן פון ווינט. אַנגעיאָגט רויש, פריילעכן טומל. נישט געקענט זיך איינשטילן, ווידער צוגעפאַלן צו פאַניען.

— לאָמיר זיך נאָך אַ ביסל אַרומנעמען און קושן, אוי, ווי איך האָב נאָך דיר געבענקט.

— ס׳וועט שוין מאָרגן גיין אַ רעגן... — האָט קאָרנבליט אַראָפּ־געקוקט צום דיל, פאַרפּרעסט דעם שמייכל אין די אויגן־ווינקלען.

דינה האָט אָפּגעריסן די ליפּן פון פאַניען, אַ ווענד געטאָן האָסטיק דעם קאָפּ אויף צוריק, געזאָגט פאַרדריסלעך:

— זעטס נאָר, ווי ער איז דאָס „פּעפּערזיכטיק״ (איפּערזיכטיק), אַריינגעלאָפן דער ערשטער, ווי ער וואָלט דאָ געווען דער גרעסטער מחותן.

צוריק געבערענגט דאָס געזיכט צו פאַניען, האָט זי אין איר אַריינגע־רופן אינטריגיש:

— פאַרוואָס האָסטו אים אַריינגעלאָזט דעם פאַצעט. תמיד כאַפּט ער אויס דער ערשטער. אוי פאַניעלע, ווי שיין דו זעסט אויס אָן עין הרע. טויזנט יונגען די כפּרה פאַר דיר!

פאַניע האָט געלאָזט פליִיצן אויף זיך דאָס פריילעכע געפלויש פון דער חברטע, געקוקט אויף איר מיט ותרנותדיקער פאַרגעבלעכקייט, ווי ס׳קוקט אַן עלטערע שוועסטער אויף דער ייִנגערער, וואָס קאָן זיך צוליב עפּעס נישט באַהערשן פון דער פרייד, וואָס איז איר באַפאַלן. האָלט אין איין פלאַפּלען, איבערחזרן איינס און דאָס זעלבע און זי די עלטערע באַדאַרף אַרויסווייזן געדולד, גרויסמוטיקייט דאָס צו פאַרליידן. פאַניע האָט געשמייכלט, לייכט באַרירט דינהס אָנדולירטע האָר. געצערטלט אירע פרישע באַקן, געזאָגט ליבלעך:

— און דו וואָס מאַכסט דינהלע?

— איך? אוי אויף אַלע גויאישקע חתונות געזאָגט. וואָס קאָן מען שוין דאָ מאַכן. כ׳ליג אין אַ העק ווי אַ הייפּטל קרויט אין גרוב, ווייסט דאָך ווי מ׳לעבט דאָ. דער קאָפּ נאָר צום טאָפּ, צו די באַפּישטע ווינדעלעך, זאָלסט מיר מוחל זיין, און איך וויל פאַרברענגען.

— דו פאַרברענגסט דאָך, האָב איך געהערט.

— ווער האָט דיר געזאָגט, ער? — האָט זי אָנגעוויזן מיט די

פינגער אויף קאַרנבליטן — ער האָט דיר שוין אַלץ דערציילט, אויף מיר אָנגערעדט, יאָ?

— ער האָט גאָרנישט אָנגערעדט. איך האָב אים געפרעגט, האָט ער געענטפערט.

— נו גוט, לאָמיר זיך צוזעצן, וועל איך דיר דערציילן פאַדראַבנע אַלץ און טאַקע אים אויף צופיקעניש. שטופ אים אָפּ דעם אומגעבעטענעם אורח. כ׳בין אויף אים בייז. ווייסט דאָך, ער האָט מיך נישט געוואָלט...

— האָסט דאָך געזאָלט עפּעס דערציילן — האָט פאַניע געזוכט איר אָפּוועגדן פון זייטיקן גערייד, וואָס ביי דינהן איז עס אַ רגילות, צו פאַרקריכן „באַטשנע" — האָסט געוואָלט דערציילן, דערצייל.

— נו גוט, טאָ הער: מען גייט שטעלן אַ נייע פּיעסע — גאָר עפּעס אַן אַנטיק אַזוינס און אַזעלכעס!

פאַניע האָט זיך צעשמייכלט פון דער דאָזיקער נייעס, געפרעגט:

— שפּילסט נאָך מיט טעאַטער?

— נו ווי זשע דען, כ׳וועל בלויז זיצן אין שטוב, שיילן קאַרטאָפל, וואַשן די ווינדעלעך, זיין אַ פּיאַסטונקע פאַרן מאַן? איך האָב ליב צו טאַנצן אויף די ברעטער, וואָס זאָל איך טאָן.

פאַניע האָט געלאַכט אַן קול: די זעלבע דינה. ס׳פרייליכע מיידל אויסן אויג.

— זי איז ביי אונדז די פּרימאַדאָנע, די הויפּט־ראַליסטין — האָט זיך געהערט קאַרנבליטס שטים, אָנגעזאָפּט מיט שפּיציקן חוזק. די אויגנ־דעקלעך אונטער די ברילנגלעזער האָבן זיך געזשמורעט מיט אויך אַזוי גרינגן געלעכטערל.

— ס׳געפעלט דיר נישט. מאַך דיר אַנדערש. נאָר צאָל אים אַ רעשט דעם אָנגעכמורעטן האָן — האָט דינה זיך אויף אים צעבייזערט מיט כעס.

— שאַט, קריגט אייך נישט — פאַניע האָט זיי צעטיילט מיט איר אַריינזעצן זיך אינצווישן, אָנגענומען דינהס האַנט, געוואָלט צופירן צו קאַרנבליטן, מאַכן שלום.

— כ׳וויל נישט — דינה האָט פאַרצויגן די ליפּן אין מיידלשן

שנעבל, פּיעשטשענדיק זיך געבלאָזן — איך האָב דיר געזאָגט, איך בין אויף אים בייז. מילא, האָט ער מיך נישט געוואָלט פאַר אַ כלה. אָבער אַריינקומען צו מיר אין שטוב פּאַסט אים אויך נישט. צו דיר איז ער גלייך געלאָפן...

— איך בין דאָך אַ גאַסט, נאַרעלע.

— נישט דאָס. ער איז אין דיר פאַרליבט. כ'וויס...

— שריי נישט, מען קאָן נאָך אין דרויסן דערהערן.

— זאָל מען הערן, איך בין אויך נישט קיין זקנה. קיין אָפּגעקלאָפּטע הושענא.

— האָסט דאָך אַ מאַן ביז הונדערט יאָר.

— איך וויל אים דען פאַר אַ מאַן. אַ פריינט זאָל ער זיך באַווייזן, אַ ביסל שמועסן, פאַרברענגען.

— ער האָט מורא שלמה יוסף, דיין מאַן זאָל נישט זיין אייפער־זיכטיק — האָט פאַניע געפּרוווט פאַרענטפערן.

— זאָל ער יאָ זיין, אדרבה. ס'איז אַזוי גוט, ווען מען רייצט זיי אַ ביסל אָן. הערסט פאַניעשי, זיי ווערן ווילד ווי די וועלף, אַ מחיה צו קוקן. — דינה האָט זיך הויך צעלאַכט, איינגעגראָבן דאָס צעפלאַמטע פּנים אין פאַניעס וויכן אָרעם.

פאַניע האָט געקוקט אויף דעם געלאָקטן קאָפּ, פאַרלעגן געשמייכלט. ס'איז איר איבעריק געווען דער גאַנצער שמועס, אין וועלכן זי איז געוואָרן אַריינגעצויגן, געוואָלט דערפון אַוועקגיין.

— וואָס זאָגסט דו שלמה יוסף. רעד עפּעס. זאָג אַ וואָרט — האָט פאַניע אים געוועקט ווי זי וואָלט געוואָלט ער זאָל אַרויסהעלפן, אַוועק־פירן אויף אַנדערע רעלסן.

קאָרנבליט איז געזעסן פאַרשטילט. אָפּגערוקט ווי אַ פּאַסאַזשיר אויף אַ פרעמדן וואָגן, זיך כמעט שוין נישט צוגעהערט צו זייער גערייד. ס'האָט אים מער נישט פאַראינטערעסירט. בכלל איז שוין אַלץ געווען אַנדערש ווי מיט אַ מינוט פריער. נישט מער יענער קלימאַט, נישט מער די אילוזיע, וואָס האָט ערשט נאָר־וואָס געשפּילט, געהויבן אויף פליגל, אַריינגעטריבן אין אַן אַנדער טרוימיקער וואָר. ס'איז געווען אָפּגע־

רינען. אַלץ צוריק ווי געוויינלעך: די זעלבע דינה, די זעלבע געשרייען, לייכטע רייד, הויך געלעכטער. אַלץ דאָס זעלבע, געוויינלעכע, גרויע, טעגלעכע.

און ער קאָן דאָך דינהן נישט פון היינט. אין אַלגעמיין אַ ווילינקע, אַ געטרייע חברטע, אַ באַרעמהאַרציקע. אָבער אַ נאַרעלע, מיט גרינגן שכל. ביי אים האָט איר פריינטשאַפט קיינמאָל נישט צופיל אויסגענומען נישט געפונען אין זיין האַרץ קיין אָרט, קיין אָקלאַנג. זי אַפילו צו ביסלעך איגנאָרירט. און גראַד זי, איז געווען די, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן צו אים אַ גרויסע באַגערטקייט, ליבשאַפט. צומאָל אָפן דעמאָנסטרירט איר פאַרערונג, איר שעצונג צו אים. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, נישט צו זען. ער האָט געזוכט אין דער פרוי עפּעס מער: אַ פריינט, ר׳זאָל קאָנען זיך מיט איר אָנהאַלטן, אַ נאָענטע צו זיין געמיט, צו זיין נשמה, טיילן זיך מיט איר אין שטילע מינוטן. זי אָפּפילן אינעם שוויגן. דינה האָט דאָס נישט פאַרמאָגט, נישט געקענט זיין. אין איר האָט געברויזט דאָס אויבערפלעכלעכע, דאָס שיינע פלייש, דאָס פריילעכע מיידל ,דאָס פלאַטער־קעפּל. פאַר אים איז עס געווען ווייניק, גאָרנישט. איבערגעבליבן איז ביי אים נאָר אַ מאָדנע באַציאונג צו איר: פריינטלעך, היימיש, און מיט אינערלעכער גרינגשעצונג — אַן אָנגעגרייט שטעכערל, וואָס לאָזט אים נישט פאַרבייגיין, ביז ער לאָזט עס נישט אַריין אין איר לייב. ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער טוט עס. שפּעטער האָט ער חרטה: וואָס וויל ער פון איר, וואָס האָט זי אים געטאָן פאַרא שלעכטס, ר׳זאָל זי פּייניקן?

קאָרנבליט דערהערנדיק פאַניעס איבערגעחזרטן רוף, האָט אויפגע־הויבן די אויגן, געקוקט צו איר, געזען זי וויל עפּעס פון אים. פאַרשטאַנען ער דאַרף אַרויסהעלפן, זיך רעכט נישט אָריענטירט אין וואָס עס גייט, געדענקט נאָך עפּעס פון דינהס ווערטער, זיך אַ גליטש געטאָן:

— אַ־אַ, וועגן דעם, יאָ, אַז זי זאָגט מעג מען איר גלייבן. זי איז אַ שרעקלעך דערפאַרענע אין די זאַכן... — ער האָט דאָס געזאָגט ווי די צונג וואָלט אַליין געגאַנגען און ווידער נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער טוט עס. אפשר נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט אַמאָל אים צוגעטראָגן איר באַגערטע ליבע, וועלכע ער האָט פאַרשעמט. און אפשר אויך פון פּראָטעסט,

צוליב איר איצטיק אומגעריכטן אַריינשפּרינגען, וואָס האָט אים צעשטערט אַ טייערע פול מיט געוועקטער בענקשאַפט, מינוט.

— זעסט, ער באַלײדיקט מיך גאָר — דינה איז אויפגעשפּרונגען, געוואָלט צולויפן אים אָנרייסן די אויערן. געבליבן פּלוצעם שטיין. איר געהער האָט אויפגעכאַפּט אַ שטיל שאָרכען אין דרויסן. זי האָט זיך איינגעהאָרכט, אָנגעוויזן מיטן האַנט:

— צ׳הערט, מען גייט.

פון הייפל האָבן זיך אָנגעטראָגן שטילע, שווער מענלעכע טריט. אין פּעדערהייזל האָט עפּעס געגראַבלט. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגע־לענט. אַ פאַרזוימט אָפּוואַרטן אין ערשטן פאָדערצימער. דורך די פּאָרטיערן האָט אַריינגעשטעקט אַ קאָפּ, זיך נאָכגעשאַרט אַ גוף, אַ מאַסיווער, נישט גאַנץ געשיקטער, און מיט עניוות, זיך באַוויזן אינגאַנצן, צוגעקומען צו פּאַניען. אויך אַזוי עניוותדיק דערלאַנגט די האַנט.

— שלום עליכם!

ס׳איז געווען יחיאל זילבערמאַן, אַ זון פון אַ רייכן באַלעבאָס פאַרנט אין מאַרק, אייגנטימערס פון אַ גרויס אייזנגעשעפט: אַ מענטש אַן אידעאַליסט, אַ טרוימער, אַ געוועזענער בית־מדרשניק, איינער פון רעשטל חברים, וואָס האָבן זיך געגרייט ברענגען די ישועה, די אויסלייזונג פאַרן פאָלק, — פאַר זיין נייעם ווידערגעבורט, אין אייגן לאַנד.

זיין אַריינקומען האָט מען אויפגענומען מיט גאָרער צופרידנקייט, מיט אָנטקעגנגעטראָגענעם פריינטלעכן שמייכל.

— אוי מאַמעלעך, אַז ער איז געקומען וועט שוין אויך משיח קומען — האָט די פריילעכע דינה אַרויסגעפּלאַצט מיט הילכיקן געלעכטער צופּאַטשנדיק מיט אירע דינע דורכזיכטיקע האַנטפּלאַכן.

אַלע האָבן מיטגעלאַכט, געקוקט אויף יחיאלן מיט ליבלעך פריינטלעכע אויגן. ער אַליין האָט אויך געלאַכט.

*

פון איצט האָבן אָנגעהויבן קומען די אַנדערע חברים, ווער פון אַ ביסל ווייט, ווער פון נעענטער, אַלע מיט גוטן ווילקאָמען פאַרן גאַסט: געבונדן מיט טיפער פריינטשאַפט פון יענע יאָרן אין „קרייזל״, ווען מען

האָט חבריש זיך געטוליעט אין היימישער שטוב, אויף אַן אָוונטיק גלעזל טיי; געבריִעט אַ „שיחה", געשפּינען דעם טרוים, וועגן נאַציאָנאַלער היים, אייגענע ערד, אייגענע מלוכה; געבלעטערט אין יידישער געשיכטע: איר אָנהייב, איר גרויסקייט און אייביקייט — איר וועלט־שליחות; געוויכוחט צו גאַנצענע נעכט וועגן גלות און ציון; פֿאָלק אָן טעריטאָריע, מיט טעריטאָריע; וועגן יידישן גאַנג און קיום אין די אַלע טויזנטער צעשטורעמטע יאָרן, דורך אַלע געוויטערס, שריפות, קידוש־השמס. און איבער אַלעם — זיין ניי אויפגיין, צוריק אין נייעם גלויבן, אין שטרעבן, נאָך יעדן חורבן: געשטאַרקט אין זיין פֿאָלקס־ביטחון, אין זיין אמונה, אין זיין גערעכטיקייט.

אָט די חברים האָבן דאָס מיט זייערע אייגענע הענט אויפגעבויט דעם ציוניסטן־פֿאַריין, די ביבליאָטעק, אָרגאַניזירט קורסן. געהאַלטן פֿאָרלעזונגען, פֿאָרטראַגן. געפּייערט מיט הייליקע לאָזונגען: „ערד!", „באַפֿרייאונג!", „אייגן לאַנד!" אַריינגעבלאָזן גבורה אין יונגע לייבער, פֿרישן אָטעם אויך אין אַלטע הערצער; געשטעלט בלאָ־ווייסע פּושקעס אין „חברות", אין בית מדרש, אין פּריוואַטע הייזער: „שענקט אייער גראָשן אויף „קרן קימת" — אויסלייזן יעדן שפּאַן באָדן.

דערווייל האָבן זיך גערוקט זומערס און ווינטערס. טעג האָבן געביטן נעכט. וואָכן — חדשים. ווער ס'האָט אין סאַמער געזעלשאַפֿט־לעכער קאָכעניש, זיך פֿאַרליבט, חתונה געהאַט, פֿאַרשפּינען זיך מיט אייגענער נעסט, מיט ווייב און קינדער. און ווער ס'איז נאָך געבליבן אין זיין פֿריילעדיקייט, אין איינזאַמער בחורשאַפֿט, מיידלשאַפֿט. אָבער אַלע נאָך געבונדן מיט יענעם קרובהש־געפֿיל, מיט אינערלעך אומצע־רייסבאַרן באַנד; ביי אַ שמחה, חלילה אַ טרויער — אַלע אויפֿן אָרט.

אַריבערגעטרעטן די שוועל האָט מען צו פֿאַניען פֿון ווייטן געלאַכט, געפֿאָכעט מיט געשפּרייטע הענט, געשטרעקט ליבלעכע „שלום־עליכמס", גערופֿן זי, געצערטלט:

— שלום עליכם פֿאַניעשי! טייערע פֿאַניעלע!

פֿאַניע, האָט די חברים אויפגענומען מיט היימיש־פֿריינטלעכן אויפֿ־נעם. אָפּגעענטפֿערט מיט פֿאַמיליאָרן „ברוך הבא". געפֿונען פֿאַר יעדן

אַ גוט וואָרט. מיט די פריינדינס זיך געקושט. אַוועקגעזעצט זיי אין קרענצל אויף דער סאָפע. זי אינמיטן.

און גלייך האָט זיך אַרום איר געשאַפן אַ האַלב־ראָד, ווי תּלמידים אַרומען רבין. די זעלבע פּאַרערונג. אַלע האָבן זיי געאײַלט צו איר מיט שאלות, פרעגענישן. געזוכט ביי איר באַשייד, אויף פאַרשידענע, נישט קלאָר־פאַרשטאַנענע פראַגן, פּראָבלעמען; קומט זי דאָך עפּעס פון יענעם גרויסן כרך: וואַרשע! — די לאָמטערן פון יידישן לעבן, וואָס שיקט איר ליכט אין יעדן יידישן ווינקל, אין יעדן שטאָט און שטעטל אין פּוילן, און נאָך ווייטער. באַלייכט, באַשטראַלט, לערנט, פירט, דערציט.

דאָרט אין גרויסן, אויסגעחלומטן וואַרשע, געפינט זיך דאָס גאַנצע גוטס פון יידישן זיין: די צענטראַל־קאָמיטעטן פון אַלע פּאַרטייען; פּרעסע, ביכער־פאַרלאַגן, ביבליאָטעקן, טעאַטערן, שרייבער־פּאַריין — און וואָס נישט! אוי ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט דאָס אַלץ זען, אַריינבליקן כאָטש דורך אַ שפּאַרונקעלע.

— דערצייל, פאַניע, דערצייל. לאָז גאָרנישט אַדורך. מיר זענען אַזוי נייגעריק צו הערן, צו וויסן פון אַלעם, וואָס דאָרט געשעט, קומט פאָר — הונגעריקע אויגן האָבן זיך צו איר געריסן. אויערן מיט דורשט, גע־שטרעקט צו הערן.

פאַניע איז געזעסן ווי אונטער אַן אומגעזעענעם באַלדאַכין, געזאַפּט אין זיך די וואַרעמע שטראָמען, וואָס זענען געפלאָסן צו איר פון די מענטשן. די חברימס אַרויסגעוויזענע פריינטשאַפט, זייער טוליען זיך, האָט אָפּגעפרישט, באַנייט, אָנגעטרונקען מיט זאַנפטיקער אויפטייאונג, ווי נאָך וואַרעמען פרילינג־רעגן, פאַרלעכצטע ערד. און ווי אייביק, ווען מענטשן טיילן צו אַ יחיד כבוד, מאַכן אים אויפהייבן, באַגערן זיין גדולה, האָט זי אויך צוריקבאַקומען דעם גלויבן, די זעלבסט־זיכערקייט אין זיך. און כאָטש זי איז נאָך נישט געוועזן אינגאַנצן באַפרייט פון דער פאַרנאַכטיקער דעפּרעסיע, האָט זי דאָך געשפּירט, ווי עס ווערט אין איר געטייעטער, לייכטער. די פרעמדע ווילנס טרייבן זי, מאַכן זי אַרויסשטויסן

פון איר געצוימטקייט, ווי עס שטויסט דאָס לויפנדיקע וואַסער דאָס מילראַד אין גאַנג.

פאַניע, איז אַריינגעקומען אין רו, אין גלייכגעוויכט, און אויך אין אינערלעכער באַוועגונג. זי האָט גענומען דערציילן.

דערציילט האָט זי לאַנג און מיט שטיל לירישן טאָן, מיט בילדע־רישער שפּראַך, לייכט איבערגייענדיק פון ענין צו ענין: פון אָט יענעם רייכן, קאָלירפולן לעבן אין דער יידישער גאַס; פון דער שפּע־דיקער ענערגיע, וואָס פליסט אין די לעבנס־קעמערלעך פון דער יידי־שער עדה; פון אירע הייזער, שטיבער, הייף; פון גראַנגלעניש, קאַמף, לעבנס־עקזיסטענץ; פון איר מעכטיק גייסטיקן אָנשטרענג, אויפברויז; פון די אַלע פאַרלעזונגען, רעפעראַטן, וואָס ווערן אָפּגעהאַלטן אין גרויסע זאַלן ווי יינג און אַלט זאַמלט זיך; פון פּאַרטייאישע דיסקוסיעס, וואָס ווערן געפירט מיט היץ און אימפּעט, מיט ברויז און קאַמף: יעדער וויל אַריבערציען די מאַסן אויף זיין זייט, צו זיין אידעע. איצט ערשט די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס מיט זייערע רייכע אויפטוען: „צישא״, „תרבות״, „קולטור־ליגע״, „ייווא״, וואָס גיבן אַרויס פון זיך אַזויפיל לערע און דערציאונג; די גרויסע יודאַאיסטישע ביבליאָטעק ביי דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, מיט אירע טויזנטער ספרים און לייענערס; די דינאַמישע „ווילנער־טרופּע״ מיט אירע הערלעכע אויפפירונגען; שניאורס כאָר, מיט די יינגע קרעפטיקע צוזאַגנדיקע טאַלאַנטן; די רייכע מוזיקאַלישע אָוונטן, פאָלקס־שפּילן, פאָלקס־קאָנצערטן, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אין יידישן ליטעראַטן־פאַריין און אין אַנדערע לאָקאַלן. פאַניע האָט אין איינוועגס, געלאָזט אויך פאַלן אַ פּאָר סודותלעך, אַזוי מן הצד, פון אָט דעם יידישן ליטעראַטן־פאַריין, פּיקאַנטע מעשהלעך, פון דאָרטיקן פריילעכן טומל, זאָרגלאָז באָהעמע־לעבן און פרוכטבאַרן שאַפן.

אויגן האָבן געסטאַרטשעט פון די אַרביטעס. מיילער געעפנט, האָבן מיט דורשט געשלונגען אירע רייד. ביי וועמען דאָס פּנים האָט שוין גע־רויט געפייערט. ביי וועמען דער בליק פאַרטראָגן אין ערגעצוווּ־ווייט, אַריבער די ווענט, צו יענעם גרויסן שפּעדיקן שטראָם; ביי וועמען עס

האָט אַ קעל אָפּגעזיפצט און ווער ס'האָט מיט צונג אָפּגעלעקט די ליפּן, ווי ער וואָלט געלעקט אַ זיסן זאַפט פון זיי. אַלע האָבן זיי מיט יענער, קליינשטעטלדיקער פרומער תמימות, וועלכע טראָגט אין זיך אַזויפיל גלויבן, בענקשאַפט, לעכצונג צום יידישן וואָרט, געזען אין דמיון דאָס גוטע, דערהויבענע, דאָס כולו־טוב. מקנא געווען די יעניקע מענטשן, וואָס רוען אַזוי נאָענט צום קוואַל, קענען שעפּן דעם האָניק לייכט און פּליסיק, וויפל דאָס האַרץ נאָר גלוסט. מען דאַרף נאָר אונטערשטעלן די האַנט און שעפּן־שעפּן...

— אָט דאָס הייסט אַ שטאָט!

— דאָרט לוינט צו לעבן!

— און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ס'איז נאָך דאָ גענוג צו דערציילן אמת פּאַניע?

— וואָס האָסטו געוואָלט אין איין שעה, זאָל מען אַלץ אויסדערציילן.

אין דער רופנדיקער התפעלות, וואָס האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, האָט נאָר איינאיינציקער זיך נישט אויפגערעגט, געזעסן רואיק — יחיאל זילבערמאַן. ער איז ווייניק וואָס נתפעל געוואָרן פון יענער אויסגערע־כנטער שפע. געהאָט זיין וועג: דאָס אייגענע איז טייערער. רעאַגירט אויף זיין שטייגער, ברוגזלעך, דערווידערדיק:

— נאָר מען זוכט דאָס גוטע אין דער פרעמד, אונדזער שטאָט האָט זיך אויך נישט וואָס צו שעמען, קאָן זיך גלייכן מיט איר יחוס און אַמאָליקער גרויסקייט מיט אַלע אַנדערע היינטיקע באַרימטע ערטער.

פּנימער האָבן זיך אומגעקוקט אויף יחיאלן, געשמייכלט. מען קען אים פאַרן גרויסן פאַרערער, פּאַטריאָט, פון היימישן מקום. זוכט אַלע מאָל צו פאַרטיידיקן, דערמאָנען דעם זכות־אָבות פון דער אייגענער שטאָט, וועלכע האָט אַמאָל אין די אַלטע צייטן, געשמט מיט איר רום, לומדות, עשירות, גרויסע רבנים. יחיאל איז גרייט צו פאַרטיידיקן איר כבוד, זיך אָננעמען איר קריוודע, ביז מחלוקה...

— געוועזענע רייכקייט, צאָלט זיך נישט, געוועזענע שיינקייט, קושט מען נישט, זאָגט די וועלט — האָט ווער מיט געלעכטער אַריינגעוואָרפן אויף יחיאלס אַדרעס.

— שאַטס, לאָזט רעדן. פאַניע, דאַכט זיך, דו האָסט אַמאָל געקליבן מאַטעריאַל וועגן אונדזער שטאָט, אמת? — האָט יחיאל זיך צו איר געווענדעט, פאַרקאַכט אין אייגענער מחשבה.

פאַניע האָט עס טאַקע אַמאָל געטאָן. אָנגערעגט פון אַ היימיש אויפגעגאַנגענעם פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס יינגוואַרג יענער צייט אין שטאָט, האָט מען זיך געוואָרפן אויסקאָפּען איר פאַר צייטישער געשיכטע: אָנטפּלעקן פּנקסים, ספרים, „שימותן", אויסגעפונען אין זיי, איר דער שטאָטס אַמאָליקער גרויסקייט, שיינקייט, רום. מעגלעך, ס'איז אויך געוואָרן אינספּירירט פון אַ ספרל, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט באַוויזן אויף דער ליכטיקער שיין, פון איינעם אַ מחבר ר' פּנחס גליקסמאַן: „עיר לאַסק וחכמיה", אין וועלכן ער באַשרייבט דאָס אַמאָליקע גדלות און גרויסן נאָמען מיט וועלכע די שטאָט האָט גערימט. אַליין אַ הי־אָפּשטאַמיקער און באַגייסטערטער אָנהענגער פון זיין אַמאָליק היים־אָרט, האָט ער זיך באַמיט אַרויסברענגען אַלע אירע מעלות און הערלעכקייטן: די שטאָט האָט אין די אַלטע צייטן געהערט אַלס אייגנטום צום גראַף טעאָפיל ליזינסקי, פינאַנס־לייטער אין פּוילישן קעניגלעכן הויף. זי, די שטאָט האָט געדינט פאַר אַ פאַרבינדונגס־צענטער אינעם האַנדל צווישן מזרח און מערב; דאָ זענען אַדורכגעגאַנגען גרויסע טראַנספּאָרטן זייד (אויך קאָנטרעבאַנדע) פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, אַרויף אין טיפן רוסלאַנד; מ'האָט דעמאָלט די שטאָט גערופן מיטן נאָמען: „קליין דאַנציק". לאָדזש איז נאָך אין יענער צייט געווען אַ קליין דאָרף, אומבאַקאַנט. פּאַביאַניץ אַ פּיצל. דעסגלייכן זדונסקאַ־וואָליע. די שטאָט האָט געשפּרייט איר מאַכט איבער דער גאַנצער געגנט; דאָס כסא־הרבנות האָבן באַשיינט, גרויסע רבנים, תלמידי־חכמים מיט באַרימטע נעמען, געברענגטע פון די שענסטע ערטער: פּויזן, ליסע — שטרענגע מנהיגים, אָנגעפירט קפּדניש מיט איר גייסטיק לעבן, אַריינגענומען אין איר ישיבה בחורים פון דער פרעמד, אַרויסגעגעבן פון זיך גרויסע לייט, לומדים, בעלי הוראה, מחברים פון ספרים. פאַרשפּרייט יידישע שיינקייט איבער אַלע אַנדערע ערטער און ישובים.

פאַניע מיטגעריסן מיט די אַנדערע יונגע מענטשן, גערייצט אין

איר פֿאַנטאַזיע, האָט אויך אין יענע טעג זיך געוואָרפֿן צו דער אַרבעט, געהאָלפֿן אויסגראָבן, אויפֿלעבן. זי האָט אויפֿגענומען, פֿאַרצייכנט מעשיות, געשעענישן, בעל פּה פֿון אַלטע לייט אין זייער גאַס. עס אָנגעשריבן אויף העפֿטן, אַריינפֿאַנטאַזירט עפּעס אייגנס, אַוועקגעלייגט.

איצט זעט עס איר אויס — שוין אַליין ווי געשיכטע.

אָבער יחיאל זילבערמאַנס אויפֿגערודערטער קנאות, ווען ס׳קומט אויס צו רעדן וועגן היימישן אָרט, האָט אין איר עפּעס אויך אויפֿגעוועקט: ס׳איז איר געפֿעלן, זיין האַרטנעקיקער אידעאַליזם. זי האָט געקוקט אויף אים מיט גוטן שמייכל, לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָכקומענדיק זיין פֿאַרלאַנג, גענומען רעדן דערפֿון:

— יאָ, יחיאל, דאָס וואָס האָסט דערמאָנט איז אמת. אונדזער שטאָט האָט ריכטיק געשמט אַמאָל מיט רום און כבוד. געווען רייך, פֿאַרבונדן מיט דער אויסלענדישער וועלט אין מסחרים. דאָ הי האָבן געהויזט גרויסע חכמים. מיך האָט אין יענער צייט באַזונדערס פֿאַראינטערעסירט אָט די פֿאַרפֿאַסערס פֿון ספֿרים, וואָס האָבן אויפֿגעשיינט אויף אונדזער שטאָטישן הימל. די ספֿרים זענען געווען געשריבן אמת אין לשון קודש. אין אַ שווערער עברי פֿאַר מיר, פֿול מיט אומפֿאַרשטענדלעכע אויסדרוקן, ראשי־תיבותן. ס׳האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן תורה, הלכות, שאלות־ותשובות, וואָס איז פֿאַר מיר געווען נישט לייכט אַריינצוקומען. דאָך האָב איך מיר געמיט צו פֿאַרשטיין. יחיאל האָט מיר אַ סך צוגעהאָלפֿן. און ס׳איז מיר געוואָרן אַ ביסל קלאָרער. מער פֿון אַלעם האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן נייגער, איינס אַ ספֿר פֿון אַ הי־געבוירענעם, ר׳ ברוך בענדעט, וואָס האָט שוין פֿון פֿריער געהאַט פֿאַרפֿאַסט עטלעכע ספֿרים. ער האָט צו זיין לעצטן חיבור: „מעבר־יבוק״ אויף לשון קודש, צוגעגעבן אַ קונטרס אויף יידיש, פֿאַר פּראָסטע מענטשן און ווייבער. עס הייבט זיך אָן מיט אָט דעם לשון: „ווויל דעם דרוקער, וואָס וועט דאָס ספֿר אויף עברי־טייטש דרוקן, מיט לייכט פֿאַרשטענדלעכער מוטער־שפּראַך. דאָס יעדער ייד און אשה זאָלן קאָנען פֿאַרשטיין, וויסן ווי צו רייניקן די נשמה און הייליקן דעם גוף...״ אין ספֿרל געפֿינען זיך פֿולע עצות און מאָראַלישע פּרעדיקונגען, וואָס ווייזן אָן ווי צו זיין אָפּגעהיטן, ריין און ערלעך, מיט

גוף און נשמה, ווי נוהג זיין זיך אין אייגענער היים, אין גאַס, און מיט פרעמדע; אַזוי האָט אונדזער שטאָט געהאַט אַמאָל אין זיך רייכקייט, סיי מאַטעריעלע און גייסטיקע. ווי מען זאָגט: תורה וגדולה במקום אחד!

שווייגן. אַ פאַרהאַרכטקייט. פאַניע האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, אָפּגער־רוט. אין דער אָנגעשטאַנענער שטילקייט האָט זיך געהערט אַ קול, אַ דין געלאַסן קול, געמאָסטן אין די ווערטער:

— שיין און פיין, און דאָך געלאָפן פון דער היים...

פאַניע האָט זיך אומגעקוקט, געזוכט דעם זאָגער. ס'איז געווען שלמה יוסף קאָרנבליט.

שלמה יוסף קאָרנבליט איז נישט געווען פון די גרויסע רעדערס. אַ וואָרט — אַ רענדל. געשוינט זיין מויל. ביים צוזאַמענקומען מיט די חברים, איינגעוווינט שוין פון יאָרן, איז ער געזעסן שטיל, אַ טראָפּעלע אָפּגעזייטיקט, געהאָרכט, געשוויגן. אויף אַן אַנדערנס טוצן ווערטער, זיינס איין וואָרט. ס'איז אים אין דער טבע פרעמד געווען דאָס פּילדערן, טאַראַראַמעווען, פּירן וויכוחים. אָרגאַניש נאָענט די חכמה פון שווייגן.

קאָרנבליט איז אויך געווען באַקאַנט מיט זיין שוואַכקייט פון פראַנטעווען זיך. ליב געהאַט צו דערשיינען עלעגאַנט: דער אָנצוג אויסגעפּרעסט. די שטרייפהויזן מיט שאַרפן קאַנט. שניי ווייס דער קאָלנער און דער קראַוואַט זאַרגפעלטיק אויסגעבונדן. ער האָט דערפון געהאַט די הנאה ווי די פרוי פאַרן שפּיגל אין איר פּוצן זיך, ווען זי האָט אין זינען די ראַנדעוווּ. אָבער דער אמת מוז מען זאָגן: אין תוך האָט ער נישט געמאַכט דערפון קיין ווזון. נישט איבערגענומען זיך מיט די זאַכן, אַ נאַטור אַזאַנע און שוין! און כאָטש ער האָט געטאָן אין זייער געשעפט ביי רויכוואַרג: געטריקנטע פעלעכלעך, שעפּסנפוטער, וואָל, שערך, זענען די הענט ביי אים געווען זויבער ריין. די נעגל געפלעגט. געקענט מיט זיי אָננעמען זיידנוואַרג.

די חברים האָבן אים אין גוטן־מוט איבערגערופן מיט צונעמען: „עלעגאַנט", „פּעדאַנט", „פראַנט". קאָרנבליט האָט זיך נישט באַליידיקט, נישט גענומען פאַר אומגוט. געוווּסט די חברים מיינען נישט קיין

שלעכטס. זיי ווייסן דאָס זויבערן, ליגט אים אין בלוט. און דאָס איבערופן, איז ביי זיי אויך אַזאַ ליב פאַרטשעפען.

בכלל איז שלמה יוספן שווער געווען אַרויסצוברענגען פון די כלים, בייז מאַכן. ער איז געווען פאַרפאַנצערט אין זיין אינערלעכער יחידותקייט, מיט אַ האַרטער שאָל, נישט לייכט צום עפענען; אין געזעלשאַפט, זיך געהאַלטן קאָרעקט, אָרנטלעך, אָבער מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ. געקוקט אויף די פּריינט, אויף זייערע מעשים, קריגערישע דיסקוסיעס, אויף די אָנגערעגטע צעפלאַמטע פּנימער מיט גוטמוטיקייט, לייכט אונטערגע־שמייכלט מיט זיינע בלאָ־פּערלמוטערנע אויגן, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער די נאַקעטע גלעזער מיט קוהלת־שמייכעלע. געזאָגט: עסט זיך נישט אָפּ ס׳האַרץ קינדער, לאָזט לעבן, וויפל איז דען אינגאַנצן געבליבן...

ער האָט אויך אַן אייגנאַרטיקן אופן אויסגעלערנט זיך רואיק קוקן אויף דער וועלט, אויף מענטשן. צו איין מענטש האָט ער נישט געקאָנט זיין גלייכגילטיק, דערהאַלטן די קאַלטע רואיקייט — פאַניע. צו איר האָט ער געטראָגן אַ גרויס אויפגעוואַרעמט געפיל, פון נאָך גאָר די ערשטע, יונגע צאַרטע יאָרן, און אים שוין באַגלייט דעם גאַנצן לעבנס־וועג. פאַניע איז פאַר אים געווען די אָנונג פון אַ יונגן בלויען חלום, וועלכן מ׳קען נישט פאַרגעסן, זיך פון אים שיידן. און כאָטש ס׳איז שוין געווען ווייטלעך פאַרגאַנגען, רוט שוין אונטער די בערג, טויכט עס אָבער אויף אין באַזונדערע באַוויליקטע מינוטן פונסביי, רופט צוריק, וועקט די בענקשאַפט; אין פאַניעס געשטאַלט, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס בילד פון יענער אַזוי פּרעכטיק, גוט־צוזאָגנדיקער און גיך פאַרלאָפענער צייט.

וואָרעם ווער נאָך ווי ער, געדענקט יענע פּרילינג־טעג, ווען זיי זענען נאָך אַלע געווען יינג, אָנגעלאָדנט מיט ברויז, מיט וויזיע, שטרעבונג. אַרומגעגאַנגען מיט אַ הייליק פייער אין האַרצן, געזוכט ווי יונגע קריגער איינצונעמען פעסטונגען, וואָס זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט, וועלכע, און ווו זיי ליגן...

אָ, וויפל דאָס לעבן האָט זיי דעמאָלט צוגעזאָגט, וויפל זיי האָבן פון דעם לעבן דערוואַרט —

פאַניע איז געווען דאָס מוזיניקל פון דער „באַנדע״. מ׳האָט זי גערופן

די „בלום", ווײַל זי איז געווען אַזוי צאַרט און לויטער, שטיל אײַנזיך פֿאַרמאַכט, ווי אַ ווײַסע אומבאַרירטע, געטוליעטע ליליע.

געקומען איז זי צו זײַ, נאָך די שול־יאָרן — אַ גרין ווײַך בײמל, וואָס האַלט זיך אין רײַפֿן, רײַסן אין וווּקס, אָבער שוין מיט פֿולן אײגענעם שײנעם צעבלי. זי האָט מיט איר אוממיטלבאַרער מײדלשער שײנקײט, צעשפּראָצטער פֿרישקײט, מיטגעבערעגנט מיט זיך אַזאַ וואַרעמען קלימאַט, אַזאַ אויסשטראַלונג, וואָס האָט מיטגעריסן, געמאַכט אַרײַנטריפֿן צוזאַמען מיט דער שטוינונג, אויך פֿרײד אין מענערישן האַרץ, פֿאַראורזאַכט ס'זאָל בײַ וועמען זיך אויפֿברעכן פֿאַרמאַכטע קנאָספּן, וואָס דרימלען אין זײער נאָך נישט געעפֿנטער בליאונג. זי האָט, אַלײן נישט צו וויסן, געטריבן די בחורים אין געפּײניקטער אומרו, אין שלאָפֿלאָזע נעכט.

ער שלמה יוסף איז אויך געווען אַ געפֿאַנגענער. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט זײַן קלאָר באַוווסטזײַן. זײַן אַרבעטן איבער זיך. געפּרווּוט שמידן דעם פֿעסט־מענערישן כאַראַקטער. און דאָך צעגאַנגען אינעם גלי פֿון איר ליכט. עס האָט ממש פֿאַרצווייפֿלט די אוממעכטיקײט, צו דעם יונגן פֿרויענוועזן, פֿון וועלכער ס'האָט אַרויסגעלויכטן אַ ווונדערלעכע האַרמאָניע, פֿולקאָמע גראַציע, וואָס נאָר אַ מלאכס האַנט קען אַזוינס מײסטערן: דער האַלדז, אין זײַן שלאַנקער ווײַסקײט — שוואַנענדיק; די ציכטיקע העלקײט אויפֿן פּנים, דורכזיכטיק ווי בײַ אַ נאָנע. שטערן — סאַמעט, מויל — זאַנפֿטיק. ס'האָט געווייעט פֿון איר מיט תמימות און גערײצטן צויבער. מיט אַ פֿרײד, וואָס נאָר אַזאַ יונג אויפֿגײענדיק ווײַבלעך לעבן קאָן מיט זיך ברענגען, צוזאָגן.

מער פֿון אַלעם נאָך האָבן גערעדט אירע אויגן: צוויי לויטערע פֿײערן, צוויי ליכטיקע זון־שטראַלן. ער שלמה יוסף האָט נישט געקענט בײַשטײן זײער שײַן, אויסבאַהאַלטן זיך אין שאָטן, אין מורא פֿאַר אָפּברײען.

אַן אַנדערער חבר איז נישט בײַגעשטאַנען דעם נסיון. יאָ געפּרווּוט און טאַקע געוואָרן אָפּגעבריט: פֿינטשע שטײן.

פֿינטשע איז געווען אײנער פֿון דער חברותא, אַ שטילער גוטער בחור, אַ בכבודיקער נאָמען, געגאַנגען זײַן אָקסנשריט, נישט אויף אַ פֿרײער,

נישט אויף אַ שפּעטער, געלעבט מיט אַן אויסגערעכנט רואיק לעבן; געדינט נאָך אַ מוסטער פאַר אַנדערע, ביז... ביז ער איז נישט געוואָרן געפאַנגען אין נעציקן פלאָנטער פון זיין ליבע צו פאַניען. פינטשע איז געווען צו שוואַך צו קומען, און נישט גענוג שטאַרק אַוועקצוגיין. דער פאַרלאַנג, זי באַקומען פאַר אַ ווייב, איז געוואָרן זיין לעבנס־פאַרלאַנג. פאַרטונקלט אַלע אַנדערע חושים, ווילנס, אַוועקגענומען פון אים זיין שטאַנדהאַפטיקייט, דעם כוח פון זיינע טאָג־טעגלעכע מעשים, דאָס טאָן ביי זיין באַשעפטיקונג. ער האָט די יוירונג אַזוי לאַנג אין זיך געטראָגן ביז ער האָט זי אויסגעבראָכן, געקומען צו איר, זיך פאַר איר מתוודה געווען.

אַרויסגעקומען דערפון איז נאָר צער און בושה. פינטשע איז אַוועק־געגאַנגען אַן אַפּגעשמיסענער. פאַניע האָט זיך צו זיין געבעט נישט איינגע־הערט, זיך אָפּגעקערט פון אים אינגאַנצן, און מיט דעם האָט זיך געענדיקט.

פאַניע איז געווען טויב, נישט בלויז צו אים, אויך צו אַנדערע. זי האָט געלעבט אין אירס אַן אייגענער, אויסגעטרוימטער וועלט — אַ וועלט צו וועלכער מ׳קען אפשר קיינמאָל נישט דערגרייכן. זי האָט געשוועבט אין אירע חלומות ווי אַ בלינדער נאַכטפויגל, וואָס זוכט זיין קיום מיט פאַרמאַכטע אויגן, דערנענטערט זיך צום געפאַר, קלאַפּט זיך אָן און פליט ווייטער...

פון זינט דעמאָלט זענען שוין אַוועק יאָרן. פיל האָט זיך געביטן: געשעענישן, מענטשן, חברים. אויך זי, פאַניע אַליין. דער בוים האָט זיך צעוואַקסן, פאַרלוירן אַ טראָפּעלע פון זיין שיינער הילע. נישטאָ מער יענע פריש־זאַפטיקע קוועליקייט. דאָס פאַרכאַפּנדיקע פאַרן אויג... דאָך איז נאָך היפש געבליבן. ס׳איז געבליבן, די ווייכע פאַרטרוימטע רואינג אין איר געשטאַלט. דער פלוצלינגער אָפּדעק פון אירע ווימפּערן, פון אונטער וועלכע ס׳גיט אַ בלאַנק פייכטער גלאַנץ, פאַרזוונדערטער אויגנ־אַפּל; דער זאַנפט באַהנטער שמייכל פון איר פיין געשניצט מויל. דאָס חן־גריבל פון מלאכישן שנעל אויף דער אויבערשטער ליפּ, וואָס טראָגט אין זיך אַזאַ קינדיש שיינער תמימות, און ווידער אַמאָל אירע אויגן: לויטערע, מיט מאָרגנשיין. אַמאָל נאָר ווערן זיי פאַרהילט אין דינעם נעפּל, ווי זיי וואָלטן אונטער אַ שלייער זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרבאָרגן עפּעס, אַ

היימיש אויג דערזעט, דערקאַנט דעם צער. ווייסט די סיבה: אירע אַ ביסל אַריינגעוואַקסענע יאָרן.

און וויפל איז זי אַלט? אַ קימא־לן... יאָ אַריינגעשיפּט זיך אין מיטן די דרייסיקער. פאַר אַ פריילײַן פון איר שטאַנד — אַ שווער טאָפּטשענדיקער וועג. די גרענעץ־שטיינער האָבן זיך פונאַנדערגערוקט: פּינטשע האָט חתונה געהאַט, געוואָרן רײַך, אַ באַלעבאָס פון אַ שיין הויז, אַ גרויסע גאַרבאַרניע; אויך אַנדערע האָבן זיך פאַרשאַפט היימען, ווײַבער מיט קינדער. ער שלמה יוסף איז נאָך אמת אין זײַן בחורשאַפט, אָבער דער וועג צווישן זיי ליגט אויך אַ געקרייציקטער, געשטרעקט אין באַזונדערע אַפּשטעגן. איר באַווייזן זיך, דערמאָנט, רופט צוריק. ס׳טוט אַ ווייע אויף פון יענעם באַגינען, מ׳קומט אַריין אין באַוועגונג. חברה קומט זיך צונויף. עס ווערט אינטימער, וואַרעמער, היימישער. מען ברענגט אויף זכרונות, פאַרדריקטע בענקשאַפטן — שפּליטערס פון אַן ערשט געוועזן יונג ברויזנדיק לעבן, וואָס איז איבעראַשנדיק שנעל אַוועק.

היינט האָט איר קומען אים אויך אַריינגעברענגט אין אַ באַזונדער גוטער שטימונג. נאָך די לעצטע ביטערע איבערלעבונגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פריילײַן האַלבערג, האָט ער צום ערשטן מאָל זיך היינט אויסגעלאַכט, און גאָרנישט ווי זײַן טבע, גוט געלאַכט. עס שטויסט אים צום רעדן, שטיפן; אַפילו די געפּאַסטע קליידער אויף אים, פילט ער, בעטן זיך עפּענען אַ ביסל פרייער. די גאַנצע צייט, וואָס ער זיצט דאָ, הערט ער נישט אויף זי איידל פאַרטשעפּען, אויסגעפונען אַלעמאָל נייע המצאותן און דאָס אַלץ — פון אַ גוטער צעשפּילטער פריינטשאַפט צו איר.

און זי, פאַניע?

פאַניע פילט עס אויך אָפּ. זי פילט אין שלמה יוספס גוטער פריילעכ־קייט, פריינטלעכע בליקן, דאָס פרייען זיך מיט איר. ס׳לאַשטשעט זי, טוט אַ הנאה. קומט עס דאָך פון אַן ערלעך חבריש האַרץ. שלמה יוסף איז געווען דער בעסטער חבר פון אַלע, דער נאָענטסטער און ערלעכסטער צו איר. געשטאַנען תמיד אַ גרייטער איר צו העלפן, אויפנעמען אירע פאַרלאַנגען, איר צושטאַנד. קיינמאָל גאָרנישט דערפאַר געפאָדערט. זי

האָט אַפילו יאָ געוווּסט פון זײַנע געפילן, וואָס ער טראָגט אין פאַרבאָר־געניש צו איר. זיי זענען מער ווי חברישע. אָבער זיי האָבן בײדע קיינמאָל דערוועגן נישט גערעדט, זיך אויסגעהיטן עס צו ברענגען פאַרן מויל, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט מיט דעם עפּעס צו שאַדענען, קאַליע מאַכן.

היינט ווייסט זי נישט, אויף וויפל זי קאָן נאָך רעכענען אויף יענער געטרייער פריינטשאַפט. האָט דען די צייט נישט געענדערט? נישט אַריינגעבראַנגט שפּאַלטן? דאָך ווי עס זאָל נישט זײַן, טוט איר פרייען, וואָס ער איז דאָ נאָענט לעם איר. זײַן קעגנוואַרט מאַכט זי רואיקער, באַשיצטער. ס׳איז אַפילו פאַר איר אַ גוטער סימן, די באַפּאַלענע קונדאַסע־וועטקייט אין אים. דאָס טרעפט דאָך ביי אים זעלטן. מוז זײַן זי, האָט אַ חלק אין דעם. און דאָס איז איר ליב. וואָלט ער נאָר געוואָלט אַ טראָפּינקעלע אײַנגעהאַלטענער זײַן מיט דער צונג, נישט אַזויפיל אויף איר שמיצערן, וואָלט שוין גאָר גוט געווען, די שפּיציקע ריידלעך כאָטש זיי מיינען גוטס, נאָענטס פאַר איר, וועקן זיי דאָך אין איר אַ געוויסן אומרו.

פאַניע האָט זיך דערמאָנט אין שלמה יוספס לעצטן אויסרוף, געזוכט אים אָפּצאָלן:

— דו, שלמה יוסף, טשעפּעסט מיך היינט אַ ביסל צופיל. האָסט אין זינען מוז זײַן אָן אַלטן חשבון, וואָס?

— יאָ.

— נאָך אַלץ נישט אָפּגעקוויטעוועט?

— ניין, ס׳קומט מיר אַ רעשט.

חברה האָבן זיך צעלאַכט.

— שלמה יוסף איז אַ סוחר. ביי אים אין קאָנטאָ־בוך שטייט אַלץ באַשריבן געענוי מיט יעדן דעטייל. קומט די צייט מאַכט ער אויף דאָס בוך, און פאָדערט באַצאָלן דעם חוב — דאָס האָט זיך איצט אָנגערופן ישראל רייכנבערג.

ישראל רייכנבערג — דער עלטסטער פון דער חבריה, אַ בכבודיקער מענטש, באַוועגלעך, מיט מונטער לוסטיקן אויסזען; פאַניעס אַן אַמאָליקער לערער־חבר. געקנעלט מיט איר אין זײַנער צייט ציוניסטישע תורה: הערצלס „אַלט—ניילאַנד“, סמאָלענסקיס שריפטן, השכלה־ליטעראַטור;

געלייענט באַנאַנד אין שטילע מינוטן, מאַפּוס „אהבת־ציון“, פון וועמענס בלעטער, ס'האָט געווייעט מיט מזרחדיקער לאַנדשאַפט, טריפנדיקער אַראָמאַט, צעגרינט פעלד, בליענדיקע ווייַנגערטנער. און אוודאי די צעפלאַמטע ליבע צווישן אַמנון און תמר — ביבלישע געזאַנגען פאַרגאָסן מיט הייסער זון, גלוסטיקער קלימאַט; היינט איז רייכנבערג אָן אָנגע־זעענער באַלעבאָס אין שטאָט, אַ מאַן פון אַ שיינער פרוי, אַ טאַטע פון צוויי ליבע קינדער, גיט זיך אָפּ, אויסער זיין מסחר, מיט שטאָטישער עסקנות, מיט געזעלשאַפטלעכער און ציוניסטישער אַרבעט, פאַר וועלכער ער שענקט אַוועק אַ סך טייערע שעהן אין טאָג: רעדט אויף אַסיפות, פאָרט אויף קאָנפערענצן, ווערט אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַט אין פאַרשידענע שטאָטישע אינסטיטוציעס, אָן צונעמען יעדן שכר, אַלץ לטובת דער געזעלשאַפט. ביי פאַניעס אַהיימקומען, פאַרשפּעטיקט ער נישט קומען זי באַזוכן, פרייט זיך מיט איר. די באַציאונגען — נאָך אַלץ, ווי צו אַ יינגערע חברה־תלמידה: מיט אויטאָריטעט, אָבער אויך מיט אַ ביסל באַהאַלטענע פאַרליבטקייט, אָן איבערבלייב פון אַמאָל.

— דו פאַניע האָב פאַר אים נישט קיין מורא. שלמה יוסף איז נישט אַזאַ סטראַשנער ווי ער מאַכט זיך און אויב יאָ, וועלן מיר זיך פאַר דיר אָננעמען — האָט ישראל רייכנבערג געזאָגט מיט זיין אַמאָליק פריינטלעכער אַפּוטרופּסות.

די מאָנסבילישע קאָנצענטרירטקייט אויף דער איינציקער פרוי, דעם גאַסט, האָט געוועקט קנאה ביי דינהן. געבריט איר אין די פּיאַטעס, נישט געלאָזט איינזיצן: צי זענען זיי אַראָפּ פון זינען די מאַנסלייט, צו וועלכע גוטע יאָר? אַריינגעקומען דאָ, מען זאָל זי פאַרשטופּן אין ווינקל, הערן באָר פרעמדע קאָמפּלימענטן? זי וועט זיי באַלד ווייזן, עפּענען די קעפּ די אייזלען...

אין איר פאַרדראָסיקייט איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַוועק־פאַראַדירט אין פראָנט, זיך געשטעלט פאַרן עולם, די הענט געשטרעקט פאַר זיך, ווי זי וואָלט גרייט געווען זאָגן אַ טיראַדע, איר קולעכל — מיט גלעקל.

— גענוג, לאָזט אָפּ, זיך צעהודזשעט ווי די בינען, אָנגעזעצט אויף איר...

חברה האָבן אויפגעהויבן אויגן, געשמייכלט, געזען ס׳דערוואַרט אַן אַטראַקציע פון הימלעכקייט. ישראל רייכנבערג אין וועמען ס׳האָט אויפגעשפּילט דער יונגער לץ, האָט געפרעגט מיט געמאַכטן פאַרזיצערישן ערנסט:

— נו, וואָס זאָגסטו דינה, אדרבה, האָסט עפּעס צו זאָגן, זאָג, לאָמיר הערן.

— איך וויל מען זאָל אַדורכרעדן וועגן שטעלן אַ פּיעסע, און וואָס פאַרא — דינה האָט געמאַכט אַ חנדלדיק־קאָקעטישע באַוועגונג, אַ ריטש מיטן פּיסל, גרייט שוין אַרויף אויף דער סצענע, צום שפּילן.

— אַביש, האָסט געהערט, וואָס דינה פאַרלאַנגט? — ישראל רייכנבערג האָט זיך אָנגעבויגן צו אַ נאָענט אים זיצנדיקן שכן, אַ שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן יענעם אין זייט — געהערט, גיב אַן ענטפער.

אַביש, אַ ברייט־פּלייציקער פאַרשוין, פעסט־אָקסלדיק, האָט לאַנגזאַם אומגעקערט זיין אויסגעקנאָטן געזיכט, מיט בולטע קינביינער, אָנגעקוקט מיט גרויס־געעפנטע אויגנוויסלען, געגעבן אויטאָריטעטיש אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַזאַ מין הסכמה: יאָ.

— וואָס יאָ? — האָט דינה קריגעריש אָנגעשטעלט אויף אים דאָס קליינע קעפּל גרייט צום שטויסן.

— מען קען רעדן דערוועגן — אַביש האָט געזאָגט געלאַסן מיט דער זעלבער אויטאָריטעטער שטים, ווי אַ ריכטיקער רעזשיסער.

—האָסט גרייט אַ שטיק?

— קאָן זיין גרייט.

— וואָס פאַראַ?

— דאָס „פּינטעלע ייד״.

— גיי מיט דיינע שמאַטעס — האָט דינה גלייך אָפּגעוואָרפן, פאַרצויגן דאָס דינע נעזל אין קרומעניש ווי מען וואָלט פאַר איר אָוועקגעלייגט אַ טוכלע זאַך — איך וויל מען זאָל שטעלן דעם „דיבוק״. איך וויל שפּילן לאהלע.

גאַרבער־גאַס

מער האָט חברה נישט באַדאַרפט, אַרויס פון די כלים, זיך צעהודזשעט מיט הילכיק־לאַכנדיקע קולות.

— ריכטיק, דער דיבוק, דער דיבוק!

— פאַרוואָס טאַקע נישט דעם דיבוק?

— דינה וועט זיין אַ שיין לאהלע. בחורים וועלן זיך אין איר פאַרליבן.

— אָט דאָס וועט זיין אַ טראַסק.

דאָס רופעניש איז געוואָרן העכער, געמישט מיט סאַלוועס פון געלעכטערן, מיט הייטערקייט, מיט פאַרשטעלטער ליצנות, ווי דעמאָלט, ווען ס׳געלונגט אַריינכאַפּן אַן אייגן העכטל אין נעץ...

אין דער פריילעכקייט האָט מען נישט באַמערקט, ווי ס׳איז אַריינגעקומען דער בעל־הבית. זאַמע הערנדיק דאָס הייטערע גערויש, איז געבליבן שטיין ביים טיר. צוגעקוקט זיך צו די יונגע מענטשן, פאָטערלעך געשמייכלט. זיינע אויגן האָבן מיטגעלאַכט, ווי זיי וואָלטן זאָגן: פרייט אייך קינדער, ווי לאַנג איר קענט, איך האָב עס ליב. הלוואי וואָלט איך געווען אין אייערע יאָרן...

— אַ, ר׳ זאַמע! — האָט ווער פון געזעמל אַ רוף געטאָן.

דאָס קרענצל האָט אומגעקערט די קעפּ, זיך אַ באַוועג געטאָן ווי צום אויפשטיין. אַלעמענס פּנימער האָבן זיך גענייגט אויף באַגריסונג.

— ר׳ זאַמע, מען גייט שטעלן דעם „דיבוק" — האָבן אייניקע שטימען אים אנטקעגנגעטראָגן מיט אַמאָל.

— כ׳האָב געהערט, זייער פיין. אָבער קודם פאַרבעט איך דעם עולם צום טיש, אויף אַ גלעזל טיי — האָט דער בעל־הבית מיט ברייטן האַנט־זשעסט איינגעלאַדן די געסט.

חברה האָט זיך אַ צעשטויב געטאָן פון די ערטער, אַהין צום טיש.

אַצינד איז מען געזעסן שוין שטילער, צוזאַמענגעדריקטער, מיט לייטישע האַלטונג. ס׳האָט זיך גלייך געלאָזט מערקן די ענדערונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן מיטן אַריינקומען פונעם בעל־הבית. מ׳איז געוואָרן געלאַסענער, מיט דרך ארץ, ווי גוטע יינגלעך. זאַמע אויבנאָן.

זאַמע האָט פון שטענדיק אָן, ליב געהאַט זיך אויסמישן מיט יינגערן עולם. ווען אין שטוב זענען אַריינגעקומען די קינדערס קאָלעגן, קאָלע־זשאַנקעס, האָט ער זיי היימישלעך באַגריסט, פריינטלעך אויפגענומען, ווי דאָס וואָלטן זיי געווען זיינע אייגענע פריינט. צומאָל האָט ער זיך צוגע־זעצט צום רעדל, איינגעהערט אין זייערע שמועסן. מיט אָנטיילגענומען, אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען. זייענדיק אַ מענטש מיט אַ יינגער נשמה, האָט זאַמען געצויגן צום יונגן ברויז, צו יונג־צאַפּלדיק לעבן. אָנגעשטעקט זיך לייכט מיט זייער יינגער באַגייסטערונג, מיט זייער געפלאַטער. אומבאַ־מערקט איבערגעגאַנגען אין איינעם פון זיי.

זאַמע האָט מיט אַזאַ זעלבער הנאה זיך איינגעהערט וועגן נייעסן פון דער גרויסער וועלט. וועגן נייע אויפטועך, וועגן נייער טעכניק. ווען מ׳האָט אין שטאָט צום ערשטן מאָל אַריינגעצויגן די עלעקטריע (אין באַפרייטן פוילן) און אין אַן אויפדערנאַכט האָט אין שטוב זיך אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל, איז ער געשטאַנען געגאַפט ווי אַ קינד, ווען עס דערזעט אַ חידושדיקע צאַצקע, ווי ער וואָלט דאָס טאָקע קיינמאָל נישט נאָך געזען אין לעבן, געלאַכט: וואָ ווי גוט, אַ דריק ביים קנעפּל און עס ווערט ליכטיק! ער האָט מיט אַזאַ זעלביקער פרייד אויפגע־נומען אַ נײַ געצייג, וואָס מען האָט אַריינגעבערענגט אין הויף, אַ פאַרפול־קאָמטער כלי צו דער אַרבעט: אַ שאַבמעסער, אַ רעקאייזן, אַ שטויס־רעדל צו דער שטויס־מאַשין. געהאַלטן דאָס מכשיר אין האַנט, געגלעט, געשמייכלט: די וועלט ווערט אַלץ קליגער, לערנט אויס צו לעבן, לייכטער און שענער. גוט אַזוי!

מיט פּאַניעס אַהיימקומען, איז ער אויך ווי אַריין אין אַ נייער הויט. געוווּסט עס וועלן קומען געסט, עס וועט זיין היימלעך. אין פאַרנאַכט, ווען ער איז אַוועק אין גאַס עפּעס דערליידיקן, האָט ער געאיילט וואָס שנעלער אַהיים. געקומען איז ער מיט אָנגעפּאַקטע קעשענעס, פאַרשנורלטע פּעקלעך זיסוואַרג, ביסקוויטן, פּאַפּיראָסן, אַרויסגעלייגט אויפן קוכנטישל, געזאָגט צום ווייב: „ס׳קומען מענטשן, זאָל זיין״. פּעשע מיט פאַרויטלטע באַקן ביי דער אונטערגעהייצטער פּליטע, ווו ס׳האָט זיך געקאָכט דער גרויסער

טשייניק טיי, זיך געפּאַרעט ביים צוגרייטן כיבוד, האָט דעם מאַן אָפּגעשיקט אַריין אין גרויסן צימער, ער זאָל איר נישט שטערן.

— גיי אַריין אינדרינען זאַמעשי, כ׳בעט דיך. דאָרט זענען שוין פאַראַן. איך וועל מיר דאָ אַליין אַן עצה געבן. שטער מיר נישט.

זאַמע איז אַריינגעגאַנגען, מיטגעטראָגן אַ גרויסע שאַכטל פּאַפּיראָסן, שוועבלעך, דעם מעטאַלענעם אַש־בעכער. אַוועקגעשטעלט אויפן טיש: זאָל זיין צו פאַרויכערן. ער האָט געזען דער עולם איז צעקאָכט, צעוואַרעמט, פריילעכע פּנימער, אַליין זיך אויך צעשמייכלט, איינגעהאָרכט, געהערט זיי רעדן וועגן „דבוק״, און אין אים איז אויפגעגאַנגען עפּעס ווי אַ גוטע דעראינערונג.

ער האָט זיך דערמאָנט: דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז געווען אין וואַרשע, האָט פאַניע אים מיטגענומען אין קאַמינסקיס טעאַטער, ר׳זאָל זען די פאָרשטעלונג. ער איז געווען פריילעך פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט אָנגעטראָפן צווישן פּובליקום, יידן מיט בערד, אין לאַנגן טראַכט, לאַנגע קאַפּאָטעס, רונדיקע יידישע היטלען; ווייבער אין שאַלן, אין שייטלען, אין שבתדיקע יופּעס, ווי זיי וואָלטן דאָס געקומען להבדיל אין שיל צו אַ דרשה. איבער אַלעמענס פּנימער — אַ פּלאַטערונג, פייערלעכע אויסוואַר־טונג. ווען די פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און מ׳האָט דערזען די קלויז, די דביקותדיקע געשטאַלטן, די ביינאַכטיק, פול מיט סודות געהילטער שטילקייט, איז אַדורך אַ ציטער איבערן לייב. די גאַנצע איבעריקע צייט איז ער זאַמע שוין געזעסן מיט אַט דעם יראת־הכבוד, זיך נישט אַ ריר געטאָן. געגאַפט. אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט איז ער נישט דער זעלבער. באַרוישט און צעטרייסלט. עס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט די בילדער, וואָס האָבן ווי אַ לענטע זיך געדרייט פאַר זיינע אינערלעכע אויגן. ער האָט צוריק דערזען דעם משולח מיטן יענעם וועלטישן פּנים, שטייף־פאַרכטיקער באָרד און נאָך מער פאַרכטיק פינצטערן שווייגן; ס׳האָט אים אויך נישט אָפּגעלאָזט דאָס געשטאַלט פונעם צדיק מיט זיינע גליענדיקע אויגן, וואָרנדיקע הענט, תקיפותדיקער דיבור, וואָס האָט אַן רחמנות געשלאָגן איבערן קאָפּ פון דבוק. אים געטריבן מיט חרמות און גזרות; מער נאָך פון אַלעם האָט אים צענומען דער אומגליקלעך דערשלאָגענער

טאַטע, סנדר ברוניצער, אין זיין גרויסער בושה, אין זיין פאַרדריקט געוויין, דערנידעריקט אין זיין שטאָלצער גדלות — זיין אומגליקלעך געטראָפענער גורל. און לאהלע? אַ לאהלע, דאָס צאַרטע ציטערדיקע וועזן, די ריין אומבאַפלעקטע נשמה, געהילט אין ווייסן חופה־קלייד מיטן אויסזען פון אַ מלאך. זי איז עפּעס אַזוי פּלוצים איבערגעאַנדערשט געוואָרן, צוריקקערנדיק זיך פון מאַמעס קבר, גאָרנישט צו דערקענען. געוואָרן אַ ווילדע, אַ בייזע, אַ שלעכטע, מיט ביטערער עקשנות, מיט ביטערן פּראָטעסט, געשריי און עזות, צו אַלץ און אַלעמען. אירע ראַנגלע־נישן, אירע קרעמפּענישן, איר אַנטקעגנשטעלן זיך דעם צדיקס באַפעלן, דעם טאַטנס געבעטן — האָט דערשיטערט, צעטרייסלט. ענדלעך האָט זי זיך איינגעבראָכן, אונטערגעגעבן די שטאַרקערע פון איר כוחות, וועלכע האָבן זי באַזיגט. זי איז צוגעפאַלן צו דער ערד, צוטוליענדיק זיך צו איר ווי צו אַ מאַמע, וואָס האָט זי געדאַרפט באַלד צו זיך אַריינעמען, באַרואיקן איר געפּייניקטן גוף אויף אייביק —

דער רחמנות האָט אים זאַמען אַזוי צעשניטן דאָס טאַטעשע האַרץ, אַדורכגענומען יעדעס איבר, אַז ער האָט נישט געקענט צו זיך קומען. אויף דער דראָזשקע, איבערן וועג אַהיים, האָבן זיינע מאַנסבילישע אויגן געפּייכט מיט טרערן. אַנגעהאַלטן זיך אין טאָכטערס אָרעם, צאַרט, און מיט אָפּגעהיטנקייט, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פאַרהיטן פון אַוועלכעס שלעכטס, אומגליק.

— אויפן טאַטעשי האָט עס שטאַרק געווירקט, יאָ? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— זייער. אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך!

— אויך איך האָב דאָס ערשטע מאָל געוויינט.

— טייער קינד — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט, זי נאָך מער צוהאַלטנדיק צו זיך.

איצט זיצנדיק דאָביים טיש, און דערמאָנענדיק זיך פון דעם דאַזיקן, האָט ער פונדאָסניי איבערגעלעבט עפּעס פון יענער פייערלעכער טראַ־גישקייט און געשטויסן דערפון, האָט ער אימפּולסיוו אויסגערופן:

— קינדער, צ׳האָט דאָ געריעדט וועגן „דיבוק״, איך האָב אים

געזען. אַ פאָרשטעלונג — איינס אין דער וועלט! איך בין שוין נישט קיין יינגעלע דאַכט זיך, האָב שוין געזען אַנדערע פאָרשטעלונגען: בר כוכבא, שולמית, צעבראָכענע הערצער, כאַשע די יתומה, דאָרפס־ייִנג. וואָס וועל איך גיין דאָ אויסרעכענען — נאָר אזוינס האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. איך קען ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן. און וואָס פאַראַ שפּילן! און וואָס פאַראַ אַרטיסטן!

די יונגע מענטשן האָבן געהויבן אויגן אויף זאַמען. אַנגעקוקט אים מיט ליבן שמייכל. זיי האָבן גערן געהאַט דעם ווילן לודזקן ייִד. געוווסט זיין פאַרליבטקייט צו אַלץ, וואָס איז שיין, פאַרווילנדיק, מיט פריינט־לעכקייט אים צוגעטראָגן לויב־ווערטער:

— הער שאַרפשטיין איז אַ מבין אויף עפּעס גוטס, שאַט נישט. אונדזערע יונגעלייט וואָלטן געמעגט קומען צו אים זיך לערנען, נעמען פאַר אַ מוסטער. ער איז ייִנגער פאַר איך אַלעמען — איז דינה אַרויסגעפאָרן מיט אַ קאָמ־פּלימענט פאַרן בעל־הבית.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, ר׳ זאַמע איז פון תמיד אָן באַקאַנט מיט זיין ליבשאַפט, צו אַלץ, וואָס איז שיין און אינטערעסאַנט — האָט אונטערגעטראָגן ישראל רייכנבערג מיט היימיש, וואַרעמען גלעט.

— דאָס איז ריכטיק — האָט שלמה יוסף קאָרנבליט צוגעשטימט הסכמהדיק.

זאַמען האָבן די לויב־רייד פון די יונגע מענטשן געשמייכלט. ס׳איז אים ליב געווען צו הערן, אַז מען קען זיך אויף אים. מ׳האָט פאַר אים אַכטונג, אָנערקענונג. זאַמע האָט אין זיין אינערלעכער צופרידנקייט, געהאַט איצט צוריק די שיינע פאַרבן אין פּנים. אויגן — הייטערע, אויפגע־פרישטע, מיט גלאַנץ. שטערן — אויסגעגלייכט פון יעדן קנייטשל. אַ רפואה איז פאַר אים געווען דאָס זיצן מיט מענטשן, געסט, אַרום זיין טיש. לייטנס שבחים האָבן געמאַכט ענדערן זיין געמיטצושטאַנד, זיין אויסזען. געמאַכט אים ייִנגער. וואָרעם זאַמע איז געווען פאַרליבט אין מענטשן, אין לויב, אין גוטע ווערטער. דאָס האָט אים אָפּגעפרישט די יאָרן.

זאַמע איז געווען אַצינד פאַרגעסן פון פריערדיקן עגמת נפש, פון דער פאַרנאַכטיקער ביטערניש, פון פעשעס געוויין, פאַניעס פרעטענסיעס.

עס איז פאַרשוווּנדן פון זיין זכרון, דער דראָענדיקער מצב פון זיין שטוב, ס'איז נישטאָ קיין רויע פעלן אַריינצולייגן אין פּאַס, חובות זענען גרויסע, וועקסלען וואַרטן אויף דעקונג. אין דעם מאָמענט איז דאָס אַלץ געווען אויסגערונען פון זיין געדעכעניש. צוריק האָט פאַר אים געפלאָסן, דאָס רואיקע, שטילע הויזלעכע לעבן, די היימישע מנוחה, דאָס צונויפגעבונ־דענע בני־בית: נאַרישקייטן, זאָמע איז נאָך זאָמע און וועט זיין זאָמע. זיין שטוב, מיט גאָטס הילף, שטוב; זאָמע דער אָנגעזעענער בעל־הבית, וועמענס קינדער וואַקסן שיין און געראָטן, און אין וועמענס וווינונג עס קומען פריינט און באַקאַנטע, ברענגען מיט היימלעכקייט, פרייד. אַלץ וועט זיך מיטן איבערשטנס הילף אויסהיילן, אויסגלייכן. די צרות איבערקומען און וועט וועגן אַלעם נאָך אין פריידן דערציילן.

ער האָט פון אַן אינערלעך, פלוצים אויפגעגאַנגענער פריילעכער האַפענונג, געגומען רייבן די הענט, לאַכן.

— דאָס אַלץ מיינע פריינט — האָט זאָמע געצויגן נאָך הייטערער פון געדאַנק — דאָס אַלץ איז געמאָלט נאָר אין אַ גרויסער שטאָט. אוי, די גרויסע שטאָט האָט צו לעבן, ס'איז ס'גן עדן אויף דער ערד. וואָס זעט מען דאָרט נישט, וואָס הערט מען דאָרט נישט. אַלץ וואָס דאָס אויג באַגערט און דאָס אויער גלוסט. אַז איך קום דאָרט אַהין, פיל איך פשוט אַ תענוג, ווי כ'וואָלט אַריין אין אַ קיל פריש וואַסער אין הייסן זומער־טאָג — און זאָמע האָט אַ שפּרייט געטאָן די הענט ווי צום שווימען.

פעשע איז גראָד אַריינגעקומען מיטן כיבוד, ווען זאָמע האָט זיך אַזוי צעלאָזט מיט ליוב וועגן דער גרויסער שטאָט. נאָך דערכאַפּט זיינע לעצטע ווערטער. זיך צעשמייכלט; זי הערט דאָס פון אים נישט צום ערשטן מאָל. ווייסט, ער איז פאַרליבט אין דער גרויסער שטאָט. רעדט וועגן איר מיט התפעלות, ווי אַ גוי להבדיל וועגן יויזל... „אוי, דאָס גרויסע אָרט האָט צו לעבן!" קרעכצט ער אָפּ, אַהיימקומענדיק פון דאָרט. מילא, ער גלייבט אַזוי, זאָל עס אים וווּיל באַקומען. אין וואָס אַלץ מענטשן גלייבן. זי מיינט נישט אַזוי, פאַרקערט. זי האָט געטראָגן אַ גרויסע טאַץ אָנגעלענט אויף איר בויך, באַשטעלט מיט גלעזער טיי,

וואָס האָט געשמעקט מיט פריש פאַרבריטן סענץ. געפינקלט אין נאַכטישן ליכט ווי ריינער דעסטאַלירטער רויטוויין. פעשע, אַז זי טוט עפּעס, טוט זי עס מיטן גאַנצן האַרצן, ס'זאָל אַרויסקומען גוט. זי האָט אָוועקגעשטעלט די טאַץ אויפן קליינעם רונדיקן טישל אין ווינקל, גענומען צוטראָגן די גלעזער איינציקווייז צום גרויסן טיש. דערלאַנגט פאַר די געסט. זי האָט קיינעם נישט געלאָזט צוהעלפן. דאָס איז געווען איר בכבודיקער טרחה, איר מצווה פון באַדינען אורחים.

צוגעקומען צום מאַן, האָט זי אָוועקגעשטעלט פאַר אים זיין גלאָז טיי. געכאַפּט אַ בליק אויף זיין געזיכט, געזען די אויפגעבליטע גוטע פלעמלעך אויף זיינע באַקן, וואָס מאַכן אים יינגער. דערבליקט די זאַנפטקייט אין זיינע אויגן און אַ נאָך מער צופרידענער שמייכל, האָט זיך אויסגעלייגט אויף אירע ווייך־מאַמעדיקע ליפּן. און ווי געשטויסן, זיך מיט אים ליב אַ רייץ טאָן, האָט זי געזאָגט מיט פאַרבאַרגענעם געלעכטער, פאַרקוקט צו די געסט:

— מיין מאַן, זאָל זיין געזונט, האָט ליב די גרויסע שטאָט, ווי להבדיל אַ גוי די טומאה... מיך, פאַרקערט, ציט גאַרנישט דאָרט אַהין. און טאָמער בין איך יאָ וועגן אַמאָל ביי די קינדער, רייסט עס מיך מיט געוואַלט צוריק אַהיים: דער רויש, דער טומל, דאָס געררודער — מען הערט דאָך נישט דאָס אייגענע קול, וואָס רעדט. וואָס זאָל איך טאָן, איך האָב ליב מיין היים, מיין ווינקל. פאַניעלע ווייסט עס.

פאַניע האָט אָפּגעפינטלט מיט די ווימפּערן. אויפגעהויבן די אויגן צו דער מוטער. די מאַמעס ווערטער האָבן זי אַ רוף געטאָן. אין איר אָנגעווייעט מיט פריש ווינטל, מיט היים־ווינקל, מיט אייגן־שטוב: דאָס איז דאָך אַזוי אמת — דאָס אויפריכטיקסטע, וואָס אַ מענטש קען זאָגן: איר טייערינקע מאַמע! זי זאָגט אַלץ ערלעך, אָפן, אָן אָנשטעל, פון ריינעם האַרצן. טראָגט נישט קיין מאַסקעס, שפּילט נישט אין בלענדענישן. די פריינט, וואָס זיצן דאָ און שטוינען אַזוי פון יעדן דערציילטן פרט, פון דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, פון אירע וווּנדער און שיינקייטן, זענען באַגייסטערט, — ווייסן גאַרנישט, ווי מ'ווערט אין אין אָפּטמאָל מיד און עלנט. דערבידעריקט און דערשלאָגן. דער מענטש שפּל, מינדערווערטיקער פון אַ וואָרעם. יאָ — פון אַ וואָרעם! זי ווייסט עס גוט. זי האָט דעם טעם

שוין פאַרזוכט. אָבער פאַר זיי וויל זי דאָס נישט פאַרברענגען. טוט אָן אויפן פּנים אַ שלייער.

— די מאַמעשי האָט ליב די היים, די אייגענע פיר ווענט. דאָס איז דאָך דאָס נאַטירלעכסטע, וואַרעמסטע, וואָס אַ מענטש קען זאָגן און פאַר־לאַנגען — פאַניע האָט עס געזאָגט, פאַרקוקנדיק זיך אויף דער מוטער, מיט געוואַלטיקער ליבשאַפט צו איר.

— דייך מאַמעשי האָט ליב אַפילו יעדן שטיין פון הייפל, און פון גאָס. די באַנק פאַרן טיר וועט זי נישט אָוועקגעבן פאַר אַ זאַק רענדלעך — זאַמע האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פולברוסטיק געלעכטער, מיט דער גאַנצער גינציקייט, וואָס ער פילט צו זיין וויב, זיין געטרייען פריינט. זוכט ליבלעך, אויך מיט איר זיך אַ רייץ טאָן, אַריינזאָגן.

פעשע האָט מיטגעלאַכט.

— אַזוי בין איך, און איך האָב נישט דערפון קיין כאַרפע (חרפה). הלוואַי ביז מיין גוטער ענד. נו ליבע געסט, פאַרשעמט נישט מיין אָרעמען כּיבוד. לאָזט זיך נישט בעטן. „קליין אָבער ריין”, זאָגט די וועלט — און די באַלעבאָסטע האָט צוגערוקט אינמיטן טיש אַ ברייטבייכיקן טעלער מיט קיכלעך.

חברה האָט זיך אַ צערודער געטאָן, נישט געוואַרט אויף לאַנגן בעטן. אַנגעבויגן די קעפּ צו די גלעזער, גענומען זופּן דאַרשטיק, די וואַרעמע געשמאַקע פליסיקייט, ווי שאָף ביי די וואַסער־קאַריטעס, פאַרביסן מיטן זיסן געבעקס.

*

פאַר אַ היימישער געזעלשאַפט, אין זייער פאַרברענגען, איז אונטער־לעגען דאָס האַרץ, ווי פאַר אַ וועג־גייער אין הייסן חמימה־טאָג, אָנטרעפן אַ צווייגהאַפטן בוים, מיט שאָטן, מיט קיל קוואַל־וואַסער. ער זעצט זיך צו, טוט אָפּרוען, נעמט אָן כּוחות צום ווייטערן גיין. אין דעם פאַל — צום ווייטערן אונטערהאַלטן זיך, צום פרישן היימישן פאַרברענגען.

ווי נאָר מ׳האָט געענדיקט אָפּטרינקען דעם טיי, פאַרשלינגען די געשמאַקע קרוכע קיכלעך, וועלכע זענען צעגאַנגען אין מויל, אַ קאָפּ צו

זיך געקומען, האָט די צונג זיך שוין געריסן צום ווייטערדיקן גערייד, צום נייעם שמועס.

אַרויסגעפּאָרן איז דאָס מאָל גראָד יחיאל זילבערמאַן. ער, יחיאל, דער שטילער און תּכליתדיקער יונגערמאַן, האָט פֿון פֿריער נאָך אויסגעקוקט, אַריבערגיין אויף אַנדערע טעמעס, ערנסטע, נוצלעכע, וואָס זאָל רעדן צום דעת, צום שׂכל. אים האָבן די אַלע לייכטזיניקע פּלאַפּלערייען וועגן טעאַטער־שמאַטער, נישט פֿאַראינטערעסירט אויף אַ האָר. וואָס האָט מען פֿון דעם. דאָס איז אַן ענין פֿאַר ייִנגלעך און מיידלעך. אים אינטערעסירט עפּעס אַנדערש: ייִדישע פּאָליטיק, ציוניסטישע נייעס, ענינים, וואָס רירן אָן דאָס ייִדישע לעבן בגופֿו. טוען זיך דאָך אָפּ אין נייעם פּוילן וויכטיקע געשעענישן: ייִדישער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם; ייִדישער קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ און גלייכבאַרעכטיקונג; קאַמף קעגן די הויכע שטייערן, קאַמף פֿאַר ייִדישע אַרבעט אין די פֿאַבריקן, אויף מלוכה־שטעלעס; קאַמף קעגן ענגלישן מאַנדאַט, „ווייסבוך‟, פֿאַר פֿרייע אַרייַנוואַנדערונג נאָך ארץ־ישׂראל. פֿאַרוואָס זאָל מען דערוועגן נישט רעדן, נאָר זיך שפּילן אין הבלדיקן געפּלאַפּל.

גלייכגעמאַכט דאָס שניפּסל אונטערן קאָלנער, אַנגערוקט דאָס היטל בענטער צום שטערן, אָוועקגעזעצט זיך באַקוועמער אין שטול, איז יחיאל זילבערמאַן, אַרויסגעריטן אויף זיין פֿערדל.

— וואָס טויג מיר די גלאַטע בחינמדיקע רייד. ס'איז לא מעלה, לא מוריד. כ'וואָלט געוואָלט הערן, וואָס מ'רעדט דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, וועגן אונדזער לאַגע, וועגן אונדזער ארץ־ישׂראל. וועט זיין אַ פֿרייע אימיגראַציע? וועט זיין אַן אייגענע היים? און וואָס זאָגט מען אויך וועגן דער נייער ווירטשאַפֿטס־פּאָליטיק, פֿון דער פּוילישער רעגירונג דאָ אין לאַנד: די הויכע לאַסט־שטייערן, וואָס זי האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער באַפֿעלקערונג, אויף די האַנדלס־אונטערנעמונגען, און דער עיקר — אויף די ייִדישע פּלייצעס.

אָנגעהויבן, זיך צעוואַרעמט, אַ רוק געטאָן זיך אין בענקל נאָך טיפֿער ווי אין אַ זאַטל, האָט יחיאל געצויגן שוין מיט העכער קול:

— אָט די „דאַנינע‟, דער נייער שווערער צוגאָב־שטייער. דאָס איז

דאָך אַ געצילטע זאַך צו רואינירן די יידן. בעיִן זעט מען עס. מ׳וויל אַזוי נאָך אונדז צעברעכן, מ׳זאָל מוזן אַנטלויפן פון לאַנד. דאָס איז זייער כוונה, פון די אַנטיסעמיטן.

אַנדערע האָבן צוגעטראָגן זייערס:

— זיכער, איז דאָס די כוונה. „גראַבסקעס עגלה״, פירט אויס די שליחות.

— מילא, אַנטלויפן, אַנטלויפן. זאָל מען נאָר אַריינלאָזן... די ווילן פאַרטרייבן און יענע ווילן נישט אַריינלאָזן.

— און אונדזערע יידישע דעפּוטאַטן, וואָס טוען, האַ שווייגן. פאַרוואָס שווייגן זיי?

— אַזוי איז אייביק. פאַר די וואַלן זאָגט מען דיר צו הרים וגבעות. דערנאָך דרייט מען זיך אויס צו דיר מיטן רוקן און מען האָט דיך אין דער אדמה...

— דאָס מאָל איז אַפילו נישט אַזוי. זיי אונדזערע דעפּוטאַטן, קעמפן געגנוג. נאָר וואָס קען אַ קליין הייפל אויפטאָן קעגן אַזאַ מחנה גויים, שונאים.

— זיי זענען שוין גאַרנישט היינט אַזאַ קליין הייפל. אַ שפּאַר ביסל מנינים זיך אַריינגעפּאַקט. געאַרבעט פאַר זיי מיט די זייטן. זיי טוען מיר נאָך היינט ווי...

— אָבער געאַרבעט, אָבער געאַרבעט!

— חברה, צ׳געדענקט, ווי מ׳האָט געשוויצט און יחיאל בראש. יחיאל געדענקסט נאָך?

יחיאל האָט גוט געדענקט.

עס איז געווען נישט לאַנג נאָך די וואַלן צום צווייטן פּוילישן סיים, אַרום וועלכן ס׳האָט זיך געטומלט מיטן „מינדערהייט־בלאָק״ (די אידעע און אויפטו פון די יידישע אָנפירער), וואָס איז אַרויס אין קאַמף קעגן דער שענדלעכער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע האָט צוגעשניטן די וואַלן אַזוי, אַז די „מינדערהייטן״ זאָלן אַריין אין נייעם סיים, מיט די מינימאַלסטע צאָל פאַרשטייער.

ס׳איז נאָך געלעגן אַלעמען פריש אין זכרון, די גרויסע אסיפות,

פאַרזאַמלונגען, אין שיל, אין בית־מדרש, אין גרויסן שטאָט־זאַל, וווהין מען האָט גערופן גאַנץ ייִדיש קהל, פון גרויס ביז קליין, פון אַלע ריכטונגען און שיכטן: „היינט איז אַחדות־העם, אַ פאַראייניקונג פון גאַנצן פאָלק, דער גרויסער אויסגעוואַרטעטער טאָג, צו וועלכן מיר האָבן אַזוי געבענקט" — האָבן געדונערט די רעדנער־שטימען פון די טריבונעס, פון די באַלעמערס. דאַסמאָל האָט מען נישט געזידלט, נישט אויסגערעדט דבר־אָסור אויף יענעמס פאַרטיי. פאַרשוואַרצט דעם אַנדערנס פנים, און זיך אַליין ריין געוואַשן. נייִן, היינט איז מען געגאַנגען האַנט ביי האַנט, אַקסל צו אַקסל ווי אַן אויסגעשמידטע קייט, וואָס איין רינג לאָזט נישט אָפּ די אַנדערע, האַלט מיט כוח.

און די עדה האָט געזען, געגלייבט, ווי זשע דען אַנדערש. זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך: אָט זיצן ביי איין טיש (פּרעזידיום־טיש), דער אַנגעזעענער גערער חסיד נח זונדעלעוויטש, דער דברן אין שטיבל־ענינים, רעדלפירער אין דער חסידישער מחנה און לעם אים אבא ביאַליק, דער פאַרשטייער פון די שיל־באַלעבאַטים, דאַזאַר, מיטגלייער מיט דער מזרחי; פּליצע ביי פּליצע זיצן נאָך אַנדערע צוויי קעגנערס, בן ציון, ר' העשל ווינשענקערס איידעם, דער שאַרפער אָרטאָדאָקסישער עסקן, פירער פון „אַגודת ישראל", וואָס פייערט אויף די ציוניסטן, אַפּיקורסים, מיט גהינום, מיט אַרבע מיתות בית דין, און לעם אים זכריה רייכבאַרד, פאַרזיצער פון ציוניסטן־פאַראיין, גלות, קורץ געקליידעטער, אומדער־מידלעכער אַגיטירער פאַר דער ארץ־ישראל אידעע, אייגן לאַנד. דאָס גאַנצע יאָר קוקן זיי זיך אָן ווי צוויי פרעמדע פייַנטלעכע הענער, גרייט זיך צו דורסן. איצט שמייכלען זיי איינער צום אַנדערן. רעדן ווייכע רייד, מיט דרך־ארץ, מיט אַכטונג: אחדות העם, איין שטרעבן, איין ציל — ייִדישער נצחון!

ייִדן פּשוטע, שטילע האָרעפּאַשניקעס, ווייט פון פּאָליטישע דריידלעך, פון פּאַרטייִאישע אינטריגעס, וואָס זוכן נאָר דעם ייִדישן תוכן, דעם ייִדישן שלום, האָבן געקוקט מיט פאַרפייכטע אויגן: הלוואַי אויף ווייטער אַזוי, מיט שטענדיקן פרידן, ביז די ריכטיקע גאולה וועט קומען!...

יחיאל זילבערמאַן איז געווען פון די אַקטיווע טוערס, האָט פיל

מיטגעאַרבעט, געווען פאַרנומען ביים שרייבן די צעטלען, רשימות; געפירט די קאָרעספּאָנדענץ מיט דער וואַיעוואָדישער שטאָט, מיטן וואַרשעווער הויפּט־קאָמיטעט, מיטגעזעסן אויף זיצונגען, געשריבן פּראָטאָקאָלן, שפּעטער אָוועקגעשיקט באַריכטן — פאַרפּראַצעוועט אַ וועלט און געהאַט דערפון גרויסע גייסטיקע באַפרידיקונג.

ס׳געדענקט זיך אים באַזונדערס, דעם לעצטן אָונט פאַר די וואַלן: דער שטאַב האָט זיך געפונען ביי נח זונדעלעוויטשן אין פּראָנטזאָל פון דער בראָנפנשענק. דאָ זענען געווען פאַרזאַמלט די שפּיצן, די פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען. עס האָט באַדאַרפט פּאַרקומען היינט די לעצטע און גרעסטע וואַל־אַסיפה. דער פּראָנטזאָל, באַגאָסן מיט ליכט ווי ערב אַ חתונה, און אויך אַזאַ זעלבע פאַרעניש און פאַרטועניקייט: יונגע שטאַפּעטן לויפן אַריין־אַרויס — בחורימלעך מיט פּיאות אין לאַנגע געהאַקטע שליצרעק, מיט שפּראַצנדיקן פוך אויף קומענדיקע בערדלעך, סימנים פון גיכער חתנשאַפט, כאָטש די מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף די ליפּן; יונגע ציוניסטן, ערשט געוועזענע בית־מדרשניקעס, היינט שוין קלוגע, חכמים, וויסן דעם סוד פון דער וועלט, געקליידעטע אין קורצע רעקלעך, שטייפע קעלנערלעך, שניפּסן, קאַפּעלושן; יונגע מיידלעך, מיט אויגן פאַרטרוימטע צו דער ארץ־ישראל פּאַלמע, שטילן ירדן, בלויען כנרת; סתם יונגעלייט, טאַטעס פון ערשטן קינד אין וויג, נאָך כמעט נישט אַרויס פון זייער בחורשאַפט, טראָגן אַ נייעם עול: אין דער היים וואַרט דאָס יונגע ווייב — אַלע לויפן זיי, יאָגן, איילן אין שליחותן. קומען צוריק מיט ראַפּאָרטן. איינער אַריין, דער צווייטער אַרויס: איינער צו דער שיל אַ קוק טאָן, ווי ס׳זעט דאָרט אויס מיט עולם. אַ צווייטער איבער די שטיבער מעורר זיין די מענטשן, זיי זאָלן נישט פאַרפעלן קומען. אַ דריטער צו אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס, עפּעס מודיע זיין. קיינער שטייט נישט ליידיק און קיין איין הויז טאָר מען נישט אַדורכלאָזן. אַלעמען מוז מען ברענגען צו דער פאַרזאַמלונג ווי די שאָף אין דעם שאָפּגעהעפט.

ער, יחיאל, איז מיטגעווען מיט די גרויסע, מיטגעזעסן ביים טיש, וווּ ס׳האָט זיך געפונען דער שטאַב און צווישן זיי אויך דער פּרעלעגענט, געשיקט פון דער וואַיעוואָדישער שטאָט — אַ טונקל־האָריקער יונגערמאַן מיט

גרויסע קלוגע דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פון אונטער ברייטע שוואַרץ־רעמלדיקע ברילן. ער האָט געררייכערט אַן אַ שיעור פּאַפּיראָסן. צוגעהערט זיך צו מענטשנס מיינונגען און דערוויל מאַנטירט אין מוח זיין רעדע, וואָס ער וועט באַלד דאַרפן האַלטן פאַרן עולם. גערעדט מיט גרויס ערנסטקייט וועגן די יידישע מנהיגים אין דער קרוינשטאָט, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם גאַנצן יידישן עול, גיבן אַוועק זייער לעבן, זייער צייט פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר דינען דעם פאָלק. ר׳האָט אויך נישט געקאַרגט קיין עקסטרע שבחים פאַר יענעם באַרימטן מנהיג, דער גרויסער כוח אין סיים, דער הויפּט־טרעגער און מאַנטירער פון דער דאָזיקער אידעע: „מינדערהייט־בלאָק״, זיין מחשבה.

— ...איר פאַרשטייט — האָט דער טונקלהויטיקער יונגערמאַן פּאַדראַבנע מסביר געווען פאַר די היימישע יידן — דער מינדערהייט־בלאָק דאַרף זיין אַן אַפּוועט־כוח, אַ קעגנשוץ קעגן די אַנטיסעמיטן פון אַלע לאַגערן, אַ פּאַטש זיי אין פּנים. דאָס דאַרף זיי ווייזן, אַז מיר יידן שטייען אויף דער וואַך. קוקן מיט אָפענע אויגן אויף זייערע מעשים. דאָס דאַרף אויך זיין אַ קאַטעגאָרישער ענטפער דער שיקאַנירונגס־פּאָליטיק פון דער יידנפיינטלעכער פּוילישער רעגירונג, וואָס האָט די וואַלן צוגעשניטן אויף אַזאַ אופן, די מינדערהייטן זאָלן אַדורכפאַלן. און געמיינט האָט מען ווידעראַמאָל הויפּטזעכלעך, אונדז יידן. אָבער אונדזערע וויטזיכטיקע מנהיגים, איבערהויפּט יענער דרייסטער מנהיג, וואָס שניידט מיט זיין וואָרט, ווי אַ שאַרפע שווערד די אַלע יידנפרעסערס אין סיים. ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט און ס׳איז אים אויפגעגאַנגען דער געדאַנק, צוזאַמענשטעלן אַזאַ אינסטרומענט, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן מיט איין גאַרטל, שאַפן אַ גרויסן כוח און דערמיט אָפּראַטעווען דעם כבוד אונדזערן און אויך זייערן. די געשיכטע וועט דאָס וויסן צו דערציילן אַמאָל מיט גרויס רום.

די אַגודה־לייט, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט און געוווּסט אויף וועמען דער פרעמדער וויזיט דאָס אַן: אויף דעם ראש פון די ציוניסטן, האָבן געקרימט די פּנימער מיט פאַראַכטיקייט, געשאָקלט די קעפּ, געמורמלט אומצופרידן:

— נו, נו, כלנו חכמים, כלנו נבונים... אונדזערס איינעם פעלט אויך ברוך השם נישט. זיצט אויך נישט אין סיים מיט פאַרלייגטע הענט און דרימלט. דאָס האָט השי״ת געגעבן דעם געדאַנק און נישט דער מענטש־לעכער מוח האָט עס אויסגעטראַכט — דאָס האָט דער ערשטער אויף דעם רעאַגירט דער בעל־הבית, ר׳ נח זונדעלעוויטש.

— ווער זאָגט דען, חלילה, ביי אַלע יידן איז טייער דער יידישער כבוד. אָבער דאָס וואָס כ׳האָב געזאָגט איז אמת — האָט דער פרעמדער געפּרוּווט זיך מתנצל זיין.

— אמת... ווער ווייסט דען ווו דער אמת שטעקט. דער אמת איז נאָר אין דער תורה — בן ציון ר׳ העשעלעס שוין אויפגערעגט, האָט געלאָזט הערן זיין קול מיט ביז שפּיציק געלעכטערל. געקוקט איצט מיט אַ חשדיק אייגל אויף דעם פרעמדן שליח, וואָס האָט זיך אַזוי צעזונגען מיט לויב־געזאַנגען פאַר די ציוניסטן.

און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, צי די אידיליע וואָלט חלילה נישט געפּלאַצט, געוואָרן אויס מחותנים, ווען נישט די פּראַנט־טיר. זי האָט געראַטעוועט די לאַגע. ס׳האָט ווער האַסטיק זי אָן עפן געטאָן פון דרויסן און אַ יונג געזונט קול האָט אַריינגערופן:

— יידן צו דער אַסיפה, ס׳איז שוין די העכסטע צייט.

ביים שטאָב־טישל האָט מען זיך אַ צערודער געטאָן. ס׳האָט ווער אַהינגעפּרעגט צום רופער — קהל איז שוין פאַרזאַמלט?

— פאַרזאַמלט, פאַרזאַמלט. אָן עין הרע ביז איבער די ברעגן.

פונדעסטוועגן האָט מען זיך נאָך נישט גערירט, נישט געאיילט. געספּקט צי איז שוין טאַקע די ריכטיקע צייט צום גיין, אָדער נאָך לאָזן עולם אַ ביסל וואַרטן... דער ערשטער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, דער פרעמדער, א מער זריזותדיקער, געלאָזט פאַלן אַ בדיחותא.

— רבותי, מען דאַרף יאָ גיין. אַפילו ס׳איז נאָך נישט איינגאַנצן ווי ער זאָגט. ביי אונדז אין שטאָט איז געווען אַ ייד, אַ בעל דרשן, ברוך האָט מען אים גערופן, האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט צוואַרטן ביז דאָס בית מדרש וועט זיך אָנפילן מיט מענטשן. ער פלעגט זאָגן: איך האָב

אַ כלל, ברוך שאמר, אַז ברוך וועט געמען זאָגן, והיה העולם, וועט זיין דער עולם...

אַ געלעכטער. אַפילו בן ציון ר׳ העשעלעס, וואָס פאַרגינט זיך נישט באַלד צו שמייכלען אויף ווערטער פון ווער מען אַ, אַמווען אויף אַ ציוניסט, האָט דאָסמאָל אויך מיטגעלאַכט. אַ שיבער געטאָן די פּלייצע. אַלץ איז געוואָרן צוריק היימיש, אין שלום. מען איז אויפגעשטאַנען פון די ערטער, זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

געגאַנגען איז מען איבער גאַס צוזאַמענגעדריקט אין גרויסער איינקייט. זאַמע איז אויך מיט געווען. ער האָט פאַרטראַכטן אין קאַמיטעט זיינע גאַס־באַלעבאַטים. אין אַרומיקער טונקלניש, מיט נאַכטיק אויסגע־שטערנטן הימל איבער די קעפּ, מיט אַ באַזונדער אינערלעכער באַווי־ליקטער צוזאַמענגעבונדנקייט, האָט עס אויסגעזען, ווי מען וואָלט איצט גיין אין שיל צו לעצטע סליחות אין הייליקער פאַר־ראש־השנה־נאַכט. אַפילו די טריט זענען געווען עפּעס אַנדערע, שטילערע, פאַרטראַכטערע, אינזיכדיקע. גערעדט האָט מען ווייניק און ווידער וועגן יידישן גורל, וועגן יידישן תכלית, געקרעכצט צוזאַמען און דערמאָנט די אויסוואַר־טנדיקע אויסלייזונג: ווער מיטן געדאַנק אויף — ובאַ לציון גואל... און ווער — אויסקעמפן מיט קאַמף, מיט שווערד דאָס פאָטערלאַנד!...

— ר׳ זאַמע, איר דערמאָנט זיך דעם לעצטן אָוונט פאַר די וואַלן, ווען מען איז געגאַנגען אין שיל צו דער אַסיפה? — האָט יחיאל זילבערמאַן אָנגעוואָרעמט אין זיינע זכרונות, פלוצים זיך אַ קער געטאָן צום בעל־הבית.

— כ׳געדענק, אַוודאי געדענק איך. דער אָוונט וועט מיר בלייבן לאַנג אין זכרון. כ׳זע ווי איצט די טונקעלע גאַס, דאָס פלייצנדיקע ליכט פון די שיל־פענצטער, די אָפּוואַרטנדיקע געשטאַלטן אין דרויסן. מיר גייען יידן פון פאַרשידענע שיכטן, פון פאַרשידענע ריכטונגען און מיט אַן אינערלעכן גלויבן אין אונדזער קיום. מיט געבונדענער געטריישאַפט איינער צום אַנדערן. כ׳האָב מיר דעמאָלט געטראַכט: ווי גרויס איז די אַחריות פון יידן איינער צום אַנדערן. און ווי גרויס איז די ליבשאַפט און

ווי שטאַרק פילן מיר זיך, ווען מיר זענען פאַראייניקט — טאַקע ווי קינדער פון איין טאַטע־מאַמע, פון איין גאָט.

— אויס! — האָט אַ שאָס געטאָן פון עק טיש אַ שטים. ליפּע שליאַמאָוויטש, איינער פון די יינגערע, אַ הייסער פּאַנאַטיקער פון דער ציוניס־טישער זאַך, איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, צעקאַכט אויסגעשריען: אויס, שוין איז אַלץ צוריק „אויס־פאַראייניקט". די „אַקסן" (אָרטאָדאָקסן) בריקע־ווען שוין ווידער, שפּרינגען אין די אויגן, באַשפּריצן מיט בלאָטע, שטרעקן די הערנער צום שטויסן, טאַקע, ווי ווילדע אָקסן...

— „אַקסן"?... פאַרוואָס עפּעס אָקסן? פע, נישט שיין — האָט זאַמע, אַנגעטרונקען נאָך מיט יענעם גוטן געפיל, זיך אַ פאַרקרום געטאָן מיט פאַריבל — מען דאַרף נישט אַזוי רעדן וועגן יידן. וואָסי, זיי זענען חלילה ערגער פון אונדז, ווילן דאָס שלעכטס פאַרן פאָלק? זיי ווילן דאָס גוטע פונקט ווי מיר, נאָר אויף אַן אַנדערן אופן, אויף זייער שטייגער.

— זיי ווילן גאָרנישט. זיי ווילן נאָר אונדז שטערן, נישט לאָזן דעם קאָפּ אויפהייבן, טאָן אונדזער אַרבעט — ליפּע האָט געפייערט מיט הייליקן צאָרן. זיין דראָבנע שפּיציק פּנים פון אַ פויגל איז געוואָרן שאַרף־שנאָבלדיק, רויט און באַליידיקט, קעמפעריש, — אַ יידיש בוך איז ביי זיי טריף־פּסול, אַ גויאיש — כשר. מיט אַ יידישן בחור טאָר די טאָכטער נישט שפּאַצירן, מיט אַ שגץ מעג זי אַפילו...

— שאַ־שאַ, וואָס טויג די נאַרישע רייד — האָט זאַמע אָפּגעשריגן נישט געלאָזט אַרויסברענגען די מיאוסע ווערטער פון מויל — און אויב ס'איז דאָ אַ ביסל אמת, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי פאַרשטייען נישט, וואָס דאָרט אין די גויאישע ביכער איז געשריבן. מיינען דאָס איז עפּעס גלאַטס, קינדיש, נאַרישעוואַטס. און די שמד־שטיק שטעקן נאָר אין די יידישע ביכער — זאַמע האָט דאָס געפּרוווט פאַרענטפערן מיט אַ קלוג באַהאַלטן שמייכעלע צווישן די וואָנסעס, ווי ער אַליין, וואָלט אויך נישט מיט דער דאָזיקער התנהגות אינגאַנצן מסכים געווען.

— זיי פאַרשטייען שוין גוט נישט. שמואל גוטמאַן פאַרשטייט נישט קיין פּויליש, האַ? רעדט נישט מיט קיין פּריצים? פונדעסטוועגן פּרצעס און הערצלס ביכער האָט ער צעריסן, געוואָרפן אין פייער. אָבער פאַר

דער טאָכטער האָט דער לאָדזשער חתן צוגעשיקט שענקעוויטשעס אַלע ווערק און מ׳האָט עס גאַנץ שיין אַריינגענומען אין שטוב — איז איצט צוהילף געקומען דינה, וואָס טראָגט אויך אַ „זשאַל״ (תרעומות) אויף די פרומע.

— און דער „חרם״? — האָט ווער אַ ברום אונטערגעטאָן — דאָס דראָען מחרים זיין, דאָס איז גאָרנישט?

— טאַקע יאָ — זענען צוהילף געקומען די אַנדערע — דאָס האַלטן אין איין סטראַשען מיט חרם. דאָס איז גאָרנישט?

— עט, זיי זאָגן נאָר בלויז, טוען וועלן זיי נישט — זאַמעס האָבט האָט אַ שאַר געטאָן אין דער לופטן, מיט אַזאַ תנועה, ווי ער וואָלט מבטל געמאַכט סיי דעם חרם, סיי דעם סטראַשאַק.

— אַנו, זאָלן זיי יאָ פּרווון. זיי מיינען ס׳איז יענע צייטן, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונדזער ביבליאָטעק, אין שטילן געסל, צעפּלינדערט די ביכער, אַ תל געמאַכט פון אַלעם, געהאַט אַ „יד״ מיטן פּאָליציי־נאַטשאַלניק. אויס יענע צייטן. היינט איז פּוילן! — און ליפּע האָט אויסגעשטייפט זיין שמאָל האַרצברעט ווי ער וואָלט שוין גרייט געווען זיך נעמען פאַרן כלי זין, פאַרפירן אַ מלחמה.

חברימס אויגן האָבן געקוקט אויף ליפּען מיט ליבשאַפט, מיט הסכמה. געשמייכלט פאַר זיין טאַפּפערקייט, צוגעגעבן אים מוט, היץ.

— גיב זיי ליפּע, דערלאַנג זיי!

— און דו יחיאל, זאָג אויך עפּעס. זאָג איז ליפּע גערעכט צי נישט?

יחיאל האָט אַ רגע אָפּגעוואַרט, ווי זיין שטייגער, נישט געאיילט מיטן וואָרט. דערנאָך געלאָזט הערן זיין שטיל געלאַסן קול, אַ קול, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויס פון די ברעגעס; אָט דער יחיאל, דער אַמאָליקער מתמיד, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו דער בית־מדרש־באַנק, אַריינגעטאָן אין די הייליקע ספרים, מיט ערנסט און פלייסיקייט, האָט אָבער אַריינגעבליקט אין „פּרדס״ און נכשל געוואָרן.

— אין דעם, מוז איך זאָגן, איז ליפּע גערעכט. מען קען נישט מיט זיי גיין צוזאַמען — האָט יחיאל געלאָזט הערן דאָס אויסגעוואָרטע וואָרט — כ׳זאָג עס, ווייל זיי וועלן קיינמאָל נישט קענען אונדז פאַרשטיין.

זיי ווילן, מען זאָל זיצן אונטערן בית־מדרש־אויוון, נישט זען די ליכטיקע וועלט. ס׳איז אָבער היינט אַנדערע צייטן...

— אַוודאי אַנדערע צייטן! און פאַר צווייטנס צו וואָס פאַרנעמען זיי זיך בכלל מיט פּאָליטיק. דאָס איז אַן ענין פאַר די באַוווסטזיניקע, פאַר די וועלטלעכע. פאַר זיי די פרומע, איז די גמרא, דאָס ספר. זאָלן זיי זיצן און לערנען — ליפּע האָט נאָך אַלץ זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. גערעדט מיט פּסקנות, אין נייעם גייסט.

— טאָקע יאָ, זאָלן זיי זיצן און לערנען. מיר וועלן שוין פירן די פּאָליטיק — האָט דינה מיטגעהאָלפן.

זאמע האָט פון דער יונגער צעקאָכטקייט, געשמייכלט, ווי ער וואָלט פאַטערלעך זאָגן: מילא, ס׳איז דאָך יונג בלוט, נישט קאַ וווּנדער. דאָך האָט ער נישט געוואָלט אינגאַנצן נאָכגעבן. אָפּאָנירט:

— איבערגעבן דאָס געוועט אינגאַנצן אין פרעמדע הענט, דאָס ווילן זיי נישט, און דאַרפן אפשר נישט. זיי ווילן אויך זען, וואָס אינע־ווייניק אין קעסל קאָכט זיך — און זאמע האָט פאַרצויגן דעם קלוגן שמייכל, פאַרבאָרגן אים אין די ליפּן־ווינקלען.

— שאַט, ווייסט איר וואָס, לאָמיר הערן, וואָס פאַניע זאָגט דערוועגן. זי ווייסט דאָך אויך עפּעס אין די זאַכן — ישראל רייכנבערג האָט אַ שאַר געטאָן מיטן האַנט איינצושטילן דעם עולם, זיך געווענדעט צום גאַסט:

— זאָג דו פאַניע, לאָמיר הערן דיין מיינונג.

פאַניע איז פון דער פּלוצלינגער ווענדונג צו איר און פון די אַלעמענס אויף איר אָנגעקלעפּטע אויגן, אַריינגעקומען אין פאַרווירונג, אין אומגעריכטער פאַרלוירנקייט. זי האָט אָנגעקוקט די חברים, ווי מיט אַן איבערגעוועקטן בליק. נישט געדענקט רעכט, אין וואָס עס האַנדלט זיך. געשוויגן. מיט שטיל קול ווי שולדיק, זיך פאַרענטפערט:

— גלייבטס מיר, כ׳ווייס נישט וואָס צו זאָגן, כ׳אָריענטיר מיך היינט ווייניק אין די זאַכן. איך פאַרנעם מיך נישט מיט קיין פּאָליטיק.

— אַ דיכטערין איז נישט קיין פּאָליטיקערין, דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט — האָט קאָרנבליט אַ שפּריץ געטאָן מיט פריינטלעכן פּאַרטשעפּ.

— דאָס איז ריכטיק. אויב אַזוי, דערצייל עפּעס פון דיינע סוקצעסן — רייכנבערג האָט געקערט צו איר זיין געזיכט, זי אָנגעקוקט מיט גוטסקייט, אָבער אויך מיט אויטאָריטעט — האָסט אָנגעשריבן עפּעס נייע שירים? וועסט אפשר פאַר אונדז וואָס פאָרלייענען?

אויף פאַניעס באַקן זענען כהרף־עין אַרויסגעטראָטן רויטע אָדערלעך, דינינקע, פאַרצויגן זיך אין נעץ, געצונדן אַרום די קינען. ס׳האָט אויסגע־זאָגט פון אַן אינערלעכער צעטומלונג. דאָס האָבן רייכנבערגס אומשולדיקע ווערטער, אָנגערירט אין איר אַ פילבאַרע סטרונע, טיף אין הארצן פאַר־באָרגן, פאַרדעקט מיט שאָטן, וואָס יעדער אומפאַרזיכטיק, נישט איידעלער באַריר, ברענגט אַרויס פיינלעכן אָפקלאַנג. אַמאָל האָט זי אין שייכות מיט דעם, געהאַט זיסע חלומות, וויזיע. געמיינט זי האָט פליגל, וועלכע דאַרפן נאָך אַ ביסעלע אויסוואַקסן און זי וועט זיך אויף זיי אַ הויב טאָן הויך־הויך, אָדלערדיק. אָבער אויך מיט דעם האָט דאָס לעבן זי אָפּגענאַרט. אויפן אָרט פון פליגל זענען אויסגעוואַקסן פיצינקע פלעדערן. אויפצוהייבן זיך אויף זיי, איז שווער. דאָס גיין מיט זיי איבער דער ערד — אויך נישט לייכט. וואָס ס׳איז יאָ געבליבן: מוטנע אַנונגען, אומרואיק געפיל. שרעק פאַר דערמאָנען, פאַר וועמענס אַ פרעג. זי וויל מען זאָל עס לאָזן פאַרדעקט, דרימלען אין שאָטן. אָבער אויך דאָס לאָזט מען נישט. מענטשן קומען, וועקן, רודערן אויף. וואָס וויל מען פון איר?

פאַניע האָט געזוכט צוריקקריגן די גלייכגעוויכט. געקוקט אויף די חברים נאָך אַלץ פאַרלוירן. זי האָט פאַרשטאַנען, זי באַדאַרף עפּעס זאָגן. נישט געפונען די ווערטער. געפינטלט הילפלאָז מיט די אויגן־ווי׳עס. צום סוף, ווי זיך אין וואָס אָנצוהאַלטן, זיי אָפּגעשטעלט אויף רייכנבערגן. געזאָגט מיט קוים באַהערשטער שטים:

— דו פרעגסט וועגן שירים... מען שרייבט אַמאָל אַן אַ ליד. אָבער אויך דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ס׳איז אפשר מער... — זי האָט געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס (אפשר: חלום? אילוזיע?), זיך פאַרהאַקט. אַנטשוויגן

געוואָרן. נאָך מער זיך פֿאַרויטלט. פֿאַרשעמט פֿאַר איר וועלן זיך פֿאַרענט־פערן. מתנצל זיין.

דער פֿאָטער אָפּפּילנדיק וואָס זיין קינד לעבט איבער און וועלנדיק זי אַרויסנעמען פֿון דער ענגעניש, האָט געזאָגט הויך, מיט פֿאָטערלעכער, געטרייער באַשיצונג:

— פֿונדעסטוועגן, דיין ליד: „מיין לעצט ליכטל״, וואָס מ׳האָט פֿאַר־געלייענט אין פֿאַרגאַנגענעם חנוכה־אָוונט אין לאָקאַל, האָט אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿזען. דער עולם האָט דיין נאָמען באַשענקט מיט הויכע אָוואַציעס.

פֿאַניע האָט אַ שפּיזל געטאָן מיט שיפּלעך אויג צום פֿאָטער, מיט אַ נישט פֿאַרדעקטן ווידערווילן. עס איז איר איבעריק געווען זיין לויב, אַפֿילו לעסטיק: צו וואָס הייבט ער ווידער אָן. זי וויל, מען זאָל דערפֿון אָוועקגיין, אויפֿהערן וועגן דעם רעדן, זי לאָזן צורו. וואָס האָבן זיי זיך אויף איר אָנגעזעצט מיט אַ שרייבן, מיט שירים, מיט רימענישן. זי וויל נישט דעם כבוד, זי וויל נישט דאָס גערייד, וואָס יאָגט אויף איר אָן נאָר אומרו און פּיין. זי וויל מען זאָל זי לאָזן צורו.

— וואָס פֿאַניע ביסטו אַזוי באַשיידן. אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלטן זיך געגרויסט, געררומט מיט יעדער אָנגעשריבענער שורה. געווען אַפֿילו פֿאַריסן. און דו ווילסט זיך נאָר באַהאַלטן, אויסמיידן צו רעדן דערוועגן — רייכנבערג האָט דאָס געזאָגט מיט גוטער כוונה, מיט גרויסער פֿריינט־שאַפֿט. און נישט געוווּסט, וואָס ער טוט איר אָן מיט זיינע רייד — פּייניקט זי.

— פֿאַניע איז פֿון שטענדיק געווען אַ באַשיידענע, אַן עניוותדיקע, באַהאַלטן מיט אירע קענטענישן, מיט אירע טאַלאַנטן און מעלות. דאָס נעמט זיך פֿון ידישער צניעות — האָט מיט ווייכקייט זי פֿאַרטיידיקט יחיאל זילבערמאַן.

— נישט אַזוי באַהאַלטן, ווי זי האָט זיך נישט געוואָלט פֿאַר אונדז אַרויסווייזן — האָט צוגעלייגט פֿון זיין זייט שפּיציק־פֿריינטלעך שלמה־יוסף קאָרנבליט.

די חברים האָבן געמיינט דאָס גוטע, דאָס אָנטקעגנטראָגן איר האַרציקע ידידות, זי מוטיקן, זי פֿרייען, און אַרויסגעקומען איז דאָס

פאַרקערטע. די רייד האָבן אויף איר געווירקט צום שלעכטן. נערוועז געמאַכט. כמעט דערשלאָגן. פאַניע האָט מער נישט געקענט דערכאַפּן, דאָס פריער אויפגעהויבענע געמיט, וואָס זי האָט געהאַט. נאָך אין דער ערשט, ווען די חברים האָבן זיך גענומען פאַרזאַמלען, און מען איז אַריין און שמועס וועגן וואַרשע, שרייבער, קינסטלער, האָט איר אַרומגענומען אַ שרעק, מ׳זאָל זיך נישט דערנענטערן צו איר גופא. זי האָט אַלץ געטאָן אָפּצולענקען, ווי מען וויל אָפּלענקען אַ בייזס, וואָס וויל זיך אַריינרייסן אין שטוב, און דאָך האָט עס זי נישט אויסגעמיטן. איצט פילט זי זיך מיד, קעמפט מיט זיך איינצו־האַלטן די גלייכגעוויכט. זי ווייסט נישט, וואָס איז די סיבה: צי איז עס די נישט אויסגערוטקייט פון וועג, צי דער עגמת נפש פון פאַרנאַכטיקן שמועס מיט די עלטערן, צי פון עפּעס אַן אַנדערע אינערלעכע אויפרעגונג, וואָס באַפאַלט איר לעצטנס ראַפּטעם, הוילט אויס איר זעל. דאָס, וואָס זי האָט יאָ געוווסט — זי וויל זיך באַפרייען פון אַלע, בלייבן מיט זיך אַליין.

— עס האַנדלט זיך נישט וועגן קיין צניעות, קיין באַשיידנקייט — האָט פאַניע אַרויסגעשטויסן מיט געוואַלט פון זיך די ווערטער, כדי דאָך, ווי עס איז עפּעס זאָגן — נישט תמיד איז מען באַרייט צו רעדן וועגן ענינים, וואָס דו קענסט וועגן זיי נישט רעדן, כאָטש פאַר זיך אַליין זענען זיי גענוג אינטים.

אין איר קול איז געלעגן באַהאַלטענער ווייטיק, לייד, פאַרדראָס פאַרן צווינגען זי צו רעדן וועגן טעמעס, וואָס זענען איר נאָענט און ס׳ווילט זיך נישט פאַרבריינגען פאַר אַ פרעמד אויער. גרייט געווען אויסשרייען: חברים הערט אויף. כ׳בין מיד. טוט אַ טובה, לאָזט מיך אַליין.

זי האָט דאָס נישט געזאָגט. זיך נאָך מער פאַרטוליעט אין איר צע־פייניקט, איצט פאַרטונקלט געוואָרענעם געמיט. געשפּירט ווי אַ פיזישער קוויל פאַסעוועט אַרום אירע לענדן. טוט ווי ביים באַוועגן זיך. זי האָט געקלערט ס׳מוז זיין, וויל ס׳דאַרף אָנקומען די אַנדערע צייט, ווען זי ווערט אָפּטערס אָנגעשטרענגט. אַ רגע איז איר אַדורך אין געדאַנק, זי זאָל אַרויסגיין אין דרויסן, אָפּאָטעמען, זיך באַפרייען, אַנטשפּאַנען. זי האָט אָבער אויך פאַר דעם מורא געהאַט, געוווסט ביים אַריינקומען, וועט זי זיך פילן זשענירט. מען וועט עס אַרויסלייענען פון אירע אויגן. געבליבן זיצן.

געפילט פון דער אינערלעך אָנגעשטרענגטער שפּאַנונג, קריכן אַרויס מסרנדיקע פלעקן אויף איר פּנים. דאָס האָט זי נאָך מער דערשלאָגן און פאַרשעמט.

אַרויסגעהאָלפן האָט עפּעס אַנדערש, אומגעריכט, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאָרויסזען, און וואָס האָט זי אַרויסגענומען פון דער אומאָנגענעמער לאַגע. זי באַפרייט פון דער קלעמונג.

*

אין דער צייט, ווען דער שמועס האָט זיך געפירט ביים טיש, האָט ביים טיר, אומגעזען, מיט לייכטער באַוועגונג, זיך אָפּגעשאַרט איינע פון די פאַרטיערן און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ יונג בחורל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט אים נישט באַמערקט. ווייל זיין אַריינקומען איז געווען אַזוי שטיל ווי אַ קעצל. דאָס בחורל האָט זיך אַרומגעקוקט. געזען אַ גרעסערן עולם, איז ער געבליבן שטיין אַ דערשראָ־קענער, ווי איינער וואָס מיינט ר׳גייט אַריין אין אַ ליידיקער שטוב און טרעפט פּלוצים אָן אַ המון מענטשן. אינסטינקטיוו האָט ער געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרשווונדן. אָבער אין דעם אויגנבליק, האָ איך עמעצער ביים טיש דערזען, אַ רוף געטאָן אין געזעמל:

— אָ, זעטס, לייבל!

אַלעמענס קעפּ האָבן זיך אומגעקערט אַהין, אָנגעקלעפּט די אויגן אינעם יינגל, גענומען צו אים רופן:

— לייבל וואָס עפּעס?—

— און וואָס שטייסטו ביים טיר?

— רוק זיך ווייטער.

דאָס יינגל וועלכן מ׳האָט גערופן לייבל, האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. געשטאַנען אין דער זעלבער פאַרגליווערטער פּאָזע, ווי ער וואָלט געווען צוגענאָגלט צום שוועל־ברעט. אויף זיין שמאָל, איידל געזיכט, באַהויכט מיט ערשט רייפנדיקער יונגער בחורישקייט, האָבן זיך געצייכנט פאַרשעמטע ראָזע פלעקן. עפּעס אומזיכערס איז געלעגן אין זיין יונגן גוף זיך אַ וואַקל צו טאָן און פאַלן. די פאַרלוירנקייט פון יינגל, האָט זיך

אָפּגערופֿן אויף אויף די דערוואַקסענע. אַריינגעבערענגט עפּעס ווי אין פֿאַרלעגנהייט.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן געציילטע סעקונדן. פֿאַניע האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ העכער, אַריבערגעקוקט צום ייִנגל. אַ לייכטער שמייכל איז אויפֿגעגאַנגען אויף אירע ליפּן. זי האָט שטיל און ווייך געזאָגט:

— זאָל לייבל אַהערגיין.

פֿון איר קול, און דערזען זי, האָט דאָס בחורל זיך אויפֿגעוועקט. באַקומען באַוועגלעכקייט. אַראָפּ פֿון שוועל און מיט יונג־זריזותדיקן טריט צו איר אַהינגענענט.

פֿאַניע האָט געמאַכט אָרט לעם זיך, אים אַריינגעשפּאַרט צווישן צוויי שטולן, אירן און רייכנבערגס.

— געקומען פֿרעגן וועגן ברודער, אמת? — האָט פֿאַניע זיך געפֿע־דערט, כּדי אים פֿאַרהיימישן, אַריינברענגען אין שמועס.

— יאָ — האָט ער מודה געווען.

מיטן ציל דאָס בחורל נאָך מער דרייסטער מאַכן, האָט פֿאַניע גענומען אַליין, פֿון אייגענער איניציאַטיוו דערציילן, דאָס וואָס איז געווען זיין פֿאַרלאַנג: פֿון זיין ברודער איציק. זי האָט זיך באַמיט אַרויסברענגען פֿון זכרון, אַלץ וואָס זי האָט געדענקט אין שייכות מיט אים, און דערביי מערקווירדיק אָבסערווירט דאָס ייִנגל און זיך געוווּנדערט ווי אַט דער לייבל האָט אַ וואָקס געטאָן אין דער הייך, זינט די לעצטע פּאָר יאָר פֿון איר נישטאָ זיין. זי געדענקט אים נאָך אַלס גאָר ייִנגטשיקן, ווען ער פֿלעגט זיך נאָכשלעפּן, נאָך זיין עלטערן ברודער איציק, קומען מיט אים אין דער אָרגאַניזאַציע, אין ביבליאָטעק, אויף אָוונטן. איציק איז געווען פֿון דער אונטערוואַקסנדיקע יונגער גענעראַציע, וואָס האָט זיך געשטעלט צום דינסט פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איציק האָט אויסגענומען מיט זיין אינטעליגענץ, באַלעזנקייט, שאַרפֿער קאָפּ. ער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן גרויסער בקיאות אין ליטעראַטור, ייִדישע געשיכטע, ייִדיש דענקען. מיידלעך האָבן אין דער שטיל, וועגן אים געחלומט, זיך אין אים געליבט, געזוכט זיין נאָענטקייט, זיין פֿריינטשאַפֿט. אויך זי פֿאַניע האָט

באַגערט זיין התקרבות. אָבער נאָר אין ריינער, גייסטיקער חברשאַפט. מיט א ליב געפיל פון אַן עלטערער שוועסטער צו אַ ייִנגערן ברודער.

דעמאָלט אין שאָטן פון דעם רייפן ברודער־בוים, האָט דאָס ייִנגל זיך געריסן אויך אין אַ שיין קערנדיקן ביימל. פאַרמאָגט אַ פּיין, שמאָל לענגלעך פאַרחלומט פּנים. אויגן, נייגעריקע צום איינקוקן זיך, צום זען. אויערן, הונגעריקע צום הערן. זי פאַניע האָט ליב געהאַט נאָכשפּירן אָט די נייגע־ריקע, פאַרשנדיקע אויגן זיינע. געזאָגט אַמאָל ביי אַ געלעגנהייט צו איציקן: „אייער ברודערל וועט אויסוואַקסן, אַ גרויסער מאַן, אַ פאָרשער, אַ געלערנטער״...

„ברודערל!״ — איצט שטייט פאַר איר אַ מענטש, דערוואַקסן. אַך, ווי די צייט גייט, פאַרשווינדט!...

— דאָס לעבן שטייט נישט, ניין — האָט זי אַרויסגעזאָגט פון די מחשבות — ווי לאַנג איז עס אינגאַנצן האָ, לייבל?

— וואָס מיינט פאַניע?

— גאָרנישט, סתם. ס׳רעדט זיך אַזוי. כ׳געדענק, ווען לייבל איז געווען אַ קליין ייִנגל, אַ ווילינק ייִנגל.

זי האָט געשמייכלט צו אים שוועסטערלעך, מיט אויסדרוק פון עפּעס נאָענט, פאַמיליעדיקס. עס איז איר געפעלן געווען וואָס פון דער יונגינקער פלאַנץ איז אַרויסגעוואַקסן אַ געזונט שטאַמל, אַ שיין דערוואַקסן בחורל, מיט אַלע גוטע סימנים פון אַ נאָכקומענדיקן, איינגעגעבענעם מענטש. זיינע געזיכט־שטריכן, הגם, רייפער, געשטאַלטנער, זענען געבליבן נישט פיל געענדערט: דאָס זעלבע שמאָל־אָוואַלע פּנים, נאָך אַלץ פאַרחלומט; יונגע ווייגנדיקייט אין די אַקסלען, און אויגן — ליכטיקע, קלוגע, הבנה־דיקע. זענען זיי צו אַלעם נאָך אַזוי נייגעריק?

עס האָט איר אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג זיך צו אים נענטערן, נאָך היימיש־קרובהשער. אים אָפּדערציילן פון אירע געפילן דעמאָלט, ווען זי האָט אים געזען, ווי אַ שעפּסעלע נאָכלויפן דעם ברודער. אויך פון איצט וואָלט זי אים געהאַט וואָס צו זאָגן. אָבער ס׳איז געווען נאָך פרי, אַ טראָפּעלע נאָך געהעמטס. עס האָט איר אויך געשטערט דאָס, וואָס זי האָט נישט געוווּסט אין וועלכער פאָרם זי זאָל זיך צו אים אויסדריקן: „דו״ צי „איר״. ביידע

האָבן עפּעס נישט געפּאַסט. „דו״ — איז ער געווען צו דערוואַקסן. „איר״ — צו נאָענט, צו יונג. זי האָט באַין ברירה, אויסגעקליבן דעם מיטלוועג, זיך אַרויסגעהאָלפן מיט סתם.

— וואָס הערט זיך אינדערהיים? — האָט פאַניע פאַרבונדן צוריק דעם שמועס.

— ביי אונדז?

— יאָ. די מאַמע איז געזונט?

— ווי אַמאָל. אַמאָל פילט זי זיך בעסער, אַמאָל שוואַכער.

— פון איציקן קריגט׳ך בריוו?

— ווייניק. ס׳וווּנדערט אונדז טאַקע. פאַרוואָס ער שרייבט אַזוי ווייניק אַהיים. פאַניע האָט אים געזען?

— געזען, נישט צו אָפט, אָבער געזען.

— וואָס טוט ער?

— ער גיט לעקציעס.

— פון דעם איז ער זיך מפרנס?

— פאַרשטייט זיך.

— און אַהיימקומען וועט ער נישט?

— ער האָט מיר נישט געזאָגט.

פאַניע האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זי זאָל לייבלען דערציילן דעם אמת, דער ברודער וויל נישט אַראָפּקומען מער אין שטאָט, ווייל ער האָט מיט איר כמעט ווי איבערגעריסן. דאָס איינציקע, וואָס האַלט אים אָן, איז טאַקע די זאָרג וועגן דער היים. אָבער ער טראַכט אויך, ווי אַזוי זיי אַרויסצונעמען פונדאַנען. בכלל האָט ער איציק זיך איבערטראַנס־פאָרמירט, אָפּגעשיידט זיך פון דעם פריערדיקן נוסח לעבן, פון דעם פריי־ערדיקן אַרט פאַרברענגען מיט מענטשן, מיט געזעלשאַפט. געוואָרן אַליי־נינקער, אַזאַ מין מתבודד. פאַניע האָט זיך איבערלייגט, צוואָס זאָל זי דאָס פאַרן יינגל פאַרברענגען, אַריינטרייבן אין גערייצטן נייגער, אין אַזאַ נישט פאַרשטענדלעכער נייעס. ער קאָן זיך דערפון איבערנעמען, מצער זיין. זי האָט עס אויסגעמיטן.

— נייִן, ער האָט מיר נישט געזאָגט — האָט זי איבערגעחזרט — אָבער פון דעם איז גאָרנישט געדרונגען. אַ מענטש פאַרגעסט אַמאָל.

די באַגערטע התקרבות איז פּאַמעלעך געקומען. דאָס ייִנגל איז געוואָרן צו איר נענטער, פאַרטרויליכער. זי האָט געהערט ווי ער נעמט אַראָפּרעדן זיך פון הארצן, דערציילט איר פון זיינע בענקענישן און פון זיין ליבשאַפט צום ברודער: זינט ער, איציק, איז אַוועקגעפאָרן, פילט ער זיך איינזאַם און וואַרט אויס מיט אומגעדולד אויף זיין קומען, כאַטש אויף אָפּטערע בריוו. ווייטער: ער וויל גערן לערנען. דאָס אָרט איז צו קליין, נישטאָ פון וועמען צו באַקומען אַ ביסל לערע, און ער גייט אויס אין דורשט דערנאָך. ווידער: ער וואָלט זיכער געוואָלט פונדאַנען אַוועקפאָרן. אין דער וועלט, וואָלט ער אפשר נאָך עפּעס דערגרייכט, אָבער ס׳איז נישט ווי מ׳וויל, די היים... פאַניע האָט געהאָרכט דעם דינעם טרויער אין זיין קול, באַוווּנדערט די איידעלע זעלישקייט, דאָס וווּנדערלעכע געמיט, וואָס ווייעט אַרויס פון זיינע רייד, פון זיין טאָן, פון אים גופא. געשיקט איר בליק שיפּלעך, ווי ווען מען וויל אים פון יענעם פאַרבאָרגן און אַליין אַלץ זען. געקוקט אויף זיין שיין געשניצטן מויל. אויף דעם הויך געוועלבטן שטערן מיט די צוויי אויסגעבולטע ווינקלען, אונטערגעשמייכלט: דער זעלבער געבוי ווי ביי זיין ברודער. זי האָט גערן געהאַט קוקן אויף דעם פאַרגייסטיקטן שטערן ביי איציקן. געפילט אַז אונטער דעם געוועלב, נעסטיקט זיך גייסט פון דורותדיקער ירושה, לעבנס־חכמה, גרויסער פאַרשטאַנד. דעמאָלט האָט איציק נאָך געשטעקט מיט ביידע פיס אין זיין צעברויזטער, סאַנגוויניש־פריילעכער וועלט. אין זוניקער עולם הזה. געזוכט די הנאה פון לעבן. געלאַכט מיט ברייט, הויך־ברוסטיקן געלעכטער. געבליאַסקעט מיט גלאַנציקע אַפּלען. געשלונגען דאָס שיינקייט פון פרויען. אָבער אויך דעמאָלט האָט געהויכט פון אים מיט זעלישער אומרו, גייסטיקער גראַנגלעניש, בענקשאַפט צו עפּעס שענערס. אין באַפאַלענע מינוטן פון ספקות, אין פאַרלוירענע רגעס, ווען ס׳האָט געדאַכט, ס׳איז אַלץ הוילער הבל, האָט ער גערעדט וועגן נירוואַנאַ, וועגן נזירות, וועגן דער גבורה צו קענען אוועקגיין פון ערדישע תענוגים: אַוועקגיין פון געזעלשאַפטלעכן רוטין, נאַרישן געפילדער. אַוועקגיין פון דער דאַזיקער נישטיקייט. אַריינקו־

מען אין אַן אַנדער ספערע, ווו ס׳איז אַלץ רואיק און לויטער — אָט די, וועלכע ער זוכט היינט אַריינצוקומען, זיך פאַרשלימותן אין איר.

— דער מענטש איז נישט אויסגעגאָסן פון איין שטיק מעטאַל, גלאַטיק און אָפּגעפּיילט. ניין, נייערט זיגזאַגיש, ראַציק, געבערגלט, נשמה־ראַנגלע־נישן, ליידן — אָט דאָס איז דער מענטש. אָט למשל איציק...

פאַניע האָט פּלוצים אָפּגעהאַקט.

— וואָס איציק, וואָס האָט פאַניע געוואָלט זאָגן? — האָט לייבל אויפכאַפּנדיק די ווערטער, געוואָרן נייגעריק.

— גאָרנישט... כ׳מיין אָט... איך קוק אויף דעם שטערן און דערמאָן זיך אין איציקן: מאָדנע, דער זעלבער געבוי ביי אייך ביידן.

— וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן. מיר זענען דאָך ברידער פון איין טאַטע־מאַמע — האָט לייבל געזאָגט מיט זיין תמימות, אַ זאַך, וואָס איז פשוט און פאַרשטענדלעך.

— יאָ, און דאָך נישט דאָס זעלבע, אַנדערש.

פאַניע האָט נישט געזאָגט, וואָס זי מיינט מיט דעם „אַנדערש״. אינזיך האָט זי געענטפערט: קודם שוין מיט זייער אויסערלעכן אויסזען. בעת ביי דעם יינגערן איז דאָס פּנים דין, העל, דורכזיכטיק, ווי מען טרעפט ביי קינדער, וועלכע טראָגן דעם אָפּשיין פון אַ רבנישער שטוב, איז עס ביים עלטערן ברודער — פליישיק, פּולבלוטיק, מיט מאַנסבילישער גבֿראַדיקייט; די אויגן ביים יינגערן — שטילע, פרומע, פאַרקלערטע, קוקן צניעותדיק, אַ טראָפּעלע אין זייט, שעמעוודיק, ביי איציקן — אָפן, מיט גלאַנץ. קוקן פריי, מיט באַגער, מיט לעבנס־דורשט (כאָטש היינט זוכט ער זיי איינשטילן, אַראָפּלאָזן מער צו דער ערד). אויך אין זייערע נאַטורן זענען זיי פאַרשידן: איציק — רוישיק, אימפּולסיוו, אַנגרייפעריש. צומאָל אָנפאַלעריש, וואָס קומט פון אַ יוירנדיקן, אומרואיק־גייסטיקן כוח. דער יינגערער — שטיל, געצוימט, פול מיט גוטער תמימות, דרך ארץ. זי ווייסט אויך, ער לייבל, האָט אין די אַלע יונגע יאָרן, זיך פליסיק אַנטוויקלט. אַ סך געלייענט. אויטאָ־דאַקטיש געלערנט. איז באַהאַוונט אין ליטעראַטור, אין יידישן בוך. האָט אַ פלינקע תפיסה, גוטן אויפנעם, וועלכעס ער האָט אַרויסגעוויזן נאָך אין

גאָר יינגן עלטער, און איבער אַלעם — אַ פיינעם געשמאַק, אַ סך רייפער פון זיינע יאָרן.

ס'האָט אַ צי געטאָן נאָך מער צום דאָזיקן יונגן נפש. נאָך איינינקער אים אין זיך אַריינהויכן.

— און וואָס טוט לייבל?

— וואָס איך טו? למשל מיט וואָס?

— כ'מיין ווי לעבט זיך — האָט זי אויסגעגלייכט, זעענדיק זיין עטוואָס אָפּהענטיקע פאַרוווּנדערונג.

— אָט מען לעבט, ווי ביי אונדז אין שטאָט, פאַניע ווייסט דאָך...

— און פרנסה?

לייבל האָט זיך פאַרקלערט, געישובט אַ רגע: זאָל ער איר דערציילן וועגן דעם גאָרנישט לייכטן מצב ביי זיי אין שטוב, דער עול אויף זיינע יונגע פּלייצעס, פון אַ פרנסה־געבער, פון אַריינברענגען דאָס שטיקל ברויט — זאָל ער איז דאָס אַלץ דערציילן? די איינגעבוירענע פיינקייט, דאָס איידעלע געפיל, האָט אָפּגעהאַלטן, נישט געלאָזט.

— פרנסה? אַזוי כ'דריי מיך ביי די גאָרבערס. כ'העלף מיר ווי עס איז אַרויס מיט חיונה — האָט ער צום סוף דערציילט פון זיין באַשעפטי־קונג, און אויך ווי אָפּצופּטרן.

און כדי דערפון אַוועקגיין, איז ער גיך איבערגעשפּרונגען, און אַליין געוואָרן דער פרעגער:

— און וואָס מאַכט פאַניע?

— אויך אַזוי, מען לעבט ווי עס לאָזט זיך — איז איר ענטפער געקומען מיט אומעטיקן שמייכל, אויסמיידנדיק.

— דער ברודער האָט פאַניען עפּעס געזאָגט וועגן מיר?

פאַניע האָט דאָס לעצטע ווי נישט דערהערט. געווען פאַרטראַכט, אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך צו אים, ערשט ווען ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט. אָבער אָנשטאָט געבן אַ תשובה, האָט זי ווי געטריבן פון עפּעס שטיפערישס, פּלוצים אויסגערופן:

— איך מוז זאָגן, לייבל איז אויסגעוואָקסן אַ שיינער בחור.

לייבל האָט זיך באַגאָסן מיט מיידלשער רויטקייט. אינגאַנצן פאַרשעמט.

אַראָפּגעגלאָזט די אויגן. ס׳האָט איר אַ ביסל באַנג געטאָן, וואָס זי האָט אים אַריינגעברענגט אין פאַרלעגנהייט. דאָך האָט זיין יינגלשער צערודערונג איר אויך געוויילט, געשמייכלט. געלאָזט אים האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. דערביי אים ווי עפּעס נאָך מער שטניש אינטריגירט:

— שאַדט נישט, אַז מען איז שייך. ס׳איז נישט קיין חסרון. און פאַר אַזאַ בחורל ווי לייבל איז עס זייער אַ מעלה.

ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט אָנגעהויבן אויף אַן אַנדערן וועג:

— פאַר לייבלען וואָלט נוצלעך געווען די גרויסע שטאָט. צו דער אַנטוויקלונג פאַר אַ יונגן מענטש, איז די גרויסע שטאָט זייער גוט.

לייבל האָט גלייך אויפגעוואַכט. דאָס דערמאָנען די גרויסע שטאָט, האָט אַ ברי געטאָן: אוי, זיין חלום! צו דעם בענקט ער דאָך אַזוי! ער האָט די אויגן איצט אויפגעהויבן צו פאַניען, העכער און אויך מיט אַ געבעט פון אַ יונג ברודערל.

— די גרויסע שטאָט. דאָרט מוז זיין גוט, מען קאָן געפינען ווו צו לערנען, אמת? — האָט ער אַזש אָפּגעקרעכצט.

— פאַרשטייט זיך, אַלץ קאָן מען דאָרט געפינען.

פאַניע האָט באַמערקט ווי די מענטשעלעך אין זיינע אויגן האָבן זיך ליכטיק צעשפּילט, קוקן אויף איר צעשיינט מיט גוטן חידוש. זי האָט, כדי אים נישט שטערן, אָפּגעזייטיקט אַליין איר בליק, געגעבן אים די פרייקייט. געפּילט מיט הנאה, ווי זיינע וואַרעמע אַפּלען גליטשן זיך איבער איר געזיכט, האַלדז, גלעטן. זי האָט געזאָגט שטיל, אים נאָך מער נענטערן און דערפרייען.

— כ׳ווייס אויך, אַז איציק טראַכט אַ סך וועגן לייבלען, רעדט וועגן דעם אָפּטערס.

— יאָ?

— יאָ, ער בענקט נאָך זיין ברודערל, מיט אַ גרויסער בענקשאַפט.

— ער האָט דאָס געזאָגט?

— אָפּטמאָל דערמאָנט.

— איך נאָך אים — אויך! איך וואָלט אַזוי געוואָלט אים זען. אפשר וועט ער דאָך אַהיימקומען?

— קאָן זיין.

שוויגן. אומיטלבאַרער באַריר מיט בליקן, ווי מיט פינגער. לייבל עטוואָס פאַרווירט. טוט אָפּזייטיקן דעם בליק. ברענגט אים צוריק. פרעגט ווידער.

— און פון די לעקציעס לעבט ער זיך טאַקע אויס?

— יאָ. ער נעמט פון קיינעם נישט.

— וואָס פאַראַ לעקציעס גיט ער?

— ער קען דאָך גוט העברעאיש, תנ״ך, יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראַטור, די אַלטע און נייע — פאַניע האָט דאָס לעצטע געלאָזט הערן אויף העכערן קול, מיט דער כוונה, עס זאָל דערגרייכן צו די אַנדערע אויערן. געמיינט דערמיט צו געבן פרעסטיזש, חשיבות איציקס נאָמען. אינדערשטיל האָט זי פאַרזיכטיק אים אַ ברום געטאָן אין אויער:

— ער לערנט אָרעמע דינסטמיידלעך לייענען און שרייבן.

— אָ?!

פאַניע האָט געזען די גרויסע שטוינונג, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף לייבלס געזיכט. די אויגנקייללעכלעך האָבן ראַשיק זיך אַ שיף געטאָן אין די אָרביטעס אַהין און צוריק, געבליבן שטיין. געקוקט אויף איר מיט באַליידיקונג, מיט אַנטוישונג: „דינסטמיידלעך גאָר!" — האָט ער שעפּ־טשנדיק און אויך אַזוי רעטעניספּול איבערגעפרעגט:

מיט חרטה אויף איר מיטטיילונג, האָט זי געאײלט פאַריכטן:

— ער טוט דאָס פון אידעאַליזם. ער גייט היינט אויף אַנדערע וועגן.

— וואָס פאַראַ וועגן, פון אַ בעל תשובה?

— יאָ. עפּעס אַזוינס גלייכנס — און ווידער מיט הויכן טאָן פאַר פרעמדן געברויך — מיט די שיעורים האָט ער גרויס דערפאָלג. מען רייסט זיך צו אים פון רייכע הייזער. שילער פון סעמינאַר, גימנאַזיסטן, באַצאָלן גוט — פאַניע האָט דאָס געלאָזט הערן מיט אַ ספּעציעלער רימעניש.

די אַנדערע ביים טיש, וואָס האָבן אויך פריער צומאָל צוגעבויגן אַן אויער זיך איינצוהערן אין זייער שמועס, און אייפערזיכטיק אַ ביסל, וואָס זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן יינגל און אין זיי ווי פאַרגעסן, האָבן איצט ביי פאַניעס העכערע דערקלערונג, זיך אַ צי געטאָן אַהין איינגאַנצן, מיט די

קעפּ, געגומען זיך אַריינמישן: ווער מיט גוטמוטיקן שפּאַס, ווער מיט נישט פאַרגינערישן שפּאַט און ווער מיט אָפּרעכענונג פון אַלטע חשבונות.

— צ׳הערט, ער דרייט זיך דאָרט אין דער גרויסער שטאָט מיטן „טייט־העלצל“ — איז אַרויסגעפאָרן איינער אַן ערשטער.

— מ׳הערט דאָך, ער בעלפערט — האָט דערלייגט אַ צווייטער.

— דאָס איז פון די אַלע גליקן זיינע? — אַ דריטער.

— ווי דען מיינסטו. ער איז געוואָרן איינשטיין, אָדער ראָטשילד...

— מען שמועסט גאָר, ער איז געוואָרן אויס ציוניסט?

— וואָס דען איז ער געוואָרן — אַ קאָמוניסט?

— ער ווייסט נאָך אַליין נישט, וואָס פאַר „איסט“ ר׳איז געוואָרן...

די שטימען האָבן זיך געפּוגעוועט איינס אין אַנדערן ווי אַ גוט־איינשטודירטער אָרקעסטער.

ישראל רייכנבערג, דער אַמאָליקער פּאַטראָן פון דעם יונגן איציק, דער אַריינפירער אים אין דער ציוניסטישער מחנה, זיין אַנווייזער און לערער, האָט געפּרוווט פאַרטיידיקן.

— פונדעסטוועגן איז אים נישט אָוועקצומאַכן. אַ כוח פון אַ בחור, אַ שאַרפער קאָפּ, באַנעמט אַן ענין, גיך און גוט.

די קטיגורס האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּקלאַפּן. צוזאַמענגענומען, אָפּגע־פרעגט, דערווידערט:

— וואָס האָט מען פון דעם, וואָס ער האָט אַ גוטן קאָפּ, אַז ער שטאָפּט אים מיט נאַרישקייטן.

— מען זאָגט מיטן קאָמוניזם.

— מ׳זאָגט אויך, מיט חסידיזם, מיט תשובה־מעשיות, מיט מיסטיק. אפשר וויל ער ווערן אַ מיסטיקער?

— שרייט נישט, ער וועט זיך נאָך איבערלייגן דאָס געשעפט, זיך אויסלופטערן, קומען צום שכל.

— אַז נישט בלייבט אויך נישט קהל בדלות — אַן אתרוג...

— שאַט, וואָס האָט׳ך צו רעדן. מעגלעך ער האָט פון יענע זאַכן גאָר פרנסה. ווער קען וויסן...

פאַניע האָט געזען ווי לייבלס פּנים קריגט אַלע קאָלירן: רויט און

וויס, פון דער אָפּענער באַליידיקונג, באַשמוצונג פאַר זיין ברודער. געפילט ווי ס׳טוט איר גופא אויך וויי. די רייד זייערע האָבן געבריט, ווי שטעכיקע קראָפּיווע, מיט שפּיזלעך, פאַרקראַכן טיף אין לייב. אָנגעטאָן ווייטיק: „אָט ווי די קליינשטעטלדיקע הייליקע תמימות קאָן אַריין אין די ביינער מיט גיפטיקן שטאָך. זיך פאַרוואַנדלען אין צערייצטע בינען״ — האָט זי געטראַכט מיט ביטערניש.

זי האָט דערויף רעאַגירט:

— שאַט רבותי, נישט מיט אַזאַ לשון, כ׳בעט אייך איבער, נישט מיט אַזעלכע טענער. איר וועט נאָך מוזן גוט זוכן אַ בחור מיט אַזאַ אינטעליגענץ, וויסן און פאַרשטיין, ווי איציק. ער איז אַ גייסטיקער כוח. אייער חוזק איז גאָרנישט אויפן אָרט. ניין, זיכער נישט אויפן אָרט.

פאַניעס ווערטער, האָבן דאָס בייזע געזשום עטוואָס איינגעלאָשן, אָפּגע־קילט. איר איינשטעלן זיך פאַר איר יינגערן פריינט, האָט אָפּגעקלאַפּט די לוסט זיך פריילעך מאַכן אויפן חשבון פון אַן אַנדערן, וועלכער איז נישטאָ, און מען קען שלאָגן אויף זיינע פּלייצעס וויפל מען וויל. ווי אָפּגעשמיסענע, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אויף זייערע ערטער, צוריקגענומען צו זייער פריערדיק גערייד.

פאַניע אָנבייגנדיק זיך צו לייבלען, האָט מיט צערטלעכקייט אין קול פון אַ געטרייער שוועסטער, שטיל צו אים גערופן:

— מען דאַרף זיך נישט איבערנעמען פון זייערע רייד. זייער ברומעניש קומט פון פאַרדראָס, פון קנאה. איציק איז אַ מענטש ווייט פון דורכשניט, איבערגעוואַקסן זיי אַלע און זיי קענען דאָס נישט מוחל זיין. דערפאַר די גריזאָטע.

אויף לייבלען האָט איר קול, איר איינשטילונג, געווירקט צום גוטן. צוריקגעבראַכט די באַרואיקונג. אָנגענומען איר טענה פאַר אַ גערעכטע און זי דערפאַר נאָך גינציקער געקריגן.

— ער שרייבט אין לעצטנס דער ברודער? — האָט ער זיך צוריק־געקערט צום פריערדיקן.

— יאָ, נאָר אַן אַנדערע מין ליטעראַטור, אַ פאָלקס־ליטעראַטור.

— וואָס מיינט עס?

— ער באַשרייבט מעשיות פון פאָלקס־מענטשן, פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס טראָגן אין זיך דאָס גאָרע גוטס פון דער וועלט, און מיט זייער פאַרבאָרגענער פרומקייט, יושר און צדק, האַלטן זיי אויף דאָס לעבן, סיי דאָס יידישע און אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט.

— וואָ!

פאַניע האָט געמוזט לאַכן, זעענדיק ווי ביים יינגל האָבן זיך די ברעמען אַ הויב געטאָן אין דער הייך, אַפּגעדעקט לויטערע וויסלען — אַ יונגן אָדלער־בליק. ער איז אַ רגע געבליבן זיצן אין שטומער התפעלות. די ליפּן האַלב געעפנט אין גאַפונג. געוויזן יונגע ווייסע ציין, אַפּגעמורמלט:

— אָך, דאָס מוז דאָך זיין, געוואַלדיק שיין און דערהויבן.

— יאָ, טאַקע דערהויבן — און געפילט ווי זי ווערט אַליין אויך מיט־געריסן מיט דעם יינגלס באַגייסטערונג און אויך עפּעס ווי דערהויבן.

און איר פאַניען, איז מיטאַמאָל אַזוי גוט געוואָרן אויף דער נשמה, אַזוי באַלזאַמדיק גוט, וואָס דאָס בחורל איז אַריינגעקומען, מיטגעברענגט פאַר איר אַפּפרישונג, באַרואיקונג, ווי ס׳קומט אַמאָל אַ געבענטשטע שעה אַליין מיט אַ גוטער שליחות. עס איז פאַר איר איצט געווען פרעמד און אי־בעריק, דער געפילדער, מיטן ווילדן ווערטער־געוואָי פון די חברים, זייערע געשפּאַרענישן, אַמפּערנישן. געהאַט אַ פאַרלאַנג צו בלייבן מיט דעם יינגל אַליין, ווייט פון זיי אַלע דאָ. הערן זיין קול, אַנטרינקען זיך מיט זיין רו, מיט זיין אומשולדיקער ריינקייט, מיט זיין גלויבן און ערלעכקייט.

— לייבל!... — דאָס קול איז ביי איר געקומען מיט פאַרשטיקטן שעפּטש, פון מעמקים.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן זי אָנגעקוקט. עפּעס דערזען. זיי צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— לייבל!... — האָט איר קול מיט זעלבן גאַרנדיקן שעפּטש זיך איבערגעחזרט.

ער האָט אויפגעהויבן אויפסניי דעם בליק, אים אָנגעהאַלטן אויף איר.

ביידן האָט אַרומגענומען אַן אומגעוויינלעכע, אומפאַרשטאַנענע גוטס־קייט, געגאָדיקס, פון צוויי פאַרבענקטע נשמות, וואָס יעדער טראָגט אין זיך אַ לעכצנדיק לעבן, אומפאַרשטאַנען פאַר אַנדערע. אָבער זיי אַליין

דעראַנגען עס גלייך איינער ביים אַנדערן, און נישט געקוקט אויף דעם פאַרשידענעם עלטער, טוט זיך פאַרבינדן עפּעס שותפותדיקס, געמיינזאַמס, אין די צוויי זעלן.

זיי האָבן ביידע געשוויגן, און ס'איז זיי גוט געווען אינעם שווייגן.

אויף לאַנג האָט מען זיי דאָס נישט פאַרגינען, נישט געלאָזט.

ביים טיש האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס צעהודזשעט, צעקלונגען. עמעצנס אַ דין צעגלעקלט קול איז אַנגעפלויגן פאַניען אין פּנים.

— ווײַ מיר, זע נאַר, האָסט זיך אַוועקגעזעצט מיט דעם יונגן קאַוואַ־ליער, און אונדז אַלעמען פאַרגעסן.

פאַניע האָט אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך, געזען פאַר זיך דינהס פאַרויטלט פּנים. די יונגע מאַמע אין וועמענס בלוט עס ריזלט די גלוסט צו טאַנצן אויף די ברעטער — איז געווען צעפלאַמט פון אַ ניי קריגעריי מיט אבישן וועגן דעם טעאַטער־שטיק, גרייט שיער נישט זיך צעוויינען.

— אין וואָס גייט עס, דינה? — האָט פאַניע זי אַנגעקוקט מיט פאַר־וווירטן בליק, ווי נאָך אַ דרימל, נישט באַנעמענדיק רעכט אירע ווערטער.

— ס'גייט אין דעם... כ'וויל זאָלסט זיך צוהערן: איך שפּאַר מיך מיט אַבישן. איך זאָג, מ'זאָל צו דער פּיעסע אַראָפּברענגען אַ פרעמדן רעזשיסער, אַ ספּעציאַליסט, און ער זאָגט, ר'וועט עס אַליין אַוועקשטעלן, איינרעזשיסירן.

אַביש האָט ביים אָנרופן זיין נאָמען, זיך אויפגעבויגן, אומגעקערט דאָס אויסגעקנאָטענע פּנים צו פאַניען, זיך פאַרנויגט: יאָ, ער זאָגט אַזוי.

פאַניע אין איר נאָך עטוואָס מטושטושקייט, האָט אַנגעקוקט אַבישן מיט אַן אויסגעהוילטן בליק, ווי זי וואָלט אים איצט צום ערשטן מאָל דערזען, און זיך אויך ווי געוווּנדערט: ווי קומט ער דאָ אַריין! אַביש האָט דערפילט דעם פרעמדן קוק פון פאַניעס אויגן און עס איז אים אַדורך אַ קעלט אין די ביינער.

עמעצנס אַ קול האָט צו אים גערופן, געמאַכט אָפּווענדן די אויפמערק־זאַמקייט פון פאַניען.

— אַביש, אויב ס'איז שוין יאָ געקומען צו רייד, פאַרוויל אַ ביסל דעם גאַסט. שפּיל אָפּ דיין ראָל פון אַבשלומען אין „שולמית", ביים ברונעם,

אָדער אויפן וועג קיין ירושלים — ס׳איז געווען ישׂראל רייכנבערגס פאָרשלאָג.

אַביש האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט אַראָפּלייענען פון די געזיכטער, צי מען איז מרוצה אים צו הערן. אַליין געהאַט שטאַרק חשק עס צו טאָן. אָבער דאָך אַ ביסל זיך זשענירט, מורא געהאַט פאַרן גאַסטס קריטיק. צום סוף נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. אויפגעשטאַנען פון אָרט. אויסגע־גלייכט זיך אין זיין גאַנצער הייך. די אויגן געשטרעקט אַוועק אין ווייטעניש און מיטאַמאָל אַוועקגעשפּאַנט אין ערגעצוווּ: אַריין אין דער ראָל —

ס׳איז שוין געווען נאָכן אָפּשפּילן, נאָכן אָפּדעקלאַמירן. אַביש איז געזעסן צוריק אויף זיין אָרט, פאַרוויטלט פון אַן אינערלעכער אויפרעגונג. געפילט, ער איז אַדורך דאָס מאָל גאָר גוט, געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק. אויסגעפירט די נויטיקע זשעסטיקולאַציע, מימיק, אַריין אין זיין דראַמאַטישקייט. מיט לירישער תּנועה אַרומגעקוקט זיך. געווישט מיט דער דלאָניע דעם פייכטן שווייס אויפן קאָפּ, געווען גליקלעך. געהאַט דעם ריכטיקן גייסטיקן גענוס. די חברים האָבן געוווּשט, באַשענקט אים מיט פריילעכע אַפּלאָדיסמענטן, גערופן מיט הויכע בראַוואָס:

— בראַוואָ אַביש!

— גוט געמאַכט, אויסגעצייכנט!

— ווערט אַ פּריז!

פאַניע האָט פון העפלעכקייט, מיטאַפּלאָדירט, באַרירנדיק קוים די שפּיצן פינגער. פאַר איר איז עס געווען אַן אָפּקומעניש. ס׳האָט איר אויסגעזען קאָמיש, כּמעט לעכערלעך דאָס גאַנצע פּורים־שפּיל: אַלץ נאָך די זעלבע קליינשטעטלדיקע נאַיווע פאַרווײלונגען, האָט זי אין זיך געטראַכט. זי איז דערפון שוין אָפּגעוווינט. דאָרט אין גרויסן אָרט, איז דאָס לעבן ראַפינירט, פאַרגייסטיקט, געהילט אין אַנדערע לבושים. און אַזאַ אָרעם אימפּראָוויזירן רופט אַרויס ביי איר אַ ביי־געשמאַק.

אָבער מער נאָך האָט איר געאַרט, ווען זי האָט באַמערקט די באַהאַל־טענע כיטרע שמייכעלעך, אין די חברימס אויגן, ווי דאָך, ווען די געזעל־שאַפט געפינט דעם נאַר, אים ארויסצושטעלן צום פאַרווײלן. אָט די

„אונטערפּיסלעך", דאָס אונטערפירן, האָט זי אַמיינסטן נישט געליטן, פיינט געהאַט, כמעט ווי געטאָן.

ווידער איז איר באַפאַלן אַ ביטערניש. געפילט אין קעל אַזוינס, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען, אַ פאַרוועלקט, ביטער קרייטעכץ, רופט אַרויס איבל: ווי לאַנג וועט זי נאָך דאָ זיצן, זיך פייניקן אין איר קוועלעניש? אַ, ווי זי וואָלט געוואָלט, מען זאָל זי שוין באַפרייען.

איר אומצופרידנקייט איז צעגאַנגען ווי טוי אויפן זון, ווען זי האָט זיך אָנגעשטויסן צוריק אין יינגלס בליק. ביי אים זענען די אויגן געווען גאָר צעשיינט, פון אַ גרויסער אָנטציקונג, ווי דאָס פאַרשטעלן וואָלט אין אים אַרויסגערופן אַ שמחה. זיין יונג געזיכט האָט געלאַכטן. זי האָט בעל־כורחה, זיך צעשמייכלט.

— ס'האָט לייבלען געפאַלן, יאָ? — האָט זי אַריינגעקוקט אין זיינע אויפגעהעלטע אויגן.

— יאָ, זייער. כ'האָב ליב טעאַטער — האָט ער גליקלעך אָפּגעענט־פערט.

„ער זעט עס וויניק, און יעדעס ביסל שוישפּיל, רופט אַרויס אין דער יונגער נשמה פרייד. און דאָס איז נאָך אַ באַווייז, ער וואָלט באַדאַרפט דאָס גרויסע אָרט", האָט זי אין זיך צוגעגעבן.

— לייבל וואָלט באמת באַדאַרפט האָבן די גרויסע שטאָט. דאָרט קען מען זען שיינס, עכטע קונסט, עכטע שוישפּיל — האָט זי אין נאָכטראַכטן, ערנסט געזאָגט.

ערשט אַצינד האָט לייבל זיך געכאַפּט, זי רעדט צו אים אין דער דריטער פּערזאָן, „לייבל זאָגט"... „לייבל דאַרף"... זיך געוווּנדערט. פאַר־וואָס אַזוי, פאַרוואָס זאָגט זי אים נישט פּשוט: „דו". ער זאָל פילן די היימישקייט, די נאָענטשאַפט נאָך מער. זיצט ער דאָך סיי ווי מיטן גרעסטן יראת־הכבוד פאַר איר. די פאַרערונג אין אים, נעסטעט נאָך פון דעמאָלט, ווען ער איז אַלס יונגיטשקער געקומען אין לאָקאַל, געזען ווי זי זיצט מיט איציקן אין זייער ווינקל, רעדן, שמועסן צווישן זיך, פאַרטרוילעך, ידידות־דיק. אין זיינע אויגן האָט זי אויסגעזען די שענסטע פרויענצימער אין דער וועלט. שענער נאָך פון זיינע שוועסטערן. געוואָלט, זי זאָל אויף אים אַ בליק

טאָן, זען ווי ער שטייט פון ווייטן, קוקט צו איר. אַמאָל האָט געטראָפן, זי האָט אים טאַקע דערזען, צוגערופן, אַדורכגעפירט אירע אײדעלע פינגער מיט גלעט, איבער זײַנע געקרויזלטע האָר, ליב צו אים געשמייכלט: „אַ שיין ייִנגעלע!" אַזוי האָט זי צו אים געזאָגט, יאָ, ער געדענקט און געווען גליקלעך.

— פאַרוואָס רעדט פאַניע צו מיר מיטן לשון פון „איר", — האָט ער איר פאַרגעהאַלטן ווי מיט טענה.

— ווי דען זאָל איך רעדן, לייבל איז דאָך שוין אַ גרויסער — און זי האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ גוטהאַרציקן געלעכטערל, געגעבן מיט דער האַנט לײַכט אַ שוועב, ווי זי וואָלט דערמיט אַ גלעט געטאָן זײַן פּנים.

— מיט וואָס בין איך אַ גרויסער — האָט ער זיך געווערט מיט זײַן קלוגער תּמימות — כ'קען נאָך אַזוי ווייניק, צו זײַן אַ גרויסער.

— דאָס איז שיין געזאָגט — האָט זי הייטער אויסגערופן — שיין געזאָגט. באמת שיין!

זי האָט אָפּגעשאַרצט אירע לאַנגע אויגן־הערלעך, אים אָנגעקוקט מיט מער אָפענעם בליק, מוסיף געווען:

— נו, ווי דען זאָל איך רופן?

— ווי שטענדיק: דו.

— זאָל זײַן ווי לייבל וויל. ס'וועט אפשר טאַקע זײַן היימישער. לייבל בענקט... כ'מיין דו בענקסט צו זען טעאַטער, גוט טעאַטער. כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי... — זי האָט דאָס געזאָגט, ווייל זי האָט נישט געהאַט גראַד אין דער מינוט, אין וואָס אָנצוקניפּן דעם פאָדעם.

— יאָ, כ'בענק זייער, איך געדענק, ווען מ'האָט אין שטאָט־זאָל פאַרגע־שטעלט „שולמית". איך בין מיטגעגאַנגען מיט איציקן. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך געחלומט. אָ, ווי שיין זיי האָבן געשפּילט. אַביש האָט דעמאָלט דאָס זעלבע דעקלאַמירט, וואָס איצט, נאָר אין אַנדערע קליידער, סאַמעטענע, ער איז געווען שיין אָנגעטאָן, ווי אַ פּרינץ...

פאַניע איז פון לייבלס גליקזעליקייט, געוואָרן אַליין גליק־באַזעליקט. דאָס ייִנגל האָט מאָדנע אויף איר געווירקט צום גוטן. מיט איינשטילונג, מיט באַרואיקונג, ווי אין טריבן כמורנעם טאָג, ווען אויפן האַרצן איז

סומנע און פּלוצים גיט אַ שײַן אויף די זון, באַלויכט דעם אָרום. זײַן רעדן, זײַנע פּשוטע ערלעכע רייד, זײַן ווייכער טאָן, זײַן אָנהאַלטן אויף איר דעם בליק, נישט זיכער, דאָך וויליק — האָבן אַרויסגערופן אין איר געפילן ביז אייגענער געררירטקייט.

און ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט צוטאָן די ליפּן צו זײַן באַק, דין אַזוי צאַרט, ווי צו אַ ברודערל, טאָן אַ לייכטן קוש, דערפילן די פײַנקייט פון זײַן הויט. אירע ליפּן האָבן זיך האַלב געעפנט ווי אָט צו דעם דערקוויקנדיקן קוש, געבליבן אַוויל אָפן.

— צאַרטע נשמות נעמען אַלץ אויף ריין, צאַרט און הייליק — האָט זי געזאָגט שטיל, ווי צו זיך.

— אין וואַרשע זענען דאָ אַ סך טעאַטערן אמת? — האָט לייבל פאַרטאָן אין זײַנע געדאַנקען, גערעדט ס׳זײַניקע.

— פאַרשטייט זיך, ס׳איז דאָך אַ גרויסע שטאָט. ס׳איז דאָך וואַרשע!

— און שרײַבער זענען אויך דאָרט פאַראַן אַ סך?

— שרײַבער אויך.

— און פאַרוואָס קומען זיי נישט אַראָפּ צו אונדז. אוי כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט זען אַ שרײַבער.

— עס זענען דאָך שוין דאָ געווען שרײַבערס.

— שוין לאַנג, לאַנג!

— וואָלסט געוואָלט, ס׳זאָל ווער אַראָפּקומען אַהער?

— יאָ, זייער.

— ווער, למשל?

— אַ גרויסער שרײַבער.

אַרומגעכאַפּט פון יינגלס פאַרלאַנג, האָט זי אימפּולסיוו זיך אומגעקערט צום עולם, הויך אויסגערופן:

— חברה, לייבל שלאָגט פאָר, מען זאָל אַראָפּברענגען אַ שרײַבער פון וואַרשע, ער זאָל פאַרלייענען זײַנע זאַכן.

געזאָגט און שוין חרטה געהאַט, צו וועלכע גוטע יאָר האָט זי ווידער אויפגעוועקט אַן ענין מיט שרײַבער, מיט לייענען. וואָלט זיך בעסער די

צונג אָפּגעביסן. דאָס וואָרט איז אָבער שוין געווען אַרויסגעפּלויגן פון מויל און מ׳האָט עס נישט געקענט צוריקכאַפּן.

חברה איז דערויף אָנגעפלויגן ווי פליגן אויף אַ האָניק־קוכן, אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די מיילער.

— וואַ־וואַ, אַ געדאַנק כ׳לעבן, גאָר אַ פיינער געדאַנק!

— ס׳איז אַן איינפאַל.

— פאַרוואָס טאַקע נישט קיין שרייבער, בעסער פון אַלעם.

— שוין לאַנג ביי אונדז נישט געווען קיין שרייבער.

— מען דאַרף שוין נעמען טאָן.

— ווער וועט טאָן?

— וואָס הייסט ווער, מיר האָבן דאָך אַן אייגענע אין דער משפּחה — פאַניע.

— פאַניע, הערסט, דייך איניציאַטיוו, זאָג שוין ווען דו שלאָגסט פאָר — און ישראל רייכנבערג איז געוואָרן צוריק דער לערער, דער טאָן־געבער.

פאַניע האָט זיך צוגעקוקט צו די צעוואַרעמטע פאַרבן אויף די פּנימער אויף די באַלויכטענע אויגן, וואָס זענען פּלוצים פול געוואָרן מיט יוגנטלעכן גלאַנץ. געזען די באַווירקונג פון דעם געדאַנק, געוואָרן מיטגעריסן.

— כ׳מיין, כ׳ווייס... ס׳וואָלט גוט געווען, ווייסנבערג — האָט זי מיט פאַרערונג אויסגערופן דעם נאָמען.

אַצינד האָט די כוואַליע זיך ערשט אַ הויב געטאָן הויך.

— האַ־האָ, ווייסנבערג — דאָס איז אַן אויפטו!

— ער וועט לייענען „קריינדעלע״.

— „אַ טאַטע מיט בנים״.

— „די משוגענע אין דאָרף״.

— מסתם האָט ער נאָך אַנדערע זאַכן, נייע, וואָס פאַניע?

דאָס באַגייסטערטע געשריי איז אַריין אין די העכסטע אָקטאַווע.

— שאַט חברים, כ׳וויל עפּעס זאָגן — עס האָט זיך דערזען אַן אויפגעהויבענע האַנט, רייכנבערגס האַנט.

ס׳איז געוואָרן שטיל.

— חברים — האָט די זעלבע האַנט צודריגירט צו די ווערטער — מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען, זען ס׳זאָל אויספאַלן אימפּאָזאַנט, אַ שיינער קבלת־פּנים, צוציען אַ גרויסן עולם, מען זאָל נישט האָבן זיך צו שעמען, כ׳מיין אַזאַ גרויסער שרייבער, מען וועט דערנאָך אַוודאי וועגן אונדז רעדן און אויך שרייבן אין צייטונג — און דאָס פּנים ביי רייכנבערגן איז געוואָרן פריידיק־ערנסט, פאַרדאַגהט ווי ער וואָלט שוין געטראָגן דעם עול, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם שטיקל אַרבעט...

— זיכער, זיכער, ווי דען אַנדערש. מען וועט עס מאַכן מיט פּאָמפּע, מיט רעקלאַמע, אַפדונגען דעם גרויסן זאַל, אַרויסקלעפּן גרויסע אַפישן, ס׳זאָל רעדן ווערטער, זיך נישט האָבן צו שעמען — האָט זיך געהיצט ליפּע שלאָמאָוויטש.

— מען וועט אויך אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע צום באַן אַפּוואַרטן. פאַניע דו וועסט מיטגיין יאָ? דו קענסט זיך דאָך מיט אים פּערזענלעך, פאַרשטיי איך — האָט רייכנבערג זי שוין איינגעלאַדן.

פאַניע האָט אַ וויג געטאָן מיטן קאָפּ. ס׳איז שווער געווען צו וויסן, וואָס זי מיינט, צי די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיטן גרויסן שרייבער, צי דאָס מיטגיין צום באַן. און אפשר האָט זיך דאָס גאָר געוויגט דער צוריק אויפגעשווומענער אומעט?

*

די גלעזער זענען געשטאַנען פון לאַנג אויסגעלערטע, דער אַש־בעכער אָנגעפּילט מיט מונשטוקן פון די אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן. די מיילער מיד פון רעדן. ס׳האָט זיך געוועקט דער ווילן צום אַהיימגיין.

ישראל רייכנבערג איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער, אַרויסגעצויגן דעם זייגער פון וועסטל־קעשענע, באַטראַכט די שעה, געטאָן צו וויסן:

— חברים, ס׳איז שפּעט. מען דאַרף אַהיימגיין. דער גאַסט איז מיד, מ׳דאַרף אים לאָזן אויסרוען.

ווי אויף אַ קאָמאַנדע האָבן זיך אַלע איבעריקע אַ הויב געטאָן פון די ערטער. ווידער האָבן זיך געשטרעקט הענט צו פאַניען, געשמייכלט צו

איר מיט אַרויסגעוויזענער פריינטשאַפט, איינגעלאַדן זי קומען אויף באַזוך צו זיי, אין זייערע היימען. זיך געזעגנט. די פריינדינס זיך געקושט.

פאַניע האָט מיט שטומער באַוועגונג צוגעזאָגט. נאָכגעגעבן אַלע זייערע פאַרלאַנגען, באַגלייט זיי מיט פריינטלעכן קאָפּ־שאָקל ביזן טיר. אינעווייניק אין איר האָט עפּעס טויבס געצוקט: „צו וואָס, צו ווען?...״

זאַמע האָט די געסט אַרויסגעפירט צום טויערל.

אין שטוב איז מיטאַמאָל איבערגעבליבן אַ ליידיקייט, אַ פאַרשטילטע, אַ צעעכאָטע. פאַניע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק אויף אַ בענקל, אַרומגעקוקט. אין האַרצן איז געווען לער. זיך געפילט מיד, אויסגעהוילט, געפוילט אויפשטיין פון אָרט. די מאַמע איז צוגעקומען, אָנגענומען זי ביים אָרעם, זי ווי אויפגעהויבן.

— קום מיין קינד, וועסט זיך לייגן, ביסט מיד, וועסט אָפּרוען.

פעשע האָט זי אַריינגעפירט אין מיידל־צימער, גענומען צעבעטן דאָס געלעגער, פאַניעס בעט. אויפגערודערט די פערענע, אויסגעגלעט אַ פריש ליילעך אויפן מאַטראַץ, אויפגעקלאַפּט די קישנס, אַהינגערעדט צו דער טאָכטער.

— זעסט מיין קינד, אַלע האָבן דיך ליב מיט גרויסער ליבשאַפט, גאָט וועט דיך נאָך בענטשן מיט אַ סך גוטס, וועסט זען.

פאַניע האָט געשוויגן. געקוקט אַראָפּ צו די האַלב נאַקעטע פיס, אויסגעטאָענע פון די שיך. אַן איראָניש געשפּאָלטענער שמייכל האָט זיך געפּאַלדעוועט אין אירע מויל־ווינקלען: גאָט וועט זי שוין בענטשן מיט גוטס. זי זעט דאָך ווי די מאַמעס ברכות ווערן מקוים... זי האָט מיט פוילבלעכער באַוועגונג גענומען פון זיך אַראָפּציען די זאָקן.

— זיי נישט טרויעריק, מיין קינד, וועסט אַליין נישט וויסן פון ווו דיין הילף וועט קומען, דיין גליק — די מאַמע האָט מיט נאָך מער האַרץ גערעדט, פילנדיק ווי איר קינד איז טרויעריק, געזוכט זי צו טרייסטן.

פעשע האָט אַ שאַר געטאָן איבערן בעטגעוואַנט — פאַרטיק. דערשפּירט די פיינקייט פון פרישן איבערצוג, געווען צופרידן, צוגעקומען צו דער טאָכטער, זי אַרומגענומען, צוגעטוליעט צו זיך.

— אַ גוטע נאַכט, שלאָף געזונטערהייט מיין קינד, אַ גוטן זיסן שלאָף אויף דיר. דער אין הימל זאָל דיר באַצאָלן פאַר אַלעם.

— אַ גוטע נאַכט מאַמעשי — און פאַניע האָט דער מוטער צוריקגע־צאָלט מיט אַ געטוליעטן קוש.

ווי נאָר די מוטער האָט צוגעמאַכט די טיר פון יענער זייט, האָט פאַניע מיט ריס פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די איבעריקע זאַכן. אַריין אין נאכט־העמד, אַ פלי געטאָן אין בעט ווי מען וואַרפט זיך אַריין אין אַ וואַסער. אַריבערגעצויגן די דעק איבערן קאָפּ, אַ שווים געגעבן מיט הענט און פיס. געבליבן רואיק, איינגעקנוילט אין אַ בייגל ווי אַ קליין מיידעלע, ווען עס פאַרמאַכט זיס די אויגן. פאַרטריבן אַלץ פון זכרון. געבעטן אויף זיך דעם שלאָף — אַ רואיקן גוטן שלאָף. געוואָלט אין אַלעם, אַלעם פאַרגעסן.

קאַפּיטל פערצן

אין פרייטעך ערב-שבתדיקער גרייטעניש

צומאָרגנס האָט די מוטער געלאָזט פאַניען שלאָפן לענגער אויפן טאָג. ס׳איז געווען פרייטיק. אין שטוב שטעלט זיך פון באַלד אינדערפרי דער היימלעכער יאַריד. אַלץ ווערט געיאָגט פון די בעטן. מען דאַרף צוהעלפן דער מאַמען אין דער ערב שבתדיקער אַרבעט. פאַניען האָט די מוטער געלאָזט רוען.

אין פרייטיקדיקן טאָג פאַרגעסט פעשע אין אַלעם, אין זיך אַליין. עס איז דער טאָג פון פאַרעניש און גראַטשקע. ווען זי זאָל כ׳לעבן האָבן צען הענט, וואָלטן זיי אויך נישט געווען צופיל. איטלעכע האַנט וואָלט געהאַט, וואָס צו טאָן. וואָרעם דער איינער פרייטיק פאָדערט אַזויפיל טירחה, וויפל אַלע טעג צוזאַמענגענומען פון דער גאַנצער וואָך. און פעשע ווייסט, מען איז נאָר אַ זינדיקער מענטש און האָט רק מורא, זי זאָל נאָר באַוויזן אָפּפּאַרטיקן זיך צו דער צייט. נישט חלילה אַריינפאַרן מיט אַ שטאָך אין שבת — אָפּעסן רעכט פאַרגינט זי זיך נישט, טרייבט אונטער די קינדער.

— קינדערלעך, ס׳איז היינט פרייטיק, נישט באַלעמוטשעט. דער טאָג שטייט נישט — רירט זיך. טוטס גיכער.

דעם מזמור הערן די קינדער פון באַלד אינדערפרי, ווי לאַנג זיי געדענקען זיך, און זענען אַזוי צוגעוווינט, אַז ווען ר׳זאָל חלילה אויפהערן, וואָלט ער זיי שוין גאָר געפעלט, זיך געוווּנדערט, ווי אַ שטייגער ס׳זאָל נישט קומען אין באַגין דאָס געקריי פון דעם רויטן בייזן האָן אין יאַכטשעס הייפל אַנטקעגנאיבער. אָבער דער מאַמעס רוף פאַרפעלט קיינמאָל נישט צו קומען, טראָגט זיך אָן רעגולער, מיט פּינקטלעכקייט, ווי דאָס אויסקלינגען פון זייגער.

היינט איז פעשע געווען נאָך מער מאַמעדיק צעטראָגן: זי האָט דאָך

אַזאַ טייערן ליבן גאַסט, איר ליב קינד — נו, נו, פרעגט נישט! איז זי אַראָפּ פון געלעגער גאַנץ פרי, מיט ערשטן ליכט. מיט נאָך באָרוועסע פיס אין די טוכענע לאַטשן, צוגעשלייכט צום מיידל־צימער,אָפּגעשפּאַרט פּאָמע־לעד אַ שפּאַרונקע פון טיר, אַריינגעקוקט. געזען פּאַניע שלאָפט, מיט זיסן שלאָף, געווען גליקלעך. שטילינקע זי צוריק פאַרמאַכט און אַליין זיך גענומען צו דער אַרבעט, פּאַוואָליע נישט צו געבן קיין הויכן קלאַפּ. כמעט נישט אַרויסגעלאָזט די פּאַרע פון מויל.

כדי זיך נאָך מער צו באַוואָרענען, האָט פּעשע שפּעטער צעשיקט די איבעריקע קינדער, יעדעס אויף אַן אַנדער אָרט: כייקע צום בעקער, מאַכן דאָס געבעקס, ריוולען פאַרנט אין מאַרק אין גאַלאַנטעריע־געוועלב, איינקויפן קלייניקייטן: שפּילקעס, האָרנאָדלען, בענדלעך, שפּיצן; דאָס קליינוואַרג, וועמען אין חדר, וועמען צו אַ שכן, און זאָל זיין שטיל! זי אַליין נישקשה וועט זיך שוין, ווי עס איז אַן עצה געבן, וועט אַלץ טאָן און מען וועט נישט הערן קיין שאָרך.

פּעשע האָט איצט געהאַט ווי אַלעמאָל אין דעם טאָג די שיינע פאַרבן אין די באַקן, געשפּרודלט מיט מאַמעשער ענערגיע, מיט מאַמעשער אויפגעלעבטקייט, פון דער, פאַר איר ליבער, אָנגענעמער טואונג. ווייל גאָרנישט איז איר אַזוי גוט און זיס געווען צום האַרצן, ווי דאָס פאַרען זיך אויף שבת. עס האָט זי גאָרנישט מיד געמאַכט. אַדרבה, געוועקט אין איר דעם כוח, די הייטערונג, פאַרטריבן אַלע זאָרגן, דאַגות. איר איז אין די מינוטן נישט אָנגעגאַנגען גאָרנישט, נישט דער הויף, נישט דאָס געשעפט, נישט די קלאָפּאָטן. פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען דער פרייטיק־צונאַכטיקער טיש, באַדעקט מיט דער ווייס־בלענדיקער צוועל. די גראָבע ליכט אין די זילבערנע לייכטער, די פּוכיק, גרויס־געפלאָכטענע חלות איבערגעלייגט איינער אויף דער אַנדערער ווי אַ צווילינג; רויטער וויין, ברייטע בעכער, גרויסע מנוחה, היילזאַמע רו. איז וואָס וועט פּעשע גיין אַריינטראַכטן אין אַנדערע זאַכן. איר איינציקער זאָרג איז נאָר: אַז אין פאַרנאַכט, ווען די הייליקע שבת־מלכה וועט קומען אָנצורייטן אויף דער גאָלדענער קאָטש, מיט גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ, אין זייער גאַס אַריין, זאָל אין שטוב שוין זיין אַלץ ריין, שיין, צוגעקליבן, בלענדיק און בלאַנקיק.

נישט דאַרפֿן אַ שפּילקעלע מער אין ערגעץ צו שטעכן. קענען זי, די מלכּה, אויפֿנעמען מיט כּבֿוד און שיינעם ווילקאָמען. פּעשע וועט זיך דעמאָלט צושטעלן צו די שבת־ליכט, אין ריינער שבת־הויב מיט הענט פֿאַרלייגט אויף די אויגן און זי וועט בײַ איר, דער רחמנותדיקער קעניגין עפּעס אויסבעטן, אויסוויינען. אוי, האָט זי וואָס אויסצובעטן, אויסצוּוויינען!

אָבער דערווײַל הייבט זיך טאָג ערשט אָן.

פּעשע איז געשטאַנען בײַם גרויסן טיש, פֿאַרנומען מיט מאַכן די פֿיש. זאָמע האָט היינט באַלד אינדערפֿרי געלאָזט ברענגען אַ גרויסן קאַרפּ מיט אַ העכט אויף צולאָג פֿון משה פֿאַלעק פֿישער. משה פֿאַלעקס קליינער ייִנג האָט זיי אָפּגעטראָגן, געקריגן פֿאַרן וועג. פּעשע האָט זיי גלייך גענומען אין דער אַרבעט, געשאָבן, געריייניקט, געשווענקט, געעפֿנט די בײַכער. מיט פֿאַרזיכט אַרויסגענומען די קישקעלעך, רויגנס, אַכטונג געגעבן נישט צו צעדריקן די גאַל, נישט פֿאַרביטערן. געשניטן אין חלקים, באַשפּריצט דין מיט זאַלץ: זאָל עס אַ טראָפּעלע זיך אײַנליגן, אַדורכנעמען, צום טעם־וועגן. איצט האָט זי מיטן אָנגעשאַרפֿטן לאַנגן קיכנמעסער אויסגעהוילט דאָס פֿיש־פֿלייש פֿון אונטער דער הויט, צום האַקן. טייל וועט זי לאָזן גאַנץ, טייל וועט זי אָנפֿילן, ווי וועמען ס׳וועט בעסער שמעקן, דאָס וועט ער קריגן. נאָר צום גוטן געזונט!

פּעשע האָט אויך געהאַט צוגעגרייט די צוגאָבן, צום אַרײַנטאָן: פֿעפֿער, ציבעלע, רײַבעכס פֿון אַלטע חלה, האַרטע איי, רוי איי, געשטויסענע מאַנדלען און אַ טראָפּל צימרינג אויף גוטן געשמאַק. אונטערן פֿישברעט האָט זי אונטערגעלייגט אַ דיקע שמאַטע, עס זאָל נישט אָפּשלאָגן מיט הויכע קלעפּ.

פּעשע האָט געהאַקט דאָס פֿיש־פֿלייש קוים אָנרירנדיק מיטן האַקמעסער, אַזוי ס׳איז אויסגעקומען זי שנײַדט מער מיט דער שאַרף ווי זי קלאַפּט. געקוקט ווי עס צעפּליישט זיך פּאַמעלעך אויף פּיצלעך, טיילן זיך אָפּ אין קליינע טיילעכלעך, ווערט צעשפּרייט איבערן ברעט און דער געדאַנק האָט בײַ איר אויך אַזוי זיך גשפּרייט, געבלאָנדזשעט: אַ, ווען זי איז זוכה דאָס שוין צו טאָן אויף אַ שׂמחה בײַ פֿאַניעלען, קלאַפּן די פֿיש אויף איר חתונה, ווי גוט וואָלט איר געווען, ווי פֿאַר ליב וואָלט זי אַלץ גענומען, כאָטשבי בלײַבן מיט לעצטן קלייד. בײַ איר איז עס היינט צו טאָג דאָס

גרעסטע געבעט, דער הייליקסטער פאַרלאַנג: פאַניעלען צו דער חופּה פירן.

ניין, זי פאַרשטייט נישט די היינטיקע וועלט, ניין — איז זי טיפער פאַרקראָכן אין טראַכטן — אַמאָליקע צייטן האָט מען אַזוינס געזען, געלאָזט אַריינוואַקסן אַ מיידל אין די יאָרן, ווערן אַן אַלטע פאַננע? ביי די פופצן־זעכצן יאָר האָט מען זי געשלעפּט צו דער חופּה, מיט געוואַלט געשלעפּט, זי האָט יאָ געוואָלט, נישט געוואָלט, און ס'איז געווען גוט. און כאָטש די טעכטער האָבן דעמאָלט אויך געברומט, געמרודזשעט, געהאַט טענות אויפן פריען פאַרשלייערן זיי, איז דאָס געווען, ווייל זיי האָבן מיט זייער יונגן שכל, נישט פאַרשטאַנען די טובה, דאָס גוטע פאַר זייער גוף און נפש. זי פעשע האָט ביי די צוואַנציק יאָר שוין געהאַט צוויי קינדערלעך און עס איז איר חלילה, גאָרנישט אָפּגעקומען. אַ מיידל, אַז מען דעקט איר צו יונג דעם קאָפּ, דעקט מען פון איר אָפּ, אַ זאַק מיט צרות, זאָרגענישן, בושה. זיי די היינטיקע מיט זייערע „ליבעס", וואָס זיי פירן, וואָס איז שוין דאָ משטיינסגעזאָגט דאָס גוטע? ס'ברענגט זיי ווייניק קרענקעניש, עגמת נפשן, האַרצווייטיק? דאָ האָט ע ר נישט גוט געקוקט, דאָרט האָט ז י שלעכט גערעדט, דאָ האָט ע ר זיך פאַרגאַפּעט אויף אַ צווייטער, דאָרט האָט ז י געלאַכט, געשמייכלט צו אַן אַנדערן. מען ווערט ברוגז, מען בעט זיך איבער. מ'ווערט ווידער ברוגז און מען בעט זיך ווידער איבער, און דערווייל צאַפּט מען זיך דאָס בלוט איינס פון ס'אַנדערע.

אַמאָל האָט מען פון די אַלע זאַכן נישט געוווסט, נישט באַדאַרפט. מ'האָט צוזאַמענגעברענגט דורכן שדכן, חתן־כלה, אין אַ היימישער שטוב צום „באַשויען". די פאַמיליע־מענטשן האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרומען טיש, געפּרווט דער כלה, געפּרווט דעם חתן, געפרעגט שאלות, אונטער־געקומען מיט כיטרע רעטענישן, געגעבן אַמאָל דער כלה אַ קנוילעכל פאָדעם אויפצופּלאָנטערן, געמוטשעט אַ ביסל, ביז ס'איז אַלץ אַדורך בשלום, געפּאַלן, געשריבן תנאים, צוזאַמענגעשטעלט אַ פּאָרל; ביז דער חתונה האָט יעדער באַזונדער אינדערהיים געחלומט, פאַנטאַזירט זיינע פאַנטאַזיעס, אויסגעבענקט. דערנאָך האָט מען זיי געפירט צו דער חופּה. אָנגעטאָן אויף דער כלהס קאָפּ דאָס הייבל, אָפּגעפרייט זיך, אַוועקגעגעבן

זי אין מאַנס הענט: „נאַ, האָסטו זי... גייטס, און מאַכטס ענק איין אין זויערן... בויטס ענק אויף אַן אייגן לעבן, אַ גוטס, און פרידלעכס, קומטס נישט אָן צו קיינעם — אָמן!".

זי אַליין האָט ביז דער חתונה, געדענקט זי, אויך אַזאַ ענלעכס אַדורכגעלעבט. אויפן געלעגער זיך פאַרטוליעט, געטרוימט, פאַנטאַזירט, זיך פאַרגעשטעלט נישט־געשטויגנס, נישט־געפלויגנס: פייגל אין דער לופטן. אַלעמאָל עפעס אַנדערשס, חידושים, כאָטש פּאַלאַצן, און ווי נאָר מ'האָט איר אָפּגעשוירן די צעפּ, צוגעדעקט מיט פּאַרוקל דעם קאָפּ, איז זי שוין געווען אַן אַנדערע. געפילט, זי געהערט נישט מער צו זיך. מ'האָט זי איבערגעגעבן צו עמעצן אין די הענט, אַ שטאַרקערן, אַן אויפזעער איבער איר: „נעם זי דיר, האַלט זיך מיט איר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!"... האָט מען זיי באַגלייט פריילעך פון חתונה־שטוב, זיי נאָכגערופן, נאָכגע־הילעכט, און ס'איז טאַקע געווען גוט, אוי גוט!

אמת, נישט ביי אַלע האָט נאָך דער חתונה גלייך געשטימט, די פריינטשאַפט זיך געבונדן. ס'האָט ביי וועלכן פאַרפאַלק זיך אַרויסגעוויזן דער קידער־ווידער, די נישט אייניקייט אין די כאַראַקטערן: וועלכער מאַן, אַ פאַרעקשנטער, אַ שווערער, וועלכעס ווייב, אַ צרה, אַ קליפּה. אָבער אויך דעמאָלט איז מען נישט געלאָפן גיך צום רב זיך גטן. מ'האָט זיך אָפּגעקריגט, אינערלעך דורכגעברענט, אָפּגעקרענקט, אויסגעגליכן, שלום געמאַכט און אָפּגעלעבט דאָס לעבן ביזן ענד אין פרידן, מיט קינדער און אייניקלעך.

אין דער היינטיקער צייט, איז לא עלינו אַ פאַרדרייעניש. ביז מען שטעלט זיי אונטער די פיר דרענגלעך, האָט מען שוין אָפּגעמוטשעט די פּאָר יאָר מיט די ליבענישן, געלאָזט דאָס בלוט פון די אָדערן טריפן, די הערצער אָפּגעקלעמט, און שפּעטער ווי עס איז אויפגעלייגט, אַז נישט עסט מען זיך אויפסנייי די יאָרן. אַזוי גייט עס און קיינער קען דאָ נישט, און וויל נישט איבערמאַכן.

אין איר שטוב איז אויך אַריינגעקומען די פּלאָג. וויפל זי האָט זיך דאָס נישט אויסגעבעטן ביי פּאַניען: קינד־לעב, וואָס לאָזסטו אַנזאַמלען אויף זיך די מיידלשע יאָרן. וועסט זיי שפּעטער מיט קיין רידל נישט קאָנען אָפּקראַצן. אויף וואָס וואַרטסטו? בעסער דעם קאָפּ פאַרשלייערט,

אײדער חלילה דאָס פּנים מיט בושה פאַרװײעט. פאַר אַ פּרויענצימער איז שענער אַן ענג שטיבל, אַן אײגנס, מיט אַ מאַן, װי אין אַלײנקײט — אַ גאַנץ לאַנד. מיט אַ מאַן איז מען אַ פּאַן, אָן אים — אַ שאַנד. זי, די מאַמע, האָט דאָס אין איר כסדר אַרײנגעטענהט.

— ע, מאַמעשי, ס׳איז נישט יענע צײטן. ס׳איז נישט הײנט װי אַמאָל. ס׳ברענט נישט מיט די זאַכן — האָט די טאָכטער איר אָפּגעענטפערט — אַמאָל האָט מען די מײדלעך בײ די פּופּצן יאָר אַראָפּגענומען די האָר און צוזאַמען מיט דעם אױך די קעפּ. הײנט איז מען קלוגער, מ׳װיל אין די יונגע יאָרן פאַרברענגען. זײ האָבן פאַר זיך...

— „נו, זעט מען דאָך, װאָס פאַר אַ פאַרברענגעניש. גיכער אַ פאַרלענדעניש" —

בײ דער קיך איז עפּעס אױסגעלאָפן. פּעשע האָט געלאָזט אַלץ ליגן, אַהינגעאײלט. די פּליטע האָט געגליט, געהאַצקעט מיט פרײלעכן פײער, מיט זידעניש און זאַטעניש: זש־זש־זש! אָט װי זי איז דאָס פאַרקראָכן אין די געדאַנקען, אײנגאַנצן פאַרגעסן אַ קוק טאָן צו די טעפּ. דאַכט זיך ס׳צימעס ברענט. די יויך שוימט זיך איבער. אױך די „קאַרטאָפּליאַנקע" (אַ ספּעציעל פּראָװיזאָריש מאכל פאַר פרײטיק) לאָזט זיך הערן מיט איר קװאַקעניש, און ז׳איז טאַקע אױסגעלאָפן. זי האָט שנעל אָפּגעדעקט די שטערצלעך, צוגעגאָסן װו אַ שפּריץ װאַסער, װו אױסגעמישט, אין װעלכן אַרײנגעטאָן אַן עוקץ זאַלץ, אין װעלכן אַ קאָפּ פעפער, אַ פּאָר געװירצלעך, פאַרזוכט, נאָך מוסיף געװען, אײנגעשטילט דעם רעש. אַ דאַנקען גאָט, נישט קײן שאָדן.

װען פּעשע האָט געװאָלט צוריקגײן צום טיש, האָט זי דערהערט אַ שאָרכן אין מײדל־צימער. זי האָט אָנגעשטעלט די אױערן, אָפּגעװאַרט אַ רגע. די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפּנט. פאַניע איז אַרײנגעקומען. דאָס פּנים בײ איר, נאָך פרימאָרגנדיק פאַרזשמורעט. אָנגעטאָן אין אַ לײכט, שטוביק־קרעטאָן קלײדל. האַלבע לעטשלעך אױף די פיס. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען די מוטער, געשמײכלט:

— גוט מאָרגן, מאַמעשי!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! אַ גוטן אױפשטאַנד אױף דיר! כ׳האָב דיך

שוין געבענקט צו זען. נישט געוואָלט דיך וועקן. געטראַכט, בעסער זאָלסט זיך אויסרוען.

— כ׳בין שוין אויף פון לאַנג, געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, נישט געגלוסט זיך אַרויסרירן פון בעט.

— האָסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקט מיין קינד. גיי וואַש דיך. איך וועל דיר מאַכן עסן.

— מען דאַרף נישט מאַמעשי. איך בין נאָך נישט הונגעריק. איך וועל דיר צוהעלפן.

פאַניע האָט געמאַכט א פּאָר טריט טיפער אין שטוב, געבליבן שטיין. זיך ווידער אַרומגעקוקט. און מיטאַמאָל האָט זי אַרומגענומען אַזאַ היימיש־קייט, אַזאַ ליבלעך משפּחהדיקע נאָענטקייט, אַזש וואַרעמס איז פאַרגאַנגען אין איר לייב, די אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט פייכטס. די פאַרפאַרעטע לופט פון פרייטיקדיקן טאָג, וואָס איז פאַרשמעקט מיט אַלע גוטע געשמאַקן: הייוון, וואַניליע, אינגבער, צימרינג און מאַנדלען, די מאַמעס פריילעכע באַוועגונ־גען, די ליבע צוזאָגעניש פון פרייטיק־צונאַכטיקן טיש — דאָס אַלץ האָט אין איר אַ וועק געטאָן, געמאַכט אויפלעבן מיט ליבער דערמאָנונג, פון יענע פרייטיקן, אין אירע יונגע יאָרן, ווען זי האָט, צוהעלפנדיק דער מוטער, זיך מיטגעפאָרעט, מיטגעטאַראַראַמט. געפילט זיך גוט און גליקלעך. אָ, גאָטעניו, וויפל חלומות האָט זי דעמאָלט אויסגעשפינען ביי איר טוואונג. וויפל פרייד האָבן די דעמאָלטיקע מינוטן איר צוגעזאָגט. ביזן היינטיקן טאָג קען זי עס נישט פאַרגעסן.

פאַניע האָט געזאַפט אין זיך די שטוביק אָנגעוואַרעמטע גערוכן ווי טייערן באַלזאַם, געפילט, עס וועקט אין איר אויף לעבן, נייעם ווילן. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן אין זייער גאַנצער ברייט. אָנגעקוקט די מוטער מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ליבשאַפט. ווידער געשמייכלט, זיך אַהינגעלאָזט צום וואַשגעשטעל.

— ס׳שמעקט אַ מחיה מאַמעשי. אַ מחיה! איך וועל דיר גלייך צוהעלפן.

— גלויב מיר, כ׳ברויך נישט זאָלסט מיר העלפן, ביסט נאָך מיד

פון דער נעכטיקער נסיעה, רו דיך אָפּ, כ׳וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן.

— וואָס מיד, ווען מיד, ווילסט מיך מאַכן פאַר אַ ליאַלקע. איך בין אויסגערוט. גיב מיר מאַמעשי, איך וויל מיך באַוועגן, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף.

פאַניע האָט אויף דער געשווינד אָפּגעוואַשן הענט און פּנים, זיך אָפּגעפרישט, צוזאַמענגעלייגט די האָר אין אַ צייטווייליקן גרעק אויפן שפּיץ קאָפּ, צוגעקומען צו דער מוטער:

— וואָס איז דאָ פאַר מיר צו טאָן מאַמעשי ?

— מילא, ווילסט דווקא פאַרדינען אַ מצווה, צוהעלפן לכבוד שבת, זאָל זיין אַזוי. נעם האַק די פיש. ציבעלעס האָב איך שוין אַריינגעטאָן. אויך דאָס רייבעכץ. דאָ שטייט אין טעלערל ס׳איי, וועסט עס אַריינטאָן ביסלעכווייז. צום ערשט דאָס וויסל, דערנאָך ס׳געלכל, נאָר גיב אַכטונג, ס׳זאָל זיך נישט צעשפּריצן, כ׳בעט דיך פאַניעשי.

פּעשע האָט איבערגעגעבן דער טאָכטער דאָס קלאַפּערגעצייג. איר צוגעוויזן ווי אַזוי טאָן, אָנגעזאָגט נאָך עטלעכע פּרטים און אַליין אַוועקגעלאָזט זיך טאָן עפּעס אַנדערש: וואָסי, ס׳פעלט צו טאָן? הלוואַי נאָר אַזויפיל כוח און געזונט אין די הענט. דער טאָג זאָל זיך ציען נאָך אַזוי לאַנג, וואָלט מען אויך נישט געזעסן לײדיק. פון אונטער דער ערד וואָלט זיך אויסגעקראַצט. טאַקע נאָר ווי צוליב דעם, מען זאָל דערפילן צוזאַרגנס שבת אין דער פולער מאָס דעם טעם פון מנוחה, דעם עונג פון שבתדיקן רוען, איז דאָך נישט שייך פּעשע זאָל נישט געפונען ביי וואָס אַ גראַבל געבן.

דערצו האָט זי היינט געוואָלט שטעלן יענע גוטע טשאָלנט. אַריינלייגן אַ לאָקשנקויל, דורכגעפלאָכטן מיט צעריבענע שיפּטאָלן, פּליטשן עפּל, אַרומגעבעט מיט ראָזשינקעס, און געגנדזן־שמאַלץ — יענע טעם גן־עדן! זיכער ווער אַריינפּאַלן ביי דער שבתדיקער סעודה, ווען זי האָבן מיט וואָס זיך צו באַווייזן, מכבד זיין.

— אוי, נאָר מיט אַ גוט געזונט, טאַטע אין הימל, מיט אַ דערפרייאונג אין האַרצן — האָט פּעשע פרום אָפּגעזיפצט אויפן קול, אַרויסנעמענדיק די

גרויסע דיניצע פון אונטערשטן שענקל — וואָס וויל איך דען פון דיר רבונו של עולם. פאַרלאַנג איך דען פון דיר אַ סך, מאַרציפּאַנעס? אַ ביסל — נאָר אין שלום, אין שלוה, און געזונט.

— מאַמעשי, ס׳דאַרף זיין געדיכט, אָדער שיטערלעך דאָס געפּילעכץ? — האָט פאַניע געפרעגט.

— רעדסט ווי אַ קינד. וואָס טויג מיר שיטערלעך ס׳זאָל זיך צערינען. האָסט שוין פאַרגעסן מיין טעכטערל. קלאַפּ אַזוי לאַנג, ביז עס וועט ווערן געדיכט. פון זיך אַליין וועט עס ווערן געדיכט.

— און ווען זאָל איך אַריינטאָן דאָס האַרטע איי?

— ווען וועסט שוין האָבן אַדורכגעקלאַפּט גוט מיטן ווייסל און געלכל. ס׳וועט האָבן איין קאָליר, נאָר זע, ס׳זאָל זיך נישט צעשפּריצן. כ׳בעט דיך פאַניעשי. זיי געהיט!

און פאַניע האָט געפאָלגט די מאַמעס אָנזאָגן, געצויגן ריטמיש מיטן האַקמעסער, געשניטן מיט דער שאַרף די ווייכע מאַסע, געזען ווי די אַלע באַזונדערע טיילעכלעך מיט די צוגאָבן מישן זיך אויס צוזאַמען, ווערן פאַראייניקט אין איין טייג, איין קאָליר. זי האָט געלאַכט צו זיך אַליין: כ׳איז אַזוי גוט צו ווערן צוריק אַ היימיש קינד ביי דער מאַמען, פילן זי לעם זיך. אָנזאַפּן זיך מיט איר מאַמעשען ריח, מיט איר איילעניש, מיט אירע מאַמעדיקע רייד, מיט איר גאַנצער גוטסקייט און פרומקייט, וואָס שטראָמט אַרויס פון איר ווען ווי פון אַ היילנדיקן קוואַל.

דער מאַמעס רוף: „רבונו של עולם”, האָט אויך אין איר אָפּגע־קלונגען איצט מיט אַ באַזונדערן עכאָ, זיך געוועקט מיט אייגענער תפילה: „וואָס וויל איך דען מער ווי אַ ביסל רו און גליק”...

און אין פאַניעס האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ געבעט, אַ פאַרלאַנג, אַ ציטערדיקע בקשה צו אים, דעם באַשעפער, ער זאָל זיי טאַקע דערהערן און פאַרלייכטערן זייער פאַרקווענלט־געוואָרן לעבן, אָפּטאָן פון זייער שטוב די בושה. אוי, זיי דאַרפן איצט נויטיק די הילף, אַזוי נויטיק!

— מאַמעשי, וואָס איז דאָס מיט דעם סינדיקאַט, וואָס דער טאַטעשי האָט נעכטן וועגן אים גערעדט — האָט פאַניע דערמאָנענדיק זיך, אַהינ־

געפרעגט צו דער מוטער, פאַרקייטלט דאָס איצטיקע טראַכטן מיט דעם פאָטערס נעכטיקן רעדן וועגן שותפות.

פעשע שטייענדיק ביים קליינעם קיכנטישל און אונטערשניידנדיק פליטשן מייערן, פעטרישקע אין דער קופערנער פאַן, צוגרייטנדיק צום קאָכן די פיש האָט אָפּגעענטפערט:

— גלייב מיר מיין קינד, כ׳ווייס אַליין נישט. זיי ווילן עפּעס מאַכן אַזאַ פאַראייניקונג: אַלע גאַרבערס זאָלן גיין צוזאַמען.

— און דאָס וועט זיין אַ גוטע זאַך?

— מען זאָגט, אַז יאָ.

— און מיר וועלן אויך אַריינגיין?

— פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אַריינגיין, וואָסי, מיר זענען חלילה פון די אונטערשטע...

— ווער זענען די אָנפירערס?

— אַ גאַנצער קאָמיטעט, צווישן די הויפּט־קעפּ, זאָגט מען, שטייט פינטשע שטיין.

פאַניעס האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. איבער די האַרץ־ווענטלעך האָט אָפּגעפּויקט מיט ווייטיק, ווי ס׳וואָלט דאָרט עפּעס טעמפּס זיך אַראָפּגעקאָלערט, צעראַצט דאָס פליש: פינטשע!

די מאַמע אין איר אומשולדיקער פאַרגעסנקייט, נישט געדענקענדיק אין גאָרנישט, האָט ווייטער געצויגן דעם פאָדעם.

— זעסט מיין קינד, אַז גאָט וויל עמעצן דערלייכטערן, ווערט אים מאַקע לייכטער, ווערט פון אַ קוועלכל, אַ קוואַל און פון בוידעמל, אַ זאַל... פינטשע איז שוין געשטאַנען שמאָל און ווי דורך אַ נס געוואָרן צוריק אויפגעריכט, אַרויפגעהויבן הויך. טאַקע ווי דורך אַ נס...

פאַניע האָט געשוויגן, גאָרנישט אָפּגעענטפערט. געהיטן זיך אַפילו איבערפרעגן. עס איז איר זייער נישט ניחא געווען דאָס אַרויפברענגען אויף דעם נאָמען. זי האָט מורא געהאַט פאַר דערמאָנונגען, פאַר פיינלעכע זכרונות. געוואָלט, די מאַמע זאָל אויפהערן דערוועגן רעדן, אַוועקגיין צו עפּעס אַנדערש. די מוטער אָבער אַריינגעטאָן אין אירע אויפגעוואַרעמטע

געדאַנקען האָט נישט אָפּגעלאָזט, ווייטער געשפּינען, ווי אַ קנוילעכל, וואָס קייקלט זיך וועג־אַראָפּ, און מען קען עס מער נישט צוריקהאַלטן.

— מען זאָגט, ער פירט זיך גאָר רייך פּינטשע, פירט אַ גרויסן הויף מיט אַ סך מענטשן —

— מאַמעשי, צו וואָס דאַרף מען רעדן וועגן פרעמדע. איך האָב דאָך אָנגעהויבן וועגן אונדז — האָט פאַניע מיט געבעט געפּרוווט אָוועקפירן דער מוטער פון דעם געשפּרעך, פילנדיק דאָס אָנווייען אויף איר אַ קאַלטע, אומאָנגענעמע לופט.

— יאָ, כ'מיין נאָר דערמיט צו זאָגן, אַז גאָט וויל העלפן, ווערט מען געהאָלפן. אָט זעסטו, ווען מיר האָבן אַזאַ אונטערשפּאַר ווי פּינטשע האָט באַקומען, ס'זאָל אונדז ווער אונטערשטעלן אַ פּלייצע, כאָטש מיט אַן ערבות, מיט אַ הלוואה, וואָלט מען געקענט ווי עס איז זיך אַדורכרייסן. דעריבער האָט ריוול...

פּעשע, דערשראָקן, ווי זי וואָלט זיך געכאַפּט, זי איז ווייט פאַרפאָרן, האָט אָפּגעהאַקט. פאַניע האָט דאָס זעלבע געפילט. נאָר ווי דער שטן וואָלט זי געשטויסן מיט בייזער אָנרעדעניש, האָט זי די מוטער נישט אָפּגעלאָזט. דווקא זי געצווונגען צום רעדן.

— וואָס ווילסטו זאָגן וועגן ריוולען מאַמעשי?

— כ'מיין וועגן יענער זאַך... מיינסט זי האָט נישט געקענט קריגן קיין בעסערע מציאה, נאָר כדי אַרויסצוהעלפן די שטוב באַשטייט זי אויף דעם בחור...

אויף פאַניעס פּנים איז אויפגעגאַנגען אַ ווייטיקדיקע גרימאַסע. אַן אויסקרומעניש האָט זיך צעלייגט אַרום איר מויל, ענלעך ווי נעכטן פאַרנאַכט ביים טיש. דער צעשפּילטער שמייכל, וואָס האָט נאָר וואָס גערוט אויף אירע ליפּן איז אָפּגערונען. די אויגנדעקלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרמאַכט, די הענט זיך פאַרשטילערט פון טאָן: מאָדנע, ווי ס'איז איר נישט אויפגעלייגט צו אַנטלויפן פון די פּיינען, פון די אָנגעגרייטע עגמת־נפשן, געמיינט זי אָטעמט אַ רגע אָפּ — נאָ דיר ווידער!

דער מוטער האָט אויסגעדאַכט, זי הערט אַ פאַרשטיקטן זיפץ,

אומגעקערט דעם קאָפּ צו דער טאָכטער, דערזען איר פּלוצלינג געענדערט פּאַרסמוטשעטן אויסזען, חרטה געהאַט אויף אירע רייד, אויף זיך אַליין, אָנגעבייזערט:

— טפוי, אויף מיינע שונאימס קעפּ! אַז מען לאָזט פריי לויפן די צונג, שפּאַרט זי אין די אַלדע העק. מ'דאַרף יאָ, מ'דאַרף נישט. צוואָס האָב איך מיך אַזוי צערעדט ווייס איך אַליין נישט. און כ'האָב מיך שוין טועה געווען אויך. אָנשטאָט זאַלץ, האָב איך אַריינגעטאָן צוקער אין דער יויך, ס'וועט מיר שוין האָבן יענעם טעם...

ס'איז געווען שטיל. פּעשע האָט געקלאַפּט מיט די שטערצלעך, צוגעגאָסן, איינגעלאָשן, ווי זי וואָלט דערמיט אויך געוואָלט איינלעשן איר צער, אָפּגעקרעכצט. ס'האַרץ האָט איר ווי געטאָן פאַר דער ליידנדיקער טאָכטער, פאַר ריזולס פאַרלויפן דעם וועג, פאַר איר אייגענער צושטימונג. אָבער זי האָט געוווּסט, נישטאָ קיין אַנדערער עצה — דאָ ליגט די רעטונג, און מען קען גאָרנישט העלפן. אָנגעצונדן פון אַן אינערלעך פייערל, וואָס האָט אין איר אַליין אויך געבונטעוועט, גערודערט, האָט זי זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו פאַניען, אויף איר מאַמעדיק אָנגעשריגן:

— דו זאָלסט דיר נישט איינרעדן. קיין איינרעדעניש זאָג איך דיר, הערסט, זי מיינט דאָ גאָרנישט אָנרירן דיין כבוד. זי איז דיר געטריי ווי דאָס לעבן. זי וויל עס טאָן פאַר דער שטוב. אויך פאַר דיר...

— פאַר מיר... פאַר מיר וועט שוין עמעצער עפּעס טאָן, יאָ — יאוש, דריקעניש און ביטערע טענה, האָט זיך געהערט אין פאַניעס קול.

— כ'ווייס נישט, וואָס האָסט דיר אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, מ'איז דיר נישט געטריי, דער רבונו של עולם ווייסט דעם אמת: מיין האַרץ, מיינע נעכט, וואָס איך גיב אַוועק פאַר דיר!

פאַניע איז פון דער מוטערס צער און אויפריכטיק פאַרטרערט קול, געוואָרן ווייכער.

— איך זאָג עס נישט אויף דיר מאַמעשי. מיין דיר נישט אָנצוטאָן עגמת נפש. כ'זאָג עס... ווייל... ס'איז מיר נישט גוט, גיין נישט גוט.

די מוטער האָט געקאָנט איר אָנטקעגנטענהן: אַז דאָס נישט גוטע האָט זי זיך אַליין גענומען, מיט אייגענע הענט. ס'איז פאַר איר געווען

אָנגעגרייט אַ סך גוטס און גליק, נאָר זי האָט עס אָפּגעקאָפּעט מיט די פּיס, אָפּגעטריבן פון איר טיר... אָבער פּעשע איז נישט די מאַמע, וואָס זאָל שיטן זאַלץ אויף די ווונדן פון אירס אַ קינד, כאָטש עס איז שולדיק. פאַרקערט, זי האָט געזוכט טרייסטן, שטאַרקן:

— טייער קינד מיינס, מען טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג. מען מוז האָפן און גלויבן, די ישועה קען יעדע מינוט קומען. און זאָל גאָט העלפן, מיר זאָלן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס, וועל איך וועלטן איינלייגן, דיך אַפילו נישט פרעגן, מיט געוואַלט דיך שלעפּן אונטער דער חופה...

פאַניע האָט אויף דעם מיט גאָרנישט רעאַגירט. ס'האָט איר נאָר געוווּנדערט אויף דער ענדערונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער מאַמען. פריער האָט זי קיינמאָל מיט אַזוינע שאַרפע ווערטער נישט גערעדט, מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקייט זיך נישט אויסגעדריקט. ווייניק זיך אַפילו געמישט אין די געשעפטלעכע ענינים פון שטוב, אין גאַרבעריי, פאַרלאָזט זיך מיט דעם אַלעם, אויפן מאַן, אויף די קינדער. היינט האָט זי באַקומען עפּעס אַנטשלאָסנס אין איר כאַראַקטער, רעדט מיט זיכערקייט וועגן דער לאַגע, נעמט שטעלונג, טראָגט דעם יאָך אויף זיך נאָך מער גורלדיקער פון אַלע.

און נאָך: אַן אַנדערשמאָל וואָלט די מאַמע בשום אופן נישט איינגעגאַנגען, אַ ייִנגערע טאָכטער זאָל זיך פאַרקנסן פאַר דער עלטערער (דערצו איר געליבטע פאַניע) און זי דערמיט מאַכן אָפּרוקן אין אונטערגרונט. די מאַמע וואָלט אין דעם געזען איר אייגענע באַליידיקונג, איר בושה און בזיון. געקעמפט קעגן דער גאַנצער שטוב, ווען אַלע אַנדערע זאָלן אַפילו זיין דערפאַר. היינט שווייגט זי. איז אינערלעך צושטימיק, קאָן זיין מיט יווייטיק, לאָזט אָבער נישט פאַלן קיין וואָרט דערקעגן. זעט אויס דער מצב אין שטוב האָט משפיע געווען אויף איר געמיט, אויף איר טראַכטן, אויף איר האַרץ, געמאַכט זי אַן אַנדערע: אַ געהאַרטעוועטע, אַ געפאַסטע. דאָס לעבן לערנט אויס.

און זי אַליין, וואָס? וועט דאָס לעבן אויך זי עפּעס לערנען? וועט זי זיך אונטערגעבן? ביין? קעמפן? מיט וועמען, מיט דער אומגליק־

לעבער היים? פאַרוואָס זאָלסטו נישט זיין גרייט אויף קרבנות, ווי יעדער איינער פון דער שטוב, כאָטש אַפילו מיט דיין אייגענעם כבוד: ס'איז דיר שווער? און אפשר איז עס דיין עגאָיזם? ווילסט צוריקכאַפּן דאָס פאַרשפּילטע און ווייסט נישט, ווי אַזוי, זעסט אין יעדער זאַך אַן אָנגריף אויף דיין ווירדע, אויף דיין פּערזאָן, אויף דיין לעבן? ווילסט זיך פאַרטיידיקן, מיט כוח צוריק איינהאַלטן, האָ, אפשר איז עס דאָס? —

— מיט וואָס זענט'ך זיכער, אַז ס'וועט פאַר דער שטוב ווערן בעסער — האָט פאַניע זיך געווענדעט צו דער מוטער אָנגעשראָקן, און ווי זי וואָלט געוואָלט אַוועקגיין פון אירע מחשבות.

— מען האַלט אַזוי. ריוול איז זיכער, אַז חיים אַלטער וועט טאָן אַ טובה. ער איז אַ גוטער מענטש. מ'ווייסט נאָך אַפילו נישט, ווי אַזוי ער וועט עס טאָן: אַ הלוואה, צי טובה־וועקסלען, צי גוטזאָגן אויף אַ פּאָסטן סחורה, אָדער עפּעס אַנדערש. נאָר מ'האָפט, ס'וועט עפּעס אַרויסקומען...

— זי האָט מיט אים גערעדט דערוועגן?

— נאָך נישט. וואָס איז דאָ צו כאַפּן. ער קאָן מיינען מי יודע, ווי מ'רייסט זיך. מיר שטופּן זי כאָטש אים אין די הענט אַריין בגוואַלד. מיר וואַרטן נאָך צו. אָבער ס'וועט דערצו איניכן קומען.

— ווייסיך, „ס'וועט קומען"... ס'קאָן זיך נאָך אויסלאָזן אַ „בוידעם", און דאָ נייט מען שוין דעם בייטל...

— נו מילא איז נישט — אויס כלה, אויס חתן.

— אָבער דערווייל וועט די גאַס דערמיט קלינגען, רעדן...

ווידער איז אָנגעשטאַנען אַ דריקנדיק שווייגן. אין פאַניען איז אויפגעגאַנגען די ביטערניש: פאַרוואָס טראָגט מען איר אַנטקעגן אַזאַ זלזול, אַזאַ בזיון? אַ בריענדיק געוויין האָט אויפגעטויכט אונטער די אויגנ־דעקלעך. געוואָלט זיך אַרויסרייסן; פינצטערער לאָווע האָט זיך געשפּריט פאַר איר ראיה. אַנגעפילט מיט גוואַלדיקער שרעק, מיט פאַרצווייפלונג, איר האַרץ: וווּ זאָל זי זיך אַהינטאָן? וווהין זאָל זי גיין? זי האָט נישט קיין אָרט. מיט אַלע כוחות האָט זי איינגעהאַלטן די טרערן, זיי זאָלן נישט אַרויספליִצן פון זייערע קוואַלן. נישט געוואָלט אָנטאָן דער מאַמע יסורים.

געראַנגלט מיט זיך, מורא געהאַט, זי וועט נישט גובר זיין. ס׳וועט יאָ אַ פּלייץ טאָן דאָס געווין.

די סיטואַציע האָט פּלוצעם געענדערט אַ הילכיק רופן אין הייפל.

אין פּאַדערהויז האָבן זיך גלייך דערהערט טריט. אַ פעסט טרעטן פון מענערישע פיס. פעשע האָט דערקענט דעם מאַנס גאַנג, אויסגערופן:

— דער טאַטע גייט.

זאַמע איז אַריינגעקומען ברייט־שפּרייזנדיק, אַ צי געטאָן מיט די נאָזלעכער די לופט, טיף אָפּגעאָטעמט.

— אַ אַ, ס׳שמעקט מיט אַלע טייערע געשמאַקן, אַ מעכאַיע, פעשע לעבן. אַ דאַנקן גאָט. נו, האָסט היינט אַ צוהעלפערין אין אונדזער טעכטערל. גאָר פיין, ווייל... וואָס זאָל איך טאָן, אויך אַ האַנט־לאַנג, צו העלפן? — די שטוב איז פול געוואָרן מיט דעם הייטערן, מענערישן קול.

— כ׳דאַרף נישט. כ׳דאַרף גאָרנישט מער קיין העלפערס. פאַניעלע העלפט מיר גענוג צו. טו דיר דיינע זאַכן. ווילסט, קענסטו גיין אין באָד. אין קליינעם שטיבל ליגט אָנגעגרייט פאַר דיר וועש, וועסטו פריער אַהיימקומען — פעשע האָט אים כמעט אָפּגעטריבן, מורא האָבנדיק, ר׳זאָל איר נאָר, חלילה, נישט שטערן אין דער אַרבעט.

— נו גוט, זאָל זיין אַזוי. וועל איך טאַקע געבן אַ לויף, מיך פריער אָפּפּאַרטיקן. כ׳האָב נאָך מיט פאַניעלען כמעט נישט גערעדט. פונקט נישטאָ קיין צייט.

— זי פאָרט נאָך נישט אַוועק, וועסט האָבן גענוג מערטשעם צייט צו רעדן און שמועסן מיט איר. זאַמעשי, ווילסט אַזוי גוט זיין, ברענג מיר אַריין אַ שעפעלע געטריקנטן דאַמב. נאָר גוט געטריקנט, האָרטן, כ׳דאַרף איצט האָבן אַ גוט פייער.

— אַ, אַ, זעסטו שוין, דאַרפסט מיך יאָ האָבן — האָט זאַמע ליב־רייצנדיק זיך מיטן ווייב טריומפירט — נו גוט כ׳ברענג גלייך אַריין.

און זאַמע איז געלאָפן ווי אַ יינגל שנעל דערפילן איר פאַרלאַנג, כדי כאַטש אויך מיט עפּעס, צוהעלפן לכבוד שבת, פאַרדינען פון דער מצווה.

אליעזר אלעי

*

ביים פרייטיק־צונאַכטיקן טיש איז מען געזעסן אויסגעזעצט אין ריי לויט דער עלטער. יעדער אויף זיין באַשטענדיקן אָרט. זאמע אויבנאָן, אין הויך קאַנטיקן זיידענעם קאַפּל. דער ווייסער העמדקראַגן ברייט אויסגעלייגט, אַרויסגעלויכטן פון אונטער דער טוזשורקע, די באָרד פריש אויסגעקעמט. האָט געֹרוט אין זיין גאַנצער מלכותדיקייט אויף זיין האַרצבערעט. אַרום אים זיין בני בית — אַ קעניג מיט דער פאַמיליע אַרומען קעניגלעכן טיש. ביי אַלע — צעשיינטע שבתדיקע פנימער.

די שבתדיקע מאַכלים האָט מען געגעסן מיט גרויסער הנאה. זיי זענען אַרויסגעקומען מיט אַנדערע מראהס, און מיט אַנדערע געשמאַקן, ווי אינדערוואָכנס (אין אַ וואָכן־טאָג האָט מען עס בשום אופן נישט געקאָנט נאָכמאַכן): מתיקות פאַרן גומען. זאמע האָט מיט יעדן ביסן געלויבט דאָס מאכל, זיך פאַסמאַקעוועט: איי, איי, טעם גן־עדן, פעשעשי! עד האָט זיך אויסגעהיטן נישט צו באַרירן קיין שום וואָכנדיקע, געשעפט־לעכע ענינים. גערעדט נאָר וועגן היימישס, אייגנס, משפחהדיקס. זיך אייסגעפרעגט אויפן זונס קינדערלעך, די טייערע אייניקלעך, דאָס זיסע מיידעלע ראשעלע; דאָס פעמפיקל, וואָס קריכט תמיד אויפן זיידנס קני, און פילט אָן דעם זיידן מיט גרויסער פרייד.

— וואָס מאַכט דאָס טייערע נשמהלע מיינס? — האָט זאמע געפרעגט ביי פאַניען.

— אַ טייער זיס קינדעלע. פרעגט זיך כסדר אויפן „זשיידן“, ווען וועט דער זשיידע קומען — האָט פאַניע, באַווירקט פון דער שבתדיקער רו, באַרוט געענטפערט.

— מען דאַרף אַ ביסל אַהינפאָרן צו זיי, הא, פעשע?

— מ׳וועט עס אַהערנעמען דאָ צו אונדז מיט אַ גוט געזונט, אין די שפּעטערדיקע וואַרעמע טעג.

— טאַקע יאָ, אַ ביסל מערער אין זומער, מ׳זאָלסט דערלעבן. גיין דערמיט אין וואַלד אַריין.

ביים טיש האָט מיטאַמאָל אַ פאַרשמעקט געטאָן מיט וואַרעמער הינערישער ראָסל. ריוול האָט צוגעברענגט. זי איז געווען די דערלאַנגערין.

געגאַנגען מיט אַ לייכט טריטל, שלאַנק, קאָקעטיש, וויגנדיק דעם לייכטן גוף. דאָס איז ביי איר שוין געווען אַ צווייטע טבע. אַפילו אין דער אייגענער היים נישט געקאָנט אַנדערש. זי האָט אײַנגאַנצן געבלאַנקט, געלויכטן, פול מיט יוגנט און מיט חן. צוגעברענגט די פּאַרציע, האָט זי פאַר יענעם אַוועקגעשטעלט מיט ליבן שמייכעלע. די מידע מאַמע, האָט מען נישט געלאָזט איצט, גאַרנישט טאָן. זי זאָל זיצן אויף איר אָרט, לעם טאָטן, זיך אָפּרוען. כייקע איז געווען אין קיך די טיילערין. ריוול האָט דערלאַנגט.

צוגעקומען צו פאַניען, אַוועקגעשטעלט פאַר איר דעם טעלער, האָט זיך ריוול צו איר ווי נעענטער אָנגעבויגן. פאַניע האָט דערשמעקט דעם גוט־גערוכיקן פּודער פון איר פּנים. אינסטינקטיוו אָפּגעבויגן דעם קאָפּ, נישט געוואָלט זיך צוזאַמענשטויסן מיט ריוולס בליק. ריוול האָט עס געזען, און דווקא נאָך מער אָנגענייגט איר געזיכט צו דער שוועסטער. פריינטלעך אין איר אַריינגעשמייכלט, גערופן:

— דיר פאַניעלע שמעקט די מאַמעשיס געקעכצן, גאָר גוט, אמת?

פאַניע האָט נישט איצט געהאַט קיין עצה, בעל כורחה געמוזט אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ. אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט שטיל אָפּגעמורמלט: „יאָ".

— עס, עס, פאַניעשי, צום גוטן געזונט דיר! — ריוול האָט מיט אַ שוועסטערלעכער און באַזונדערער צערטלעכקייט, צוגערוקט נעענטער צו איר דעם טעלער, ווי זי וואָלט געוואָלט די שוועסטער מיט עפּעס איינעמען, מפייס זיין.

פאַניע האָט געגעסן. ס'איז איר געווען באמת צום גוטן טעם, די מאַמעס מאכלים. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זיצנדיק ביי מאַקס טיש, קומט איר מער ווי איינמאָל אויפן געדאַנק, דער מאַמעס געקעכץ און עס ווערט איר באַנג. עס ציט איר דעמאָלט אַהיים. אויך מאַקס אַליין ברענגט אָפּטערס פאַר, פאַרן ווייב, וועגן דער מאַמעס גוטע געריכטן. די שוועגערין ווערט ברוגזלעך, אייפערזיכטיק, שיקט אים צוריק אַהיים צו דער מאַמען: „גיי אַ היים צו דיין מאַמען עסן..." זיי קריגן זיך אָפּ אין גוטן מוט, ביז זי, פאַניע, מאַכט צווישן זיי שלום.

— אַפילו מאַקס דערמאָנט זיך נאָך אין דיינע געשמאַקע יויכן, אין דיין זיסן צימעס, מאַמעשי — האָט פאַניע געשיקט ליב־האַרציקע בליקן צו דער מוטער.

— הערסט פעשע — האָט זאמע גלייך אונטערגעכאַפּט, צו איר געלאַכט — אַפילו אין די פרעמדע שטעט רעדט מען וועגן דיין קיך...

אויף פעשעס באַקן האָבן געבליט, קליינע פאַרונדיקטע פלעמלעך, פאַרשעמטע, צניעותדיקע. אויך איר מויל האָט אַזוי פאַרשעמט שווייגנדיק געשמייכלט: זי ווייסט, די קינדער האָבן זי ליב, דער מאַן האָט זי ליב — הלוואַי נאָר אויף לאַנגע גוטע יאָרן, מיט אַ גוט געמיט, און הלוואַי זאָל שוין פאַניעלע אינגיכן זיצן ביי איר טיש, און רימען די מאַמען פון ווייטן, פאַר איר מאַן, פאַר אירע קינדערלעך.

— אוי, ווי בין איך שוין זוכה... — האָט פעשע פאַרהוילן אָפּגע־קרעכצט, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס זי מיינט, וואָס זי טראַכט.

פאַניע האָט יאָ עפּעס פאַרשטאַנען, גיכער דערפילט. אויפגעהויבן אויף דער מאַמען ווידער אַמאָל די אויגן, זיך אָנגעטראָפן מיט איר אין בליק:

— וועגן וואָס טראַכסטו מאַמעשי?

— כ׳טראַכט וועגן... יאָ כ׳מיין... יאָ, די קינדערלעך, די אייניקלעך זאָלן מיר זיין געזונט. ווי דערלעב איך זיי שוין צו זען... כ׳בענק אַזוי נאָך זיי.

— שוועלבעלעך טייערע. כ׳וויל זיי שוין אויך זען — האָט זאמע צוגעלייגט.

ריוול האָט זיך אַ דריי געטאָן רונד אַרום אין רעדל אויף איין פוס, שקאַצעוואַט. אָנגעשטעלט אַ לאַכנדיק פנים צו די עלטערן:

— צ׳האָט אַזוי ליב אייניקלעך, איך וועל ענק געבן אַ סך, אַ סך איי־ניקלעך, צ׳זאָלט ענק האָבן צו פרייען, צו שפּילן — זי האָט אָפּגעקלינגען מיט אַ הויך פאַליענדיק געלעכטער, אַוועקגעלאָזט זיך אין קיך.

דער פאָטער האָט איר נאָכגעשיקט אַ ליב פאַרבאַרגענעם שמייכל, אָפּגעמורמלט:

גאַרבער־גאַס

— אַ ווילדע מויד... תמיד מיט אירע געלכטערלעך...

פון הויפּל האָט זיך דערהערט דאָס אָפּקלאַפּן פון טירל. טריט. עס זענען געקומען פּרייַנט, קאַלעזשאַנקעס, צו ריוולען, צו פּאַניען, זיי אַרויסנעמען אויפן שפּאַציר.

— קינדערלעך, מען איז געקומען צו ענק, מ׳דאַרף צו איילן — האָט דער פֿאָטער אויסגערופן.

זאָמע האָט גענומען צוויילן מיטן בענטשן.

דאָס יינגוואַרג איז אַרויס, אויסגעפּוצט, אָנגעשמעקט. די אַלטע לייט מידע פונעם גאַנצן טאָג אַרומפּאַדן, אַרומהאַווען, האָבן זיך געלייגט אויף די געלעגערס אָפּרוען, אויסגלייכן די ביינער — אין פרידלעכער, שבת־דיקער רו.

קאַפּיטל פופצן

אין שטיל-שבתדיקן פרימאָרגן

פּאַוואָליע, שטיל־טריטלדיק איז צוגעקומען דאָס פרימאָרגנליכט צום פענצטער. אַריינגעקוקט מיט אָפּגעשאַרצטער ברעם, גלייך אַנטקעגנאיבער פּאַניעס בעט — עלעהיי געקומען איר גוט־שבת־ביטן. ס׳איז געווען נאָך פרי. די שטוב פאַרוויגט אין זיס אָנגענעמען באַגינענדיקן דרימל. פּאַניע, שוין וואַכעדיק, זי האָט אין דער לעצטער צייט באַקומען אַ לייכטן שלאָף: אַ שפּראָץ אויף טאָג — און ווי דינע פינגער וואָלטן אָנקלאַפּן אין שויב, זי וועקן. די אויגן עפענען זיך אויף.

אויפגעקומען איז זי היינט אומרואיק, צעטומלט פון אַ פאַרווירטן חלום, וואָס האָט זי געפּלאָנטערט אַ גאַנצע נאַכט; שווערע זעענישן: כ׳האָט זי געפירט איבער בערג, וויסטענישן, טונקעלע הייל, אָן איינגאַנג, אָן אויסגאַנג. זי האָט זיך געראַנגלט, געדראַפּעט, געריסן, געוואָלט אַרויס פון דעם שוואַרצן געפּלעכט, און נישט געקאָנט. געוויינט; ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט, איז זי געווען אָפּגעשוואַכט, אין אַנגסטן. נישט געוווּסט וווּ זי איז אויף דער וועלט. זיך אַרומגעקוקט פאַרבלאָנ־דזשעט, געזוכט. דערזען איר אָנטאָן אויפן פּאָטעל, אירע קליידער, זיך דערמאָנט: זי איז אין דער היים.

...יאָ, ווידער איז זי אין דער היים. ווידער שלאָפט זי אין איר מיידלשן־בעט, מיטן אויסגעשניצטן געזימסל צוקאָפּנס, אַרומגעהאָנגען מיט טראַלדזן, פליטערלעך, וועלכע אירע הענט האָבן אין דער יונג אַליין אויסגעפּלאָכטן, אַרומגעצירט. דאָס אייגענע געלעגער, און דאָך נישט דאָס אייגענע. אויסערלעך נישט געענדערט. דאָס אונטערבעטעכץ, נאָך ווייכער פון שטענדיק. מיט גראָב־פעדערדיקער אונטערדעק. דיקע קישנס. פערענע — סאָמע פוך (די מאַמע האָט עס פאַרגרייט צו איר

התונה). אָבער פאַר איר גוף, איז עס האַרט און שווער. שלאָפט מיט נישט נאַטירלעכער רו. אַמאָל האָט זי דאָס אַלץ נישט באַדאַרפט, נישט געוואָלט. ס'איז פאַר איר געווען געגנוג דער אויסגעשטאָפּטער שעניק, אַ וואַטענע קאָלדרע, אַ קליין קישן צוקאָפּנס, און דער שלאָף איז ביי איר אַדורך, געזונט און קרעפטיק ווי ביי אַ דאָרפס־מענטש נאָך שווערן, זומערדיקן אַרבעטס־טאָג אין פעלד. זי האָט נישט געוווּסט ווו די נאַכט איז איר אַהינגעקומען.

היינט איז עס נישט מער. און פאַרוואָס? זאָל עס זיין, ווייל איר לעבן האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם אויסגעטרעטענעם, גלייך־ליניע־דיקן וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט פאַרן מענטש, ר'זאָל אויף אים גיין, אירע יאָרן זענען אַריין אין אַ פּאַזע, ווען מען קוקט אויף זיי, ווי אויף פאַרעלטערטע, פאַרזעסענע יאָרן, און אויף איר אַליין ווי אויף אַן אָפּגעבליטער מויד? יאָ, זאָל דאָס זיין? מען זאָגט עס איר נישט אַרויס אָפן. אָבער זי פילט עס ווויל אָפּ. און האָט זי באמת אָפּגעבליט? פאַרלוירן איר פרויאישער קראַפט, איר אינערלעכן ברויז? האָבן אַלע פיבערן און גלוסטן זיך אָפּגעטאָן פון איר לייב? אָ, ניין. זי ווייסט, אַז ניין! מ'האָט זי נאָר אַרומגעקראַנצט מיט אַזאַ בייזן דערנער־קראַנץ. געהילט אין אַלט־מוידישן שלייער, אין אַ מין נאָנעשער איינזאַמקייט. וואָרעם וואָלט זי איצט געווען אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַ ווייב פון אַ מאַן, געהאַט אַן אייגן היימיש ווינקל, אַ קינד ביים שויס, וואָלט מען אויף איר געקוקט, ווייסט זי, ווי אויף אַ יונג צעבליט פרויענווזן, וועלכע שפּראָצט מיט אַלע רייפע, יונג־ווייבלעכע זאַפטן און חנען. מ'וואָלט וועגן איר גערעדט מיט לויב און שעצונג, גערומט און געפּרייזט. האָט זי אָבער געגרייזט אין איר לעבן. נישט אָנגעקנופּט דאָס המשכדיקע: דאָס מיידלש־פאַרטרוימטע, מיטן ווייבלעך־רייפנדיק, מוטערלעכן; נישט פאַרבונדן דאָס זיווגישע; האָט זי דערפאַר פאַרפעלט אין מענטשלעכן לעבנס־שטייגער, אין איר חיי־אָדם. קוקט מען אויף איר ווי אויף אַן אָפּגעזייטיקטע, פון לעבן אָפּגערוקטע. און דאָס איז איר שטראָף, די גרעסטע נקמה, וואָס דאָס לעבן האָט געקאָנט אין איר טאָן.

און ווי אַזוי איז עס דערצו דערגאַנגען. פאַרוואָס האָבן די געשעע־

נישן זיך אַזוי געקייטלט, דערפירט צו אַזאַ מצב? זי ווייסט נישט. ניין, זי קאָן זיך דאָס נישט דערקלערן. קאָן זיין זי האָט איר קיום גענומען צו לייכט, צו גרינגשעצנדיק. אירע יאָרן צעפּזרט אין פאַרשווענדערישע, אָן־תכליתדיקע חלומות. געזען אַלץ אין בלויען באַגינענליכט. געמיינט זי איז באַשאַפן צו אַן אַנדער לעבן, צו אַן אַנדערן סדר. זי וועט דערשווימען ערגעץ צו אַ גאָלדענעם ברעג... דער גורם: איר זעלטענע שיינקייט, איר צעשטראַלטע מיידלשאַפט, איר צעבליט געשטאַלט, וואָס נאָר מען האָט דערויף געקוקט, האָט מען געמוזט פון גוטסקייט שמייכלען; אירע פון גאָט געבענטשטע פעיִקייטן, באַגאַבונגען. דער גאַנצער יוגנטלעכער שווונג אירער — דאָס האָט געבלענדט, גענאַרט, פאַרפירט, געמאַכט איר גלויבן, זי איז געבוירן אַנדערש פון אַנדערע: מיט פליגל! זיי דאַרפן נאָר אַ קאַפּ אויסוואַקסן, קרעפּטיקן, און זי וועט זיך אויף זיי אַ הויב טאָן — הויך־הויך, מיט אָדלער־פלי.

און אפשר האָט זי גאָרנישט אַזוי געמיינט, אַזוי געטראַכט, גאָרנישט אַזוי פיל פאַרלאַנגט, ווי מענטשן האָבן איר איינגערעדט, סוגעסטירט. זי געדענקט, זי האָט אין איר יוגנט זיך געפרייט מיט אַלע שטילע טעג, מיט אַלע פשוטע באַשיידענע גאָבן, וואָס ס׳לעבן האָט איר געשענקט. גאָר־נישט געוואָלט מער. געווען צופרידן. מענטשן האָבן זי נישט צורו געלאָזט, געטריבן זי אין אילוזיע. איינגעפּליסטערט: ביסט ווערט מער! ביסט ווערט די גאַנצע וועלט! נעם — זי איז פאַר דיר!

דער ערשטער איז געווען דער לערער ליפּקין. ער איז אַראָפּ־געקומען אין שטאָט ווי אַדורכבליצנדיקער מעטעאָר, באַלאָכטן מיט ליכטיקייט דאָס היימישע, יידיש־שטעטלדיקע לעבן. געווען אַ בלאָנדער, מיט העל־זומערדיקע האָר, בלויע פאַרחלומטע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקוקט קינדערישע ווייכקייט, ווילן יענעם צו טאָן גוטס און אַ סך אייגענע אומבאַהאָלפנקייט. געווען פול מיט קענטעניש און וויסן און דאָך האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער זוכט ביי יענעם לערנען, פון יענעם זיך עפּעס דערוויסן, פון יענעם געניסן. די גאַנצע אַרומיקייט איז געווען פול מיט אים: דער לערער ליפּקין גייט... דער לערער ליפּקין האָט געזאָגט... דער לערער ליפּקין וועט רעפערירן... און אויסגעזען האָט,

ווי ער וואָלט געוועזן דער איינזאַמסטער מענטש אויף דער וועלט. זוכט ביי יענעם אַ גוט וואָרט, אַ שוץ, אַ פריינטלעכן שמייכל. ס׳האָט אין דער שטיל צו דעם מענטש געצויגן, עפּעס געלאָקט.

צו איר פּאַניען האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערער פּאַראינטע־ר׳עסירונג, נאָענטשאַפט, כמעט פּאַרערונג (זי האָט אים פּאַרטרויט וועגן אירע ערשטע אָנגעשריבענע שירים). אַרויסגעקומען מיט איר אויפן וועג, זיך צוגעהערט צו איר לייענען, צוגעקוקט צו איר שיינקייט, געמשפּט, געלויבט, צוגעזאָגט, געווען באַגייסטערט. צו איר געטענהט: זי איז אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט. אויך איר זעלטענער חן, איז די שענסטע מתנה פון באַשעפער. זי איז — ווּנדערלעך! ער מיינט זי באַדאַרף אַוועק־פּאָרן פונדאַנען, אין גרעסערן אָרט... אַ שאָד דאָ צו צעפּטרן אירע יאָרן, איר טאַלאַנט. דאָס אָרט איז צו קליין. זי דאַרף האָבן די גרויסע שטאָט: רוים, שטח. דאָרט וועלן קוואַלן זיך פאַר איר עפענען. אויפשלאָגן מיט קראַפט, מאַכן צוואָקסן אירע פליגל, צום גרויסן פלי. נייע וועלטן, נייע האָריזאָנטן, ניי לעבן!

ווי באַטויבנדיקער אַפּיום האָבן אויף איר געטריפט דעם לערערס רייד, געווירקט. דער נאָמען וואַרשע, האָט געצויבערט, געצויגן מיט כישוף, געפינקלט מיט צוזאָגן, מיט ניי־אינטערעסאַנטער וועלט. זי האָט גענומען חלומען אויף דער וואָר. געזען דאָרט דעם שלאָגנדיקן קוואַל פון גאָרער גוטס, פון גרויסן חסד; דאָס פּאַרזייעטע קערנדל האָט געווירן, געוואָקסן, געטריבן, אומרואיק געמאַכט, נישט געלאָזט איינרוען.

זי האָט נאָך דעמאָלט פון לעבן קיין סך נישט געוווּסט. זי האָט אויך נישט געקאָנט וויסן, אַז די אַלע באַזינגערס, קראַנצן־פלעכטערס, זענען צומאָל אַליין די בלאָנדזשענדיקע, וואָס בלאָנקען אין זייערע פאַרווירטע לעכצענישן, אומבאַהאָלפנקייטן, אין זייערע נישט אויסגעלעבטע חלומות; אין עצם, זענען זיי די אייביק הונגעריקע צו עפּעס, וואָס זיי וויסן נישט ווו צו געפינען און אין זייערע אומרואיקע זוכענישן, טוען זיי מאַכן אַריינטריפן, זייערע אייגענע נישט מקוים געוואָרענע פאַרלאַנגען, אין פרעמדע הערצער, און אַמייגסטן אין יינג, תמימות־מיידלשן האַרץ — דער ווייך אָנעמענדיקער באָדן. אָט די זעלבע לירע־שפּילערס האָבן זי

מ'ער פון איינמאָל פאַלש איינגעזינגען, געגנאַרט. זיי האָבן נישט געזען, ס'שטייט פאַר זיי אַ מענטש, אַ גלויביקער, אַן ערשט זיך גרייטנדיקער, דערצו אַ יינג אומדערפאַרן מיידל, וואָס ביי דער מינדעסטער אָפּלענקונג פון דרך־הישר, קאָן זי זיך אויסגליטשן, ווערן אומגליקלעך. זיי האָבן געזוכט טרינקען דעם ווייַן פון איר קוואַליקער יוגנט, פון איר שיינקייט. איינגערעדט ליגנס, און זי האָט געגלייבט. געלאָזט מאַכן זיך פאַרבלאָנדזשען און דאָס איז געווען איר גרעסטער פעלער און ווידער אַמאָל איר שטראָף...

אָבער יענץ אַלץ איז געווען ערשט שפּעטער.

אין יענער צייט האָט זי דאָס נאָך נישט געוווּסט, זיך געפּונען אין איר סאַמע זאַפטיקן אויפבלי, אין איר פרישקייט, אין איר אייגנפאַר־מוליעטן חלום. אַלץ איז פאַר איר געווען נאָך ניי, ריין און הייליק, מיט טיפן גלויבן. אירע הימלען אָן מינדעסטן פלעק, אָן קלענסטן פּגם.

דעמאָלט איז אויך געקומען פּינטשע —

— אַך, פּינטשע!...

פּינטשע איז געווען אַ שיינער בחור, פון גוטער היים, אָנגעזעענע שטוב, און אַ חבר פון קרייזל; צו זיי די שאַרפשטיינס אין הויז איז ער געקומען וועגן היימישע געשעפטלעכע ענינים, געשיקט פון זיין טאַטן, דעם אַלטן פּרץ שטיין. זי האָט געוווּסט, זיין באַווייזן זיך האָט נאָך אַ מיין, און אפשר דער עיקר — זי פּאַניע. ביים אַריבערטרעטן די שוועל, האָבן זיינע שפּיץ באַקן זיך געצונדן מיט רויטע פלעמלעך, די אויגן עטוואָס געטומלט. צו איר פאַרווירט געשמייכלט. גלייך זיך עפּעס ווי דערשראָקן, גענומען שנעל זוכן איר פאָטער, מיט אים פאַרעדן.

זיי זענען ביידע געווען אין די יינגע יאָרן. פאַרקערט אין דער זעלבער געזעלשאַפט, געקומען צו די זעלבע פאַרברענגעכצן. ביי אַזאַ צוזאַמענקום פון די חברים, האָט פּינטשע תמיד אויסמאַרקירט, ער זאָל זיצן נאָענט צו איר אין שכנות. ס'איז געווען עפּעס רירנדיקס אין זיין וועלן זי באַדינען, אין זיין גרייטקייט אויפצוכאַפּן יעדער אירער תנועה, פאַרלאַנג. און אַלץ מיט שטומען לשון. זי האָט גוט געפילט די גאַנצע צייט, ווי ער לאָזט זי פון אויג נישט אַראָפּ. זיין בליק גלעט, צערטלט זי.

גערעדט האָט ער צו איר ווייניק, און דאָס וואָס ער האָט יאָ געזאָגט, מיט געהעמטער שפּראַך, אין וועלכער ס׳איז געלעגן שרעק, האָפענונג, געבעט, צער און ווייטיק. ס׳האָט געדאַכט די ווערטער קומען נישט פון קעל, נאָר גלייך פון האַרץ. די קינען האָבן זיך ווידער געצונדן מיט די זעלבע גליענדיקע פּייערלעך ווי דעמאָלט, ווען ער קומט צו זיי אין שטוב. די בליקן געטומלט מיט דער זעלבער פאַרבלאָנדזשעטער פאַרווירונג און אומרו. זי האָט געוווּסט, ס׳איז דאָס לשון פון דער גרויסער, טיפער נישט אַרויסגעזאָגטע ליבע צו איר. ס׳האָט סיי געריירט און סיי וויי געטאָן.

ס׳האָט וויי געטאָן, ווייל זי האָט מיט גאַרנישט געקענט אים אָפּענטפערן. געקוקט דערויף אַפילו מיט באַדויערונג, ווי אויף אַן אָנגע־וואָרפענער לאַסט: האַלט זי דען ביי אַזעלכע זאַכן, ווי פאַרבינדן זיך, אַ כלה ווערן, חתונה האָבן, ווערן אַ פרוי פון אַ מאַן? אַ, ניין, זי איז נאָך ווייט פון דעם אַלעם. זי האָט נאָך עפּעס אויפצוטאָן אין לעבן. איר ציט צו די מרחקים, צו יענע געשפּרייטע ווייטקייטן, וואָס זענען פול מיט חידושים און וווּנדער און פון וועלכע זי דערוואַרט נאָך אַזוי פיל צו באַקומען און קענען צוריקגעבן...

זי האָט פּינטשען נישט געוואָלט געגאַרן, אַריינטרייבן אין אומזיסטע אילוזיעס. נערן מיט פאַלשע האָפענונגען און מיט אַלע וועגן באַמיט אים אָפּלענקען פון זיך. אַרויסגעוויזן אים גלייכגילטיקייט, איגנאָראַציע. פּינטשע געוויינלעך, אַ באַשיידענער, אַ נישט צו שטאַרק דרייסטער אין זיין נאַטור, איז אָבער דאָ געווען פאַרעקשנט אין זיינע געפילן, נישט נאָכגעגעבן און ווי אַ וואַסערל, אַ פאַרשטעלטס, שפּאַרט זיך אין זיין פאַרדרענגטקייט אָן אויפהער, זיך דורכקריגן, געפונען דעם אַרויסגאַנג, האָט ער זיך געשפּאַרט, געראַנגלט מיט איר ווי מיט אַ פאַרבאָרגענער קו־אַפּט. נישט געוואָלט אָפּטרעטן, מוותר זיין. נאָכגעגאַנגען איר ווי אַ שאָטן, געפלאָכטן זיין אָרעמער נעץ, אַריינצופאַנגען דעם גאָלדענעם פויגל...

אין שוואַכע פאַרצווייפלטע מינוטן, האָט ער זיינע געפילן געטאָן אויסגיסן אין קליינע סימעטריש געשריבענע בריוועלעך, מיט דין גלאַטיקן כתב, אין וועלכע ר׳האָט אויסגעגאָסן זיין געמיט, זיין צעבראָכן נפש, זיך אַראָפּגעוויינט פון האַרץ. ער האָט זי באַקריינט מיט אַלע שיינע

תנ״כישע פרויען־נעמען. געגליכן זי צו די העלדינס פון ציון: מרים, דבורה, יעל, יהודית. אויסדערציילט אין די שורות, מיט פייערלעכן פּאַטאָס, פון זיין ברענענדיקער בענקשאַפט, אומגעשטילטן ווייטיק, וואָס ער קען מיט גאָרנישט לעשן — נאָר מיט איר ליבשאַפט. און עס וועט דויערן שוין אייביק, אייביק ביזן טויט.

פאַניען האָבן די בריוועלעך געפייניקט. קיינמאָל נישט אָפּגעענט־פערט. זיי פאַרברענט.

ס׳האָט זיך אַזוי געצויגן, ביז איינמאָל אין אַ טאָג, ווען עס האָט געטראָפן יענער אויסטערלישער אומפאַרגעסלעכער פאַל, וואָס האָט געברענגט אַן ענדערונג אין זייערע חברישע באַציאונגען, און אויך אין איר לעבן.

פאַניע האָט געהאַט אַ מנהג, גיין אין די פרימאָרגנס מיטן קענדל אויף די „גורקעס״ נעמען מילך פון דער פרישער מעלק. זי האָט דאָס געטאָן מיט אַ באַזונדערע הנאה: דאָס אַדורכשפּאַצירן די שטילע נאָך פאַרשלאָפענע גאַס, איינזאַפּן אין זיך די אין באַגינען אָנגעטראָגענע, פריש־געשמאַקע ווינטלעך פון די אַרומיקע היי־פעלדער, דאָס איינהערן זיך אין פריילעכן געצוויטשער פון די אויפגעוואַכטע פייגל — האָט איר פאַרשאַפט גרויס געניוס, געזינגען צו איר ווי שירה: די בלויקייט וויקלט זיך איבער די הייזלעך, הילט זיי אין שחר. נייער, יונגער טאָג, קוקט מיט געעפנטן אויג אויפן באַשאַף. לעצטע שטערנדלעך פאַרשווונדן און אין איר וועקט זיך אַזאַ גוט געזאַנג. בעט זיך אויסגיסן אין שורותלעך, אין פערזן. זי איז דעמאָלט נאָך שטאַרקער געוואָרן אין איר בטחון, גליקלעך.

מיט אַזאַ זעלבער נאַטירלעכער אויפגעמונטערטקייט, איז זי אַריינ־געקומען אין דער פויערישער כאַטע, אין קו־שטאַל. אַריינגעצויגן אין זיך דעם ריח פון אויפגעפרייעטן מיסט, זיסע פאַרע פון פרישער מעלק. אַלץ אַרום האָט געניגונט מיט ברכה, מיט דאָרפישער רו, מיט שפע, מיט הבטחה אויף אַ גוט לעבן.

איינמאָל, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט פון פויערישן הייזל, אַזאַ אויפגעהייטערטע, וויגנדיק דאָס קענדל מילך אין האַנט, פון וועלכן עס האָט זיך געצויגן אַ דין שנירעלע רויך, געשפּאַנט מיט מונטערן גאַנג,

האָט זי צו איר דערשטוינונג געזען ווי אויף דער סטעזשקעביים ברעג וועג, שטייט עמעצער און וואַרט. דערקענט: פּינטשע. צוגעקומען נענטער, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון אָרט, איר אַנטקעגנגעלאָפן. זי האָט געזען, ער ציטערט אינגאַנצן. דאָס פּנים איז ביי אים בלייך, פאַרקעלטערט. די אויגן פאַרגאַנגען אין פאַרצערטן פלאַם, בלאַנדזשען. די הייטלעך פאַרצויגן מיט רויטקייט ווי פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז געשען און ווי קומט ער דאָ אַהער. נישט באַוויזן צו פרעגן, ווי ער איז צו איר צוגעפאַלן מיט אַ שטאַמלדיק לשון פון וועלכן ס'האָבן זיך געברעקלט ווערטער, ווי ברעכנדיקע צוויגלעך אין ווינט. געכומען פאַר איר אָפּדערציילן מיט געשלונגענע רייד, וואָס ער לעבט איבער, די יסורים זיינע. דערציילט און ס'איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. ווייל איידער די ווערטער זענען אַרויס פון מויל, זענען זיי נעלם געוואָרן. פאַניע האָט נישט קלאָר באַנומען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, וואָס ער וויל. אָבער דאָך אין איר אונטערבאַוווסטזיין דערזאָנט: ס'האָט צו טאָן מיט איר.

פּינטשע איז אין זיין שעפּטשעריי דערגאַנגען ביז שטיקנדיקע טרערן. און ווי ער וואָלט מער נישט געקענט דערהאַלטן די גלייכגעוויכט פון זיין קערפּער, איז ער צוגעפאַלן צו דער ערד, פאַרקניט צו אירע פיס, געסקאַמלעט מיט געוויין: זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן, ער קען נישט מער, ניין ער קען נישט מער!

פאַניע איז געשטאַנען אַ צעטרייסלטע, פאַרשטיינערט: אַזוי וויט דערגייט עס ביי אים? און וואָס איז זי שולדיק, ווייל זי דען אים אומישנע פּייניקן, אָנטאָן לייד? אָבער ער דאַרף זי פאַרשטיין. זי קען נישט אַנדערש. זי איז נאָך מיט זיך אַליין נישט פאַרטיק. זי גופא ווייסט נישט, וואָס איר דערוואַרט און וווהין עס וועט זי דערפירן אויף וועלכע שליאַכן. אָבער זי קאָן פאַרט נישט אַנדערש. ניין, זאָל ער איר גלייבן.

זי האָט דאָס אַלץ געוואָלט זאָגן. אָבער נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. דאָס מויל, פאַרשלאָסן. מיט כוח האָט זי אַרויסגעשטויסן געציילטע ווערטער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג פּינטשע, וואָס איז דאָס פאַר אַ מעטאָדן, האַ? נישט שיין!

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אים אָנגענומען פאַרן האַנט, געהאַלפן אויפשטיין. זיין מראה איז נישט געווען צו דערקענען. שוואַרצער פון ערד. זיין אייביק מענערישע שיינקייט, די ראָזע פאַרב אין זיינע באַקן איז געווען אויסגעזויגן. די אויגנראַנדן — צעצונדן. דער בליק — ווילד. דאָס מויל — אויסגעקרומט, אינגאַנצן עפּעס משונה־צורה. איבער דער לענג פון זיין פּנים, האָבן זיך געצייכנט צוויי נאַסע שנירלעך, וואָס זענען פאַרקראָכן אַראָפּ צום האַלדז. ס׳האָט אויסגעזאָגט פון גרויסע יסורים, וואָס ער לעבט איבער.

— פאַרוואָס טוסטו דאָס פּינטשע, דאַרף אַ מענטש זיך אַזוי דערניי־דעריקן, הע? — האָט פון איר נאָך אַלץ אַרויסגעשריען, אויפריכטיק איבערגענומען פון זיינעליידן, ווי זיי וואָלטן געווען איצט אירע אייגענע.

— איך קען נישט מער, וואָס זאָל איך טאָן — האָט ער אַ געבראָ־כענער זיך מתוודה געווען — איך וויל אַליין, נאָר קען מיך נישט באַהערשן. מיר דאַכט אַלץ, איך וועל אָן דיר נישט קענען לעבן. די גאַנצע נאַכט בין איך היינט נישט געשלאָפן, געוואַלגערט זיך אויפן געלעגער, געטראַכט פון דיר, דערוואַרט קוים דער טאָג זאָל אויפברעכן און געקומען דאָ אַהער, געוווּסט כ׳וועל דיך טרעפן.

— איז וואָס בין איך שולדיק, וויל איך דיר טאָן בייזס בכיוון? די שולד ליגט אין דיר, וואָס דו האָסט דיר געגומען אין קאָפּ אַריין: „קאָנסט נישט מער...“ וואָס ביסטו אַ יינגל. זיי נישט פאַרנאַרט. די וועלט איז גרויס. וואָס דיר איז באַשערט וועסטו קריגן און נאָך בעסערס. איך קען מיך היינט נישט פאַרבינדן, נישט מיט דיר, נישט מיט קיין אַנדערן, מיט קיינעם נישט, ניין.

— איז נישט היינט, וועל איך וואַרטן — האָט ער געבעטן.

— צוואָס וואַרטן? — זי האָט זיך אַ רגע פאַרקלערט און צוגע־געבן — ניין, ס׳האַלט נישט דערביי, זעסטו, איך אַליין ווייס נישט אויף וואָס פאַר אַ יאַריד איך פאָר... וואָס פאַר מיר איז אָנגעגרייט..

— דעסטאַ, לאָמיר גיין צוזאַמען — האָט ער פלינק אונטערגע־כאַפּט — וועסט זען ווי גוט ס׳וועט אונדז זיין, איך וועל פאַר דיר

אַלץ טאָן. ווייל דו ביסט פאַר מיר — אַלץ! דאָס איינציקע אין לעבן!—
און פּינטשע האָט די ווערטער געענדיקט מיט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ.

— ניין פּינטשע, איך קען דיר דאָס נישט צוזאָגן. דאָס דיר נישט צוליב טאָן. און גלייב מיר, נישט פון שלעכטן ווילן. ס׳טוט מיר אַליין וויי, נאָר כ׳קען נישט אַנדערש.

אַהיים זענען זיי געגאַנגען אין שווייגן. פּינטשע האָט מער נישט גערעדט. קיין קלאַנג פון מויל נישט אַרויסגעבראַכט, ווי אַלץ וואָלט זיך געהאַט אין אים אויסגעשעפּט, אויסגעטריקנט, און עס איז מער נישט געבליבן, וואָס צו זאָגן. און גלאַט האָט ער זיך איצט געשעמט, צו וואָס פאַר אַ שטופּע ער איז דערגאַנגען, צו וואָס האָט ער דאָס פּנים מיט בושה געוואַשן?

ער איז געבליבן עטוואָס הינטערשטעליק אין גאַנג. געשפּאַנט מיט געוואָקלטע טריט. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צווישן די אַקסל, רעזיגנירט: פאַרפאַלן, ער וועט מוזן איבערגעבן, ווי זי זאָגט, זיין גורל אין גאָטס האַנט. ער האָט זיך זשענירט אויפהייבן זיין בליק אויף איר פאַר זיין אָפּגעטאָענעם טאָט. צוואָס נאָך אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שפלות?

— צוואָס האָב איך דאָס געטאָן, צוואָס האָב איך דאָס געטאָן — האָבן זיינע ליפּן געמורמלט פאַרלוירן.

— ס׳איז אָפּגעטאָן. ס׳בלייבט נאָר צווישן אונדז ביידן און דאָס זאָל דיך נישט קימערן — האָט זי אים געזוכט באַרואיקן, טרייסטן.

ער האָט מער נישט רעאַגירט, און אפשר נישט געהערט אויך אירע ווערטער.

ביים אַריינקומען אין סקרענט פון זייער גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון איר. גאָרנישט געזאָגט, נישט דערלאַנגט די האַנט, אפילו נישט: „קיין גוטן טאָג״. אַנטלאָפן אַוועק אין דער זייטיקער „טילנע״, ווי ער וואָלט געוואָלט שוין זיין וואָס ווייטער פון דעם געשעענעם, אויך פון איר, פאַרשוווּנדן.

פאַניע האָט פון דער דאָזיקער פּאַסירונג איבערגעלעבט שווערע טעג. פול מיט צער. זי איז גורם ליידן אַ צווייטן מענטשן, וואָס זי וויל עס נישט טאָן. גאָט איז איר עדות. און נאָכקומען זיין פאַרלאַנג קאָן זי

אויך נישט, אַזעלכע זאַכן טוט מען יענעמען נישט צוליב... זי האָט געזען, ס׳איז די ריכטיקע צייט אַוועקפאָרן פון שטאָט. עס וועט איר, און אויך אים, לייכטער מאַכן.

אין אַ שיינעם העלן טאָג, האָט זי איינגעפּאַקט אירע זאַכן אין וואַליזע, און אַוועק פון דער היים.

*

אין גרויסן וואַרשע האָט פאַר איר אויפגעשיינט אַ נייע וועלט, מיט רעש און ריטם. זי פאַרבליפט, געמאַכט אין אַלעם פאַרגעסן. דאָס גרויס־שטאָטישע לעבן האָט געברויזט, געשוימט, געשפּילט פאַר איר מיט רעגנבויגן־פאַרבן, אַרומגענומען אין הײַסן נעפּל: אַזויפיל חידושים און וווּנדער. אַזויפיל ביז אַהער אומגעזעענע, אומבאַקאַנטע זאַכן — דאָס אויג קאָן זיך גאָרנישט זאַט אָנקוקן. זי האָט זיך באַקענט מיט נייע מענטשן, צו וועלכע זי האָט אינדערשטיל געגאַרט, געטרוימט: דיכטער, שרייבער, קינסטלער. אין איר ערלעכער תמימות, אין איר נאַיִווער שטוינונג, איז זי צוגעפאַלן מיט הײַליקן דאָרשט טרינקען פון דעם נייעם ברונעם, זיך פאַרכלינעט. זי איז געווען אין מלא התפעלות, פון אָט די נייע פריינט, פון זייער וויסן, קענטעניש, חריפות, שווונג. געקוקט מיט פאַרהויכטע אויגן, אויף זייערע צעשויבערטע טשופּרינעס, באָהעמישע זיטן. געשלונגען יעדעס וואָרט זייערס, ווי דערקוויקנדיק קוואַל־וואַסער, זיך געשיכורט: אָ ווי שיין, ווי הערלעך! געפילט זיך אין זיבעטן הימל.

אָרעם און נעבעכדיק האָט איר איצט אויסגעזען, יענץ אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים: די הייזער, די געסלעך, די חברים, פריינט. זייער אייגענע שטוב.

און זיי, די נייע פריינט, האָבן זיך צו איר אַראָפּגעבויגן, געקוקט אויך מיט פריילעכן חדוש, אויף דעם דאָזיקן אַזוי לויטערן, נאָר אומבאַרירטן שטיק לעבן. אויף דעם פרישן אַראָמאַט, וואָס זי האָט מיטגעברענגט פון יענעם שטעטלש־האָניקדיקן בלומענגאָרטן. געזוכט זיך פאַר איר אויס־פיינען, פריינטלען, גענומען פאַר איר פאַרלייענען זייערע שאַפונגען, הערן איר מבינות, הערן אירע אייגענע געדיכטן. געבעטן, לאָזן קושן איר האַנט,

גלעטן אירע האָר, געזוכט ביי איר שעפערישע אינספּיראַציע, שעפערישע אָנרעגונג.

און זי, באַרוישט, פאַרבליפט, גליקלעך, איז געשטאַנען פריידיק צעטומלט, נישט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך: אָט די חברה מיט די צעפלאַטערטע קעפּ, מיט די בליצן אין זייערע פלאַמיקע אויגן. ווערטער געצילטע ווי פיילן — צו זיי האָט זי דאָך געבענקט, וועגן זיי האָט זי געחלומט. זיי טראָגן די וועלט אויף זייערע אַקסלען, און זי איז אַזוי נאָענט צו זיי. וואַרעמט זיך אין זייער פייער — ווונדערלעך!

באַזונדערס האָט זיך צו איר געגעענטערט, אָט יענער שיינער, הויכגעוויקסיקער פּאָעט, בראָדער, — לאַנג, אויסדרוקפול פּנים, געדיכטע ברעמען, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, ווילדער שויבער, וואָס שיט זיך ווי פערדישער גריווע, צעוויעט פון ווינט. זי איז אַ באַגייסטערטע, אַריין מיט אים אין באַזונדערער נאָענטער פריינטשאַפט. געקומען צו אים אין וווינונג אין אומטיקער שעה, ווען דאָס טאָג־ליכט לעשט זיך, גייט אויס. נאַכט וואַרט ביים שוועל: דעמערינג. אַלץ איז אַרומגענומען אין אומבאַשטימטקייט, אומזיכערס, ספקדיקס. זי אַליין איז אין די מינוטן געווען הילפלאָז, אומשטאַנדהאַפטיק, און אומזיכער. כמעט דערשראָקן. אין געדיכטן טונקל האָט זי נישט געזען אַרום זיך, גאָרנישט, אויך נישט זיין פּנים. געהערט נאָר זיין געדעמפּט קול נאָענט צו איר אויער. געפילט זיינע פיבערדיקע פינגער שאַרן איבער אירע האָר. זיינע הייסע דאַרשטיקע ליפּן רייסן זיך צו איר באַק. הייס געפליסטער:

— אַ, דו געטלעכע!

לאַנגע מעת־לעתן האָט זי זיך געפונען אונטער דעם נאַרקאָטישן צויבער, אַ פאַרשלעפּערטע, ווי דאָס אינזעקט־גולמל, פאַרדרימלט אין זיין ווינטערשלאָף.

זי האָט געמיינט, זי איז די גליקלעכסטע אויף דער וועלט.

אין איר צניעות, ערלעכן גלויבן, האָט זי נישט געזען, זי ווערט פאַרשפּינען אין פאַרפלאָנטערטן שפּינגעוועב. אירע ריינע פליגל ווערן פּאַמעלעכוויז געזענקט, האַלטן ביי אָפּגעברענט ווערן.

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט זי דערפילט זיין אָטעם האַסטיקער, זיין

שעפּטש אין איר אויער הייסער, זיינע אָרעמס אַרום איר פּעסטער, זי האָט דערהערט אויך זיין פאַרלאַנג. אויפגעציטערט. דער געדאַנק איז ביי איר מיטאַמאָל געוואָרן וואַך. זי איז אויפגעשפּרונגען, אויסגעשריען:

— ניין, דאָס נישט!

זי איז אַרויס.

זי איז שוין מער דאָרט נישט צוריקגעקומען.

סיי ווי האָבן די טעג פאַמעלעך זיך געשיילט פון איר לעבן. געפאַלן ווי בלעטלעך פון בוים. יאָרן זענען געגאַנגען, נישט צו וויסן, ווו זיי זענען אַהינגעקומען. זי האָט געזען, זי וואַקסט אַריין אין עלטער. לייגן זיך צונויף אין צענדליקער און וואָס וועט זיין? דער פאָטער האָט איר דערמאָנט דורך בריוו: „וויסט, דיינע אַלע קאָלעזשאַנקעס האָבן שוין חתונה געהאַט. און דו?״ זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, זיך דערזען געוואַלטיק עלנט. גענומען טראַכטן וועגן תכלית. געוואָלט אַרויס פון דעם פאַלש אויסגעשפּינענעם, געניאַרטן חלום. אַריין צוריק אין דער וואָר. אין דעם שווערן,ווירקלעכן, גראָען לעבן, וואָס זי האָט פאַרלייקנט, דערפון אַנטרינען. זי האָט געזוכט די היימס הילף. באַשטאַנען, מען זאָל מיט איר טאָן, ווי מען טוט מיט אַנדערע יידישע, באַלעבאַטישע טעכטער: רעדן אַ שידוך דורכן שדכן, דורך קרובים, דורך וועמען עס איז.

אָבער ס׳האָט שוין עפּעס נישט געקלאַפּט, געווען אויסגעלענקט ווי אַן אויסגעלענקט גליד פון גוף, וואָס איז אַרויס פון געביין און שווער צוריק אַריינפּאַסן. דער וואָס האָט זי געוואָלט, איז ער איר נישט געווען צום געפעלן. אויף דעם, וואָס זי איז שוין יאָ באַשטאַנען, האָט יענער געזאָגט: ניין. אַזוי האָט זיך געדרייט דאָס האָצקעדיקע ראָד מיט זיג־זאַגישן געוואַקל, געסקריפּעט מיט ווידעראַנאַנדן, מיט גרילציקע טענער. זי איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אַלץ מער אין אַלט־פרייליינישע יאָרן, געזען די שטראָף און שטיל געליטן, געשוויגן.

פון איר היימשטאָט איז זי אויך געווען אָפּגעווייטערט, אָפּגעפרעמדט. דאָס לעבן האָט געמאַכט דעם חשבון, זיין סך־הכל: פּינטשע האָט חתונה געהאַט, געוואָרן אַ רייכער באַלעבאָס. אויך אַנדערע, וואָס האָבן געקומט אַמאָל אויף איר מיט גינסטיק־פאַרליבטע אויגן, האָבן זיך פאַרשאַפט היימען.

פון היימישן אָרט איז שוין בכלל שווער געווען מיט אַ פּאַרטי. מען האָט געצויגן מיט די אַקסלען: ווייסיך, געדרייט זיך אין דער פרעמד, אַריין אין די יאָרן... פון אַנדערע שכנותדיקע שטעט איז אויך נישט געווען לייכט.. מ׳האָט געפרעגט אויף נדן, אויף שטוב און מעבל, און דער עיקר, ווי אַלט זי איז, ווי זעט זי אויס: שיין ?... יונג ?... קלוג ?

זי האָט אויף די געריעדטע שידוכים געקריגן אַ בייז אויג, זיך אָפּגע־זאָגט, רעזיגנירט, צוואָס נאָך אויסהערן די נאַרישע פּלוידערייען, אויספרע־געגישן, באַליידיקונגען.

נאַר־וואָס דען יאָ? — האָט זי זיך געפרעגט. גאָרנישט! — האָט זי אָפּגעענטפערט: דיר קומט די שטראָף, שטייסט ווי אַ בעטלערין אויפן ליידיקן מאַרק, וואָס האָט פאַרלוירן איר לעצטן גראָשן — די יוגנט: דיין עונש.

איצט איז זי אַהיימגעקומען. צוואָס? זי ווייסט אַליין נישט. עס טרייבט איר אַן אומרו. אין די לעצטע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען מיט גאָר עפּעס אַ באַפאַלענעם שווער געמיט. ס׳האָט געגאַיעט אונטערן האַרצן: די היים. דאָרט טוט זיך אָפּ נישט קיין גוטס. ס׳האָט איר אין די נעכט נישט געלאָזט דערוען, זיך איבערגעוועקט אין מיטן שלאָף, און דערנאָך שוין לאַנג נישט געקענט מער איינדרימלען. אויפגעלעגן, געטראַכט וועגן דער שטוב, וועגן טאַטע־מאַמע, וועגן דער געשוויסטער, וועגן דעם אַנענדיקן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן...

זי איז אַראָפּ פון פּנים. דער ברודער, די שוועגערין (ביי זיי האָט זי זיך אויפגעהאַלטן), האָבן דאָס באַמערקט. געמיינט זי איז קראַנק. געפרעגט, זי האָט נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. אין אַ פרימאָרגן האָט זי איינגעפּאַקט די וואַליזע. זי פאָרט אַהיים.

אַצינד ליגט פאַר איר אַלץ אָפן, אָפּגעדעקט. די אומרואיקע געפילן זענען נישט געווען אויף אומזיסט, האָבן זיך באַשטעטיקט: אין שטוב איז אַ קריזיס. דערווייל נאָך אַ באַהאַלטענער, אַ פאַרדעקטער פאַר מענטשנס אויגן. ער וועט אָבער אויפברעכן; דער טאַטע גייט אַרום אַ פאַרזאָרגטער. אינערלעך מסתם נאָך מער צעקלעמט, ווי ער ווייזט אַרויס. ריוול וויל אַ

כלה ווערן, און דערמיט איר בושה נאָך מער פאַרגרעסערן. און וואָס זאָל זי טאָן?

— יאָ, וואָס זאָל זי טאָן. וואָס פאַר אַ שטעלונג זאָל זי נעמען: שטערן ג׳ישט צולאָזן? וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי דערצו. פאַרוואָס זאָלן אַנדערע מוזן באַצאָלן פאַר אירע באַגאַנגענע פעלערן, פאַר אירע נאַרישע שריט אין לעבן, פאַר אירע זינד. און פאַרוואָס זאָל זי בכלל זיין די טאַמע, וואָס פאַרהאַלט דעם נאַטירלעכן פלוס אין שטוב, פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די אַנדערע שוועסטערן, לאָזט זיי נישט קיין כלות ווערן. די יאָרן שטייען נישט. ס׳וואַקסן אונטער די ייִנגערע. זי מוז אָפּטרעטן. פריי מאַכן דעם וועג. אַוועקגיין פונדאַנען, אויפעסן דאָס ביטערגראָז, וואָס זי האָט אַליין פאַר זיך געהאָדעוועט: „גיי אַוועק פונדאַן. גיי אַוועק און וואָס גיכער!“.

פאַניע האָט דערפילט אַ הייסן שוויס פון די אויפגעברויזטע געדאַנקען, געשפּירט ווי דאָס בלוט שלאָגט האַסטיקער אין די שלייפן, איבערן לייב לויפט אַ ווימלעניש, ווי אַרויסגעקומענע שלענגלעך נאָך אַ רעגן, פול מיט געראַי. געשפּירט בולט די בייסעניש אויף איר הויט. געוואָלט עס פון זיך אָפּטאָן, צוריק איינשלאָפן. דער שלאָף איז נישט געקומען. דער מוח צופיל אויפגערודערט, האָט נישט געקענט אַריין צוריק אין רו, פאַרגעסנקייט. זי האָט געזען, אַז דאָס ליגן אין בעט מאַכט איר נאָך שווערער, אָפּגעשאַרט פון זיך די דעק, אַראָפּ פון געלעגער.

מיט באָרוועסע פיס האָט זי צוגענענט צום פענצטער. געשטאַנען אין לאַנגן ראָזן נאַכטהעמד, אַרויסגעקוקט אין הויף. אין דרויסן איז אַלץ געווען געהילט אין רואיקער מנוחה. די ערשטע ליכטיקייט האָט זיך געוויקלט איבער די איינריכטונגען, איבער די קאַמערן. זיי אַרומגענומען אין פרי־מאָרגן־לבוש. און כאָטש זי האָט געדענקט, ס׳איז שבתדיקער טאָג, ווען אַלץ רוט און מען קען נישט דערקענען די וואָכנדיקע באַוועגונג, האָט זי דאָך אָפּגעפילט, אַז עפּעס איז דאָ אַנדערש, מינער און ליידיקער געוואָרן. זי איז נאָך אין הויף, זינט זי איז געקומען, נישט אַריינגעגאַנגען. עפּעס אַ מורא האָט איר אָפּגעהאַלטן. איצט האָט עס זי געשטויסן: גיי אַרויס, זע!

זי האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן דעם שוואַרץ זיידענעם פרימאָרגנ־

כאַלאַט, אַנגעשטעקט אויף די פּיס, די האַלבע לעטשלעך, אָפּגעריגלט שטיל די טיר, און מיט אויך אַזוינע שטילע פּאַרזיכטיקע טריט, קיינעמען נישט איבערצוּוועקן, איז זי אַרויס אין הויף.

...שטילער, לייטזעליקער פרימאָרגן. פאַמעלעך שיילט זיך דאָס ליכט אָפּ אַלץ מערער. גייט אויף מיט פריילעכן שיין, מיט ראָזע פאַרבן. זאָגט צו אַן אָנגענעמען טאָג. פאַניע האָט געשפּאַנט איבער די אויסגעטראָטענע שטעג־לעך. זיך איינגעקוקט אין יעדן קעגנשטאַנד, צוגעגנעטערט צו די קאַמערן, אַריינגעבליקט. זיי זענען געווען טיילווייז לער, אויסגעטריקנט, ווי דעמאָלט, ווען מען נעמט אַרויס פון אַ שטוב מעבל, מען לאָזט זי האַלב ליידיק. מיט כמעט שרעקעוודיקע טריט האָט זי צוגעשפּרייזט צו דער שאַפע — דער רעזערוואַר, מאַגאַזינירער, פון גאַרבערישן גוטס, ווו עס זאַמלט זיך דאָס רויע און פאַרטיקס. זי האָט אָפּגעלענט די טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. אויך דאָ איז געווען האַלב לער, מיט ווייניק קאָרע, מיט ווייניק מאַטעריאַלן, מיט כמעט גאָרנישט קיין רויוואַרג. עס האָבן זיך נישט געטורעמט די שטויסן דאָמב ביזן באַלקן, די ווענט נישט פאַרשטעלט, פון די פולע ביטלעס פליסיקייטן זעקלעך עקסטראַקט, נישט באַלייגט מיט די געפּרעסטע פּעק רויע פעלן, ס'האָט זיך געשפּירט דאָס אויסגעליידיקטע, דאָס אַוועקגעקומענע.

זי איז אַוועק ווייטער. געריכטעט אירע טריט צו די פּעסער־אָפּטיילונג, אַריינגעקוקט אין יעדן באַזונדער. ביים גרויסן פאָס איז זי געבליבן שטיין. אַרומגענומען מיטן בליק דעם גאַנצן שטח. אַמאָל איז דאָ געווען אַזאַ פריילעכע באַוועגונג. אַלץ איז געווען אָנגעפּילט מיט רויש, מיט לעבעדיקן אָטעם, מיט הייטערן געדרודער: קונים, סוחרים, צושטעלערס. מען איז געקומען און געגאַנגען. עס האָט געטריפט מיט ריחות, פון רויע און פאַרטיקע לעדערס, פון גאַרב־מאַטעריאַלן, פון מענטשנשווייס, פון מענטשלעכער טירחה. זי אַליין האָט זיך אמת ווייניק געמישט אין די זאַכן. אָבער זי האָט עס גוט אָפּגעפילט. מער פון איינמאָל האָט עס איר אַרויסגעטריבן אַהער, אָנגעזאַפּט זיך מיט די גערוכן, איינגעהערט זיך אין דעם לעבעדיקן געקלאַנג, אין צעפּלאַשעטן געליאַרעם, עס ליב געקריגן. ס'האָט איר אַריינגעגעבן די זיכערקייט פון אַ היים, וואָס שפּע'ט מיט

פרנסה, מיט געזונט. פון יעדן ווינקל קוקט אַרויס פּילער אָנגעלאָדנטקייט. זאָגט צו בטוחות.

ווּ איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? איז דאָס טאַקע מער נישטאָ? און וועט עס מער נישט זיין? איז דאָס מעגלעך? און טראָגט זי אויך אין דעם אַ שולד? — אוי!

די אַקסלען האָבן ביי איר אָפּגעציקט מיט ציטער. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט ביים ראַנד פון גרויסן פּאַס, זיך אָנגעבויגן, אַריינגעקוקט. לויט דער מאַטער אָפּגעבלאַקעוועטער קאָליר פון דער יויך, האָט זי דערקענט, אַז מען האָט שוין דאָ לאַנג נישט געגאַרבט. אַ שליימיקע הויט האָט זיך געשפּרייט, געקלעפּט צו די ווענט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר ווייסע, איידעלע האַנט אין רוענדיקן וואַסער. אויפגעמאַנטעט דעם שליים. אָנגעשעפּט אַ פולע דלאָניע מיט גאַרב־קוואַס, געלאָזט עס פּאַמעלעך אַדורכזיפּן אין שטראָמלעך צווישן די פינגער, און פון אירע אויגן, די נישט־דערשלאָפענע, די אויסגעפּייניקטע, האָבן גענומען רינען טרערן, גרויסע, פולינקע, ווי פּערל, געלאָזט זיי פאַלן צוזאַמען מיט די גאַרב־טראָפּנס אין פּאַס אַריין.

אָפּרופן אין דער פּרעסע וועגן בוך „די שטוב" — פון זעלבן מחבר

— — — די געשטאַלטן, וועלכע עס מאָלט אליעזר אָלעי אין זיין בוך נאָוועלן — איז דאָס לעבן פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס, מאָמעס און באָבעס אין דעם פאַרמלחמהדיקן פוילן; די פּראַצע און האָרעוואַניע, פרייד און טרויער, נויט, קאַמף פאַר פּרנסה און פּשוטער מענטשלעכער ערלעכקייט. זיי ווירקן און סוגערירן, ווייל אליעזר אָלעי מאָלט זיי מיט האַרץ. ער האָט ליב זיינע מענטשן. ער האָט זיי אַזוי שטאַרק ליב, אַז ער זוכט נישט פאַר זיי קיין שום אויסטערלישע סיטואַציעס. אין די שאַפונגען, ווו ער געפינט זיך אויפן פלאַך פון אָביעקטיווער שטייגער־באַשרייבונג, גייט ער פעסט און זיכער זיין וועג. עס וואַקסן אויס טיפן און געשעענישן, וואָס זענען עכט ווי דאָס לעבן גופא. — —

— — — אַ נאָוועלע אין אונטערשיד פון ראָמאַן, דולדעט נישט קיין זייטיקע מאָמענטן, קיין אָפּווייכונגען פון הויפּט־שליאַך. די קורצאָטעמדיקייט פון דער נאָוועלע איז מחייב אַ שנעלע לייזונג פון די קאָנפליקטן, בולט מאַכנדיק בלויז איין זייט פון פּראָבלעם, אַ סיטואַציע, אָדער גרעזעלשאַפטלעכער קאָנפליקט. אַ נאָוועלע פאָדערט פּרעציזקייט און וויטגייענדיקע קאַרגשאַפט, און איר קרייז איז דעריבער אַן אָפּגעשלאָסענער. די נאָוועלע „אומעטיקע פרייד" פאַרמאָגט אָט די אַלע מעלות און דעריבער מאַכט זי אַן איינדרוק פון אַ פאַרענדיקטער זאַך. אין געציילטע זאַצן גיט אונדז דער שרייבער, גאַנצע שטיקער פון אַ לעבן. אין עטלעכע זייטלעך — דעם גורל פון אַ מענטש און אונדז דאַכט זיך, אַז מיר האָבן איבערגעלייענט אַ גרויס ווערק מיט אַ רייכער און פאַרשווענדערישער שפּראַך — — —

— — — אליעזר אָלעי ווייזט אַרויס די פעיקייט פון לעבעדיקער אָבסערוואַציע סיי אין דער צייכענונג פון די געשטאַלטן, סיי אין דער שילדערונג פון שטייגער־לעבן. עס איז אויך צו טרעפן אין אָלעיס נאָוועלן אַ פרישע און נאַטירלעכע בילדלעכקייט און אויך אַן אייגנאַרטיקע עמאָציאָנעלע געשפּאַנטקייט, אַן אַנגעלאַדנטקייט. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דער ליבער און וואַרעמערבאַציאונג צו זיינע פאַרשוינען, מאַכן אָלעיס נאָוועלן אינטערעסאַנט, פריש און אָנציענדיק.

ש. קאַנץ — „די וואָך".

*

— — — זיין שרייבן, אליעזר אַלעיס, איז שטיל ווי אַ מעלאָדיע, געקומען פון אַ טיפער סטרונע — קול דממה דקה, ממש. זיין שרייבן — שלווהדיק ווי ער אַליין.

מיט דער דערציילונג „רבקה", עפנט זיך אויף דאָס בוך, און שפרייט זיך אויף פיל זייטן. עס ווערט דאָרט געשילדערט דאָס לעבן פון אַ יידיש פּאָרפאָלק. ער — אַ בית־מדרש־זיצער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון עולם הזה; גיט אַוועק זיינע טעג מיט תורה און עבודת הבורא. זי — אַ פשוטע פרוי, אַ גוטהאַרציקע, אַ טאָכ־טער פון אַ בעקער, וואָס אַלע אירע יאָרן זענען איין קייט פון שווערער אַרבעט: פאַרשקלאָפונג צום קנעטן, צום אויוון, אויפזיין אין די נעכט, און דערווייטערט פון לעבנס־הנאה — — —

— — — ס'איז נישט לייכט פאַר איר דאָס לעבן און אויך נישט אַזוי לייכט באַשליסט זי צו נעמען אים פאַר אַ מאַן. אָבער די טעג אירע זענען שווערע און איינטאָניקע אין טאָטנס בעקעריי און אַליין ווערט זי אַלץ מער עלטער. און זי באַשליסט מיט אים חתונה האָבן, אָננעמענדיק אַפילו דעם באַדינג, אַז ער וועט ווייטער פאַרזעצן זיין לערנען און זי וועט זאָרגן אויף פרנסה...

— — — אין דער דאָזיקער דערציילונג בולט אַלעי אַרויס מיט גרויס טאַ־לאַנט די קעגנזאַצן פון די דאָזיקע צוויי מענטשן. אָפּטמאָל שטאַרקט זיך די שפּאַ־נונג צווישן זיי, אַז דו מיינסט, דאָס פאַרפאָלקישע לעבן וועט „אויפרייסן", די צדדים וועלן נישט ביישטיין דעם נסיון. קומט דער מחבר און פאַרווייכט די סיטואַציע, דעם קריזיס. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה: אין לעבן קומען אויף טאָקע טראַגישע מאָמענטן, אָבער ס'איז נישט מחייב אַ טראַגישע לייזונג. דער געדאַנקען־גאַנג אַלעיס פאַסט זיך אויך צו צו אַנדערע דערציילונגען און נאָ־וועלן פון בוך. אין דער נאָוועלע „דאָס פרעמדע קינד", פאַרפליכטעט פון לאָגישער הינזיכט אויך אַ דראַסטישע לייזונג: דאָס צעשיידן זיך פון מאַן און פרוי. אָבער אויך דאָ וויל דער מחבר איבערצייגן, אַז ס'איז שטענדיק מעגלעך צו ליקווידירן אַ קאָנפליקט, איינשטילן די געמיטער, אויב נאָר מען מאָביליזירט אין זיך די שטאַרקייט, דעם גוטן ווילן. וואָרעם דאָס לעבן באַשטייט בכלל פון קעגנזאַצן און דיסאָנאַנסן.

אליעזר אַלעי וויזט אַרויס גרויסע מעגלעכקייטן אין מאָלן בילדער, כאַראַק־טעריסטישע שילדערונגען, וואָס גיבן צו חן און טעם דער דערציילונג — — —

— — — די העלדן אַלעיס זענען נישט די „פני" פון שטעטל, די יוצא דופנס, נאָר מענטשן גענומען פונעם כלל. אַלעי שטעלט זיי פאַר אונדז פאַר מיט דעם

אַנדערן „איד" זייערן. מיט זייער זעלישער אינערלעכקייט, מיט זייער ליכט און שאָטן. אַ דאַנק דעם זעען מיר זיינע פּאַרשוינען, נישט אין אויסערלעכן לבוש, נאָר אין זייער אינערלעכן תוך — — —

יחיאל גראַנאַטשטיין — „הצופה"

*

— — — אליעזר אַלעיס טעמאַטיק איז בעיקר דאָס אַמאָליקע לעבן פון דער יידישער פרומער אָרעמקייט, פון דער צייט פון פאַרן חורבן, און אויך זיין נוסח דערציילן דערמאָנט פון יענער צייט. דער מחבר נעמט אויף, ווי אַ רעגיס־טראַטאָר, אַלע פאַקטן, געשעעניש און דערשיינונגען פון יענעם אַמאָליקן פרום־נאַיוון יידישן לעבן און ברענגט זיי אַרויס דערציילעריש אינטערעסאַנט — — —

— — — אין דעם פרומען לעבן געפינט אַלעי אויך טראַגעדיעס און אויפ־טרייסלונגען. אָבער די יידישע מאָראַל איז שטאַרקער פאַר אַלעם. אין דער דער־ציילונג — „באַלד אין פרימאָרגן", האַלט שבע אויס דעם נסיון. זי קעמפט פאַר איר ערלעכקייט און גייט אַרויס מיט אַ נצחון, הגם די נויט שטיקט און עס הונגערט די שטוב — — —

א. וואָלף יאַסני — „לעצטע נייעס"

*

— — — יעדעס בוך מיט זיין אַטמאָספער. מיש איך, און מיש ווידער און רייס איבער און קער זיך צוריק אום צום אָרט, ווו איך האָב איבערגעריסן. וואָס איז דאָס באַזונדערע אין דעם בוך פון אליעזר אַלעי, וואָס עס ציט דיך צום לייע־נען און צו זיינע העלדן? נישט קיין ספק, אַז דאָס איז נישט דער אויסערגע־וויינלעכער ספּור־המעשה. דאָ ווערט דערציילט פון טאָג־טעגלעכע געשעעניש: „קליינע" מענטשן, קרעמערס, בעלי־מלאכות, הענדלערס, וואָס אין זייער לעבן איז גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל דיך שפּאַנען. און דאָך?

דאָס איז די אַטמאָספער אין בוך — אַן אַטמאָספער, וואָס דער מחבר מאַכט רוען אויף זיינע העלדן, און זיי מאַכן עס רוען אויפן לייענער. כ'וואָלט געזאָגט, ער איז כמעט דער יידישסטער צווישן די פּראָזע־שרייבער, און נישט דערפאַר, וואָס זיינע פּערסאָנאַזשן זענען יידן, און די סביבה, וואָס ער שילדערט אונדז, איז דורכאויס אַ יידישע, נאָר בעיקר און אין יסוד, אין זייער אופן רעאַגירן, ראַנג־לעניש, שטרייטן, בענקשאַפטן, וואָס ליגן באַהאַלטן, סיי אַנטפּלעקט, אין זיינע העלדן. דאָס אַלץ איז אַזוי דורכאויס יידיש, אַז עס גייט אַרויס פון תחום, פון אַלעיס געשילדערטע טיפּן, און עס ווערט כמעט פאַרוואַנדלט אין יידישן סימבאָל.

אַ ייד לעבט אין צוויי דימענסיעס. איינע — די טאָג־טעגלעכע, גראָע וועלט, די וועלט פון מאַטעריע, וואָס ער זעט זי ווי אַ הכרח, נישט צו קענען אַנטרינען פון איר. די צווייטע — די העכערע וועלט, די וועלט פון אצילות, פון גייסט, וואָס אויף איר קוקט ער ווי אויף דער ממשותדיקער וועלט — — — און נאָך אַ זאַך: דער ייד איז נישט קיין פאַטאַליסט, וואָס איז נכנע צום גורל, ווייל דער גורל איז שלעכט און בלינד, ס'איז נישטאָ קיין אויסגאַנג; דער ייד נעמט אויף זיך דעם יאָך פון לעבן, פון דער גראָער מאַטעריעלער וועלט, ווייל ער גלייבט, דאָס ווערט געריכטעט פון אַ העכערן ווילן, וואָס אין דעם ליגט אַ גרויסער ציל.

אָט די צוויי כאַראַקטער־שטריכן אינעם ייד קומען צום אויסדרוק אין די דערציילונגען פון אליעזר אָלעי — — —

ק. שבתאי — „דבר"